STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00115

FAMILYE KARP

Shmuel Izban

Permanent preservation of this book was made possible by
Floyd & Robin Denison
in honor of
Louis Kratenstein

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. איזבאַן

פּאַטיליע קאַרפּ

די הכנסה פון דעם בוך איז באַשטימט פאַר דער

קולטור־הילף לטובת דער שארית־הפליטה.

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע יידנטום

48

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַגס-לייטער:

אברהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פונעם בוך

ש. איזבאַן

פאַמיליע קאַרפּ

ראָמאַן

באַנד איינס

★

ארויסגעגעבן דורכן

צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע

בוענאָס-איירעס, 1949

IMPRESO EN ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

Copyright by
S. Isban, New York

S. ISBAN

FAMILIA KARP

Hecho el depósito que marca la Ley.

Impreso en los Talleres Gráficos JULIO KAUFMAN, Corrientes 1976, Buenos Aires, República Argentina.

Buenos Aires, 1949

אינהאַלט

פון באַנד איינס

ערשטער טייל:

1. א שיף האָט פאַראַנקערט אין יפו — 9
2. אין דעם חלוצים-הויז — 20
3. לייב קאַרפּ און זיין משפחה — 33
4. דער ערשטער דורכגעפאַלענער מסחר — 46
5. שיין זענען די נעכט אין כנען — 57
6. אלישבע און בנימין — 70
7. די פייערן פון שושן הבירה — 80
8. א דאַווענער ביי די כוואַליעס פון ים — 88
9. בייזע נביאות — 95
10. באָדן-קויפערס צי מרגלים? — 106
11. יידן לויפן פון די יפוער מויערן — 119
12. איובס שטראָף — 133
13. צוויי און פערציק קדושים — 149
14. תל־אביב גראָבט דעם ערשטן ברודער־קבר — 160

צווייטער טייל:

15. צייטן פון פלאָגן און ביטערנישן — 173
16. א בועז אין דער יידישער קאָלאָניע — 182
17. נייע פלענער — נייע צונגן — 194
18. א פארליבטער עפּעגדי הינטער אלישבעס טיר — 204

19. אויפן בשמים־מארק אין יפו — — — — — — — — — — 212
20. א דור פון געראנגל און צוזאמענשטויס — — — — — — 224
21. אָרעמע שטרעקעס ערד — — — — — — — — — — 236
22. יהושע נפחא — דער שייך פון די יידן — — — — — — 245

דריטער טייל:

23. א הויז פון פעלדזן — — — — — — — — — — — — 257
24. ירושלים — די שטאָט פון קברים און פילדערנדיקע קווארטאלן — — — — — — — — — — — — — 267
25. די סדר-נאַכט ביי די מאראָקאנער יידן — — — — — — 278
26. אין תל-אביב הוזשען מאָטאָרן און עס פייפן מאשינען — 289
27. פונעם אַרבעטס-לעגיאָן ארוים — אויף וואנדער־וועגן — 298
28. עס רופן די ערד־אוצרות פון עמק... — — — — — — — 307
29. צו גאסט ביי די וועכטער פון מדבר — — — — — — — 317
30. די וואָרזאָגערין ביי מגדל — — — — — — — — — — 330
31. ביים שיין פון ברענענדיקע פעלדער — — — — — — 343

ערשטער טייל

קאַפּיטל איינס

אַ שיף האָט פאַראַנקערט אין יפו

אין דער אַלטער האַפן־שטאָט יפו האָט געטאָגט.

די נאָר־וואָס אָראָפּגעשטיגענע אימיגראַנטן האָבן, באַטראַכטנדיק די נייע ערד, געוואָרפן זייערע לעצטע בליקן אויף דער פאַראַנקערטער שיף, איידער זיי האָבן זיך געלאָזט צו דער אימיגראַנטן-קיך. די שיף, אַ גרויע, פיר־קוימענדיקע, געבויט ווי אַ פעסטונג, האָט נאָך אַרויסגעשאָטן פון זיך הייפלעך פּאַסאַזשירן אין מיטן ים, אויף שמאָלע לאָדקעס. די לאָדקעס זענען געשווומען איבער דער וואַסער־פלאַך, אין צעוואָרפענע ריכטונגען, ווי פּיראַטן־שיפלעך.

דער פאַרטאָג האָט געגרויט. דער ים, אַן קאָליר, האָט האַסטיק זיך געשוימט און זיך געכוואַליעט אין די נעדיכטע נעפלען. באָרוועסע אַראַבער אין ווייסע פאַלע־הויזן ווי אויסטערלישע ים־קאַטשקעס זענען געווען פאַרוווייז צעשטעלט איבער די שמאָלע געפּאַקטע טייך־לאָדקעס און גע־זעגט דאָס וואַסער מיט זייערע רודערס. דאָס האָבן זיי אַרומגעקרייזט די גרינע סקאַלעס, וואָס זענען געווען צעוואָרפן איבער דער ים-דעק, ווי ווילדע וואַסער־געוויקסן און נישט צוגעלאָזט, אַז אַ שיף, וואָס קומט אָן אין יפו, זאָל זיך שטעלן אין אַריינפאָר און אַריינלאָזן דעם „שנאָבל”.

די פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן איינציקווייז זיך געהאַט אַרויסגעשאָטן דורכן שמאָלן צאָל־אַמט-טויער, האָבן אויפן ערשטן בליק נישט געוווּסט וואָס מיט זיך צו טון... נאָך דעם ווי די באַאַמטע האָבן ביי זיי רעווי־

דירט די פּעסער, דורכגעוואָרפן די געפּעק און אָפּגענומען קאָפּ־שטייער, זענען זיי איצט געבליבן אויסגעהוילטע און בלויז געוואַרט, אַ האַנט זאָל זיי אָננעמען און פירן. טייל האָבן זיך אפילו געקווענקלט, צי זיי געפינען זיך מיט אַן אמת אויף דער ארץ־ישראל־יבשה. מען איז נישט זיכער גע־ווען, צי מען האָט נישט אַראָפּגעשטעלט אַ פוס אין אַרגענטינע, צי אין אַפריקע. און כאָטש דער עולם האָט געוווּסט, אַז מען גייט זיי פירן אין דער עמיגראַנטן־קיך, האָבן פונדעסטוועגן אַלע געשנאַפּט אַרום, זוכנדיק אַ גאָר־קיך, וווּ מען קען איבערכאַפּן דעם ערשטן פרישטיק.

די זון האָט געוועקט און געצונדן דעם ים־פּלאַך. אַלט־יפו האָט געשרפעט. די נאַקנס פון די אָפּגעשונדענע מויערן האָבן געברענט. ס'איז געוואָרן ליכטיק אין די שמאָלע ליקעס און ים־געסלעך, ליכטיק איבער די בלינדע, אָפּגעקרישלטע הייזער, וווּ אַ וואַנט קלעטערט אויף אַ וואַנט און אַ נישע אויף אַ נישע.

הייפלעך מענטשן־אָפּוואַרטערס זענען געשטאַנען אַרום אַ לאַנגער שטיינערנער מויער, וואָס האָט זיך געטונקען אין מאָך און זיך געשוואָנקען אין די גרינע שימל־כוואַליעס. די מויער האָט געקייטלט דעם יפוער ברעג, אָפּטיילנדיק דאָס וואַסער פון דער יבשה.

מענער, ווייבער, קינדער — ווער ס'האָט אָפּגעוואַרט אַ ברודער, ווער אַ מאַמע, ווער אַ געשוועסטער־קינד, האָבן זיך אויסגעקוקט די אויגן איבערן ים, נאָכצייילנדיק די אָנגעקומענע שיפלעך וואָס האָבן מוצנווייז אַרויסגעוואָרפן די פּאַסאַזשירן פאַר דעם צאָל־אַמט. טייל האָבן געהאַט שפּאַקטיוון, אַנדערע האָבן געהויבן די האַנט־פלאַכן איבער די שטערנס, נישט קענענדיק זיך פונאַנדערקלייבן, אויף וועלכע לאָדקעס מען דאַרף פריער האַלטן אַן אויג.

און מיטאַמאָל איז די מחיצה, וואָס האָט אָפּגעטיילט די פּאַסאַזשירן פון די אָפּוואַרטערס, זיך צעפאַלן. דער עולם האָט זיך אויסגעמישט.

ס'האָבן זיך געהערט שפּראַכן פון פּוילישע ייִדן, פון ליטווישע, פון בולגאַרישע, פון שפּאַנישע. אין געדראַנג האָבן אייגענע זיך דערקענט און זיך אַרומגעכאַפּט. נאָענטע זענען זיך געפאַלן אויף די העלדזער:

— אַבי אין ארץ־ישראל!

— געלויבט דער אייבערשטער, אריבערגעקומען בשלום דעם וועג.
— זעסטו, ברוך, מיין שיפסקארטע האט געהאָלפן?
— און דער „סערטיפיקאט" מיינט שוין גארנישט?
— דער עיקר איז דער סערטיפיקאט!
— האסט אמאל א טראכט געטון, שמואל, אז מיר, די גאנצע משפחה, וועלן זיך דא באגעגענען?

רייעסווייז און משפחהווייז האבן די אימיגראנטן זיך אויסגעשטעלט אין מיטן וועג. איטלעכער איבער זיין ביסל בעבעכעס. באלד זענען באַרוועסע טרעגערס, ווי ים-רויבערס, באפאלן דאס האב און גאב, זועלנדיק עס ארויפלאדענען אויף אייזלען און קעמלען.

פון צווישן די פאסאזשירן האט זיך ארויסגערוקט א מיטליאריקער מאן מיט א שמאל בלאנד בערדל ארום די פרישע, רויטלעכע באקן. ער האט אויפגעהויבן א האנט אריבער די קעפ פון עולם. וואס האט זיך געשטופט, געטומלט, געטרעטן איבער איינענע געפעק און אויסגערופן:

— יידן, נישט געאיילט זיך! צעפארט אייך נאך נישט אין די האטעלן אריין. מיר האבן דערוויל פארזארגערס. ס'ערשטע דארף יעדער ייד גאכן אראפטרעטן אין יפו, אנקוקן דעם קהלשן האטעל, דעם בית-החלוץ.

דאס איז געווען לייב קארפ. טייל אימיגראנטן האבן אים שוין גוט געקענט פון דער שיף. זיי האבן געוווסט, אז דעם ייד האט אין פוילן „דער האבער געשטאכן"... ער איז געפארן קיין ארץ-ישראל פון ווילטאג. ער האט נישט געקענט פארטראגן דעם פאליאקס ווירטשאפט און כהרף-עין געקומען צום אויספיר, אז אויב די פאליאקן, וואס האבן געליטן אונטער דעם צארס יאך בלויז איין יארהונדערט, האבן איצט צוריק אפגענומען זייער לאנד, ווי שוין די יידן, וואס ווארטן צוויי טויזנט יאר?

אזוינע קלאנגען וועגן לייב קארפן האבן זיך געטראגן צווישן די פאסאזשירן דעם גאנצן וועג. דאס איז אבער געווען אויבנאויפיק, אן אויסטייטשונג פאר די נייגעריקע „עולים" וואס האבן געשנאפט, געפארשט און געוואלט דערגיין די פראקטישע אורזאכן, וואס האט באוויגן יעדן איינעם פון זיי צו פארלאזן פוילן.

די אמתע סיבה פון לייב קארפס פלוצימדיקן אפפאר איז געווען א

טיפערע, און ערנסטערע. כאָטש ער איז געווען אַ באַגייסטערטער ציוניסט, שוין יאָרן געפּלאַנט זיך צו באַזעצן אין ארץ-ישראל, איז פונדעסטוועגן דער שטיים צו פאָרן איצט געקומען דורך אַ באַליידיקונג, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען פון אַ באַאַמטן אין דעם נייעם באַפרייטן פּוילן.

און פּאַסירט האָט דאָס אַזוי:

ווען די דייטשן האָבן נאָכן פאַרלירן די ערשטע וועלט־מלחמה צוריקגעצויגן זייער אָקופּאַציע־מאַכט פון פּוילן, איז אין לאַנד אַנטשטאַנען אַ מיש־מאַש, אַ צעררודערונג ביים אָרגאַניזירן די נייע פּוילישע רעגירונגס און פּאַרוואַלטונגס־אַנשטאַלטן. דאָס צונויפשטעלן די מאַכט־אָרגאַנען אין יעדער שטאָט באַזונדער איז צוגעגאַנגען כאַאָטיש, אָן דערפאַרונג, אָן צוגרייטונג. מען האָט נישט געקליבן די פּאַסיקע מענטשן, נאָר אָנגענומען יעדן פרייוויליקן. אַזוי אַרום האָבן פאַרשידענע פאַרדעכטיקע פאַרשוינען, אויסוואָרפן און מוסרים פאַר דער דייטשער מאַכט פאַרנומען אַמטן אין דער פּאָליציי, אין מאַגיסטראַט.

איינער פון די נייע פּאָליציי-אינספּעקטאָרן, יאַן פּיאַסעק, אַ געוועזענער מסור און פאַרביסענער שונא־ישראל, האָט אין איינעם אַ נאָכמיטאָג זיך באַוויזן אין לייב קאַרפּס הורטאָוונע שפּייז־געשעפט און באַפוילן אַראָפּצוקראַצן די יידישע פירמע־אויפשריפט, וואָס האָט אַריבער צוואַנציק יאָר באַצירט דאָס גלאָז פון דעם ברייטן שויפענצטער.

לייב קאַרפּ האָט זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו טון.

— איך בין אַ פּאָליציי-אינספּעקטאָר אין דער נייער פּוילן און דו וועסט מיין באַפעל אויספירן! — האָט יאַן פּיאַסעק געשריען.

— כ'וועל די יידישע בוכשטאַבן נישט אָפּמעקן — האָט לייב קאַרפּ זיך געווערט — די אויפשריפט האָט איבערגעלעבט דעם רוסישן צאַר, איבערגעלעבט די דייטשע אָקופּאַציע און זי וועט ווייטער בלייבן! איבעריקנס, ווייז מיר אַ שריפטלעכן באַפעל, אַ געזעץ, אַז מען מוז דאָס טון.

— איך בין דאָס געזעץ! — האָט דער אינספּעקטאָר אָנגעוויזן אויף זיין פּאָליצייאישן מונדיר — און אַז דו ווילסט נישט אויספאָלגן, קום מיט מיר אין פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט!

לייב קאַרפּ איז מיטגעגאַנגען אין קאָמיסאַריאַט, גרייט צו מאַכן אַן

אָנקלאָגע צום קאָמענדאנט. דער קאָמענדאנט איז אָבער דאָרט נישט גע־ווען. דער אויפגעקאָכטער אינספּעקטאָר, אויסנוצנדיק דעם קאָמענדאנטס אָפּוועזנהייט, האָט דערווייל פארשפּאָרט קארפּן הינטער גראטעס אויף איבער נאכט, פאר קעגנשטעלן זיך דעם געזעץ.

לייב קארפּ, אן אָנגעזעענער קהל־טוער, א בכבודיקער בירגער אין שטאָט, וואָס האָט קיינמאָל נישט געהאט קיין מגע ומשא מיט פּאָליציי, האָט די באליידיקונג נישט געקענט אראָפּשלינגען. די דערנידערונג האָט אים אזוי דערשלאָגן, אז ער האָט, זיצנדיק אין אָפּגעשלאָסענער, הינטער גראטעס, באשלאָסן תיכף צו פארלאָזן פּוילן, ווו עס הערשט מלכות־הרשע, ווו יעדער הפקר־יונג קען ווערן א געזעץ־היטער.

און ווען דער פּוילישער קאָמענדאנט האָט צוזאָרגנס מיט א שווערן פאָרוווּרף צום אינספּעקטאָר און מיט א העפלעכער אנטשולדיקונג צו לייב קארפּן באפרייט דעם „ארעסטאנט", איז קארפּ גלייך אוועק אין מא־גיסטראט אָנגעבן אויף אן אויסלענדישן פּאספּאָרט.

סוף פון דעם זעלבן יאָר, נאָכדעם ווי ער האָט שוין געהאט ליקווי־דירט זיין געשעפט, פארקויפט דאָס הויז, פארפּאקט די טייערע מאהאָ־גענע מעבל, איז ער צוזאמען מיט זיין משפחה, באגלייט מיט נאָך א בן־עיר, א ציוניסט, געזעסן אויף דער פיר־קוימענדיקער שיף, וואָס האָט זיך געטראָגן איבער די בלויע מיטללענדישע וואסערן, שווימענדיק צו די ברעגן פון יפו.

לייב קארפּ איז זיכער געווען, אז ער האָט אָפּגעטון א חכמה, וואָס ער פירט נישט מיט זיך קיין מזומן געלט אין לאנד אריין. זיין סוחרישער חוש האָט אים ארויסגעהאָלפן אין דער רייזע. ער האָט פארקויפט אין פּוילן א הויז, ליקווידירט א געשעפט, פאר די מזומנע פּוילישע מארקן, וואָס האָבן צוליב דער אינפלאציע זיך געציילט אין מיליאָנען, האָט ער אין ווין איינגעקויפט סחורות. ער האָט בעסער געוואָלט אריינפירן אין דעם לאנד, ווו עס קורסירן הויכע עגיפּטישע פונטן, א טראנספּאָרט מיט קליידונג, מיט שיכווארג, איידער די געפאלענע פּוילישע וואליוטע.

ער איז איצט געווען אויפגעהייטערט. ווי נאָר ער האָט אראָפּגע־שטעלט א פוס אויף דער יבשה, איז ער פון יעדער קלייניקייט נתפעל גע־

וואָרן. נעבן אים איז געשטאַנען זיין ווייב רחל, עטוואָס אַן אויסגעצערטע און בלייכע, וואָס איז מיטגעפאָרן געצוווּנגענערהייט, וואָס האָט אפילו איצט, נאָכן אַראָפּגיין פון שיף, נישט שלום געמאַכט מיט דער רייזע, מיטן אַריבערשווימען די ימען. דאָ, שטייענדיק אין האַפן, איבער די אָנגעוואָרפענע וואַליזקעס און קופערטס, איז איר שווער געווען צו פאַרשטיין איר מאַנס מונטערקייט. מיט דער באַרעכנטקייט און נישט איבערגעאייַלטקייט פון אַ מיושבדיקער פרוי, האָט זי נישט באַנומען ווי נאָך אַ מענטש קען אַזוי פּלוצלינג איבערלאָזן אַ הויז, צעברעכן אַ ווירטשאַפט, רואינירן אַ געשעפט און זיך אַריבערפּעקלען אין אַ ווייט, אומבאַקאַנט לאַנד. וואָלט ער כאָטש צוערשט געפאָרן אַליין, אויסשפּירן די נייע וועלט... אַ גאַנצן וועג האָט זי געיאָדעט איר מאַן, נישט געקענט שענקען אים דעם שריט און געוואָרנט, אַז ער טאַנצט אויפן אייז. לייב קאַרף האָט איר פאַרביטערטקייט פאַרזען, נישט גענומען עס ערנסט. זיין בטחון, זיין ליבע צו ארץ־ישראל האָבן אים אונטערגעזאָגט, אַז ער וועט בייקומען נישט בלויז דעם ווייבס טענות, נאָר אויך אַלע אַנדערע שטרויכלונגען, אויף וועלכע דער מענטש שטויסט זיך אָן ביים איבערזידלען אין אַ נייעם לאַנד.

לייב קאַרף האָט פאַר אַ ווייַלע איבערגעלאָזט דאָס אָנגעברוגזטע ווייב. ער האָט איבערגעלאָזן די טאָכטער, וואָס איז נעבן איר געשטאַנען און ער האָט זיך געלאָזט מיט אַ געדרייט געסל. ס׳איז אים נאָכגעגאַנגען זיין פּיפּצן־יאָריקער זון בנימין, אָנגעטון אין אַ פּוילישער פּריצישער „בעקעשע“, אין אַ גימנאַזיסטן־היטל. דער זון האָט זיך פּונקט אַזוי באַגייסטערט מיט יעדער זאַך, ווי דער פאָטער. לייב האָט אים טאַקע געפירט פאַר אַ האַנט, באַטאַפּנדיק דאָ אַ שטיינער־וואַנט, דאָרט אַ שטיק אָפּגעקרישלטע מויער און גערעדט:

— נו, ווי געפעלט עס דיר, בנימין? דאָס איז יפו! געדענקסט ווי ס׳רעדט זיך אין תנ״ך וועגן יפו? יונה הנביא האָט דאָך דאָ גענומען אַ שיף צו אַנטלויפן קיין תרשיש, ווען ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן פאַר גאָט... און אין די צייטן פון די מלכים האָט מען די שטאָט צוריקגענומען פאַר אַ שיבוש... ס׳איז פאַרקויפט געוואָרן אינגאַנצן פאַר עטלעכע צענדליק זילבערשטיק...

לייב קארפ מיט זיין זון האָבן געמוזט מאַכן אַ פּאָר שריט הינטער־ווילעכץ, ווייל אין פראָנט האָבן זיך גענומען ארויסרוקן געפּעק, וואַליזעס, קופערטס. און הינטער די געפּעק — אַ באַזשופּעצטער ייד אין אַ ברייטן גאַליציאַנער רבנישן קאַפּעליוש. נעבן אים האָבן זיך מיטגעשלעפּט אַ ווייב מיט זין און טעכטער. אויפן ערשטן קוק האָבן ביי דעם ייד זיך געוואָרפן די אויגן ווי ביי אַ צעשראָקענעם האָז. ווי ער האָט נאָר געמאַכט עטלעכע טריט פאַראויס, האָט ער געלאָזט הינטער זיך דאָס בני־בית. ער האָט פארקוועטשט די אויגן, דערנאָך זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד. ער האָט אַ קוש געטון די שטיינער, ווי מען קושט אַ ספר־תורה און געבאָמבלט אויפן קול:

— צוויי טויזנט יאָר, ווי איך האָב דיך נישט געזען, דו ארץ זבת חלב ודבש...

— ווי לאַנג האָט ער דאָס „ארץ" נישט געזען? — האָט קארפ אָנגעשטעלט אַן אויער צו אַ פּאָר פאַרבייגייער.

— צוויי טויזנט יאָר! — האָט אַ ייִדענע אין אַ טיפער הויב, מיט אַ פרומען קרעכץ אָפּגעענטפערט.

— איר ער דאָך עלטער פאַר מתושלחן!... — האָט לייב קארפ זיך צעלאַכט.

ביים טויער פון צאָל־אַמט האָט ער באַמערקט, ווי דער אימיגראַנטן־עולם האָט זיך געשפּאָלטן אין צווייען, לאָזנדיק פריי דעם דורכגאַנג. בכבור־דיקע טוריסטן, פּאַסאַזשירן פון ערשטן קלאַס און פון צווייטן קלאַס, זענען דורכגעגאַנגען לייכט, מיט האַנט־וואַליזקעס, ווי זיי וואָלטן נאָר־וואָס אַראָפּ פון דער באַן.

האַפן־באַאַמטע, ייִדן, אַראַבער מיט לעדערנע אַקטן־טאַשן, האָבן זיך נעדרייט פאַרשמאַיעטע צווישן די מאַגאַזינען און רעוויזיע־קאַנטאָרן. אַן ענגלישער פּאָליסמאַן, וואָס האָט באַוואַכט דאָס שווערע, אייזערנע טויער, האָט באַטאַפּט די אָפּגעשליסענע טרעגער, וואָס זענען פּאַרטיעסווייז אָנגעקומען פון די פּאָרט־סקלאַדעס.

דרייענדיק זיך אַרום אַ נידעריקער מויער, האָט לייב קארפ זיך אָפּגעשטעלט פאַר צוויי יונגע אַראַבער, שיף־פּוצערס, אין שוואַרצע לויזע

הויזן פון הינטן ברייט, צעבלאָזן, מיט טאָרבעס, ווי די געזעסן וואָלטן ביי זיי געווען אָנגעשוואָלן. די שיך־פוצערס האָבן געטראָגן איבער די אָרעמס קעסטלעך מיט בארשטן, פלעשלעך גלאַזור, שיך־וואַקס און פּאַמאַדעס. זיי זענען געזעסן אויף שטרויענע פיס־בענקלעך, רופנדיק צו זיך קונדן. ס'האָט לאַנג נישט גענומען, ווי זייערע פוץ־בארשטן זענען געלאָפן מיט אימפּעט איבער עטלעכע פּאָר שיך פון פאַרבייגייער.

לייב קאַרפּ האָט ניי־געריקער נאָכגעשפּירט די שיך־פוצערס. ער האָט מיט חשד זיך איינגעקוקט אין זייערע פּנימער און געלאָזט פאַלן:

— זיי זענען אחינו בני ישראל?

— איר מיינט אוודאי, אז דאָס זענען תימנער יידן? — האָט אַ פּאַרביגייער זיך פאַרהאַלטן.

— די צורה האָבן זיי די זעלבע.

— ווו האָט איר געזען תימנער ייִדן?

— געזען האָב איך נישט. נאָר מען האָט מיר דערציילט וועגן זיי, וועגן די שוואַרצע ייִדן, נאָך אין פּוילן — האָט לייב זיך געגרויסט מיט זיין קענטעניש — פאַראַן פאַרשידענע סברות וועגן זייער אָפּשטאַם... מען רעדט אַהין, מען רעדט אַהער, אָבער איך רעכן, אז דאָס מוזן זיין די קינדער פון דער מלכת־שבא און שלמה המלך...

דורכן עולם האָט זיך דורכגעשטופּט אַ רירעוודיק מענטשל, מיט אַ פּאָר באַקן און אַ גאָמבע, באַדעקט מיט גרויליכע צעפּלעך האָר. ער האָט ארויסגעשטעלט דעם איינציקן טשעמאָדאַן פון דער האַנט, נישט צולאָזנדיק צו זיך אַ טרעגער און זיך צעשריען:

— ייִדן, ס'איז נישט קיין תכלית בלויז נתפּעל צו ווערן פון די יפוער וואַלפיש... מען דאַרף אָביסל אויפהייטערן דעם קל וחומר... און איך בין טויט־הונגעריק. ווו איז דאָ אַ גאַר־קיך?

— אָפּעסן וועט מען אין חלוצים־הויז — האָט לייב קאַרפּ פאַרזיכערט דעם רירעוודיקן מענטשל.

— אַט קומט טאַקע דער באַאמטער! — האָט עמעץ אויסגערופן.

— וועט ער אונדז אַהין פירן?

— ווו? צו דער אכילה?

— מיט פאראד! מיט גרויס פאראד וועט ער אונדז פירן!

— געגאנגען, יידן, געגאנגען!

באלאדנט מיט די געפעק, א רייע נאך א רייע, ווי דאס וואלטן געווען נישט אויסגעלייזטע יידן, וואס גייען צוריק קיין ארץ־ישראל, נאר וואנדערנדיקע „גולים", האבן די אימיגראנטן זיך געלאזט צום חלוצים־הויז. פאראויס האט זיי געפירט א באאמטער אין א בלויען מאטראזן־ראק, אײבער ביידע אקסלען ווייסע, אויסגענייטע מגן־דודס, ווי עפאלעטן.

אויפן וועג, לענגאויס דעם האפן, האבן זיך געצויגן באזאר־געסלעך, אראבישע קראמען, טיפע, אויסגעוועלבטע, ווי טונקעלע גראטן. אינעווייניק זענען געווען צעלייגט שוסטער־שטעלן, סטאלעריי־ווארשטאטן, קופערשמידערייען.

בארוועסע הינדוסן, מעסער־שלייפערס זענען דא און דארט געשטאנען אין די שוועלן איבער שטייגערנע שלייף־רעדער און געטון זייער מלאכה מיט בקיאות. מוסולמענישע היטל־מאכערס האבן געפרעסט „טארבושן" אויף שווערע קופערנע פארמעס. זיי האבן אויסגעפארטיקט פעסקעס, רויטע פעסקעס מיט פראנזן, א צודעק אויף פרומע מאכמעדאנישע קעפ.

רעכטס האט זיך געצויגן אן אפענער, אפגעליידיקטער מארק, א זויךארט פאר וויסטע קונצנמאכערס, פאר האקוס־פאקוס־יקעס פון סודאן, פאר בעטלערס... אנטקעגן דעם מארק — א מעטשעט מיט נידעריקע, שווערע ווענט, מיט איינגעזונקענע שוועלן. און איבער די ווייסע קופאלן, וואס האבן אויסגעקוקט ווי אראבישע קאפ־טיכער. האט זיך געהויבן א דינער פאררויסענער טורעם, ווי אן עגיפטישער אבעליסק.

לייב קארפ האט גייענדיק געקוקט ארום זיך, ווי אויף חידושים. הינטער אים זענען נאכגעגאנגען דאס ווייב און די טאכטער און הארט נעבן אים דער זון בנימין. בנימין האט געגאפט מיט אויפגעריסענע אויגן. וואס טיפער ער איז אריין אין די אראבישע געסלעך, אלץ שווערער און קילער איז אים געווארן. א פרעמדע וועלט, פרעמדע שאטנס. וואס פאר א שייכות האט דאס אלץ מיט ארץ־ישראל, וואס ער האט אויסגעווארעמט ביי זיך אין חדר, אין די חומש־מעשיות? און אפשר האבן אזוי אויסגעזען די

אָבות, די נביאים? באַרוועסע, אָפּגעשליסענע, געוויקלט אין אבאיעס, ווי די אָרעמע שוועל־זיצערס דאָ, ארום דעם מעטשעט?

די בילדער און די באַגעגענישן האָבן בנימינען נישט געהייטערט. ער האָט זיך געשעמט דאָס אויסצוזאָגן דעם פאָטער. און ווען נישט די עט־לעכע ייִדישע באַמטע מיט די אויסגענייטע מגן־דודס אויף די אָרעם־בענדער, ווען נישט די העברעאישע אויפשריפטן אויף די שילדן, וואָלט ער זיכער געווען, אַז ער איז אַריינגעפאַלן איצט אין אַן אַראַבישער מדינה.

ס'איז געוואָרן ליכטיקער און טומלדיקער. פון אַ נישע, ענג ווי אַ מויער־שפּאַלט, האָט אַראָפּגעשלייכט אַ געבויגענער וואַסער־טרעגער מיט אַ פולן לאָגל אויף די פּלייצעס. אַ קעמל־טרייבער, וואָס האָט געפירט הינ־טער זיך אַ קאַראַוואַן, האָט אים עזותדיק פאַרשטעלט דעם וועג. ביידע האָבן זיך איבערגעקוקט מיט אַזאַ האַס, גלייך די שנאה וואָלט געפלאַקערט צווישן זיי פון דור־דורות... דער קעמל־טרייבער האָט צוגעוואָרפן אַ קללה דעם לאָגל־טרעגער. דער געשאָלטענער איז נישט געבליבן שולדיק. ער האָט צוריקגעשיקט כפל־כפלים. באַלד האָט ער דעם שונא אויסגעמיטן און מיט וואַקלדיקע, איילנדיקע שפּרייזן אָפּגעצויגן צום אויסגעמויערטן שטאָט־זייגער.

אַנטקעגן דעם שטאָט־זייגער האָט זיך געהויבן די „סאַראַיע" — די יפוער רעגירונגס־געביידע מיט געזימסן, מיט קאָלאָנעס און אַרקאַדן. אויף די ברייטע פּלאַטשיקע טרעפּ, וואָס האָבן געפירט צום אַריינגאַנג, איז גע־שטאַנען אַ באַוואָפנטע פּאָליציי־וואַך, זייערע ביקסן פאַרשפּיצט מיט באַגנעטן.

פאַר אַן איינשטאָקיק אַראַביש הויז מיט קראַטעס אין די פענצטער און אין די טירן, ווי דאָס וואָלט געווען אַ תפיסה, צי אַ האַרעם־שטוב, זע־נען די אימיגראַנטן שטיין געבליבן. דאָס איז געווען דאָס חלוצים־הויז. איבער דעם אַריינגאַנג זענען געווען אויסגעהאַמערט פון מעש און אייזן מזרח־באַצירונגען און אָרנאַמענטן.

אויסגעהונגערטע און דערשעפּטע, ווי נאָר אימיגראַנטן קענען זיין, האָבן אַלע זיך אַריינגעשאָטן אין די אָפענע טירן.

— איצט וועט מען אריינגיין איבערכאפן אנבייסן! — האט לייב קארפ אן אויפגעהייטערטער גענומען אריינשטופן זיין משפחה.

רחל, וואס איז די גאנצע צייט נאכגעגאנגען א שווייגנדיקע, א צע־רודערטע, האט איצט אויפגעהויבן די אויגן אויף איר מאן. זי האט א לאנגע ווײַלע אין אים זיך איינגעקוקט און פון דעם שארפן בליק האט ארויסגעשריען אן אומעטיקער, ביטערער פארוואורף:

— דער ערשטער געשאנקענער אנבייסן, לייב!

קאפיטל צוויי

אין דעם חלוצים־הויז

אין דעם חלוצים־הויז, אינעווייניק, האָט געטומלט און געזאָטן. דער ברייטער, טיפער זאַל מיט די קאַלירטע שייבלעך הינטער די פארקראַטעטע פענצטער, די האַלב־אויסגערונדיקטע ווענט און די בייכיקע זיילן, וואָס האָבן אין דער מיט פון זאַל או:טערגעשפּארט די בלויע, אויסגעוועלבטע סטעליע — אַלץ איז געווען אין אַראַבישן סטיל. בלויז דער געפּילדער האָט זיך נישט אריינגעפּאסט דאָ, אין דעם מזרח־ווינקל. דער אריינגעקומענער עולם האָט פאַרכאַפּט פּלעצער אַרום די צעשטעלטע לאַנגע טישן און בענק. אָפּגעבערענטע מיידלעך אין ווייסע הויבן, אין ווייסע פאַרטוכער האָבן דערלאַנגט בלעכענע טעפּלעך מיט קאַכעדיקע שוואַרצע קאַווע, שוואַרץ ברויט מיט מאַרמעלאַדע. איטלעכער האָט געשלונגען מיט אַפּעטיט און געוואָרן אויפגערוימטער. ציינגער האָבן זיך פונאַנדערגעשרויפּט. פּרעמדע האָבן צווישן זיך געשלאָסן באַקאַ:טשאַפט.

לייב קארף האָט אָפּגעזוכט אַן אָרט ביי אַ מיטעלן טיש. און ווען ער מיט די זייניקע זענען שוין געווען אויסגעזעצט און געשמאַק איבערגעכאַפּט דעם ערשטן פרישטיק אויף דער יבשה, האָט ער מיטאַמאָל געגומען זוכן צווישן עולם זיין בן־עיר אַנשל פעלדשטיין, וועמען ער האָט פאַרלוירן באַלד ביים אַראָפּגיין פון שיף. באַהאַלטענערהייט האָט לייב מקנא געווען זיין לאַנדסמאַן, וואָס פאָרט נישט קיין ארץ־ישראל גלאַט אַזוי, אויף גאָטס באַראָט, נאָר קומט צו זיינע צוויי פאַרזאָרגטע זין. איינער אַ ייִדישער לעגיאָנער, דער צווייטער — אַ פויער, אַ לאַנדווירט, וואָס האָט זיך באַזעצט

אויף א שטיק לאנד הינטער תל־אביב. ער האט אבער זיין קנאה נישט געבראכט איבער די ליפן — נישט געוואלט עס לאזן הערן פארן ווייב.

ער איז איצט אן אומגעדולדיקער אפער פון הינטער זיין זיץ־ארט, לאזנדיק זיך צו די אפענע טירן, ווי פעלדשטיין איז אים פלוצים אקעגן געקומען מיט א טענה:

— ווו זענט איר פארפאלן געווארן, קארפ?

— איך האלט שוין ביים אנבייסן — האט לייב קארפ געשמייכלט — איר ווערט מיטהעלפן?

— און איך האב בחינם פארלוירן א פאר שעה אין צאל־אמט, געווארט אויף מיינע בנים — האט ער אנידערזעצנדיק זיך אנגעקוואלן אפילו פון זיין דורכפאל — קומען מיך ארויס:עמען וועט נאר איינער, דער לעגיאנער.

— דא, אין חלוצים־הויז? — האט לייב געשטראלט, גלייך נישט פעלדשטיינס זון האלט ביים קומען, נאר זיין אייגענער.

— איך האב איצט געקריגן א טעלעגראמע — האט פעלדשטיין ארויסגענומען פון דער בוזים־טאש א דעפעשע — ס'איז פון אפרימען, דעם לעגיאנער. צען יאר ווי כ'האב אים נישט געזען. כ'קען זיך קוים פארשטעלן, מיין אפרים אין א מונדיר. אין א יידישן מונדיר...

אנשל פעלדשטיין איז געווען א הויכער, מיט א העלער קארן־בארד. זיין קיילעכדיק פנים — לויטער, גלאט ווי סאמעט, האט איצט ביים דערמאנען זיין זון, זיך גענומען קארבן פון תענוג.

הינטער אים איז נאכגעקומען זיין ווייב, א דיקלעכע, שווארץ־האריקע פרוי, געהילט אין א שאל און אין שווערע פאטשיילעס. גרייטנדיק זיך צו באגעגענען איר זון, האט זי, ווי א שטאלצע מאמע, נישט פארגעסן אנצוטון די אויערינגלעך מיט בריליאנטן, נישט פארגעסן ארויפצוזעצן די דיקע גאלדענע פינגערלעך. אן אויפמערקזאמע האט זי זיך צוגעהערט צום שמועס צווישן איר מאן און לייב קארפן נאכצייל:דיק יעדעס לויבווארט, אכטונג געגעבן, עס זאלן ניט פארפעלט ווערן קיין איינצלהייטן, וואס שטייען אין יעדן בריוו, וואס זיי האבן דערהאלטן פונעם זון דורך די

לעצטע פינף יאָר. און ווען זי האָט פון פרייד זיך צעשמייכלט, האָבן איינצלנע טרערן אויסגעבריטע. זיך געקייקלט פון אירע אויגן־ווינקלעך:

— איר גלייבט מיר, צי נישט, קאַרפּ, כ'קען זיך שוין נישט דער־וואַרטן. אָוועקגעפאָרן איז ער אַ יִינגל, אַן אומבאַהאָלפן קינד... איצט איז דאָס אַן אָפיציר אין דעם יִדישן לעגיאָן.

ביים טיש זענען פעלדשטיין מיטן ווייב געוואָרן נאָך באַריידעוודי־קער. יעדער זופּ פון דער הייסער קאַווע איז באַגלייט געוואָרן מיט אַ ווונטש, מיט אַ וואַרעם וואָרט:

— הלוואי זאָל דאָס זיין אַ צייכן פון מזל!

דערווייל איז דאָס געפּילדער געשטיגן.

דאָס רירעוודיקע מענטשל, וואָס האָט ביים שיף, דער ערשטער גע־מאָנט אָנבייסן, האָט זיך דאָ געשפּירט ווי אַן אמתער בן־בית. ער האָט געקייעט אויףביידע באַקן, האָט געזופּט די שוואַרצע קאַווע מיט אַ הויך זשליאָקען און גערעדט צו לייב קאַרפּן:

— ס'ערשטע נאָכן אָנבייסן פאַרפאָר איך אין אַ האָטעל אין תל־אביב. כ'בלייב נישט אין יפו. צופיל שלעכטע גערוכן...

— איר מעגט איבער נאַכט בלייבן אין חלוצים-הויז! — האָט אַ וווקסיקער יונג אין אַ פּאָר רייטער־הויזן אים איבערגעשלאָגן.

— דאָס האָב איך ביי דיר נישט געפרעגט — איז דאָס מענטשל גע־ווען באַליידיקט — מיינסט, דו האָסט צו טון מיט אַ גרינעם? כ'בין שוין דאָס צווייטע מאָל דאָ אין לאַנד.

— מעגט איר טאַקע מאַכן אַ „השיבנו נאזאד“... נאָך איידער די שיף שווימט אָפּ — האָט דער וווקסיקער יונג זיך געוויצלט.

לייב קאַרפּ האָט זיך אריינגעמישט:

— שאַ, שאַ, אַזוי איז מען מקבל־פּנים די נייע עולים?

— ווען איך בין ס'ערשטע מאָל אהערגעקומען, איז גאַנץ יפו געווען איין שטיק עיפּוש! — האָט דאָס מענטשל זיך צעשריען, אריבערקוקנדיק איבער די באַזעצטע טישן — ס'איז געווען מיט צוואַנציק יאָר צוריק... אַז דער ערשטער בעל־עגלה איז דורכגעפאָרן אַ יפוער גאַס, זענען די אראַ־בער אים נאָכגעלאָפן, ווי אַ בייז וווּנדער און אָנגעכאַפּט דעם וואָגן פאַר

די רעדער... פון אויטאָמאָבילן איז אָפּגערעדט! אַלץ האָט מען געלאָדן אויף קעמלען און אויף אייזלען. איצט אַז ס'איז אויסגעוואַקסן אַ כרך, ס'בויט זיך, זאָגט מען, אַ נייע שטאָט תל־אביב, הייסט ער מיך צוריק־פאָרן!

דער עולם, נייגעריק און פאַרוואונדערט, האָט זיך געהויבן פון די טישן און אים אָנגעהויבן באַוואַרפן מיט פראַגן:

— זייט איר דאָך אַן ארץ־ישראל־ייִד?

— טאַקע אַן אַלטער תושב?

— וואָס האָט איר דאָ געטון מיט צוואַנציק יאָר צוריק?

— וואָס איך האָב געטון מיט צוואַנציק יאָר צוריק? — האָט דאָס מענטשל, רעדנדיק, אָפּגעמאָסטן די נייגעריקע פּנימער, וואָס האָבן זיך צו אים גערוקט פון אַלע זייטן. — מען איז מיר דאָ נישט אַקעגנגעגאַנגען מיט קיין טראָמפּייטן... קיין ציוניסט איז דעמאָלט אויף קיין רפואה נישט געווען... און מיט וועמען זיך אַן עצה צו האַלטן האָב איך אויך נישט גע־האַט. קיין היימישער פּוילישער ייִד האָט נישט געוואָלט פאָרן. געלאָפן אַהער זענען בלויז ליטוואַקעס, אַדעסער חובבי־ציון. האָב איך מיר אויס־געבויט אַ הייזל און געמאַכט אַ פּאַפּע־פאַבריק. פאַרוואָס עפּעס אַ פּאַפּע־פאַבריק? געמיינט האָב איך, אַז ווען מען גייט בויען אַ נײַ לאַנד, דאַרף מען האָבן פּאַפּע, אַ סך סמאָלע צו שמירן די דעכער... און וואָס איז געווען דער סוף? די פּאַפּע איז אויסגעלאָפן, די פאַבריק איז פאַרברענט געוואָרן... און איך, קוים אַ לעבעדיקער, האָב אויסגעקראַצט אויף אַ שיפסקאַרטע און בין עוקר געווען פון דאַנען...

לייב קאַרפּ, וואָס האָט זיך צוגעהערט צום רירעוודיקן מענטשל מער מיט חשד, איידער מיט גלויבן, האָט פונדעסטוועגן זיך אָנגערופן:

— צו זיין אַ פאַבריקאַנט אונטער דעם טערק איז אייך נישט געווען וואָס מקנא צו זיין. איר האָט זיך אַנגעליטן...

— אָנגעליטן איז גאָרנישט! פאַרקנעכט איז מען געווען. אַן עבד כנעני... אין יענע יאָרן האָבן דעם סולטאַנס משרתים אפילו אַכטונג געגעבן אויף דער קליידונג. מען האָט דען געמעגט גיין אין אַ פּאָר געפּרעסטע הויזן? און אַ קאַפּעליוש האָסטו דען יאָ געמעגט טראָגן? אַ פעסקע, אַ

רויטע יאַרמעלקע, אַט וואָס דער טערק האָט באַפוילן אָנצוטון אויף אַלע מאַנסבילישע קעפּ.

ביים עולם האָבן די מיילער געגאַוועט, צוהערנדיק זיך, ווי ייִדן האָבן געלעבט אין ארץ־ישראל ביים טערק. דאָס מענטשל איז צופרידן געווען, וואָס דאָס געזעמל אַרום אים וואַקסט. ער האָט זיך איבערגענו־מען, וואָס מען ציילט אָן יעדעס וואָרט זיינס פאַר גוט געלט און נישט אויפגעהערט צו דערציילן:

— פונדעסטוועגן, אַז דער גובערנאַטאָר פון יפו, אַ געשוואָלענער טערק, האָט געקריגן מיין ביטע, אַז כ׳וויל עפענען אַ פאַבריק, האָט ער מיך געלאָזט רופן אין דער „סאַראַ־ע”. ער האָט מיר גלייך אַרויסגעגעבן די דערלויבעניש און נאָך דערלאַנגט אַ דאַנק־בריוו אויך, אונטערגעשריבן פון אים אַליין און פונעם פּאַשאַ...

און כדי צו זיין באַגלויבט ביי זיינע צוהערער, האָט דאָס רירעוודיקע מענטשל גענומען נישטערן אין אַלע קעשענעס, דערנאָך אַרויסגעשלעפּט אַ צעקנייטשטן בויגן, באַדעקט מיט אַ נעדיכטן טערקישן כתב און עס גע־שטופּט דעם ערשטן בעסטן אימיגראַנט אין פּנים אַריין:

— נאַ, לייען! פאַרשטייסט עפּעס די חרטומים־שריפט? דאַרפסט מיר גלויבן אויפן וואָרט...

אין מיטן עס־זאָל האָט זיך פאַרקליבן אַ גרופּע חלוצים, צומיינסטן לאַנגע אויסגעוואַקסענע יונגען, אָנגעטון אין ווייסע, רוסישע העמדער, פאַרמאַכט ביז צום האַלדז, אין גרויע רייטער־הויזן אַריינגעלאָזט אין הויכע שטיוול. עס איז זיי נישט אָנגעגאַנגען די שמועסן ביי די טישן און אויסזעצנדיק זיך אין אַ ראָד, האָבן אַלע אינאיינעם אָנגעהויבן ריטמיש אַ ניגון, ווי אַ סאָלדאַטסקע געזאַנג:

בין איך מיר אַ חלוצל,
אַ חלוצל פון פּוילן —
גיי איך מיר אין שיכעלעך,
שיכעלעך אָן זוילן...

חברה האָבן אונטערגעכאַפּט:

חלוץ, חלוץ, חלוץ, חלוץ,
חלוצל פון פוילן — —
הויזן טראַגסטו, לאַטע אויף לאַטע,
שיכעלעך אָן זוילן...

איינער, אַ שווער־לייביקער יונג, אין אַ צעפּאַרענעם זעלנער־שינעל, האָט אַרויסגעצויגן פון אַ הינטער־קעשענע אַ האַרמאָניקע, ווי ס׳ציט אַרויס אַ פרומער ייִד אַ שניפּ־טוך. ער האָט פאַרצויגן עטלעכע טענער, דערנאָך האָט ער זיך אוועקגעשטעלט אין דער פּאָזע פון אַן אַקטיאָר און פאַרגעזונגען:

באַנען, צוגן און מיידלעך פיל,
דבורה, ציפּע, חוה,
און זיי ליפערן אַ גאַנצן וועג,
ברויט מיט שוואַרצע קאַווע — — — —

דער עולם האָט אונטערגעכאַפּט:

חלוץ, חלוץ, חלוץ, חלוץ,
חלוצל פון פוילן — — —

דער שווער־לייביקער יונג האָט, פאַרגלאַצנדיק די אויגן, ווייטער געזונגען:

און אַ מעלה האָט די קאַווע,
ציקאָריע מיט סאַכאַרין — —
זי פירט אָפּ דירעקט,
פון פרעשבורג ביז ווין — — —

לייב קאַרפּ האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין זיץ־אָרט אַן אומצופרידענער. נאָך אים איז אָפּער פעלדשטיין. ביידע האָבן זיך געקרימט פון די געזאַנגען, וואָס האָבן דאָ, אין חלוצים־הויז, געשמעקט מיט קאַזאַרמע, מיט הפקרות... לייב האָט געקוקט ווי דער עולם רוקט פון זיך די ליידיקע קאַ-

ווע־טעפלעך מיט די קרישקעס ברויט און שטעלט זיך אויס פאר דעם הייפל חלוצים ווי פאר צירק־קאמעדיאנטן און ער האט זיך אנגערופן צו דעם רעדל מיט יונגוואַרג:

— פע, אזעלכע לידלעך זינגט מען היינט? עס שמעקט מיט גלות! דאָ נאָכן אריבערגיין שוין די שבעה ימען, דאַרף דאָך עפּעס זיין אַגיל וּאשמחדיק! בנימין, ווּ ביסטו? — האט לייב געזוכט זיין זון — טו נאָר א הייב א טאָן!

בנימין האט זיך פארוויטלט, ווי א בר־מצווה־בחור'ל, ווען מען רופט אים אויף ס'ערשטע מאָל צו דער הפטורה. באלד האט הינטער אים זיך אונטערגערוקט לייבס טאָכטער אלישבע, א דינע און בויגעוודיקע. די גלאַנציקע קאשטאַן־האָר מיטן שימער פון בורשטין זענען געווען אויסגע־פלאָכטן אין צעפּ, וואס האבן זיך פארלייגט אין א קריינדל. דאָס רויט־געפינטלטע זיידענע טיכל, פארשלייפט אונטערן האלדז, האט נאָך שאר־פער ארויסגעשניטן די ווייסקייט פון איר שמאָל, קאַנטיק פּנימל. זי האט געמאכט דאָ א שריט פאַראויס, דאָ א שריט צוריק, דרייענדיק זיך ארום איר ברודער, ווי א קאָנקורענטקע. א לאַכנדיקע האט זי געקוקט אויפן פאָטער, וועלנדיק שטארק, מען זאָל איר הייסן פארציען א מעלאָדיע.

בנימין איז געווען גרייט צוליב צו טון דעם פאָטער. אָן פאר וואָס, אָן פאר ווען האָבן זיך געריסן פון אים טענער, קלאַנגען, וואָס האָבן גע־וואָרט, מען זאָל זיי צונויפגיסן אין איין געזאַנג. ער האט שוין געהאט געעפנט דאָס מויל און ווי אויף צו להכעיס, האט ער זיך נישט געקענט דערמאָנען קיין ליד. צי פון רוגזה, וואָס די שוועסטער גייט אים אויס־כאַפּן, צי פון בושה, אז ער וועט זיך אויסגליטשען — בנימין האט אָנ־געהויבן:

שם בארץ, חמדת אבות,
תתגשמנה כל התקוות — — —

לייב קארפּ האט געשטראַלט. אָבער אויף פעלדשטיינס קלאָרן שטערן האט זיך געקנייטשט א קארב. ער האט צעגומען זיין העלע קאָרן־באָרד און דערנענטערנדיק זיך צו בנימינען, האט ער איבערגעהאקט דאָס געזאַנג.

— נישט דאָס! אַזוינע לידער זענען גוט, אַז מען איז אויף יענער זייט ים. אָבער, אַז מען טרעט שוין אויף ארץ־ישראל־ערד, דאַרפֿן זיך רייסן פֿון אונדז שטאַרקערע געזאַנגען, געזאַנגען פֿון גבורה, געזאַנגען, וואָס זאָל זיך הערן דער רויש פֿון ירדן, דער שטורעם־ווינט פֿון לבנון — —

דער טאָן, מיט וועלכן פעלדשטיין האָט אַרויסגערעדט די ווערטער, האָט אים צוגעגעבן חשיבות. פעלדשטיין, וואָס האָט געקענט אַלע שיבת־ציון־לידער פֿון אויסנווייניק, איז גרייט געווען איצט אַליין זיי אויסצוזינגען. די אויסגעזאָרגטקייט און רואיקייט פֿון איינעם, וואָס מאַנט מער גאָר־נישט ביים לעבן — איז איצט געלעגן אויף זיין פנים. ער האָט זיך גע־ווענדט צום עולם, וואָס האָט אָנגעשטעלט מויל און אויערן:

— און ווייסט איר, מיט וואָס פֿאַר אַ ליד מיר, עולים, דאַרפֿן אַריינ־גיין קיין ירושלים? נישט מיט קיין קלאָג־ליד אויף דער געפאַלענער שטאָט, נישט מיט קיין „קול ברמה נשמע“... נישט מיט קיין „ציון הלא תשאלי“... מיר דאַרפֿן אַריינקומען אין די טויערן פֿון שטאָט מיט אַ געזאַנג, וואָס קלאַפּט ווי אַ לעגיאָנען־צוג, אַ מכבייער־מאַרש, מיט אַ געזאַנג וואָס רוישט, ווי פֿאָנען וואָלטן געפֿלאַטערט:

שאו ציונה נס ודגל,
דגל מחנה־יהודה!...

פעלדשטיין האָט גענומען העכער זינגען. די עולים האָבן אונטערגע־כאַפּט. דאָס געזאַנג האָט זיך געריסן דורך די בייכיקע קאַלאַנעס, דורך די פֿאַרקראַטעטע פֿענצטער, אָנשטעקנדיק דאָס יונגוואַרג. עס האָט צוואַ־רעמט ביי אַלעמען די געמיטער.

רחל, זענענדיק ווי איר מאַן און די קינדער ווערן מיטגעריסן און זינ־גען מיט, האָט זי לייכט אַ ריר געטון לייבן פֿאַר אַן אָרבל, אָנווייזנדיק אויף פעלדשטיינען:

— אים האָט זיך געלוינט צו קומען קיין ארץ־ישראל.

— גלויבט מיר, עס האָט זיך אונדז אַלעמען געלוינט צו קומען אַהער — האָט אַן עלטערע ייִדענע אין אַ טיכן שייטל צו איר זיך צוגעבויגן — איך האָב נישט קיין גרויסע פּרעטענזיעס צו ארץ־ישראל... וואָס איך

פאַרלאַנג פון דעם באַשעפער, איז, טון דאָ גוטע, פרומע שידוכים מיט מיינע קינדער... דערנאָך וויל איך מיר אויסלעבן דאָס רעשט ביסל יאָרן אין ירושלים, אין דער הייליקער שטאָט...

— ס'איז נישט אַזוי לייכט, ווי עס רעדט זיך — האָט רחל, אויס־דרייענדיק זיך צו איר ביזיצערין, אַ קרעכץ געטון — כ'האָב צעבראָכן אַ היים...

— דאָס הייסט, איר זענט נישט איינשטימיק געווען צו פאָרן? — איז די עלטערע יידענע גייגעריק געוואָרן, וואָס עס טוט זיך ביי איר שכנטע.

— ניין! אַ גאַנץ יאָר האָב איך זיך געווערט... כ'האָב נישט געוואָלט פאָרן... מיט טרערן האָב איך זיך געבעטן ביי מיין מאַן: באַרעכן זיך, לייב, יאָרן נאָך דער חתונה האָבן מיר געבידעוועט... אַ האַלב לעבן האָט גענומען, ביז מען האָט זיך געשטעלט אויף די פיס, אויפגעבויט אַ געשעפט, גייסטו איצט אַלץ חרוב מאַכן?

כאָטש די פרייד אַרום האָט די קאַלטע ניכטערע רחל שוין געהאַט עטוואָס גערירט, האָט אָבער די באַגייסטערונג, וואָס האָט געשיינט אויף אַלעמענס פּנימער, זי נישט מיטגעריסן. זי האָט כמעט גלייכגילטיק גע־קוקט אויף די צעפּלאָמטע הייפּלעך חלוצים, וואָס האָבן געטאַנצט אין אַ ראָד און געצונדן דעם דיל מיט די פיס. דער טאַנץ וועט אַריבער, די פרייד וועט זיך אויסשעפּן און בלייבן וועט די וואָכעדיקייט מיט די שטענ־דיקע מוראס און זאָרגן. דאָ, צווישן די פילדערנדיקע ווענט, האָט זי מיט־אַמאָל דערפילט איר איינזאַמקייט — די איינזאַמקייט פון אַן אויסגע־וואָרצלטער משפחה, וואָס גייט זיך איבערפלאַנצן אויף נייער ערד.

אַ פאַרדעכטיקער מאַן מיט אַ וואַקסן פּנים, אויסגעצערט ווי אַ שאַרבן, וואָס האָט זיך געדרייט צווישן די טישן און געשנאַפּט ווי אַ שפּיר־הונט: „וווּ געפינט מען דאָ די אומצופרידענע?“ האָט ענדלעך אויפ־געכאַפּט רחלס טרויער. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט צווישן רחלען און איר ביזיצערין און ביטער זיך צעשמייכלט:

— איר זייט ערשט היינט אַראָפּ פון שיף. און איך שטעק שוין אין דעם מדבר דריי חדשים... איך קען זיך צו גאָרנישט נישט דערשלאָגן... און

נאָך עפּעס קען איך אייך אַנטדעקן. פון ארץ־ישראל האָט שטענדיק גע־שמעקט מיט טריקעניש... ס'איז גאָרנישט אַזוי פּריילעך, ווי מען וויל דאָ ווייזן... אַהער פירט מען אונדז ווי אַ סטאַדע בהמות. דעם ערשטן טאָג גיט מען אַפּצועסן, איבערצושלאָפן, אָבער אַז מען לאָזט אונדז אַרויס אויף דער פריי, פילט מען זיך ערשט פאַרלוירענער ווי דער דור־המדבר... און דער אַריינפאָר אין יפו? אַלץ הייסט אַן עיפּוש!...

— דאָס איז ער אַפילו גערעכט! — האָט אַן אויסגעפּראַנטעוועטער יונגערמאַן מיט וואַליזקעס איןביידע הענט פאַרביי־גייענדיק זיך אָפּגע־שטעלט — אַ ליטוישער פאַרט האָט אין יפו געמעגט זיין. ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך אַ באַרייזטער יונגערמאַן. און וווּ איך בין אַלץ נישט אויסגעפאָרן, אין אַלעקסאַנדריע און אין מאַרסעל, אין קאָנסטאַנטינאָ־פּאָל, זענען אומעטום פאַראַן אויסגעמויערטע האַפנס. און אין יפו מוז מען זיך נאָך אַלץ צושיפן אויף פישער־לאָדקעס, ווי אין טערקס צייטן.

— אין דעם זענען שולדיק די ציוניסטן! — האָט זיך געהערט אַ בייז קול פון דער זייט.

אַ חלוץ, אַן אויסגעבאַקענער, אַ ברייטער, האָט דערנענטערנדיק זיך, צונויפגעלייגט זיינע רויטע ליפּן, ווי צוויי געטריקנטע וואָרשטלעך, און גע־זוכט דאָס בייזע קול אַרום זיך.

— פאַרוואָס עפּעס די ציוניסטן און נישט אונדזער מאַנדאַטן־מאַכט? די ענגלישע רעגירונג?

— די רעגירונג? וועלכע רעגירונג? — האָט אַריינגעוואָרפן אַ מיטל־יעריקע ייִדענע, אויסגעבעטעט, אויסגעפּולט פון פאַרנט, ווי אַ שוואַנגעריקע — דער ענגלענדער איז אַ גנב און פון אַ גנב מוז מען פאָדערן, אַנדערש באַקומט מען נישט צוריק...

דאָס רעדל אומצופרידענע איז געוואָרן גרעסער. אַ צעפּאָלעטער ייִד מיט אַ בייזער פלינקייט אין יעדער תנועה זיינער, האָט זיך געטראָגן אַרום די לאַנגע טישן, ווי אַן אַקראָבאַט... ווי נאָר איינער פון עולם האָט אַרויס־געוויזן התפעלות, ווי נאָר איינער איז געווען פאַרביטערט — דער ייִד האָט אויף אַלץ געענטפערט מיט אַ פול מויל געלעכטער. ער האָט איצט צוגעשפּאַנט צום רעדל:

— צווישן אונדז זאָל עס בלייבן. וואָס האָט איר צו ענגלאַנד? ענגלאַנד האָט ליב דעם תנ"ך, זי האָט ליב דעם עם־הספר. נאָר וואָס דען? יידן אַליין זענען נאָך קיין פאָלק נישט... מען גיט זיי אַזאַ מתנה, ווי אַ לאַנד און זיי ווייסן נישט ווי אַזוי עס צו נעמען... און אַז איך האַלט שוין ביים רעדן אַפּיקורסות — האָט דער צעפּאַלעטער ייד זיך איבערגעבויגן און שטילער גערעדט — וועל איך אייך זאָגן, אַז אין דער אמתן איז ארץ־ישראל קיין לאַנד אויך נישט... עס האָט קיינמאָל נישט געקענט שפּייזן די איינוווינער.

— און וואָס פאַר אַ מדינה איז דאָס שוין? — האָט אַ צווייטער אונטערגעכאַפּט — אַז פאַרצייטנס אַפילו האָט מען פּימסנהאָלץ און עלעפאַנטביין צו בויען דעם בית־המקדש געמוזט אַזש פירן פון ווייטע לענדער.

— אַ שיינע פּראָפּאַגאַנדע פאַר ארץ־ישראל מאַכט איר!

— ס'איז אמת!

— אַזאַ אמת דאַרף מען אויסבאַהאַלטן.

— ער מעג רעדן, דער חלוץ, ער האָט גענוג געליטן פאַרן לאַנד... ער האָט שוין געפיבערט, געהאַט מאַלאַריע...

אַן אָנגעפּאָמפּעטער ייד, אָנגעפּעלצט און אָנגעשוכט ווי אַן עסקימאָס, האָט זיך אַריינגערוקט אין רעדל:

— וואָס הייסט געפיבערט? געהאַט מאַלאַריע? און אַז עס קומט אַהער אַ ייד פון אַ גאַנץ יאָר? ער צעברעכט זיך, ער ליגט אָן ס'פאַרמעגן און צום סוף — קיין אָנשפּאַר, קיין דאַך איבערן קאָפּ... הייסט דען דאָס נישט געליטן? אַז אַזאַ ייד דאַרף אויף איינמאָל אויסשפּייען אין ארץ־ישראל דאָס, וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט אַ לעבן לאַנג אין גלות — איז דאָך דאָס נישט „ארץ זבת חלב ודבש", איז עס דאָך ארץ אוכלת יושביה...

מיטאַמאָל זענען די רייד איבערגעהאַקט געוואָרן. דער גאַנצער געליאַרם פון דעם רעדל אומצופרידענע איז פאַרשטיקט געוואָרן אין דעם טומל, וואָס האָט זיך געטראָגן פונעם אָפענעם אַריינגאַנג. אַלע האָבן געכאַפּט צו דער טיר. אויך רחל האָט זיך אויפגעשטעלט. זי האָט געהערט שלוכצענדיקע קולות, געקוקט אַהינצו און געזען ווי די פעלדשטיינס

האלדזן זיך מיט זייער אַנגעקומענעם זון. די מאַמע האָט בליפענדיק זיך געשפיגלט אין זיין מונדיר, געגלעט די קנעפּ, די עפּאָלעטן און נאָכאַנאַנד געפאַלן אויף זיין האַלדז:

— אפרים! אפרים! מיין קליינער זון, ווי דו ביסט אויסגעוואַקסן!

דער טאַטע איז געווען גערירט פון דער באַגעגעניש, ער האָט געדריקט דעם זונס הענט, געהאַלטן אין איין נישט דערזאָגן עפּעס. שטומערהייט האָט ער געמאָנט ביי די אַרומיקע, ווי ער וואָלט זיי גערופן פאַר עדות צו דעם צונויפטרעף און אין זיינע העוויות איז געווען מער נחת ווי פאַר־ענטפערונג:

— אָפּגעפרעמדט געוואָרן! מיר שטאַמלען אויף זיין העברעאיש און ער קען קוים זיך צונויפרעדן אויף יידיש...

אַלע האָבן מקנא געווען דעם שיף־ברודער, וואָס האָט געהאַט שׂכל אהערצושיקן אַ זון מיט צען יאָר צוריק און אָנגרייטן פאַר זיך אַ נעסט. לייב קאַרפּ,ווי אַ בן-עיר, האָט געהאַט אַ חלק אין פעלדשטיינס פרייד. ער איז נישט אָפּגעטרעטן. ער האָט זיך איינגעהערט צו די פאַרלאָפענע גע־שעענישן וואָס זענען איבערדערציילט געוואָרן פון טאַטע צו זון.

ער איז געווען אַזוי פאַרטון אין דעם משפּחה-געפילדער, אַז ער האָט נישט באַמערקט, ווי עס זענען אָנגעקומען צוויי באַאַמטע אין בלויע רעק מיט ווייסע אָרעם־בענדער. די באַאַמטע האָבן צונויפגערופן אַלע נייע עולים. זיי האָבן פונדאַסניי אַלעמען רעגיסטרירט און דערלאַנגט פאַר די חלוצים נאָכטלעגער־צעטלען אויף צו בלייבן אין דעם חלוצים-הויז און פאַר די בעלי־משפּחות, פאַר די „קאַפּיטאַליסטן" האָבן זיי געלאָזט וויסן, אַז קעמלען, אייזלען און וועגענער וועלן אָנלאָדן זייערע געפּעק און אָפּפירן זיי אין די תל־אביבער האָטעלן.

לייב קאַרפּ, אַ בעל-משפּחה, איז אַריינגערעכנט געוואָרן צווישן די „קאַפּיטאַליסטן". ער האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט פעלדשטיינען, מיט אַלע דערוואָרבענע שיף־ברידער און איז אַרויס אויף דער גאַס.

די זון איז שוין געשטאַנען הויך איבער יפו און געצונדן דעם ים-פלאַך, די אָפּגעשונדענע מויערן און די אַלטע גראַניט-געביידעס, וואָס

זענען געווען אַריינגעוואַקסן איבער דער גאַנצער לענג פונעם זאַמדיקן ברעג.

לייב קאַרפּ איז געווען פאַרבלענדט פון אַזוי פיל ליכט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט. אַ קניענדיקער קעמל האָט גערוט נעבן זיינע געפּעק. אַ תימנער קעמל-טרייבער מיט אַ באָרד ווי ביי אַ תנא, האָט אַראָפּגעכאַפּט די שטריק פון זיינע לענדן און גענומען לאָדענען אויפן האָרב פון דער שלעפּ-חיה וואַליזקעס, קופערטס — אַ גאַנצער טורעם. דערנאָך האָט ער פאַרצויגן די געפּלאָכטענע שטריק מיט קנופּן און שלייפן. און ווען דער קעמל האָט וויגנדיק זיך געשטעלט לאַנגע, שלאַבערדיקע שפּרייזן פאַר-אויס, האָט לייב קאַרפּ מיטן ווייב, מיט די קינדער גענומען אים נאָכגיין איבער דעם געפּלאַסטערטן וועג.

קאַפּיטל דריי

לייב קאַרפּ און זיין משפּחה

דער קעמל מיט לייב קאַרפּס אַנגעלאָדענע געפּעק האָט זיך אָפּגע־שטעלט אין תל-אביב אויף דער שמאָלער ליליענבלום־גאַס, פאַר א ווייס, איינשטאָקיק הויז. איבער דעם אריינגאַנג פון הויז איז געהאָנגען א בלויע שילד: „האָטעל באַלפור״. אויב אין רחלס אויגן האָבן די צעפּאָ־רענע געפּעק, וואַליזעס און בינטלעך בעטגעוואַנד אויסגעזען אָרעם, ווינ־ציק — דאָס רעשטל פון א לאַנג-יאָריקן איינגעפונדעוועטן פאַרמעגן, האָט דער גרויער, אָפּגעקראָכענער קעמל איצט נאָך מער געמינערט די ווערט פון דעם ביסל ווירטשאַפט. רחל האָט געקוקט אויף דעם אָפּגעראַטעוועטן איבערבלייב מיט שווייגעניש און טרויער. זי האָט געוווּסט, אַז דאָ ענ־דיקט זיך די ים־רייזע. אפילו די ברייטע וואַסערן, וואָס האָבן אָפּגעטיילט די נייע ערד פונעם אַלטן לאַנד, זענען אויך הינטער איר. דאָ שפּאַנט מען אויף באָדן. און דאָ דאַרף מען אויך צוריק אויפשטעלן די צוזאַמענ־געפאַלענע ווענט, איבערדעקן א דאַך און אָנשלאָגן די נייע היים.

דער תימנער קעמל־טרייבער האָט א צי געטון די לאַסט-חיה ביים צוים, און דער קעמל האָט אַנידערגעקניט. ער האָט פונאַנדערגעבונדן די שטריק. דאָס געפּעק האָט זיך צעשאָטן אויף דער ערד. לייב אַליין, די קינדער און דער קעמל-טרייבער — יעדער האָט געכאַפּט א וואַליזע, א פּאַק בעטגעוואַנט און זיך געלאָזט צום האָטעל־אריינגאַנג.

אויף דער שוועל איז אַקעגנגעקומען אַן עלטערע, דיקע פרוי, מיט

אַ גרויען קאָפּ, זאָרגפעלטיק פאַרקעמט אין אַ גלאַטן מיטל־שרונט. דאָס איז געווען די אייגנטימערין פון האָטעל. זי האָט באַגריסט די מידע אימיגראַנטן און מיט אַ וואַרעם שמייכעלע געפרעגט:

— פון ראָסייע?

— פון פוילן.

— אַבי אַריבערגעקומען די ימען... — האָט די פרוי אָנגעיאָגט אַביסל היימלעכקייט אויף די גרינע — דאָ וועט אַלץ גוט ווערן. איר וועט נישט באַדויערן...

— נישט אַזוי לייכט וועט זיין זיך צוצופּאַסן צו אַ ניי לאַנד — האָט רחל זיך אָנגערופן.

— מיט דרייסיק יאָר צוריק האָב איך אויך אַזוי גערעדט — האָט די באַלעבאָסטע געלאָזט וויסן, אַז די טענות זענען פאַר איר נישט ניי — און דעמאָלט איז מען נישט פאַרפאָרן אין קיין האָטעלן... אין ביידלעך האָט מען געוווינט. מען האָט געזוכט וואַסער און מען האָט געזוכט ברויט. פונדעסטוועגן האָט זיך קיינער נישט צוריקגעזעצט אויף די שיפן...

— איר וווינט שוין דאָ דרייסיק יאָר? — האָט רחל געעפנט אַ פּאָר אויגן.

— כ'בין געקומען מיט די בילוי"צעס... מען איז אַוועק פון ראָסייע, פון די צאָרן און אויך דאָ האָבן אונדז געוואַרט פּלאָגענישן... כ'האָב מיין מאַן דאָ פאַרלוירן... די צייט פאַרווישט אַלץ... אָבער וואָס שטייט איר אין דרויסן? דאָס צימער וואַרט אויף אייך.

ווי נאָר רחל האָט זיך איינגעשטעלט אין איר האָטעל־צימער, אויפגעפּאַקט די זאַכן, צעהאַנגען די מלבושים, האָט זי זיך דערשפּירט מונטערער. נישט נאָר האָבן דער באַלעבאָסטעס רייד זי אַביסל אויפגערוימט, נאָר זי אַליין, דערשפּירנדיק אַ דאַך איבערן קאָפּ, האָט אויך געיאָגט פון זיך יעדן שפּור פון אומעט. איר פּראַקטישער חוש אויפצונעמען פּאַסירונגען אַזוי ווי זיי קומען, דער דראַנג שלום צו מאַכן מיט פיינלעכע איבערראַשונגען, וואָס זי האָט אָנגעווענדט אַ גאַנץ לעבן, און וואָס זי האָט איבער די ימען געהאַט פאַרלוירן — דאָס אַלץ האָט זיך גענומען וועקן

אין איר. דאָס קענגשטעלן זיך, די פאַרביטערונג צום אָרום — איז גע־
וועזן איבעריק. און צו וואָס דער ווידערשטאַנד? לייב איז שוין דעם ים
אַריבער. איצט בלייבט נאָר מיט אים מיטצושפּרייזן, טריט ביי טריט,
און אָנהייבן אַלץ פון דאָס ניי.

דאָס ערשטע האָט רחל צוגעגרייט אַ מאָלצייט. זי האָט אָפּגעקאָכט
האַרטע אייער, האָט צעשטעלט אויפן טיש אַ טעלער צעשניטענעם הע־
רינג, אַ פלאַטשיק אַראַביש ברייטל. אויסגעהונגערטע האָבן אַלע זיך צו־
געזעצט צום טיש. איטלעכער האָט געגעסן מיט אַזאַ אַפּעטיט, לויבנדיק
יעדן ביסן, ווי אויפן טיש וואָלט נישט געשטאַנען אַ הערינג־סעודה, נאָר
געבראָטענע מאכלים. לייב אַליין האָט געשוויגן, זייענדיק צופרידן, וואָס
קיינער האָט נישט קיין טענות, נישט צום נייעם ברויט, נישט צו דער
נייער ערד.

פון דעם טרעפּן־הויז האָט זיך באַוויזן די באַלעבאָסטע, טראָגנדיק
אין איין האַנט אַ בעזים, אין דער צווייטער — אַ בייכיקע טיש־לאָמפּ.
דערלאַנגענדיק דאָס רחלען האָט זי געזאָגט מיט אַ ווייכן שמייכל:

— ביז איר וועט זיך איינקויפן אייגנס — נוצט דערווייל דאָס גע־
זונטערהייט!

לייב קאַרפּ איז געווען גערירט, וואָס גלייך ביים איבערטרעטן די
שוועל, הערט ער אַ וואַרעם וואָרט, טרעפט ער אָן אַן אויסגעשטרעקטע
האַנט. און רחל האָט דאָס אָנגענומען פאַר אַ גוטן סימן. הייסט עס, זי
איז אַראָפּ פון שיף מיטן רעכטן פוס!

זי האָט פאַרהאַלטן די באַלעבאָסטע ביים אַרויסגיין:

— איר וועט מיר גלייבן? זינט אונדזער חתונה האָט מיין מאַן נישט
פאַרפעלט קיין איין טאָג זיין חלק פלייש. היינט, דאָס ערשטע טרוקענע
עסן אין ארץ־ישראל שמעקט אים בעסער ווי געגנדזנס...

פון יענעם טאָג אָן האָט רחל אַלץ גענומען פאַר ליב. דער מאָגערער
טיש, די אָרעמקייט אין שטוב — איז מער נישט געווען קיין שטערונג
אין דער באַלעבאַטישקייט. דער עיקר — לייב זאָל מער נישט האָבן קיין
פאַרדאַכט, אַז זי, רחל, איז פאַרביטערט. דאָס וועט אים מוטערן, צו־
געבן קוראַזש ביים זוכן אַ נייע פּרנסה.

דערווייל האָט מען געלעבט פון גרייטן געלט. דערפאַר איז רחל גע־וען שפּאָרזאַם מיט יעדן גראָשן. האָבנדיק אין זינען, אַז אַ ברונעם שעפּט זיך אויך אויס, איז איר אויסגערעכנטקייט דערגאַנגען ביז קאַרגשאַפט. אויסבייטנדיק איין ענגלישן פונט שטערלינג נאָכן צווייטן, האָט רחל אַלץ געשאַצט די ווערט פון די געקויפטע זאַכן אויף פּויליש געלט. אין מאַרק האָט זי געקויפט מציאות. ביי די שכנטעס האָט זי זיך אויסגעלערנט מאַכן פּאָטראַוועס און שפּייזן. אפילו די פאַרשידנערליי גרינסן, וואָס זע־נען קיינמאָל פריער אויף איר טיש נישט אַרויפגעקומען, האָבן איצט פאַרנומען דעם אויבן־אָן ביי אירע טעגלעכע מאָלצייטן. פון טאָמאַטן און אוגערקעס האָט זי צוזאַמענגעשטעלט באַטעמטע סאַלאַטן, פון ספּינאַטש האָט זי געמאַכט קאָטלעטן מיט אַן עכטן פליייש-טעם... און דער ארץ-ישראלדיקער בוימאייל? — פעטער פון הינער-שמאַלץ!

רחל האָט זיך געקענט שוין גוט אויף דער צורה פון די מטבעות. און ווייל לייב האָט זיך עם געוווּנטשן, האָט זי געקליבן נחת פון תל-אביב, פון די ווייסע ליכטיקע הייזער. זי האָט גיך אויפגעכאַפּט העברעאישע און אַראַבישע ווערטער און זיי גוט צעקייט. אפילו צו דער הייסער זון, וואָס האָט געבאַקן אין טבת, פונקט אַזוי ווי אין תמוז, האָט זי זיך צוגעוווינט. בלויז אויף די תל־אביבער גאַסן אָן טראָטוארן, וווּ מען האָט געמוזט שפּרייזן אין טיפן, קאָכעדיקן זאַמד, האָט זי זיך געקלאָגט. מען בויט אַ שטאָט — איז איר טענה געווען — מען שניידט גאַסן און מען פאַרגעסט אָן די טראָטואַרן... ס'איז איר שווער געווען צוויי מאָל אַ טאָג צו טאַפּ־טשען מיט דעם אָנגעלאָדענעם מאַרק־קויש אין די זאַמד־כוואַליעס. דער־פאַר האָט דער זון, בנימין, זיך נישט געשראָקן נישט פאַר די היצן, נישט פאַר די זאַמדן. ער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די קליידער, האָט אַרויפ־געצויגן קורצע הייזלעך, אָנגעטון געשנורטע סאַנדאַלן און גאַנצע טעג פאַרבראַכט אויף די זאַמד־פעלצער און ביים ים-ברעג.

איין אלישבע איז געבליבן אַן אָפּגעשלאָסענע. פונקט ווי איר מאַמע, האָט זי אויך גלייך פון אָנהויב נישט געקענט זיך אַריינפּאַסן אין דעם נייעם לעבן. פון אַלץ וואָס אַרום איר האָט געאָטעמט מיט נייקייט און פרעמדקייט. פאַר אירע זיבעצן יאָר איז דער איבערגאַנג געווען צו האַס־

טיק. און כאטש זי האט זיך אפט געטראפן מיט אירע שיף־שוועסטער, צוזאמען מיט זיי געמאכט שפאצירן איבער תל־אביב, אויסגעקוקט יע־דעם נישט־דערבויטע הויז, יעדעס אפענע ווינקעלע, האט פונדעסטוועגן א בענקעניש, דאס בענקעניש, וואס מען קען נישט אנרופן ביים נאמען, פון איר נישט אפגעטרעטן. זי האט דאס בענקעניש נישט געקענט פאר־טרייבן, אפט זיך געפילט אומהיימלעך און זיך דערויף געקלאגט.

רחל האט איר טאכטער פארשטאנען און געזוכט צו פאריאגן איר אומעט:

— זאל מען זיך איינשטעלן מיט פרנסה, אלישבע, וועסטו אינגיכן מאכן א לוסט־רייזע קיין פוילן...

לייב קארפ איז נישט צופרידן געווען מיט אזא טרייסטן. זיין צוזאג איז געווען אנדערש:

— וועסט זיך אביסל אויסגרינען, טאכטער, וועסט זיך ארומקוקן איבערן לאנד און איך בין בטוח, אז א קאלאניסטס א זון וועט דיך אפ־זוכן...

א פאר וואכן שפעטער האט לייב זיך ארויסגעצויגן פון האטעל. גע־טון האט ער עס צוליב שפארזאמקייט. די דירה, וווּ ער האט זיך אריינ־געקליבן, איז געווען אין דעם ארעמען, אפגעלעגענעם קווארטאל נוה־צדק. דער קווארטאל איז באשטאנען פון א קנויל ענגע געסלעך, וואס האבן אפגעטיילט די אלטע שטאט יפו פון דער יונגער וואקסנדיקער תל־אביב. די דירה, א פארלאזענע, איז געשטאנען אין א נידעריקן אראבישן הויף. די ווענט, דער סופיט — אלץ באשלאגן מיט צוגעפוילט האלץ. קיין זכר פון פארב. רחל, וואס האט שוין שלום געמאכט מיט א סך אומבא־קוועמלעכקייטן, האט אט די דירה נישט געקענט אויפנעמען מיט א גרינג געמיט.

דער איבערגאנג האט דאס מאל אזוי דערשלאגנדיק געווירקט, אז זי האט זיך שיער נישט פונאנדערגעוויינט. אריבערטרעטנדיק די שוועל, האט זי געלאזט וויסן דעם הויזווירט:

— ביי אונדז אין דער היים האבן די שטאלן שענער אויסגעזען!

דער הויז־ווירט, א געבויגענער זקן, אין א טערקיש היטל, מיט א

פֿאַר ברעמען, שווערע און שטייפֿע, ווי הערנער, האָט מיט פֿאַרדאַכט באַטראַכט זיינע נייע לאָקאַטאָרן און אַרויסגעלאָזט אַ געבייזער:

— איר, אַריבערגעקומענע, בענקט שוין דעם ערשטן יאָר נאָך דעם סיר־הבשר און נאָך די פּאַלאַצן... און מיר, איינגעזעסענע, נאָך פֿערציק יאָר מוטשעניש, האָבן מיר נאָך אַלץ גענוג אַזוינע שטאַלן!

עטלעכע טעג שפּעטער האָט די וווינונג באַקומען אַן אַנדערן אויסזען. רחלס האַנט — די האַנט פֿון אַ באַלעבאָסטע — האָט אָפּגעווישט די מרה־שחורה פֿון די ווענט. און ווייל דאָס אייגענע שיינע מעבל איז נאָך געשוווּמען איבער די ימען, האָט לייב דערווייל אַריינגעשטעלט אַן אויס־געבאָרגטע שאַפֿע, אַ טיש, אַ פּאָר בעטן. אויך דער געבלימלטער טישטוך, די אויסגעהאָפֿטענע גאַרדינען אויף די פֿענצטער, האָבן אַריינגעטראָגן פֿרישע ריחות. און די אָרעמע צוויי צימערן זענען געוואָרן ליכטיקער, זוניקער.

און ווי רחל איז געווען פֿאַרנומען מיט צופּאַסן זיך צו דער נייער ווירטשאַפֿט, אַזוי האָט זי פֿאַר איין מינוט נישט אויפֿגעהערט צו טראַכטן ווי נאָך גיכער זיך צו דערשלאָגן צו אַ פּרנסה. פֿאַר אירע עצות האָט לייב שטענדיק געהאַט אַן אָפֿן אויער. פּלענער זענען געווען פֿאַרשידענע. אין די אָוונטן, ווען לייב איז צוריקגעקומען פֿון אַ גאַנצן טאָג אַרומזוכן לאַנדסלייט, שליסן באַקאַנטשאַפֿטן, האָבן ביידע זיך געזעצט צום טיש. נישט אַזוי ווען וועט מען זיך נעמען, נאָר צו וואָס וועט מען זיך נעמען, איז געווען זייער זאָרג. אויסזיכטן האָבן נישט געפֿעלט. דערצו האָט מען אָבער געדאַרפֿט געלט. אַן אומגעדולדיקער האָט לייב אָפּגעוואַרט דאָס אָנקומען פֿון די סחורות, וואָס ער האָט איינגעקויפֿט אין ווין. ער האָט געטראַכט באַלד פֿון האַפֿן אַרויס די סחורות צו פֿאַרקויפֿן, פֿאַרוואַנדלען אין מזומנים, ער זאָל קענען צעפֿירן זיינע הענט. יעדן טאָג איז ער גע־גאַנגען צו די שיפֿן. זיינע סחורות זענען אַלץ געווען אונטערוועגנס. פֿאַר לייב קאָרפּן איז דאָס וואַרטן געווען אַן אָפּקומעניש.

אויפֿן דריטן חודש, אין אַ האַסטיקן רעגן־טאָג, ווען די שווערע, אָנגעלאָפֿענע שבת־וואָלקנס כליאָפּען אָן אויפֿהער, איז לייב קאָרפּ צוריק־געקומען פֿון האַפֿן אַ דורכגעווייקטער מיט אַ בשורה אויף די ליפּן:

— רחל, די שיף איז אָנגעקומען.

— מיט די סחורות?

— יאָ. און נאָך היינט וועט מען אויסלאָדענען.

— וואַרטן דאַרף מען קיין איין שעה נישט, לייב! איך וועל מיט־גיין צום פּאָרט.

דעם זעלבן נאָכמיטאָג זענען לייב מיטן ווייב אַראָפּגעפאָרן קיין יפו. ביים באַן־טויער פון תל־אביב, וווּ ס'הייבט אָן לויפן אַ ברוקירטער שאָסיי ביז צום יפוער ים־ברעג, זענען געווען אויסגעשטעלט אַראַבישע דיליזשאַנסן, וואָס האָבן געפירט צו די אַלטשטאָט־געגנטן. זיי האָבן זיך אַריינגעזעצט אין אַ דיליזשאַנס, געשפּאַנט אין צוויי פערד, וואָס האָט זיי געפירט דורך דעם קוואַרטאַל נוה־צדק, דערנאָך אַריינגעפאָרן אין די שמאָלע ים־געסלעך און ווען זיי זענען אָנגעקומען קיין יפו, האָט דער דיליזשאַנס מיט אימפּעט זיך דורכגעריסן דורך מערק, דורך אויסגעוועלבטע טויערן, ביז ער האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַן אָפענעם ליק, וואָס האָט געפירט צום האַפן.

לייב מיט רחלען זענען געבליבן שטיין פאַר אַ קאַלטער מויער. דער רעגן האָט אויפגעהערט גיסן. אַ ווינט האָט פייפנדיק געבלאָזן און גע־טרוקנט די צעווייקטע ערד. דער זון־בלישטש, וואָס האָט צוגעדעקט די ווייסע קופּאָלן פון די אַרומיקע בלינדע הייזער האָט געפינקלט ווי אַ גע־פּוצטער קופּער.

רחל איז געשטאַנען אַ פאַרלווירענע. זי האָט שוין פאַרגעסן דעם טאָג, ווען זי איז אַראָפּקומענדיק פון דער שיף פאַרבייגעגאַנגען אָט די פּלעצער. און אַ געפיל, ווי מען וואָלט זי אַריינגעשטעלט אויף אַ פרעמדן ווייטן יאַריד, האָט זי באַהערשט. פונדעסטוועגן איז זי געווען אויפגעלייגט. דער געדאַנק, אַז די אָפּגענומענע סחורות וועט מען פאַר־צוקערן, איבערצאָלן אַפילו די פרייזן און זי וועט האָבן די מזומנים, מיט וואָס איינצופעדעמען אַ געשעפט — האָט איר צוגעגעבן מונטערקייט. לייב, פאַרקערט, האָט זיך גלייך דערשפּירט נישט פרעמד אין אָט די ערטער. פון זיינע טעגלעכע וויזיטן אין האַפן האָט ער דאָ געקענט יע־דעם געסל, יעדן ליק, וואָס האָט געפירט צום אָפענעם ים.

אַ געבויגענער וואַסערטרעגער מיט אַן אָנגעפּולטן לאָגל איז זיי אַקעגנגעקומען. ער האָט געעפנט אַ מויל בליאַסקענדיקע, לאַכנדיקע ציין אויף דער צעטומלטער רחל. לייב האָט אים אויסגעמיטן. ער איז נאָכגעגאַנגען אַ האַרדע באַלאָדענע אייזלעך, געטריבן פון אַ הויכן באָרוועסן אַראַבער. דאָס געסל וואָס איז געלאָפן באַרג־אַראָפּ, איז געווען ענג באַזעצט פון ביידע זייטן מיט אַראַבישע גאַר־קיכן. פון די גאַר־קיכן האָבן זיך געטראָגן שווערע, געבראָטענע פלייש־ריחות, וואָס האָבן געקרעלט אין האַלדז.

וואָס נענטער לייב מיט רחלען זענען צוגעקומען צו די אָפענע ים־ברעגן, אַלץ מער שיף־קוימענס האָבן זיך אַרויסגעהויבן פון די וואַסערן. לייב האָט אָנגעוויזן רחלען אויף דער נידעריקער מויער, וואָס האָט אָפּגעטיילט די שטראָמענדיקע כוואַליעס פונעם ברעג. אונטן, צופוסנס דער מויער, האָבן שמאָלע שיפלעך, געפירט פון עלטערע פישער, זיך געוויגט. אַרום די שיפלעך האָבן ברוינע, נאַקעטע יינגלעך זיך געבאָדן און געמאַכט „נורקעס" אונטער די פּאַטשנדיקע כוואַליעס.

פאַרן צאָל־אַמט האָט לייב קאַרפּ זיך אָנגעגרייט דעם טייסטער מיט קוויטירונגען און פראַכט־שיינען, וואָס ער האָט נאָך געפירט מיט זיך פון ווין. אַריינקומענדיק אינעווייניק האָט ער אָנגעטראָפן אַ גערודער. איבער לאַנגע בענק זענען געווען אָנגעוואָרפן וואַליזקעס, קופערטס, פאַר די געפעק זענען געשטאַנען עולים, וואָס זענען נאָר־וואָס אַראָפּ פון דער שיף. זיי האָבן געפילדערט, געעפנט פאַר די באַאַמטע זייערע וואַליזעס, ווייזנדיק, אַז זיי שמוגלען נישט אַריין קיין טאַבאַק, קיין געווער.

אַ באַאַמטער, אַ פעטער, מיט אַ רויטער פּעסקע, אַראָפּגערוקט איבערן שטערן, איז אַנטקעגנגעקומען מיט אַ פּאַק רעכענונגען. ער האָט געפרעגט לייבן אויף העברעאיש:

— איר האָט פראַכט־שיינען אַרויסצונעמען די סחורות?

— יאָ.

דער באַאַמטער האָט אין איילעניש דורכגעקוקט לייבס פראַכט־שיינען און אָפּגעפּסקנט:

— אָפּלאָדעגען וועט מען היינט. אַרויסנעמען די סחורות וועט איר אין צוויי וואָכן אַרום.

— כ׳וואַרט שוין אויף די סחורות דריי חדשים! — האָט לייב זיך אָנגערופן.

— מען זיצט שוין אָן פּרנסה איבער אַ האַלב יאָר, אַ פאַמיליע פון פיר נפשות — האָט רחל אַרויסגעשטעלט טענות צום באַאַמטן.

— כ׳קען נישט העלפן. ס׳וועט קאָסטן לאַגער-געלט.

דער באַאַמטער האָט אָוועקגעבויגן דעם קאָפּ. דער פרענז פון דער פעסקע האָט אים אַ שמיץ געטון איבערן שטערן און ער איז פאַרשוווּנדן אונטער די צאָל-בענק.

אַזאַ ברוך-הבא האָט לייבן נישט געשמעקט. ער האָט זיך איבערגע-קוקט מיטן ווייב. רחל האָט דעם באַאַמטן נאָכגעזוכט מיט די אויגן, אַריבער די אָנגעפּראָפּטע בענק, אַריבער די קעפּ פון די פילדערנדיקע אימיגראַנטן. איר בייז הארץ, וואָס איז געווען פול מיט ביטערנישן און פּאַרדרוסן, איז זי גרייט געווען צו אים אויסצולאָזן. אַזוי דאַרף רעדן אַ באַאַמטער, צו לייבן? צו אים, וואָס האָט צעבראָכן אַ היים, אַוועקגעוואָרפן אַ מלכותדיק לעבן און זיך געשלעפּט מיט האַק און פּאַק אַהער? און ווער איז דער באַאַמטער? אַן אַראַבער וואָס רעדט העברעאיש? ווען זי זאָל נאָר קענען מיט אים זיך צונויפרעדן!

אַ הויכער צעפליישטער מאַן, אין אַ פעסקע, מיט אַ פייקע פון עלע-פאַנטביין צווישן זיינע גראָבע ציין, האָט זיך צוגערוקט צו לייבן און אים איינגערוימט אויף יידיש.

— זייט נישט באַזאָרגט. ס׳וועט ווערן אויסגעלאָדן...

— נאָך היינט?

— אפילו איצט. ס׳דאַרף עפּעס קאָסטן...

— כ׳זאָל געבן כאַבאַר? — האָט לייב אָנגעקוקט דעם פרעמדן מיט חשד.

דער צעפליישטער מאַן האָט אַ קוק געטון אויף לייבן, אַרויסגענומען פון אַ מאַש אַ בייטשל בורשטין-קרעלן, גרויסע, ווי וועלשענע ניס, דער-נאָך האָט ער געלאָזט פאַלן אַ שמייכל און זיך גענומען דערווייטערן.

אוים מורא, ער זאָל אָט דעם אומגעריכטן ארויסהעלפער נישט פאַר־לירן, האָט לייב אים נאָכגעשפּאַנט. ער האָט א ווייז געטון מיט א פינ־גער אויף דעם פּעטן באַאמטן, וואָס איז געשטאַנען הינטער דער צאָל־באַנק.

— א ייד?

— א יהודי. אוודאי! א פרענק. און וואָס איז דער חילוק? פרענקן, אראַבער. אָן ממתקים רירן זיי זיך נישט. כ'בין אויך איינער פון זיי... א זכר פון טערקס צייטן.

לייב האָט זיך ארומגעזען, אז ווען ס'האַלט ביים טיילן, קומט אים, דעם פאַרמיטלער אויך שכר־טרחה. די באַנדע ארבעט בשותפות. זיין בליק האָט זיך צונויפגעטראָפן מיט רחלס בליק און געוואַרט אויף איר איילנדיקן באַשלוס. רחל, וואָס האָט שטענדיק דערקענט איר מאַנס פאַר־לעגנהייט לויט דער באַרווע פון זיין פּנים, איז געווען פעסט ביי זיך נישט נאָכצוגעבן, נישט אָנצושטאָפּן די „דאַרמאַיעדניקעס" די קעשענע־באַרייסערס, וואָס דרייען זיך ארום אין אַלע האַפן־שטעט פון דער וועלט. זי וועט אויפמאָנען וואָס איר קומט אָן פאַרמיטלערס. זי האָט א זאָג געטון מיט פאַרוואורף:

— נו לייב, האָסטו שוין אין ארץ־ישראל „מאַכערס" אויך!

נישט צו פאַרענטפערן ארץ־ישראל איז לייבן איצט געלעגן אין זי־נען. נאָר צו פאַרענטפערן זיין פאַרלעגנהייט. פון איין זייט דער „מאַכער", וואָס וויל פאַר א שטעק אונטעריאָגן דאָס אראָפּלאָדענען די סחורות, פון דער אַנדערער זייט רחל, די אשת־חיל, וואָס שטעלט אַלץ אויף איר עקשנות. ער האָט זיך אָנגערופן:

— מיט בייזן, רחל, וועט מען זיך אליין טון שאַדן!

ס'האָט אים גענומען א שטיקל צייט איבערצורעדן דאָס ווייב. ארויסכאַפּנדיק דעם פּאַק מיט דאָקומענטן, האָט ער אויפגעוויקלט פאַר איר יעדן פּראַכט־שיין, יעדע קוויטאַנציע, האָט אויפגעוויזן, אז איטלע־כער טאָג, וואָס גייט אַוועק, שטעלט אים בדלות און ווער נאָך, ווי זי, ווייסט וואָס עס הייסט, לעבן חדשים פונעם גרייטן?

דעמאָלט האָט רחלס צושטימונג לאַנג נישט געדויערט. די שפּע־

טערדיקע פארדינסטן פון די סחורות — האָט זי אויסקאַלקולירט — וועלן אַלץ פאַרגיטיקן. זי האָט איינגערוימט ליבן, וויפל געלט ער זאָל זיי אָנבאָטן.

און אַז דער צעפּליישטער מאַן מיט דעם בייטשל בורשטין־קרעלן האָט אַראָפּגעלאָזט צו זיך אין קעשענע פינף פּאַפּירענע פונט, האָט ער אַ נעם געטון ליבס פּראַכט־שיין און אַוועקגייענדיק איבערגעלאָזט אַ צוזאָג:

— אַזוי וועט איר בעסער אָפּשניידן. צוויי וואָכן לאַגער־געלט וואָלט אָפּגעקאָסט אַן אוצר.

באַלד האָט ער זיך צוריקגעקערט, ווי ער וואָלט עפּעס פאַרגעסן און צוגעגעבן:

— אונדזער באַקאַנטשאַפט וועט אייך ברענגען מזל. איך הייס ישראל חזן. אַ פּאַרמיטלער, אַ באָדן־מעקלער, אַ מלוה־ברבית און אפילו אַן אויס־גלייכער פון סכסוכים... ארץ־ישראל איז קליין. מיר וועלן זיך נאָך באַ־געגענען...

נאָך זיין אַוועקגיין איז צוגעקומען אַ שווערער, דיקער אַראַבער מיט אַ פּאָר וואָנצעס, שיטערע ווי פּרענזן. ער האָט ליבן מיט רחלען אַריינ־געפירט אין אַ זייטיקער געביידע, וווּ מען האָט רעווידירט די פּראַכט־סחורות. אַ ברייט אָפן טויער האָט אַרויסגעקוקט צום ים. פונעם טויער האָט אַ שטיינערנע טרעפּ זיך אַראָפּגעלאָזט אין וואַסער אַריין, ווו קליינע פישער־שיפלעך האָבן איינס נאָך ס'אַנדערע געהאַלטן אין אָנשווימען און אַרויסשליידערן געקאָוועטע קאַסטנס, פּעסער און זעק.

ליב קאַרפּ האָט געקוקט אויף די שוימענדיקע כוואַליעס, וווּ אַ גרויסע, דריי־קוימענדיקע שיף האָט זיך אונטערגעוויגט. פעלדזן באַדעקט מיט גרינעם מאָך האָבן אָפּגעטיילט די ים־טרעפּ פון דער שיף, נישט צו־לאָזנדיק זי צום ברעג.

און ווען ביידע, מאַן און ווייב, האָבן געגאַפט צום אָפענעם ים, איז אונטערגעקומען דער דיקער אַראַבער מיט די שיטערע וואָנצעס, ווי פּרענזן, און אָנגעזאָגט אַ בשורה:

— מען עפנט שוין אייער פּראַכט.

אַן איבערראַשטער האָט ליב קאַרפּ זיך אויסגעדרייט. קעגנאיבער

האָבן צוויי באַאמטע מיט האַמערס אין די הענט גערים דראַטענע רייפֿן, אויפֿגעבראָכן ברעטער פֿון די קאַסטנס. לייב האָט די קאַסטנס דערקענט, די פֿעטע אויפֿשריפֿטן, די סטעמפּלען, וואָס די ווינער באַן־אינספּעקטאָרן האָבן אַרויפֿגעלייגט — אַלץ איז געווען פֿריש. מיט איין שפּרייז איז ער געשטאַנען פֿאַרן הויפּט־רעוויזאָר, וואָס האָט לויט די פֿראַכט־שיינען קאָנטראָלירט די נומערן פֿון טראַנספּאָרט. אַ צווייטער האָט גענומען אויספּאַקן, שלעפּן פֿון די געעפֿנטע קאַסטנס פּרויען־שיך, קליידער, זיידענע וועש:

— וואָס איז דאָס?

— שיך. — האָט רחל געענטפֿערט פֿאַרן מאַן.

— ווינער דאַמען־שיך? — האָט דער באַאַמטער מיט ביטול זיך צעלאַכט — פֿאַר וועמען? פֿאַר די מאַכמעדאַנישע פֿרויען, וואָס טראָגן שלייערס אויף די פּנימער?

איידער לייב האָט באַוויזן אַרויסצוקומען פֿון דער פֿאַרלעגנהייט, האָט זיך באַוויזן ווידעראַמאָל דער שווערער, דיקער אַראַבער מיט די שיטערע וואָנצעס ווי פֿרענזן. ער האָט שפּאַטיש אַ שלעפּ געטון אַ בלויע זשאָרזשעט־קלייד מיט פֿליגלען און אונטערטראַגנדיק דאָס די באַאַמטע פֿאַר די אויגן, זיי זאָלן אויך הנאה האָבן פֿון דעם שפּאַס, האָט ער אויסגעשאָסן מיט אַ הויך געלעכטער:

— און דאָס? די באַל־קליידער? וועמען וועט איר דאָס פֿאַרקויפֿן? די פֿעלאַכינס? די נאָנעס אין ירושלים? צי גאָר די באָרוועסע חלוצות אין די קאָלאָניעס?

ביי רחלען האָט געבריט דאָס פּנים. ס'האָט איר פֿאַרדראָסן דעם אַראַבערס פֿרעכקייט. אַריבערצופֿירן דעם טראַנספּאָרט איבער ימען האָט אָפּגעקאָסט אַ פֿאַרמעגן. דמים און ממון האָט מען אַריינגעלייגט אין די שיפֿן. און דאָ אַזאַ ווילקאָמען!

לייב איז געשטאַנען אַ געקרענקטער און זיך געשעמט צו קוקן רחלען אין די אויגן.

נאָכן רעווידירן האָט ער גיך באַצאָלט די שטייערן און דער טראַנספּאָרט איז איבערגעגאַנגען אין זיינע הענט. אַרויסגייענדיק פֿון דער טונ־

קעלער צאָל־אַמט־געביידע, אין אַ שמאָל געסל, וואָס איז געווען פול מיט קעמלען און שלעפּ־אייזלען, האָט ער אָפּגעזוכט צוויי לאַסט־וועגענער. ער האָט זיך אויסגעדונגען מיט די פורמאַנעס. באַלד האָבן די וועגענער, אָנ־געפּאַקט מיט זיין לאָדונג, גענומען ציִען קיין תּל־אביב. און לייב האָט שטום זיך איבערגעקוקט מיט רחלען.

אייגער דעם אַנדערן האָט גאָרנישט געפרעגט. נאָר איןביידנס אויגן, אויף ביידנס ליפּן איז געלעגן די זעלבע מאָנונג:

— ווען וועט מען פאַרקויפן די ווינער דאַמען־שיך און באַל־קליי־דער? ווען? די אַראַבערקעס, וואָס טראָגן שלייערס אויף די פּנימער, צי נאָר די באָרוועסע חלוצות אין די קאָלאָניעס?

קאַפּיטל פיר

דער ערשטער דורכגעפאַלענער מסחר

לאַנג זענען די קאַסטנס מיט סחורות ביי לייב קאַרפּן נישט געשטאַנען פאַרמאַכט. באַלד צומאָרגנס, ווען ער איז אַרויס אין גאַס, אויסשפּירן קונים אויף זיין ווינער איינקויף, האָט ער פון אָנהייב אָנגעטראָפן אויף טויבע אויערן. ער האָט אָפּגעשטעלט עטלעכע מעקלערס אויף דער הערצל־גאַס, וואָס האָבן אים קיין גוואַלדיקע צוזאָגן נישט געמאַכט, פאַרקערט, טייל האָבן מיט איין וויש צו נישט געמאַכט זיין גאַנצן אויפטו. אויב שוין יאָ אויסבייטן מיליאָנען פּוילישע מאַרקן אויף סחורות, האָט ער באַדאַרפט איינקויפן אַ גאַנצן וואַגאָן מיט סיפאָנען, סאָדע־וואַסער־פלעשלעך, עלעקטרישע ווענטילאַטאָרס — אַט וואָס אַ הייס לאַנד דאַרף האָבן!...
לייב האָט פון די בשורות געקריגן קאַלטע פיס. אַרויסגעהאָלפן האָט אים זיין לאַנדסמאַן און שיף־ברודער אַנשל פעלדשטיין, וואָס איז געקומען קיין ארץ־ישראל נישט „אויסצושפּירן", נאָר שוין צו אַ גרייטער זאַך, צו זיינע דערוואַקסענע זין. פעלדשטיין האָט אָפּגעשטעלט אַ וויזיט לייבן אין אַ קילן זוניקן פרימאָרגן. דאָס פּנים האָט ביי אים געלויכטן. די בלאָנדע קאָרן־באָרד איז געווען צעקעמט און מיט אַ מינע פון איינעם, וואָס האָט שוין זיינע חשבונות מיט דער וועלט אונטערגעצויגן, האָט ער זיך באַגריסט מיט לייבן:

— שלום און ברכה! וואָס האָט מען שוין אויפגעטון?

— דערווייל זוכט מען נאָך אַלץ, פעלדשטיין, מען שנאַפּט... ווען איך זאָל קענען פאַרקויפן אַט דעם טראַנספּאָרט — האָט ער אָנגעוויזן אויף די פולע קאַסטנס אַרום די ווענט — כ'מיין, פאַרקויפן מיט איין

קלאפ — דעמאלט וואלט איך געקענט צעפירן די הענט... אזוי זיץ איך ווי א געליימטער...

— און איך האב געמיינט — האט די אומצופרידענע רחל זיך ארייג־געמישט — אז מען וועט די סחורות צעכאפן באלד ביים אויסלאדענען. וויזט אויס, מען האט געבראכט די ארטיקלען צו פרי... אבי זיך געאיילט! די ארץ־ישראלדיקע מענטשן דארפן נאך נישט קיין ווינער „גארדעראָ־בעס"...

פאר פעלדשטיינען האט רחלס טענה געקלונגען אומהיימלעך. ער, וואס האט קיינמאל נישט געזוכט און דערפאר אויך נישט געפונען קיין פנימה אויפן לאנד, האט נישט גערן געענטפערט מענטשן, וואס האבן אויסצוזעצן קעגן ארץ־ישראל. ער האט פארשטאנען רחלס פארביטערט־קייט — די פארביטערטקייט פון א פרוי, וואס זעט איר צעשלאגענע היים. און דערפאר האט ער ליב געהאט איצט אנצוהאלטן דעם שמועס בלויז מיט לייבן, וואס ווייסט, פונקט ווי ער, אז פאר ארץ־ישראל דארף מען ברענגען קרבנות און שווערע קרבנות. ער האט זיך אנגערופן:

— כ'האב פאר אייך א פלאן, קארפ... אויב איר ווילט מיט מיר זיך דורכגיין.

רחל, ווי זי וואלט איבערגעכאפט מיט איר אנצוהערעניש, האט דערווייל צעשטעלט איבערן טיש א טעלער מיט גאלדיק־רויטלעכע פאַ־מעראנצן, גרייט צו פארהאלטן דעם גאסט, אים אויפווארטן מיט כיבוד. אבער פעלדשטיין איז שוין געווען ביי דער טיר. אננעמענדיק די קליאמ־קע, האט ער מיט א שמייכל זיך פארענטפערט:

—ערגערט זיך נישט צוליב דעם כיבוד. כ'וועל עס פארריכטן ביים צווייטן מאל.

אין דרויסן זענען לייב קארפ מיט פעלדשטיינען געגאנגען מיט דעם נעדרייטן נקדימון־געסל, ווו פוןביידע זייטן האבן זיך געצויגן הייף מיט נידעריקע פלויטן. פעלדשטיין האט געשוויגן. זיי האבן ארייגעדרייט אין א זאמדיקן פלאץ און פארבייגעגאנגען א באיארטן פרדס, ווו פון די אנ־געלאדענעביימער האבן אראפגעשווערט צווייגן מיט רויטלעכע — פון רעגן אויסגעוואשענע — פאמעראנצן. פעלדשטיין האט אנגעקוואלן פון

די רייפע, גאָלדענע פרוכטן, וואָס האָבן געזונקען צו דער ערד, כאַטש נעם און פליק זיי אָפּ קנופּנווייז! פאַרטראַכטערהייט האָט ער זיך אָנגע־שטויסן אויף אַ פאַרבייגייער, אַ ספרדישן הענדלער פון געזאַלצענע בייגל און אים לאַנג נאָכגעקוקט. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט אַרויס־גערופן אין גאַס אַריין לייבן אים עפּעס צו זאָגן און אָנגעהויבן:

— ס'איז מיר איינגעפאַלן, אַז כ'קען אייך מיט עפּעס העלפן. און דאָס אויך נאָר מיט אַן עצה. מיין זון אפרים, ווייסט איר דאָך, איז שוין אַרויס פון דער אַרמיי. דער ייִדישער לעגיאָן איז פונאַנדערגעלאָזט. אָבער אַ צוטריט צו די הויכע מיליטערישע פענצטער האָט ער נאָך. ער קען אָנשפּאַרן צו אַלע ענגלישע באַאַמטע און „טשינאָווניקעס", אַפילו צום גע־נעראַל אַלענביי אַליין. און זייערע פרויען, די ענגלענדערינס, וואָלטן צע־כאַפּט די ווינער מאָדעס. אויב איך ווילט, אפרים זאָל אייך פאַרבינדן מיט זיינע ענגלישע פריינט...

— צי כ'וויל? איר מיינט טאַקע, פעלדשטיין, אַז אייער זון וואָלט דאָס פאַר מיר געטון? — האָט לייב קאַרפּ מיט פרייד זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם פאָרשלאָג.

— צוליב דעם בין איך היינט צו אייך געקומען. נאָר אייערע, איר זאָלט קיין פאַראיבל נישט האָבן, מאַכט מיר קאַליע די שטימונג. זי לאָזט נישט אויסרעדן. זי וואַרפט מיר גלייך אין נדן אַריין די ארץ־ישראלדיקע חסרונות... כ'פאַרשטיי, אַז מען טרעפט אָן אויף שוועריקייטן. וועלכער עולה האָט נישט קיין שוועריקייטן? איך אַליין האָב אויך נאָך נישט דער־גרייכט קיין תכלית. דערווייל בין איך אַ קעסט־טאַטע ביי מיינע זין... אָבער מיר דאַרפן זיך לערנען צונעמען די יסורים באהבה. לאָמיר נישט אויסרעדן ווי דער דור־המדבר...

לייבן האָבן אויסגעפעלט די פּאַסיקע ווערטער צו פאַרענטפערן זיין ווייב. ער האָט אַפילו נישט געזוכט זי צו פאַרענטפערן. ס'איז אים אויך נישט באַקוועם געווען זיך צוצוהערן צו פעלדשטיינס מוסר. וואָס אים האָט יאָ פאַרדראָסן איז, אַז תמיד ווען ער, פעלדשטיין, צערעדט זיך, מאַכט אַ פאָרשלאָג, פאַרקריכט ביי אים דער שמועס אינמיטן אויף זיי־טיקע וועגן. ער האָט זיך אָנגערופן:

— לאָמיר דאָס פאַרגעסן, פעלדשטיין, דער עיקר, ווען זע איך אייער זון?

— איך שיק אים גלייך צו. איר טאָרט מיט קיין זאַך נישט וואַרטן. מיט מיר איז כאָטש איין זאַך גוט. נישטאָ קיין קליינוואַרג אין הויז, קען איך זיך פאַרגינען א פּאָר חדשים אָנצוּוואַרעמען זיך אויף די קינדערס פּלייצעס. אָבער איר, קאַרפּ, קיין עין־הרע א געברויך. איר מוזט שוין רו־דערן... און גלייבט מיר, איך האָב אייך מער אין זינען, ווי זיך אַליין... איר האָט אין מיר א ידיד.

ווען פעלדשטיין האָט זיך אָפּגעזעגנט אין מיטן גאַס, האָט לייב מיט אימפּעט זיך געלאָזט צוריק אין הויז אריין. ער האָט געטראָפן דאָס ווייב שיילן קאַרטאָפל ביים צושטעלן מיטאָג. אַן אויפגערוימטער האָט ער איר איינגערוימט:

— מעגסט זיך ריכטן אויף א גאַסט!

רחל האָט אָנגעקוקט דעם מאַן מיט חידוש, אָבער איידער זי האָט באַוויזן עפּעס איבערצופרעגן, האָט לייב צוגעגעבן:

— וואָס דו האָסט קאַליע געמאַכט ביים אַלטן פעלדשטיין, קענסטו צוריק גוט מאַכן ביים יונגן.

— זיין זון קומט צו אונדז?

— גלייך צום מיטאָג...

מער האָט רחל נישט געדאַרפט. וואָס א וויזיט פון דעם יונגן פעלד־שטיין מיינט פאַר לייבן, האָט זי געוווּסט. און אַז לייב האָט איר נאָך דער־ציילט די סיבה פונעם באַזוך, איז די פרייד געווען א טאָפּלטע. אין געצייל־טע מינוטן איז דאָס הויז געווען אַזוי צוגערוימט, אפילו די אַלטע פּראָסטע שטיקער מעבל אַזוי איבערגעשטעלט, אַז די צוויי אָרעמע וואַכעדיקע צי־מערן האָבן איצט אויסגעקוקט יום־טובדיק. רחל האָט אַריינגערופן איר טאָכטער און צו איר גערעדט:

— הערסט, אלישבע? אפרים גייט אונדז העלפן פּטור ווערן פון אונ־דזערע „פּעקלעך“. טאָמער וועט ער דיך איינלאַדן ערגעץ מיטצוגיין, זאָג אים נישט אָפּ. מיר זוכן פאַרבינדונגען. ער האָט א סך אָנגעזעענע פריינט... עס שאַדט נישט, זאָלסט זיך באַקענען מיט היגע מענטשן.

צום מיטאָג איז דער דערוואַרטער אפרים נישט געקומען. ער האָט זיך באַוויזן פאַרנאַכט־צו, באַגלייט פון אַ פריינט מיט אַ גיטאַרע. ביידע זענען געווען אָנגעטון אין אָפּגעמאַסטענע מיליטערישע מונדירן, אָן גע־ווער האָבן זיי אויסגעזען ווי אַנטוואָפנטע אָפיצירן, וואָס זענען געקומען אויף אורלויב. ביים אַריינקומען האָבן זיי אָנגעיאָגט אַ מונטערקייט אויף די שטוביקע. ס'האָט געבלאָזן פון זייערע קליידער מיט פאַרטאָגיקע ריחות פון ווייִנגערטנער. אפרים, אַ שלאַנקער, אַ שיינער, מיט שמאָל־צוגעשני־טענע פּאות, ווי ביי אַ פּאַזש, האָט פאָרגעשטעלט זיין חבר, אַ ברייט־פּליי־ציקן און קליין־וווּקסיקן:

— דאָס איז מתתיהו לבנון. מיר האָבן געדינט אין איין רעגימענט.

— דאָס איינציקע מיט וואָס ארץ־ישראל קען שטאָלץ זיין! — איז רחל, פול מיט פרייד, געווען גאַסטפריינדלעך צו די אַריינגעקומענע — אייגן ייִדיש מיליטער.

— און איצט ווערסטו טאַקע צוריק אַ ציווילער? — האָט לייב זיך געשפּיגלט אין אפרימען, מקנא זייענדיק פעלדשטיינען, וואָס האָט אַזאַ זון — דערמאָן זיך, אפרים, כ'געדענק עס נאָך ווי נעכטן. עס איז געווען אין נייִנצן הונדערט צען, אין פּוילן. ביסט צומאָל נישט אַלט געווען קיין גאַנצע פערצן יאָר, ווי דער טאַטע האָט דיך אָוועקגעשיקט לערנען אין דער גימנאַזיע קיין יפו. פיר יאָר שפּעטער ביסטו צוריקגעקומען אויף וואַ־קאַציעס אַהיים. גאַנץ וואָלאָצלאַוועק איז דיר אַקעגן געגאַנגען צום וואָק־זאַל. האָסט געטראָגן אַ רויטע פעסקע מיט אַ טראָלד. אַ גאַנצער טערק! איידער די וועלט־מלחמה האָט אויסגעבראָכן, ביסטו צוריקגעפאָרן דורך אָדעס קיין יפו מיט דיין צווייטן ברודער! און פון דעמאָלט אָן האָט מען פון אייך ביידן נישט געהערט... כ'פאַרשטיי, אַז דו ביסט אויסגעשטאַנען ס'קאַלטע און ס'וואַרעמע... און אַז דו האָסט נאָך געדינט אין לעגיאָן, האָסטו, מסתמא, געפּאָקט און געמאָזלט... האָט מען דיך אויך געשיקט אין די שלאַכטן?

— נישט אין איין שלאַכטפעלד בין איך געלעגן. אין גאַליפּאָלי האָבן מיר געקעמפט זעקס וואָכן... אונדזער רעגימענט האָט אפילו אָנגעשפּאַרט אין די דאַרדאַנעלן.

— און איר האָט באַוויזן העלדישקייט אויך? — האָט אלישבע קאָ־קעטיש אים געלאַכט אין די אויגן אַריין, באַטראַכטנדיק זיין ברוין־גרוי־לעכן אוניפאָרם.

— פאַרוואָס דען, מיינסטו, איז ער געוואָרן אַן אָפיציר? — האָט לייב זיך אויסגעדרייט צו דער טאָכטער — מיר־נישט, דיר־נישט קען מען אָנ־פירן אַ ראָטע? ענגלאַנד איז אַ קאַרגער פעטער. ער טיילט נישט אומזיסט קיין עפּאָלעטן.

— דאָס אַלץ איז ריכטיק, אדון קאַרפּ — האָט אפרים נישט געקענט פאַרטראָגן צופיל לויב־רייד — אָבער איר זוכט דאָך פּרנסה. טאָ לאָמיר ס'ערשטע רעדן וועגן פּרנסה. מאָרגן פרי וועל איך זיין אין דער ענגלי־שער קאָלאָניע אין יפו און רעקאָמענדירן אייערע קליידער. מיליטער־לייט האָבן ליב צו פּוצן זייערע פרויען. אָבער איידער וואָס־ווען דאַרף מען נישט זוכן ווייט. אָט איז מתתיהו. זיין פאָטער יצחק לבנון האָט אַ געשעפט פון קליידער און שיך אין יפו. נעמט אַ פּאָר מוסטערן און פאָרט נאָך היינט אַראָפּ. פאַררופט זיך אויף זיין זון. וואָס זאָגסטו, מתתיהו? — האָט ער זיך אויסגעדרייט צו זיין חבר — ווילסט מיטגעבן אַ בריוול?

— מציאות וועט מיין פאָטער קויפן אַן בריוולעך — האָט דער אָנ־געקרעפּטער מתתיהו אַרויסגענומען פּאַפּיר, אַ בליישטיפט און אָנגעשריבן אַן אדרעס.

— גוט. אָבער איצט זייט איר מיינע געסט — האָט לייב אַרויסגע־רוקט שטולן — איידער כ'גיי, וועסטו, אפרים, מיט אונדז אָפּעסן. האָסט פאַרשפּעטיקט דעם מיטאָג, וועט מען דיך אויפנעמען מיט כּבוד.

ביים טיש האָט לייב קאַרפּ זיך צעגאַרטלט. די אָנגעגאָסענע ווייַן־גלעז־לעך האָבן זיך צעקלונגען. אלישבע האָט חנעוודיק צעשטעלט איינגעמאַכ־טע קאָנפיטורן פון פּאָמעראַנצן־שאָלן און גן־עדן־ניסלעך. און פאַר רחלען איז דאָס נישט געווען גלאַט אַ וויזיט. אפרימס קומען האָט געמיינט בלויז צוזאָגן און הבטחות. זי האָט געהאַט אַ סיבה, צוליב וואָס צו זיין אויפ־געלייגט. נאָכן איבערבייסן האָבן די געסט דערציילט וועגן די מלחמה־שלאַכטן וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט הינטער יפו, וועגן דעם גירוש, וואָס די טערקן האָבן געמאַכט אויף אַלע ייִדן. זיי האָבן אויך דערציילט וועגן

די קאַמפן אויף די גלילער וועגן. פון זייער דערציילן האָט זיך געטראָגן דער אומעט פון חרובע פעלדער, דער טרויער פון אויסגערויבערטע וויינגערטנער. שפּעטער האָט מתתיהו אַ נעם געטון די גיטאַרע אויף דער שוים און גענומען אויסציען אויף די סטרונעס אומעטיקע טענער. אפרים האָט פאַרצויגן אַ ניגון און איבער דעם נידעריקן צימער האָט זיך געטראָגן די שטילע, ווייכע מעלאָדיע „ווי שיין זענען די נעכט אין כנען"...

טיף אין אָוונט האָט ליב קאַרפּ איינגעפּאַקט אַ פּאָר מוסטערן פון זיינע סחורות, איבערגעלאָזט די געסט און זיך געלאָזט קיין יפו. ער איז דאָרט אָנגעקומען מיט אַן אַראַבישן דיליזשאַנס, ווען ס'איז שוין געווען שטאָק פינצטער. אין ראָג פון דעם ערשטן ברייטן געסל, וואָס האָט זיך געטרעפּלט באַרג-אַרויף איז געווען אַן אַראַבישע טרונק-שטוב. אין פראָנט האָט געבליצט אַ גרויסע, העלע גאַס-לאַמטערנע, ליכטיק ווי די לבנה. די גאַנצע טרונק-שטוב איז געווען צעלייגט אויף דער גאַס, אַרומגעצוימט מיט אַ הויכע, שיטערע וועראַנדע. אויף צעשטעלטע געפלאָכטענע פיסבענקלעך זענען געזעסן אַראַבער אין שטעק-שיך און אין ווייסע קאַפּ-טיכער. טייל האָבן געפירט היציקע שמועסן איבער שאָלן מיט טערקישער קאַווע, טייל האָבן געגרוט אומבאַוועגלעך, מיט די גומענע שלויכן פון די נאַרגילעס אין די מיילער, גלייך זיי וואָלטן געזויגן פאַרשיכורנדיקע געטראַנקען.

ליב האָט געדאַרפט דורכגיין דאָס געסל, כדי אַריינצוקומען אין דער בוסטרוס-גאַס, וווּ עס געפינען זיך די יידישע געשעפטן. דאָרט וועט ער אויפזוכן מתתיהוס פאָטער, פאַרשלאָגן זיינע סחורות. דערווייל האָט ער געכאַפּט אַ בליק הינטער זיך. דאָס ערשטע מאָל ווי ער קוקט אָן יפו ביינאַכט. און ווי אַנדערש איז די שטאָט פון תל-אביב! דאָרט בלענדט דאָס עלעקטרישע ליכט און דאָ לויכט נאָך אַלץ די אַלטמאָדישע בליץ-לאָמפּ. דאָרט ציען זיך גאַסן מיט העלע הייזער, ווי ווייסע פּאַלאַצן און דאָ קייטלען זיך די מויערן, ווי אָפּגעשלאָסענע האַרעם-שטיבער. און ווי שטאַרק ליב קאַרפּ איז געווען שטאָלץ מיט תל-אביב, אַזוי האָט ער נישט געוואָלט זען יפו ווי אַן אָפּגעווישטע פעסטונג, ווי אַ באַרג מיט חורבות. דער נאָמען יפו האָט אַרויסגעבראַכט דערמאָנונגען, עס האָט צוריקגערופן

צו די תנ"ך־בלעטער, צו דער מעשה פון יונה הנביא, צו די שיפן וואָס נייען קיין תרשיש... און די אַלטע שטאָט פון פעלדזן און מויערן איז איצט פאַר אים געוואָרן נאָענט און אייגן.

אַזוי טראַכטנדיק איז ער כמעט דורכגעגאַנגען דאָס באַלעבאַטישע געסל. ער האָט געהאַט אין זינען, אַז ער גייט איצט וועגן תכלית, זוכן קונים אויף זיינע סחורות און זיך אונטערגעאיילט. ער האָט פאַרבייגעשפּרייזט אַ שמאָלן באַזאַר, אָנגעפּראָפּט מיט אַבאַיעס, מיט קאָלירטע וויקל־טיכער און פאַרביקע שנור־קרעלן. ס'איז שוין געווען גוט פינצטער. בלויז איינצלנע לאָמפּן האָבן געלויכטן פאַר די בוידן, אָבער דער טומל איז נאָך געווען גרויס.

יעדעס געוועלבל, יעדע בויד איז געווען אַזוי אָנגעפּאַקט, ווי די סחורות וואָלטן זיך נישט געפונען אין יפוער אַלטשטאָט, נאָר אויף די מערק פון ווייטע, אַראַבישע לענדער. צופיל פאַרקויפערס אין די שוועלן און צו ווייניק געברויכער פאַר די טירן. אינמיטן באַזאַר האָבן זיך געדרייט אָפּגעריסענע אייזל־טרייבערס וואָס האָבן געשנאָפּט, געזוכט לאָדונג. דאָ און דאָרט האָבן געשפּאַ:ט באַרוועסע אַראַבערקעס אין שוואַרצע פּלאַכטעס. זיי האָבן געטראָגן אויף די קעפּ ברייטע, הילצערנע טעלערס און פאַר אַ שיבוש אַראָפּפאַרקויפט קאָטלעטן פון אַרבעס, געבראָטענע קאַקטוסן.

אַרויסקומענדיק אויף דער בוסטרוס־גאַס, איז די לופט געוואָרן פריישער, ווינטיקער. לייב האָט גענומען אָטעמען טיפער, ווי ער וואָלט נאָר־וואָס אַרויס פון אַ הייל. די געשעפטן מיט די באַלויכטענע שויפענצטער האָבן זיך געהאַלטן אין שליסן. מורא האָבנדיק, ער זאָל זיינס נישט פאַרשפּעטיקן, האָט לייב גענומען שפּאַנען פון איין שויפענצטער צום צווייטן. ער האָט לאַנג נישט געדאַרפט נאָכקוקן. אַ שילד מיט אַ העברעאישער אויפשריפט: יצחק לבנון — האָט אים גערופן.

לייב קאַרפּ איז אַריין אין דעם געשעפט. דער אייגנטימער אַ קליין־געוויקסיקער, גרוילעכער מאַן אין אַ טערקיש היטל אויף זיין שפּיציקן קאָפּ, וואָס איז געשטאַנען הינטערן טאָם־באַנק און געסאָרטירט אויף די פּאָליצעס שאַכטלען מיט גאַלאַנטערי־סחורות, האָט אַלץ איבערגעלאָזט און איז אים אַקעגנגעגאַנגען.

לייב קארפ האט ארויסגעלייגט דאס פעקל פון האנט. ער האט דער־לאנגט דעם סוחר א צעטעלע און צוגעגעבן:

— דאס האט מיך אהער געשיקט אייער זון, מתתיהו.

ערשט איצט האט דער סוחר געגויער גענומען באטראכטן לייבן. ער האט דערטאפט אין דעם וועסט־טעשעלע א פאר ברילן. ער האט זיי אנגע־זאטלט אויף דער נאז און איבערלייענעדיק דאס צעטעלע, האט ער א פארדעכטיקן קוק געטון א ווײלע אויף דעם שטיקעלע פאפיר, א ווײלע אויף לייבן, ווי ער וואלט געזאגט: „דאס צעטעלע זאגט גארנישט, ס׳וויזט בלויז אן דעם אדרעס. וואס פארלאנגט איר?"

פון פארלעגנהייט האט לייב געמאכט א שריט הין און צוריק און נאך איידער דער סוחר האט צייט געהאט צו שטעלן אן אפענע פראגע, האט ער זיך צערעדט:

— כ׳בין א נייער „עולה". נישט לאנג אין לאנד. כ׳האב געבראכט ווינער סחורות, ערשטקלאסיקע מאדע־סחורות. דאמען־קליידער, דאמען־שיך, זיידענע וועש... פארשטייט זיך, מען זוכט רעקאמענדאציעס, ווי דאס אפצוליפערן. אייער זון, א פריינד פון מיין לאנדסמאן, איז היינט געוועזן ביי מיר אין הויז...

דער סוחר, וואס איז נישט נתפעל געווארן פון לייבן, פון זיין רע־קאמענדאציע, האט צוריק פארשטעקט די ברילן אין זיין וועסט־טעשעלע און געערדט טרוקן, געשעפטסמעסיק:

— קיין צדקה טו איך נישט! כ׳בין א סוחר. אז איר וועט אויספאקן א פאר זאכן, וואס וועלן מיר געפעלן און ס׳וועט מיר לוינען, וועט מען זיך שטעלן האנדלען.

פון דעם געעפנטן פעקל האט לייב ארויסגעצויגן א בלוי, זשארזשעט־זיידן קלייד מיט פארשפיצטע פליגלען און גלאקן. ער האט עס צעלייגט איבערן טיש מיט זארגפעלטיקייט, ווי איינער, וואס ווייסט ווי צו שעצן די ווערט פון אזוינע חפצים. דער סוחר האט מיט די שפיץ־פינגער א טאפ געטון דעם שטאף און אומגעדולדיק געפרעגט:

— איר האט פון דעם מין א סך?

— גאנצע קאסטנס.

— מען דאַרף עס נישט. צו גרויסאַרטיק! ס'איז נאָך נישט די צייט פאַר דעם. מען קען עס בלויז אָפּזעצן ביי יחידי־סגולה, אַבּיסל ביי אונדזערע אייגענע מיוחסים, אַבּיסל ביי דער אַראַבּישער אַריסטאָקראַטיע.

פון אַזאַ זאָג האָט לייב קאָרפּ געקריגן קאַלטע פיס. פונדעסטוועגן וואָלט ער מיט דעם ייִד באַלד אָפּגעמאַכט אויף חצי חינם, אַבי ער זאָל אים באַפרייען פון דעם ערשטן קאַסטן סחורה. לייב אַליין, גענייט אין מסחר, האָט גוט געוווּסט, אַז לבנונס אָנצוהערעניש מיינט, מער צו דריקן דעם פּרייז, איידער בטל צו מאַכן די ווערט פון דער סחורה. ער האָט זיך אָנגערופן: — פאַר ביליק, מיין איך, וואָלט מען אפילו דאָ אין יפו געקענט אָפּזעצן אַ סך קליידער.

— אַזוי דאַכט זיך אייך, אַ גרינעם — האָט לבנון אים איבערגעהאַקט — די צרה מיט אייך, נייע, איז, וואָס איר ווילט זיך פירן דאָ, אין ארץ־ישראל, לויט אַ דאָרטיקן שולחן־ערוך... און נאָך עפּעס. איר מיינט, אַז מיט אייער אָריבערקומען אַהער זייט איר שוין אויסגעלייזטע. אַ טעות! מיר זענען דאָ פּונקט אַזוי אין גלות, ביי די אַראַבער, ווי איר ביי די קאַצאַפּן... מען טונקט זיך אין זיבן שווייסן, ביז מען קען האָבן פּרנסה פונעם גוי... מען מוז זיצן נאָענט צו זייערע קוואַרטאַלן, מען מוז אָטעמען זייערע ריחות, כדי מיט זיי צו האַנדלען... איר זעט אָט דאָס טערקישע היטל אויף מיין קאָפּ? דאָס טראָג איך, כדי געפעלן צו ווערן מיין קונה, דעם היגן גוי, ישמעאלן!

אויף לייבן האָבן די ווערטער אָנגעיאָגט אַן אומהיימלעכקייט. אַזוי רעדט אַ היגער, איינגעזעסענער ייִד? אַן אַלטער יפוער תושב? און פון דיאָ ייִדן דאַרפן די נייע עולים שעפּן בטחון? און ווי קומט צו אַזאַ געבוירענעם, אונטערטעניקן ייִד אַ זון מתתיהו, וואָס האָט זיך פרייוויליק אָנגעשלאָסן אין דעם ייִדישן לעגיאָן און איז געגאַנגען קעמפן פאַר דער ייִדישער באַפרייאונג?

דער סוחר יצחק לבנון האָט לאַנג זיך נישט געיישובט. שטייענדיק פאַר די אויסגעפּאַקטע מוסטערן, האָט ער מיט אַ בלייפעדער אויסגעשטעלט ציפערן, געציילט אויף די פינגער, געחשבונט און אויסקאַלקולירט אויפן קאָפּ. צום סוף האָט ער זיך אָנגערופן:

— הערט מיך אויס, אדון! טון מיט אייך מסחר קען איך אויף אַזאַ אופן: איר וועט ביי מיר איבערלאָזן אַלע אייערע סחורות, אומגעקוקט. איר וועט זיי לאָזן אויף לאַגער, אויף אַ זעקס חדשים. קיין מזומנים קען איך אייך נישט געבן. קיין איין פּיאַסטער נישט! וואָס איך קען אייך יאָ געבן, איז אַ כתב... וועט עס זיך אויספּארקויפן, איז אייער גליק. אַלאַ נישט — האָב איך ווידעראַמאָל נישט געמאַכט קיין געשעפט. קנאַפּ גע־שעפטן זענען ביי מיר דורכגעפאַלן? אָדער פאַרקערט, קנאַפּ מאָל בין איך דורכגעפאַלן ביי געשעפטן? וואָס זאָגט איר, איינשטימיק?

לייב קאַרפּ האָט פלינק פאַרפאַקט די מוסטערן. דאָס בלוט האָט ביי אים גענומען זעצן אין די שלייפן. אַ צעקאָכטער, ווי מען וואָלט אים דער־לאַנגט מיט אַ שווערן אייזן האָט ער זיך צעשריען:

— אַזוי זייט איר מקבל־פּנים אַ נייעם עולה? אַזוי מיינט איר צו העלפן אַ פּריש־אָריבערגעקומענעם? איר, אַן ארץ־ישראל־ייִד?

— און אַז איך בין אַן ארץ־ישראל־ייִד? דאַרף איך זיך פאַר אייך מקריב זיין? — האָט לבנון מיט רוגזה זיך געקלאַפּט אין האַרצן אַריין — איך האָב זיך דאָ אָנגעליטן אַ האַלב לעבן, דורכגעמאַכט הונגער, דאַרשט, געלאָפן פון אַ גירוש, און איר ווילט קומען און נעמען פון גרייטן? אָן אייך, נייע, האָט דער ישוב סיי ווי געלעבט רואיקער. און איך ווייס נים, צי אייער קומען איצט איז אינגאַנצן נייטיק... מען רייצט בלויז אויף די אַראַבער...

לייב האָט אים נישט געהערט. ער איז שוין געווען מיטביידע פיס אין דרויסן. אַ ווײַלע האָט ער זיך אַרומגעקוקט, ווי וועלנדיק זיך אַנט־שליסן, אין וועלכער ריכטונג צו גיין און דערנאָך זיך געלאָזט מיט איילנ־דיקע טריט דורך דער טונקעלער בוסטרוס־גאַס.

דער סוחר איז אים נאָכגעגאַנגען ביז איבער דער שוועל און נאָכ־געשריען:

— ווען איך בין געקומען קיין ארץ־ישראל, האָב איך קיינעם קיין טובות נישט געטון. כ׳האָב גאָרנישט געמאָנט... ס׳איז נישט געווען ביי וועמען צו מאָנען... און איר, גרינע, רק מען איז אייך שולדיק! נאָר עס קומט אייך! מען קען זיך גאָרנישט אויסקויפן ביי אייך!

קאַפּיטל פינף

שיין זענען די נעכט אין כנען

אויב די ערשטע באַגעגעניש מיט דעם יפוער סוחר האָט לייב קאַרפּן דערשלאָגן, איז ער אָבער אינגאַנצן נישט געווען געפאַלן ביי זיך. ער האָט פלינק אָראָפּגעשאָקלט פון זיך יעדן שפּור פון פאַרלוירנקייט. די דערפאַרונג האָט אים געלערנט אָפּט אַריבערצושפּאַנען דורכפאַלן מיט אַ לייכט געמיט. אַזוינע אומגעריכטע קלעפּ איז ער גרייט געווען צוצונעמען — געשעפטלעכע מפּלות האָבן טיילמאָל אויך ביי אים זיך געיאָוועט. כאָטש פאַר די לעצטע פופצן יאָר אין פּוילן, ווו ער האָט נאָר געשטעלט אַ שריט, ווען ער האָט געמאַכט אַ סוחרישע אונטערנעמונג, האָט אים כמעט תמיד אָקעגנגעלויכטן די הצלחה.

צי ווייל רחל האָט ביי אים געמאָנט גיכע האַנדלונג, צי ווייל דער אומרו פאַרן מאָרגן האָט אים אַליין אונטערגעטריבן — לייב קאַרפּ האָט איינגעזען, אַז ער טוט אָפּ זאַכן כאַפּנדיק, ער מאַכט איבערגעאײַלטע שריט. נישט אַזוי דאַרף זיין די האַלטונג פון אַ ניי־אָנגעקומענעם. ס'ערשטע מוז מען איינזאַפּן אין זיך די חמימה פון דער ארץ־ישראלדיקער זון, אַריינאָטעמען די לויטערע לופט, די בלויקייט פונעם טיפן הימל. מען דאַרף אויסשפּרייזן די גאַסן, זיך אַרומקוקן איבער די הייזער און אַז דער פיבער וואָס קומט פון זיצן אויף באַנען, אויף שיפן, וועט זיך איבערברענען, דעמאָלט וועט ער, לייב קאַרפּ, ווי אַן איינגעזעסענער, ווי אַ תושב זיך אָוועקזעצן און אויספּלאַנען זיינע גענג און אונטערנעמונגען.

אָנגעשטעקט מיט אַזאַ געדאַנק, האָט לייב באַשלאָסן זיך אָפּצורוען

די ערשטע צוויי חדשים און נישט ריזיקירן מיט קיין זאַך. די צייט האָט ער געוואָלט אויסנוצן אויף ארומקוקן זיך איבערן לאַנד, און דורכפאָרן זיך אין די קאָלאָניעס. גראָד אין יענע טעג איז ער פאַרבעטן געוואָרן צו פעלד־שטיינס עלטערן זון צבי, וואָס האָט געהאַלטן אויסער דער שטאָט א לאַנד־ווירטשאַפט מיט הינער־צוכט און בינען־שטאָקן. לייב קארפּ האָט נישט בלויז צוגעשטימט צו דער איינלאַדונג, ער האָט מיט פרייד אונטערגע־יאָגט דאָס ווייב מיט דער טאָכטער — דער זון בנימין איז געבליבן אין שטאָט — און אין א נאָכמיטאָג זענען זיי אַרויסגעפאָרן פון יפו.

אָנגעקומען זענען זיי פאַרנאַכט אויף צבי פעלדשטיינס „פּאַלוואַרק“. דאָס שטיק לאַנד איז געלעגן הינטער תל־אביב, צו צפון־זייט, נאָענט פון דעם שמאָלן טייך ירקון.

דער יונגער צבי פעלדשטיין איז געווען א יידישער „טאָלסטאָיעץ“, א „גאַרדאָניסט“. ער האָט נאָכגעזאָגט שפּרוכן און פסוקים פון דעם פּרעדי־קער און וועגווייזער א. ד. גאָרדאָן, וואָס האָט אַגיטירט פאַר דעם צוריק־קער צו דער ערד. א באָרוועסער, אין לייוונטענע מלבושים, מיט א קאָלטע־נעוואַטער באָרד, איז צבי ארומגעגאַנגען פון זון־אויפגאַנג אָן מיט פולע הענט אַרבעט. ס'האָט פון אים געשמעקט פון האָניק און מיט עופות־מיסט. די אַרבעט ארום די הינער־צוכט האָט אים געהייטערט. ער איז זיכער געווען, אַז די ערד רעדט מיט דעם אומהערבאַרן קול פון דעם עוף און פון דעם וואָרעם. אויב ער איז מיט עמיצן נישט צופרידן געווען, איז דאָס געווען מיט דעם אייגענעם שוועער. דער שוועער האָט צוזאַמען מיט דער טאָכטער פאַר א ווייב אים אויך געגעבן דאָס שטיק לאַנד וואָס איז געווען מאָגער, שטייניק, נישט צום זייען, נישט צום פלאַנצן. דערצו איז דער באָדן נישט געלעגן אין עמק, ארום די גלבוע־בערג, נאָר הינטער יפו, צווישן אַראַבישע דערפער.

צבי פעלדשטיין האָט אויפגענומען זיינע געסט פאַרן טויער פון היל־צערנעם פּאַרקאַן.

לייב קאַרפּ מיט זייניקע זענען פּריילעכע אריין אין הויף, וווּ אין פראָנט זענען געשטאַנען צוויי גרויסע אויסגעמויערטע הינער־שטייגן. אינ־מיטן האָט אַרויסגעשטעקט אַן אייזערן פּלומפּל, גרייט צו באַוואַסערן די

פאַר אויפגעאַקערטע שיכטן ערד, וואָס זענען געווען פאַרזייט מיט טאָ־מאַטן, קאַרטאָפל און אוגערקעס — פאַר איינגעמעם געברויך. קעגנאיבער דער פלומפּ איז געשטאַנען אַ ווייס געקאַלעכט שטיבל. הינטער דעם שטיבל, אָפּגעצוימט מיט אַ דורכזיכטיקער וואַנט, געמאַכט פון דראָטענע נעצן, האָבן זיך אַרויסגעזען בינען־שטאָקן. און פון יענער זייט פאַרקאַן אויף צעוואָרפענע בערגלעך האָט זיך געדראַפּעט אַ שיטער וועלדל, אַרומ־געגרעניצט מיט געדיכטע קאַקטוס־צווייגן און קלעטער־פלאַנצן.

דער הויף איז געווען איינגעהילט אין רו און שטילקייט. אַ נידעריק ווייבל, אַ פעטע און אָפּגעברענטע, אויפן קאָפּ אַ ווייסע קופּקע, ווי ביי אַ יונגער פויערטע, איז אָנגעלאָפן מיט אַ פולן פאַרטוך אָנגעריסענע אוגער־קעס. זי האָט געשריען צום מאַן:

— צבי, וואָס לאָזסטו די געסט שטיין אין דרויסן?

— ס'איז גוט אַזוי. לאָזט אַ ווײַלע אין דרויסן — האָט לייב זיך אָנגערופן — כ'האָב ליב אָנצוקוקן אייער ווירטשאַפט.

— נישטאָ וואָס אָנצוקוקן — האָט דאָס ווייבל פאַרענטפערנדיק זיך, אָנגעוויזן אויף איר פאַרמעגן — די הינער קוואָקען זיך, די בינען זשומען און עס רוישט אין קאָפּ. נאָר גוט אַזוי. ווען נישט דער טומל, וואָלט מען אויסגעגאַנגען אין דעם העק...

צבי, תמיד אַ שווייגנדיקער, אַליין נישט איבעריק באַגייסטערט מיט זיין נחלה, האָט איצט אין דער אָנוועזנהייט פון די געסט געקוקט מיט פאַרוואָרף אויפן ווייב, וואָס טראָגט אַרויס טענות צו דעם אַרט־לעבן. ער האָט זי פאַרענטפערט מיט שטילן כעס:

— זי, צפורה, איז געבוירן אין ראשון לציון. און די „ראשונער" טעכ־טער, אָנשטאָט צו אַרבעטן אין שטאַל, צו יעטען דעם גאָרטן, שפּילן זיי פיאַנאָ. ס'ציט זיי צום געפילדער. זיי ווילן ווערן תל־אביבער „באַריש־ניעס"... — האָט ער זיך צעלאַכט.

— מיין מאַן פאַרטראָגט נישט, אַז כ'בענק נאָך מענטשן — האָט דאָס ווייבל זיך פאַרשעמט.

— דאָס בענקען נאָך מענטשן, נאָך דער שטאָט איז אונדזער אומ־גליק — האָט צבי גערעדט מער צו לייבן און צו רחלען, איידער צו זיין

איינגן ווייב — נאָך נישט קיין פערציק יאָר ווי עס זענען אויפגעשטאַנען די ערשטע פּאַרטיעס ערד־מענטשן און שוין האָבן זיי נישט קיין נאָכ־פאָלגער. זייערע קינדער רירן זיך נישט צו צום רידל. די זין פאָרן קיין לאָנדאָן שטודירן און די טעכטער ציט עס אין די תל־אביבער טאַנץ־זאַלן. אויב די טאַטעס אין די קאָלאָניעס וועלן זיך נישט אַרומקוקן באַצייטנס, קענען זיי זיין דער לעצטער דור דאָרפס־מענטשן...

לייב האָט זיך געקוויקט מיט צבין. מיט יאָרן צוריק האָט ער אים באַגלייט אין זיין היימשטאָט וואָלאָצלאַוועק צו דער באַן. איצט שטייט פאַר אים אַ מאַן, אַ לאַנדווירט, אין לייוונטענע מלבושים, מיט אַ באָרד ווי ביי אַ הייליקן. ער רעדט נישט קיין זייטיקע זאַכן, ער איז פאַרטון מיט דער הויף־ווירטשאַפט, מיט האָדעווען עופות. און ווי אַנדערש איז ער פון זיין ברודער אפרים!

ווען דאָס ווייבל איז אַריין אין דעם געקאַלעכטן הייזל, האָט צבי געפירט די געסט איבערן הויף. ער האָט דערציילט וועגן דעם טאָג, ווען ער איז אַרויף אויף דעם באָדן. די ערשטע חדשים האָט מען געפּאַקט און געמאַזלט. יעדער פּיאָנער גייט דורך יסורים. ער האָט ביז דעמאָלט נישט געקענט די צורה פון אַן עוף, דאָס ווייב האָט נישט געוווּסט ווי צו כאַוועון אַ שטוב־חיה. און היינט? — ער איז אַ מומחה איבער הינער־צוכט און זי — אַ געניטע פלעגערין פון בינען־שטאָקן.

לייב קאַרפּ וואָס איז נישט געווען קיין איבערקלייבער, וואָס האָט אויפן ערשטן בליק זיך באַגייסטערט מיט יעדער נייער זאַך, מיט יעדער נייער באַגעגעניש, איז אויך איצט געווען גליקלעך, וואָס ער שטייט אויף אַ נאַקעט שטיק באָדן. די פאַרוואָרפנקייט און ווילדקייט אַרום האָט אים אַנטציקט. ס'איז אים נישט אָנגעגאַנגען, צי די ווירטשאַפט טראָגט אַריין נענוג אויף לעבנס-געברויך. ער האָט זיך נישט נאָכגעפרעגט, צי די מענטשן האָבן זיך דאָ איינגעוואָרצלט. ס'וואָלט אָבער גענוג געווען, עמיצער זאָל אים איבעררעדן און ער וואָלט אויך גרייט געווען זיך צו באַזעצן אויף אַזאַ אָפּגעזונדערט שטיק לאַנד.

נישט אַזוי רחל. זי האָט געקוקט אַריבער דעם הויף-פּאַרקאַן, הינטער דעם שיטערן וועלדל, וווּ ס'האָט זיך געשלענגלט דער שמאָלער טייך ירקון.

ס'האָט איר געשראָקן די שטילקייט. איר פּראַקטישער חוש האָט איר אונ־טערגעזאָגט, אַז דאָרט ווו מענטשן וווינען נישט, דאַרף מען זיי נישט זוכן. זי, רחל, באַשטייט אויף שטאָטישן טומל, ווו לעבעדיקע וועזנס שטויסן זיך אָן איינס אָן ס'אַנדערע, פּילדערן און אין געפּילדעריי איז פאַראַן לעבן. דאָ, אויפן לאַנד, פּליסט דאָס לעבן אַזוי רואיק ווי דאָס פּלאַ־כע, וועלנדיקע וואַסער פון דעם שטילן טייך.

אויך אלישבע איז געווען אומגעדולדיק מיט דער וויזיט. איר אַרומ־שפּאַנען איבערן הויף איז געווען אוים לאַנגווייליקייט. זי האָט געשטעלט פלינקע טריט גלייך זי וואָלט נישט קיין צייט געהאַט לאַנג זיך אויפצו־האַלטן, גלייך זי וואָלט זיך געקליבן יעדע רגע צוריקצופאָרן אין שטאָט אריין. נאָך אַ האַלבער שעה איז שוין אַלץ געווען אַלטעגלעך. קיין זאַך האָט נישט אַרויסגערופן קיין נייגעריקייט. אָן ווערטער, מיט די בלויזע אויגן איז זי געווען איינשטימיק מיט דער מאַמען וועגן דער באַלעבאָסטע פון הויף, וואָס איז איינגעשפּאַנט ביי די הינער, ביי די בינען, אַרבעט זיך איבער. יאָרן האָט זי פון אַ יונגער רייף־געוואָרענער פרוי און איר אויסקוק, איר האַלטן זיך — ווי פון אַ זקנה. און ווען מען וואָלט איר, אלישבען, אָנגעבאָטן חתונה צו האָבן פאַר אַזאַ ערד־באַזיצער? — איז איר איינגעפאַלן אַ שטיפערישער געדאַנק — טוט דאָך איר פאָטער נישט איינמאָל איר איינרעדן, אַז אַ קאָלאָניסט וועט זיך אין איר פאַרליבן. און צי גייען דען אַלע קאָלאָניסטן אַזוי אַרום אין לייוונטענע קליידער, מיט בערד, אָדער זיי רייטן ווי פּריצים אויף פערד? און זייערע פרויען? ווערן זיי אַלע אַזוי פּריצייטיק אַלט?

די בלויזע מורא נישט אַריינצופאַלן אין אַזאַ שטייגער לעבן האָט אין אלישבען אַרויסגערופן ווידערשטאַנד. איצט וועט זי וויסן ווי זיך צו ווערן קעגן דעם פאָטערס פאָרשלאַג. אַ מידקייט, וואָס קומט פון צופיל לאַנגווייל, האָט זי אַרומגענומען. נאָכגייענדיק צבין, ווי מען גייט נאָך געהאָרכזאַם אַ וועגווייזער, האָט זי גלייכגילטיק געקוקט אויף די גע־עפנטע הינער־שטייגן, דורך וואַנען ס'האָבן זיך אַרויסגעשאָטן מיט אַ געפלאַטער צענדליקער פאָר ליכטיקע עופות. צפורה האָט אַרויסקומענדיק געוויזן איר בריהשאַפט ביי די בינען־שטאָקן. מיט אירע צעשטאָכענע

הענט האָט זי געעפנט אַ זייטיק טויער. הינטער דער וואַנט פון דראָטענע נעצן האָבן פּעטע, גאָלדיק־בייכיקע בינען זיך גערעדלט אין די צענדליקער, אין די הונדערטער. מיט אַ זשומעריי זענען זיי געפלויגן אַהין און אַהער, אַרום די אייגענע נעסטן, האָבן אויסגעלאָדן פון זיך קוואַלן מיט זיסער פעטקייט, בעת אין דער לופט האָט זיך געטראָגן דער געדיכטער ריח פון מעד און האָניק.

***

ס'האָט שוין גענומען טונקל ווערן, ווען צבי האָט גערופן די געסט אין הייזל אַריין. ביי אַ געדעקטן טיש האָט מען פאַרביסן אַ מאָלצייט פון גרינס־שפּייזן. אויפן טיש האָט זיך באַוויזן אַ פלאַש „ראשונער" טונקע־לער מושקאַט־וויין. נאָכן ערשטן זופּ האָט לייב זיך געשפּירט ווי אַ בן־בית. ער האָט וואָס לענגער געוואָלט בלייבן אין דער אַרומיקער שטילקייט און געזאָרגט, זיין הויז־געזונד זאָל געניסן פון דער רחבות. צבי האָט אי־בערגעגעבן ווי ס'לויפט דורך ביי אים דער מעת־לעת. ער האָט דערציילט ווי ער פאַרטראָגט זיך מיט די אַראַבישע דאָרף־שכנים. מיטאַמאָל האָט פון דרויסן זיך דערהערט דאָס סקריפּען פון רעדער. ער האָט געעפנט די טיר. אין הויף איז געשטאַנען אַ גרויסער וואָגן אָנגעלאָדן מיט ליידיקע הינער־שטייגן. אַ דאַרער תימנער ייִד מיט אַ מאָגער בערדל און לאַנגע, שיטערע פּאות איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דער קעלניע. דאָס איז געווען צבים מענטש, סעדיה, וואָס האָט צעפירט די עופות אין שטאָט אַריין. ער האָט זיך באַ־גריסט מיט זיין באַלעבאָס:

— שלום, צבי, פאַרטאָג נעם איך אַרוים די עופות.

— וועסט אָנלאָדענען הונדערט צעפעדערטע, פעטע הינער — האָט צבי אַרויסגייענדיק אין הויף, גערעדט צו סעדיהן — פון די ווייסע לאָז איבער אַ טוץ.

— וואָס דאַרפסטו ווייסע?

— כ'גיי זיי זעצן אויסבריען.

— ראַרפסטו דאָך אַ גבר, אַ וויסן האָן אויך? — האָט סעדיה גע־לאַכט מיט זיינע ווייסע שפּיציקע ציין.

— דו, סעדיה, אַן אַלטער הינער־האָדעווער, דאַרפסט דאָס האָבן אין זינען!

ביי דעם תימנער האָבן די גליענדיקע שוואַרצע אויגן זיך צעפינקלט. דאָס מונקעלע פּנים האָט אויפגעשיינט. ער איז געוואָרן לומדיש געשטימט און פול מיט צוזאָגן:

— כ׳וועל איבערלאָזן, כ׳וועל איבערלאָזן, ווי נח אין דער תיבה. פון יעדער פּאָר ככתוב: „זכר ונקבה להחיות זרע על פּני כל הארץ״...

ער האָט לוסטיק געשטעלט ברייטע שפּרייזן איבערן הויף, ווי אַ בן־בית געשנאַפּט וואָס עס טוט זיך אין יעדן ווינקל, דערנאָך איז ער צוגעקומען צו צבין און ווי אַ בעל־יועץ צו אים גערעדט:

— נישט אַלע הינער דאַרפסטו דאָסמאָל שיקן אין שטאָט אַריין צו דער שחיטה. פאַראַן ביי דיר איין מין, וואָס האַלט שטאַרק פון פּריה ורביה...

סעדיה האָט אַ כאַפּ געטון אַ פאַרביישפּרייזנדיקע פּעטע הין, וואָס האָט געהאַלטן אין אַקערן מיט איר שנאָבל אין דער ערד און האָט זי צוגעטראָגן צבין גלייך אין פּנים אַריין:

— זעסט, אָט די געלבלעכע? זי געווינט אַן יסורים. זי קוואָקעט אַפילו נישט. ווו זי שטייט, פאַרלירט זי אַן איי...

סעדיה האָט תמעוואַטע אַריינגעשטאָכן די פינגער אין דעם מאָגערן בערדל אַריין און האָט אָפּגעצויגן.

ער האָט אַראָפּגעוואָרפן די הילצערנע הינער־שטייגן פונעם וואָגן און זיך געלאָזט צום צווייטן עק הויף, ווו פאַר אַ הילצערנער קאַמער זענען אויסגעשטעלט קוישלעך אויסגעבעט מיט שטרוי פאַר די קוואָקעס. צבי האָט אים צוריקגערופן, ווי ער וואָלט זיך אַן עפּעס דערמאָנט און פאַרגעשטעלט אים פאַר לייבן.

— מעגסט אָפּגעבן שלום די געסט, סעדיה. ס׳זענען נייע עולים.

— כן ירבו! — האָט סעדיה אויסגעשטעקט אַ קנאָכיקע האַנט צו לייבן און מיט פרייד אים באַטראַכט — זאָלן יהודים קומען. זאָלן זיי קומען פון אַלע עקן וועלט. מיר דאַרפן די גואלים...

***

אלישבע איז דערווייל אַרויס פון הייזל און זיך געלאָזט טיפער אי־בערן הויף. דער הימל איז געווען אָנגעצונדן מיט רויטן שקיעה־שיין. די זון איז אויסגעגאַנגען אין פלאַמען. אַרומקוקנדיק זיך, האָט זי געזען ווי דער טאַטע, די מאַמע צערעדן זיך מיט דעם תימנער. דער תימנער עפנט די געמויערטע הינער־שטייגן. ער קלייבט אויס איינציקווייז עופות. ער טאַפּט זיי אויס די פעטע בייכער, דערנאָך בינדט ער זייערע פיס, ווי ער וואָלט זיי געגרייט צו שחיטה. דאָס גרייט ער צו דעם טראַנספּאָרט פאַר תל־אביב. א בענקעניש וואָס קומט אין די שעהען, ווען דער טאָג צאַנקט, האָט אלישבען געטריבן צו יענער זייט פּאַרקאַן. מיטן גאַנצן אומרו פון איר יונגן, שטייפן קערפּער האָט זי געזוכט אומזעבאַרע זאַכן אַרום זיך. אין דער לײדיקער שטרעקע, וואָס האָט זיך געשפּרייט אויף א ווייט, האָט זי געוואָלט געפינען אַזוינס, וואָס זאָל זי אינטריגירן און וועקן איר נייגעריקייט. זי איז אַרויס דורכן טויער. אַרום איז אַלץ געווען שטיל. פון די צעוואָרפענע בערגלעך הינטערן וועלדל האָבן דאָ און דאָרט אַרויסגע־שפּראָצט איינצלנע פּאַלמען־ביימער. דורך א שמאָלער סטעזשקע האָט זיך געדראַפּעט באַרג־אַרויף א געבויגן אייזעלע. אויפן אייזעלע איז בנעי־מותדיק געריטן א פעטער אַראַבער אין א ווייסן קאָפּ־טוך און הינטער דעם אייזעלע איז נאָכגעלאָפן דעם רייטערס ווייב, א באָרועסע, געהילט אין טראַנטעס, ווי א שקלאַפין.

מיטאַמאָל האָט אלישבע אויפגעכאַפּט טענער. די טענער זענען גע־קומען פון ווייט. זי האָט אָנגעשטעלט די אויערן. א פייפל האָט אויסגע־שפּילט א מעלאָדיע, דין און טרויעריק. די קלאַנגען האָבן זיך געריסן פאַרבענקטע. עס האָט געקלונגען ווי דער גלאָקן־געקלימפּער פון א מדבר־קאַראַוואַן. אלישבע האָט זיך געלאָזט אין דער ריכטונג, פון וואַנען דאָס פייפן איז געקומען. זי האָט אַרומגעקרייזט דאָס וועלדל און געקוקט אַראָפּצו... אונטן, אין טאָל, האָט זיך געשלעפּט א יונגער אַראַבישער פּאַס־טוך מיט א סטאַדע. טרייבנדיק זיינע שאָף פאָראויס, האָט ער געהאַלטן צווישן די ליפּן א לאַנג, הילצערן געשניצט פייפל און אויסגעפייפט גע־קרייזלטע טענער. אלישבע האָט דערזען דעם באָרועסן, שיינעם פּאַסטוך, ווי ער דערנענטערט זיך צום וועלדל. ער האָט, אָנקומענדיק מיט דער

סטעזשקע, אַרויפגעשיקט פּאַרצויגענע טענער און געוואָרפן כישוף־נעצן פאַר אירע פּיס. אלישבע האָט איילנדיק געוואָלט אויסמיידן דעם טאָל און נישט ווילנדיק פאַרבייגעגאַנגען דעם פּאַסטוך. ביידע האָבן זיך אָנגע־שטויסן מיט די אויגן. דעם אַראַבערס — שוואַרצע, ברענענדיקע, מיט אַ פלאַקערנדיקן גלי וואָס רופט, וואָס שלעפּט מיט און אלישבעס — בלויע און מילדע. דער קוק האָט געדויערט לאַנג, צו לאַנג. אלישבעס בליק האָט נאָכגעגעבן. מיט אַ פלאַטערנדיק האַרץ האָט זי זיך געלאָזט צוריק לויפן צום הויף. פון צעטומלטקייט האָט זי אַריינגעדרייט אויף אַ זייטיקן וועג און גענומען היפּן באַרג־אַראָפּ. דאָס יאָגעניש האָט זי גיך פאַרמאַטערט און אַריינגעטריבן צווישן קוסטעס. זי האָט געהערט ווי טריט, דעם פּאַסטוכס טריט יאָגן זיך נאָך. זי האָט זיך האַסטיק אומגע־קוקט און מיטן ערשטן אָפּכאַפּן דעם אָטעם איינגעזען, אַז נישט טריט, נאָר קלאַנגען יאָגן זיך נאָך איר, די קלאַנגען ציטערן, רופן אַרויס דינע קולות פון דער שטילקייט אַרויס און דער טאָג לעשט זיך מיט שרפות אויף די אָנגעצונדענע הימל־ראַנדן.

אלישבע האָט זיך געהויבן אַרויף מיט אַ קאַלטען־עוואַטע בערגל צו־ריק צום הויף. פון דער ווייטנס האָט זי געזען ווי די מאַמע שטייט ביים פּאַרקאַן און קוקט זיך אוים די אויגן — זוכט זי. צי צוליב שטיפעריש־קייט, צי צוליב טראַציקייט — אָבער ס׳איז איר איינגעפאַלן נישט צוריק צו גיין באַלד, נאָר זיך בעסער אויסבאַהאַלטן צווישן קוסטעס און זאָל מען איר נאָכשפּירן, זוכן דאָס אָרט, וווּ זי איז אַנטרונען. זי האָט זיך שוין געהאַט אַריינגעדרייט אין די הויכע בייטן גראָז, ווי אַ גאַלאָפּ פון לייכטע פערדישע טריט האָט זיך דערטראָגן צו אירע אויערן. אַלץ וואָס זי האָט באַוויזן צו טון, איז אויסצודרייען דעם קאָפּ. און אַ שטייף, ווייס־נע־שפּריצט פערד איז פאַר איר געשטאַנען. דאָס פערד, צעיושעט האָט גע־בלאָזן מיט די נאָזלעכער, אונטערטענצלענדיק אויף די הינטערשטע פּיס. אויפן פערד איז געזעסן אַ רייטער אין אַ גרינלעך־ברוינעם אָפּיצירן־מונ־דיר, מיט אַ גיטאַרע אָנגעהאָנגען אויף די אַקסלען. אַן איבעררראַשטע האָט אלישבע דערקענט אפרימען און געמאַכט אַ שריט צוריק.

— ווו קומט איר דאָ אַהער?

— כ'קום מיט די זאמד־וועגן. כ'רייט פון תל־אביב אָן. אַלע סטעזש־קעס פירן איבער די אַראַבישע פעלדער און וויינגערטנער ביז צום ירקון. און דאָס פערד? ווען כ'זאָל עס נישט איינהאַלטן, וואָלט עס אפילו דעם טייך אַריבערגעשפרונגען!

אפרימס אימפּעטיק רעדן, זיין צעפלאַמט פּנים, דער שיין אין די אויגן, דאָס פערד וואָס טענצלט אונטער — דאָס אַלץ האָט אלישבען אויפגעהייטערט. זי האָט זיך צעלאַכט:

— איר זייט געווען אין תל־אביב?

— כ'האָב אייך דאָרט געזוכט.

ענטפערן האָט אלישבע נישט געהאַט וואָס. כאָטש זי איז געווען אויפגעמונטערט, אפילו שטאָלץ, וואָס אפרים, נישט קענענדיק זי געפינען אין תל־אביב, האָט געהאַלטן פאַר נייטיק אַרויסצורייטן ביז אַהער. אירע פינגער האָבן געבלאָנדזשעט איבער די בלאָנדע שנורן האָר. צונויפנעמענ־דיק די צעוואָרפענע פאַליעס פונעם שטערן, האָט זי שטיל געלאַכט. אין איר וואַרעמען אָנבליק איז געווען מער איינלאַדונג, ווי פראַגע:

— איר בלייבט דאָ היינט אָוונט?

— ס'ווענדט זיך אָן אייך, אלישבע.

— אָן מיר, אפרים?

אין אירע אויגן־פּלעמלעך איז געווען אויפגעוואַכטע עקשנות און אויסדויער. ס'איז געווען דאָס וואַרטן אויף אַ פאַרזיכערונג, אַז טאַקע צו־ליב איר האָט זיין פערד דורכגאַלאָפּירט אַזויפיל און אַזויפיל מיילן. אין אפרימס שווייגנדיקן שמייכל האָט זי געפונען באַשטעטיקונג און פון צו־פרידנקייט האָט זי גענומען גלעטן די ווייס־געשפּריצטע גלאַנציקע פעל פונעם פערד. אפרים איז אַראָפּגעשפּרונגען פון זאָטל. ער האָט אָנגעוויזן אויף דעם שמאָלן, שפּיגלדיקן טייך וואָס האָט פון דער ווייטנס זיך גע־שלענגט צווישן געדיכטע גראָז־בייטן.

— איר ווילט זיך שיפלען?

— זאָל זיין אפילו שיפלען, אַבי נישט צו קוקן אויף אָט דער ליי־דיקייט אַרום.

אויף שטום האָט אפרים זי איינגעלאַדן מיטצורייטן. אַ נעם טוען־

דיק זי לייכט ביי דער טאליע, האָט ער זי אַרויפגעזעצט אויפן פערד. אליין האָט ער זיך אַריינגערוקט איבעם זאָטל הינטער איר. דאָס פערד איז געשפּרונגען איבער דער געבערגלטער סטעזשקע. אין געלויף האָט אלישבע געשפּירט הינטער זיך נישט בלויז אפרימס אויפזיכט, נאָר אויך אַ צאַר־טע וואַרעמקייט, וואָס פאַרוויגט.

זיי זענען פאַרבייגעפאָרן דעם הויף־טויער. דאָס פערד איז שטיין גע־בליבן. פון דער צווייטער זייט פּאַרקאַן האָט אפרים זיך באַגריסט מיט צבין און מיט זיינע געסט. מער מיט האַנט־פּאַכן, ווי מיט רייד, האָבן ביידע געלאָזט וויסן, אַז זיי לאָזן זיך צום טייך. ס'איז היינט אַ לבנה־נאַכט, זיי וועלן זיך שפּילן ביז צו די „זיבן מילן”.

רחל האָט אַריבערגעוואָרפן איבערן טויער אַ געבלימלטע פאַטשיילע, דריי מאָל אָנגעזאָגט אפרימען, ער זאָל אַכטונג געבן אויף אלישבען. וואַ־סער איז פאָרט נישט לאַנד. און ווען זיי זענען אָפּגעריטן, האָט זי נאָכ־געקוקט דער טאָכטער אַ גליקלעכע, וויסנדיק, אַז זי איז נישט בלויז אין זיבעטע הענט, נאָר אויך אונטער אַ פּאָר וואַכזאַמע אויגן.

ביים ברעג טייך איז שוין געווען בלויע נאַכט. די לבנה אַ פולע און אָנגעלאָדענע האָט זיך אַרויסגעהויבן פון הינטער די וויטע צעוואָרפענע בערג, ווי אַ הייסער, אָנגעגאָסענער פלאַם. און וואָס העכער די לבנה איז געשוווּמען אין הימל אַריין, אַלץ קלענער און בלאַסער איז זי געוואָרן. אָנגעצונדענע שטערן, ווי מיליאָנען בלישטשענדיקע איידלשטיינער, האָבן געפינטלט איבערן בלויליך-שוואַרצן הימל־פאַרהאַנג.

אפרים האָט צוגעבונדן דאָס פערד צו אַ הויכן עקאַליפּטוס-בוים. מיט איין האַנט האָט ער אָנגעוויזן אלישבען און מיט דער צווייטער אָנ-געהאָנגען זיין גיטאַרע איבערן אַקסל. דאָס וואַסער, באַדעקט מיט דינע לבנה־נעצן, איז געפלאָסן רואיק. אייניצלנע לאַסט-שיפלעך האָבן זיך פאַר־בייגעגליטשט — געקנייטשט און געפעלדלט די אויפגעלאָפענע שטראָ-מען.

פון אַ נידעריקער הילצערנער אַלטאַנע איז אַרויסגעלאָפן אַ טונקל־הויטיקער אַראַבישער פישער-יונג מיט אַ געלן שקאַרמיץ אויפן קאָפּ. דער־שנאַפנדיק אַ פּאָרל, וואָס וויל זיך שפּילן, דערצו אָנשטויסנדיק זיך אויף

אַן אַפּיצירן-מונדיר, מיט באַגילדטע קנעפּ, האָט דער פישער־יונג הכנעה־דיק זיך פאַרנייגט און איבער זיינע גראָבע ליפּן האָט זיך געוויגט א חניפה־שמייכעלע.

— ביסט אָנגעלייגט! ביסט אָנגעלייגט, כאַוואַדזשאַ! (מיין האַר!) א טאָפּלט זיץ־שיפל?

— מיט צוויי רודערס! — האָט אפרים באַשטעלט.

דער אַראַבער האָט מיט א געפלאָכטענעם שטריק אריינגעצויגן פון דער אַלטאַנע אין וואַסער אריין א שמאָלע לאָדקע. פונעם ברעג האָט ער אריבערגעוואָרפן א ברעט, ווי א בריקל. ווען אלישבע איז די ערשטע אריבער דאָס ברעט, האָט די לאָדקע הינטער אירע פיס זיך א וויג געטון און זי האָט דערשפּירט ווי זי וואַקלט זיך, זי פאַרלירט דעם גרונט הינטער זיך.

מיט אפרימען קעגנאיבער זיך, איז איר אומרו אַוועק. זי האָט ארויס־געוואָרפן איבער די אַקסלען די געבלימלטע פּאַטשיילע, חנעוודיק פאַר־קנופּט א שלייף, עס זאָל זיך וואַרפן אפרימען אין די אויגן. אפרים האָט געשניטן דאָס וואַסער ריטמיש, א רודער צו רעכטס, א רודער צו לינקס. ווען ער האָט אריינגעצויגן דאָס שיפל שפּאָר אין טייך אריין, האָט ער נאָכגעלאָזט די רודערס. דאָס שיפל האָט זיך אליין געוויגט. די גיטאַרע האָט ער אָנגעשפּאַרט אויף זיינע קניען און שטיל גענומען ציען א פאַר־ווייגנדיקע מעלאָדיע.

פאַר אלישבען איז די מעלאָדיע נישט געווען פרעמד. ווו האָט זי די טענער געהערט? זי האָט בעסער אָנגעשפּיצט די אויערן און פון אירע שמאָלע ליפּן האָבן זיך גענומען אַראָפּגליטשען ווערטער, שטילע, פאַר־בענקטע: „ווי שיין זענען די נעכט אין כנען"... א ציטער, וואָס קומט נישט פון פלוצימדיקער אויפרודערונג, נאָר פון לאַנג דערוואַרטער, אויפגעוואַכטער פרייד האָט אין איר געקוואָלן.

נישט קיין צוריקגעהאַלטנקייט איז אין איר געווען, נאָר א דרייסט־קייט, וואָס מאָנט. א באַגער, אפרים זאָל איר עפּעס לאָזן הערן, האָט זיך פון איר געריסן. אלישבע האָט א קוק געטון אויף אפרימס קאַנטיק, מענלעך פּנים. זיינע אויגן האָבן גערופן. נישט אָנפרעגנדיק זיך, האָט זי

פלוצים זיך אויפגעשטעלט פון איר אָרט און לייכט זיך צוגעזעצט בײַ זיין צופוסנס. אַזוי איז איר געווען באַקוועם. זי האָט פּראָוואָרפן דעם קאָפּ הינטערווײַלעכיץ און אַריבערגעקוקט איבער דעם אייגענעם שטערן, ווי וועלנדיק זיך אָנשפּאַרן אָן זיינע שטאַרקע אַקסלען. אַ וואַרעמקייט. די זעלבע וואַרעמקייט, וואָס זי האָט געשפּירט רייטנדיק, האָט איצט גע־בריט איר לייב.

די לבנה האָט געגאָסן קאַלטע ליכט. דאָס שיפל האָט זיך געגליטשט פאַרביי די וואַסער־פלאַנצן. פון די בערג האָט זיך געטראָגן דאָס געוויין פון וואַגלענדיקע שאַקאַלן.

— וואוהין שיפלען מיר, אפרים?

— צו די „זיבן מילן".

— איז דאָס ווייט?

— מיילן — ווייט.

מער האָבן קיין ווערטער זיך נישט געבונדן. קיין שמועס האָט זיך נישט געקנופּט. פאַר אלישבען זענען אָבער געגוג געווען די נאָגנדיקע טענער פון דער גיטאַרע, אַז די זיכערקייט אין איר זאָל שטייגן. די זי־כערקייט אין וועמען? אין אפרימען? אַ היים שעפּטשען איבער אירע אויערן, צוויי הענט מיט פינגער וואָס רייסן די סטרונעס, וואָס פאַר־בלאָנדזשען אין אירע ווייכע האָר־פּאַליעס — האָבן אלישבען צוגעזאָגט אַ וועלט מיט פרייד.

זי האָט נישט אָפּגעריסן די אויגן פון דער טונקלקייט אַרום. אַלץ איז געווען פול מיט קלאַנגען. דאָס וואַסער — אַ געזאַנג, דער הימל — אַ מעלאָדיע. און די שטערן — מיליאָנען צעשאָטענע טענער, וואָס רייסן זיך פון איר אייגן צאַפּלדיק האַרץ.

אלישבע האָט זיך אַ טרייסל געטון, ווי זי וואָלט נישט פאַרטראָגן די רו אַרום זיך און האָסטיק גענומען אָפּרייסן אפרימס שפּילנדיקע פינ־גער פון די סטרונעס.

די גיטאַרע האָט נאָכגעלאָזט. די טענער האָבן נאָכגעלאָזט. און צוויי פאַר הענט זענען זיך צונויפגעקומען אין אַ געפּלעכט.

פון די בערג האָט זיך געטראָגן דאָס געוויין פון וואָגלענדיקע שאַ־קאַלן.

קאפּיטל זעקס

אלישבע און בנימין

אלישבע האָט אָנגעהויבן ווערן אומרואיקער, צערודערטער און אין דער זעלבער צייט אויך וואַכזאַמער צו אַלץ וואָס פּאַסירט אַרום איר. נאָך יענער נאַכט, ווען זי האָט זיך געהאַט געשיפּלט איבערן ירקון, זענען אפרימס וויזיטן געוואָרן אָפטער. ער האָט זי געזוכט אַרום די „זיבן מילן" און פאַר איר אייגענער טיר. זי האָט אָפּגעוואַרט זיין קומען מיט אַזאַ ציטער און פּלאַטער, ווי מען וואַרט אָפּ די אָנקומענדיקע נאַכט, וואָס איז אָנגעלאָדן מיט חלומות. אלישבע האָט זיך נישט געקענט אָפּגעבן קיין רעכענונג, וואָס פאַר'אַ געפיל דאָס איז געווען. זי האָט נישט געהאַט קיין נאָמען פאַר דעם אומרו, וואָס איז איר יעדעם מאָל באַפאַלן. איז דאָס געווען בענקשאַפט? זיינע טריט אין הויז, זיין קול, זיין אָטעם — אַלץ האָט געוואַרעמט און געבראַכט שוץ. איין וואָך איז פאַרביי, צוויי וואָכן און אלישבע איז נישט בלויז געוואָרן צו אים נענטער נאָר אויך חוצפּה־דיקער. זי האָט צו אים אַרויסגעשטעלט טענות און פאַרלאַנגט, אַז יעדער ווונטש אירער זאָל נאָכגעגעבן ווערן. אפרים האָט איר אַלץ צוליב געטון און איז אפילו געווען צופרידן, וואָס זי שאַפט זיך מיט אים, געווען גליקלעך, וואָס ער קען נאָכגעבן אירע קאַפּריזן.

אלישבע האָט זיין צוגעלאָזנקייט אויסגענוצט זייער געשיקט און מיט דער גאַנצער מאָס ווייבלעכער דורכגעטריבנקייט, וואָס אַ יונגע פרוי דערשפּירט מיטאַמאָל אין איר באַזיץ. וויסנדיק, אַז עס וועט נאָך דויערן

וואכן, ביז די עלטערן וועלן עפענען א געשעפט, וויסנדיק, אז זי איז דער־
ווייל פריי פון יעדער הויז־באשעפטיקונג, האט אלישבע אריינגענומען די
האסטיק־לויפנדיקע טעג אין איר אייגן וועלטל. זי האט אויסגעפולט די
צייט מיט אירע חלומות און פארלאנגען. דער יידישער לעגיאן איז שוין
געווען אויפגעלייזט. די זעלנער זענען פארוואנדלט געווארן אין גרויע
וואכעדיקע בירגער. און אלישבע האט נישט פארטראגן, וואס אפרים האט
געטוישט זיין אוניפארם אויף ציווילע קליידער. און ער האט שטענדיק
אויף איר פארלאנג זיך געמוזט באווייזן אין זיין מיליטערישן מונדיר.
„דער ריטער פון יהודה" — האט זי אים גערופן, ווען ער האט איר אפט
דערציילט וועגן זיינע וואנדערונגען און דערפארונגען אין די שלאכטן
ביי גאליפאלי. בלויז א מאן מיט אזויפיל העלדישקייט האט געקענט גע־
ווינען איר צוטרוי און איר וואכזאמקייט. אפרים האט דער ערשטער אנ־
געקלאפט אויף די פארהעמערטע שלעסער און ריגלען — און באהאלטע־
נע טירלעך האבן זיך פאר אים געעפנט.

זי האט איצט זעלטן זיך באגעגנט מיט אירע חברטעס, וואס זי האב
זיך דערווארבן אויף דער שיף. די פריינטשאפט וואס מען שליסט אויף
ימען און וואס ווערט קיינמאל נישט אפגעווישט, האט איצט אויסגע־
קוקט ווי א בלאסע דערמאנונג אין פארגלייך מיט אפרימס טעגלעכע בא־
זוכן. דער יונגער לעגיאנער האט פארנומען אלע קעמערלעך און צעלן פון
איר הארץ. זי האט דאס אנטדעקט, ווען זי האט זיך צוגעהערט צום ריט־
מישן קלאפן פונעם פולס, צו די אפענע, פילבארע חושים. אירע טעג זע־
נען אויסגעפולט געווארן מיט דערווארטונגען און די אוונטן מיט פריי־
דיקע באגעגענישן.

רחל, ווי א מאמע, האט געהאלטן א וואך אויג אויף דעם פארל.
הינטער אירע פלייצעס האבן באהאלטענע זאכן אויסגעזען אפן און פאר־
שטענדלעך. פונדעסטוועגן האט זי פון זייער חברשאפט געמאכט א סוד,
זי האט כמעט נישט איבערגערעדט וועגן דעם מיט איר מאן. זי האט עס
אויך נישט דערמאנט פאר פעלדשטיינען, און ווען לייב קארפ איז גאנצע
טעג געווען פארנומען מיט אויסקוקן געשעפטן, איז רחל צופרידן געווען
וואס צווישן די הויז־ווענט גייט אלץ צו אזוי גלאטיק, אזוי אויסגעטראטן.

זי האָט מיט אַ כיוון אַלישבען באַפּרייט פון שטוב-אַרבעט. זי האָט געגעבן אויף איר יעדן פאַרלאַנג — איר שטילע הסכמה און אַזוי געהאָלפן שפּי-נען איר מיידלשן חלום.

נישט אַזוי איז געווען מיט בנימינען. דער זעכצן־יאָריקער זון, וואָס האָט ביים אָנקומען אין לאַנד, פּונקט ווי זיין פאָטער, זיך געקענט באַ־גייסטערן מיט יעדער ניי-געזעענער זאַך, איז איצט אַרומגעגאַנגען אַז אומצופרידענער, אַן אָפּגעקילטער. איצט האָט מען פון אים געהערט נייע רייד. קיין איבערראַשונג האָט אים מער נישט אָנגעצונדן. נישט גלאַט דאָס באַזעצן זיך אין תל-אביב, דאָס אָפּזוכן אַ קוואַל פון פּרנסה, האָט אים געקענט באַפרידיקן. ער האָט געוואָלט מער ווי דאָס און אַנדערש ווי דאָס! ער האָט געהאַט זיין אייגענע פאָדערונג — לערנען — און גע־וואָלט די פאָדערונג דערגרייכן. אין עלטער פון זעכצן יאָר — איז אים קלאָר געוואָרן — ליגט זיין גורל אויף דער וואָגשאָל. ער איז זיכער גע־ווען, אַז אויב ער וועט זיין שטאַרקן דראַנג צו לערנען אויף אַגראַנאָם איצט נישט נאָכקומען, שטעלט ער אַלץ אין קאָן. דאָס יונגע בלוט האָט געשטורעמט. און כאָטש די עלטערן זענען איצט געווען אומבאַהאָלפן און אָנמעכטיק צו זיינע פאַרלאַנגען, האָט ער פונדעסטוועגן נישט אויפגע־הערט נאָכצונאָנד צו מאָנען דאָס זייניקע.

דערווייל האָבן אָנגערוקט די טעג פון פּורים, דער יום־טוב פון פרייד, וואָס ווערט געפייערט אין ארץ־ישראל מיט טאַנץ און מיט פּויקן. דער שפּרוך, אַז „פּורים איז נישט קיין יום-טוב און קדחת נישט קיין קרענק", וואָס גילט איבער אַלע לענדער, וווּ יידן וווינען, ווערט אין ארץ-ישראל בטל... קדחת — זומפּ־פיבער און מאַלאַריע — איז טאַקע אַ קרענק פון שטענדיקער געפאַר און פּורים איז דער יום־טוב פון אומבאַ־גרענעצטער פרייד. פון אַלע עקן לאַנד קומט מען אָנצופאָרן קיין תל־אביב ביייצווווינען דעם גאַסן־קאַרנאַוואַל, דעם טאָג פון שיכרות און פאַר־געסנקייט. עס קומען יידן פון פאַרשידענע ווייטע עדות און שבטים. קינ־דער פון ישראל פון פאַרשידענע הויטן און קאָלירן. ספרדים מישן זיך אויס מיט אשכנזים. תימנער גייען צוזאַמען מיט קורדעסטאַנען. אַפגאַ־ניסטן מאַרשירן אין קאַרנאַוואַל־צוג מיט מאַראָקאַנער.

אין טאָג פון פערצנטן אדר זענען מענגעס עולה-רגל אין דער ייִדי־שער שטאָט, כדי זיך צונויפצוקומען מיט דעם תל־אביבער פאָלק, וואָס פייערט נישט דעם יום־טוב הינטער פארמאכטע טירן, נאָר טראָגט אים ארוים אין די גאסן.

***

שושן־פורים, אין טאָג, ווען דער קאַרנאַוואַל־צוג האָט זיך געדארפט ציִען אויף די גאסן, האָט מען ביי לייב קארפן אין הויז זיך באזונדער נעגרייט. לייב אליין, א צעשטראָלטער, איז געשטאַנען אָנגעטון אין זיין שווארצן אנצוג, וואָס ער פלעגט טראָגן בלויז אין זעלטענע יום-טוב־טעג, — ווען ער פלעגט גיין אויף חתונות אָדער אויף בריתן — און כאָטש עס איז ביי אים געווען „בין־הזמנים" — אן איבערגאַנגס-צייט, ווען אַלע זייטיקע און ווינקלדיקע זאַכן ווערן פאַרדעקט פון דער איינציקער זאָרג: פרנסה, האָט ער פונדעסטוועגן געוואָלט אויסנוצן יעדן פרייען טאָג, ווען ער איז נאָך נישט איינגעשפּאַנט אין דעם עול פון טעגלעכער ארבעט, כדי צו געניסן פון דער זאָרגלאָזיקייט און פרייד, מיט וועלכער תל־אביב איבערראַשט אָפט אירע איינוווינער. דאָס וועטער איז געווען א זוניקס, אין דער לופט האָבן זיך געטראָגן ריחות פון די לעצטע רייפע פּאָמע־ראַנצן-סעדער. א מונטערער איז לייב זיך עטלעכע מאָל דורכגעגאַנגען איבער די גאסן, באַטראַכט די אויסדעקאָרירטע הייזער און ווען ער איז צוריקגעקומען, איז ער געווען אָנגעשטעקט מיט שטיפערישקייט, נישט אויפהערנדיק צו לויבן די יונגע, ווייסע שטאָט, וואָס איז איצט געווען איינגעטונקען אין זון און אין בלויקייט.

אויך רחל איז דאָסמאָל נישט געווען הינטערשטעליק. זי, די פּראַק־טישע, די אויסגערעכנטע, וואָס האָט זיך געפילט פאראַנטוואָרטלעך פארן מאָרגן, וואָס האָט געליטן פאר יעדן פארגאַנגענעם טאָג, וואָס מען האָט דורכגעלעבט פון גרייטן געלט, אויך זי האָט געוואָלט היינט אַן אָטעם טון אָן זאָרג. און אויב זי האָט זיך נישט פארגינען דאָס צוליב איר אייגענעם פאַרגעניגן, האָט זי עס געטון צוליב אלישבען. מיט א באַזונדערער צו־פרידנקייט און מוטערלעכער אויפמערקזאַמקייט האָט זי זיך צוגעקוקט

צו איר טאָכטער, וואָס איז פון פרימאָרגן אָן געשטאַנען פאַרן שפיגל און זיך געהאַלטן אין איין וויקלען אין פאַרביקע קליידער און זיך צירן אין בייטשן קרעלן, אין אָרעם-בענדער, אין קני-בראַסלעטן. דאָס האָט אלישבע פּרובירט אָנמעסטן אַ פאַסיקן קאָסטיום פאַר דעם מאַסקן־באַל, וואָס קומט פאָר היינט ביינאַכט. אויב פאַר די עלטערן איז דער היינטיקער פרימאָרגן געווען אַ צוגרייטונג צו אַ פריילעכן יום־טוב, איז דאָס אָבער פאַר איר געווען אַ טיפע איבערלעבונג. זי איז באַהערשט געוואָרן פון אַן אינער־לעכער פייערלעכקייט, פאַר דער נאַכט, ווען איר שיינקייט, איר מיידל-שער רייץ וועט שטיין אין פּראָבע. פלענער האָט זי געהאַט אָן אַ צאָל, איינפאַלן — פאַרשידענע. איר איז אָבער שווער געווען זיך פונאַנדערצו־קלייבן. זאָל זי זיך פאַרשטעלן פאַר אַ העלדין פון תנ״ך? זאָל זי זיך אָנ־טון אין אָריענטאַלישע טראַכט-קליידער? אָדער אפשר גאָר אַרויפוואַרפן אויף זיך אַ מאַרקיז-קאָסטיום? אפּרימען וועט אַלץ געפעלן. ער לאָזט פאַר איר דעם אויסוואַל. ער אַליין וועט קומען איבערגעטון פאַר אַ רייכן עפענדי אין זיין גאָלד־באַזוימטער אַבאַיע, ווי אַ פּאַשאַ מיט זיין סווי־טע... פאָראויס פאַר אים וועלן רייטן וועגווייזער, הינטער אים וועלן נאָכציען קנעכט...

אלישבע איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם בילד, וואָס זי אַליין האָט פאַר זיך געמאָלן. אַזאַ שפּיל האָט זי פריער קיינמאָל נישט מיטגעמאַכט, זי האָט אָפּגעוואַרט דעם אָוונט מיט אַ ציטער וואָס וועקט און האַלט געשפּאַנט די חושים. דער אומגעדולד האָט געהויבן פון אָרט. אויף דעם מאַסקן־באַל אין טעאַטער „עדן", ווו זי וועט היינט זיין, וועט מען זוכן די שענסטע יפת-תואר, מען וועט קרוינען אַן אסתר־המלכה. און די וויי־טע אָנקומענדיקע נאַכט איז פאַר איר פול געווען מיט צוזאָגן און מזלות...

דאָס צימער האָט איצט אויסגעקוקט ווי אַן אַרטיסטן-גאַרדעראָבע. אַ האַלב טוץ קאָלירטע קליידער און כאַלאַטן זענען געווען אָנגעוואָרפן אויף דער סאָפע. איבערן בעט — שלייפלעך, סטענגעס און קאָקאַרדעס. אינמיטן צימער האָבן זיך געוואַלגערט געשנורטע סאַנדאַלן, זילבערנע לעטשלעך און פאַנטאָפלעס פון שלאַנג-לעדער. אלישבע האָט דורכגעפירט מיט די הענט איבערן טישל פאַר דעם שפיגל. ווידעראַמאָל — פאַרוקן,

ליפּן־פּאָמאַדע, רינגען און קרעלן. דאָס אַלץ האָט אפרים צוזאַמענגע־בראַכט פאַר איר אױסװאַל. דאָס אַלץ האָט געװאַרט, זי זאָל עס דורכ־װאַרפן, אָנמעסטן אױף זיך אײנס נאָך ס'אַנדערע. אַלישבע איז שױן מיד געװען פון באַטראַכטן די אומצײליקע פאַרביקע לײװנטן. לאַנג האָט זי זיך מער נישט געקװענקלט. מיטאַמאָל האָט זי אָן עפן געטון די שאַפע און אַ לאַנג גאָלד־באַזױמט גלאָקן־קלײד, מיט אַ געפּרעסטן טורבאַן האָבן אַ גלאַנץ געטון פאַר די אױגן.

דאָס זענען געװען די קלײדער פון דבורה־הנביאה. גיך האָט זי זיך גענומען אױסטון. און װען זי האָט אָנגעהױבן װיקלען איר העל לײב אין דעם זײדענעם געװאַנט און בינדן איר טאַליע מיט די זילבערנע שנור־בענדער, האָט זי פון מונטערקײט זיך אונטערגעזונגען אַ לוסטיקן אַראַ־בישן ניגון, װאָס אפרים האָט פאַר איר אַמאָל געהאַט אױסגעשפּילט. דער ניגון איז געװען דין און ריטמיש, באַגלײט מיט אָפּגעהאַקטע געקרײזלטע האַלב־טענער — אַן אָנזאָג, אַז די מעלאָדיע קומט נישט פון דער רױשי־קער שפּאַניע, נאָר זי װערט געזונגען בײ די שטילע ברעגן פון ירדן.

דער ברײטער בלישטשענדיקער קאָסטיום איז שױן געװען אָנגע־מאָסטן אױף איר קערפּער. ערשט איצט האָט זי זיך געשטעלט פאַרן שפּיגל אױסצוװיקלען דעם זײדענעם טורבאַן, אָנצוהענגען די שװערע בײטשן קרעלן פון בורשטין און פּערלמוטער. זי האָט זיך אַלײן באַ־טראַכט מיט אַזאַ פאַרבלענדעניש, װי זי װאָלט זיך געװען געבאָדן אין רעגנבױגן־ליכט. דער רוף צו דער גאַס האָט צעקאָכט אין איר די אָדערן. און איר פיגור, בײגעװדיק און װיקלדיק, איז גרײט געװען זיך צו לאָזן אין אַ טאַנץ.

זי האָט זיך ארומגעקוקט איבערן צימער. די מוטער איז מער נישט געװען. מיט אַ קלאַפּ האָט זי פאַרמאַכט די טיר. איצט האָט זי געװאָלט בלײבן אַלײן. זי האָט אַרױפגעװאָרפן אױף אירע נאַקעטע הענט בראַס־לעטן און אָרעם־בענדער. זי האָט געעפנט שאַכטלעך פּודער, אױפגע־פּראָפּט אײן פלעשעלע נאָכן צװײטן. די שאַרפע פאַרפיום־ריחות האָבן פאַרשיכורט. אַ מידקײט װאָס קומט פון צופיל װאָלטאַג, איז איר באַ־פאַלן. זי האָט זיך אַרומגעקוקט. אַ מײדליש לעבן, אַ לאַנגער חלום װערט

צערינגען דורכן יאָר. און היינט? אַ דבורה־הנביאה וועט זי זיין. נייגעריקע אויגן וועלן איר נאָכקוקן, באַוווּנדערן, זוכן צו טרעפן, ווער זי איז. און זי, אַ פאַרמאַסקירטע, אַ שטאָלצע, וועט שפּרייזן צווישן אומבאַקאַנטע נאָכלויפערס. זי וועט זיי אינטריגירן מיט געהיימע צייכנס... מעג זיין איין אָוונט, איין שעה, אָבער זי וועט אוועקשטעלן אַ וואַנט צווישן דער דרויסנדיקער גרויקייט און איר אייגן וועלטל.

די טיר האָט זיך האַסטיק געעפנט און ס'איז אַריינגעקומען לייב קאַרפּ. פון אָנהויב איז ער געבליבן געפּלעפט. פאַר אים איז געשטאַנען אלישבע — אַ פּאַרטיקע דבורה הנביאה אין גאָלד־באַזוימטע קליידער, אויף די פיס געשנורטע סאַנדאַלן. דער קאָפּ האָר הינטערן טורבאַן איז געווען אי געלאָקט און געראָלט, אי צעשויבערט... איבערן האַלדז שווערע בייטשן קרעלן. די לענגלעכע זילבערנע אויערינגען, די בלישטשענדיקע אָרעם־בענדער האָבן זיך אונטערגעוויגט. אפילו אַ פּייקל האָט זי געהאַט אין די הענט. ס'האָט איר בלויז געפעלט, זי זאָל זיצן אונטער אַ פּאַלמע און משפּטן דאָס פאָלק.

פון איבערראַשונג איז לייב אַ ווײַלע געשטאַנען מיט אַן אָפן מויל. אין האַרצן איז ער צופרידן געווען, וואָס דער יום־טוב פון גאַס קומט אַריין צו אים אין הויז... סיי אויס נייגיריקייט, סיי אויס באַוווּנדערונג האָט ער באַטראַכט אלישבען און אַ באַגייסטערטער אויסגערופן.

— קוקסט דאָך אויס ווי אַ פּאַרצייטיקע מלכה!

— ווי אַ נביאה, טאַטע, ווי דבורה הנביאה! — האָט אלישבע אָפּגעענטפערט און אויס זיכערקייט ווידעראַמאָל זיך באַטראַכט אין שפּיגל.

צופיל פייערלעכקייט און פרייד האָט לייב געשפּירט איצט, ער זאָל עס קענען האַלטן אין זיך. ער האָט פון צווייטן צימער אַריינגערופן דאָס ווייב, רחל האָט זיך געשפּיגלט אין דער טאָכטער. געגלעט אירע הענט, די גאָלד־באַזוימטע קליידער און פון מוטערלעכער גערירטקייט האָבן די אויגן ביי איר געגלאַנצט:

— ס'מזל זאָל דיר אַזוי לויכטן, טאָכטער מיינע!

ווען בנימין איז אָנגעקומען פון גאַס, האָבן טאַטע־מאַמע אים אַריינ־

גערופן, ער זאָל אָנקוקן זיין שוועסטער. בנימין, קריגעריש, אויפגע־בראַכט ווי שטענדיק, האָט באַטראַכט אלישבען מיט גרינגשעצונג. זיין קענגערשאַפט צו אלישבען, זיין טענהן נאָכאַנאַנד, אַז זי איז אויבערפלעכ־לעך, לייכטזיניק, זי נעמט נישט דאָס לעבן און די אויפגאַבן פון לעבן ערנסט — האָט געהאַט איצט אַ באַרעכטיקונג אין זיינע אויגן. ער, אַ רייפער, אַ זעלבסטשטענדיקער, וואָס ווייסט זיינע פליכטן, האָט אָפּגע־זוכט די פּאַסיקע שעה דוקא איצט אויסצורעכענען אַלע אירע קינדיש־קייטן, פאַרצוואַרפן איר, אַז זי ווייסט אפילו נישט די פאָדערונגען און פליכטן וואָס ארץ־ישראל שטעלט איר, דער נייער יידישער טאָכטער. אָבער אין דער קעגנוואַרט פון די עלטערן און אין אָנבליק פון דער יום־טובדיקייט וואָס האָט געוויימלט אין גאַס, האָט זיין אויפרעגונג זיך עט־וואָס געטאַמעוועט. אָבער ווי שטאַרק ער האָט זיך נישט באַמיט צו צווי־מען, האָט ער פאָרט אַ זאָג געטון.

— דאָס אַלץ וואָס איר ליגט אין קאָפּ, דער קאָקעטקע!

— דיר געפעלט קיין זאַך נישט! — האָט אלישבע ביטער אַ לאַך געטון און זיך געשטעלט פאַר אים אין אַזאַ פלירטענדיקע פּאָזע, ווי ער וואָלט נישט געווען איר ברודער, נאָר אַ פרעמדער יונגערמאַן.

— עס געפעלט מיר טאַקע נישט! — האָט בנימין טראַציק גע־ענטפערט.

אלישבע איז איצט אַליין געווען קריגעריש, גרייט אָפּצושלאָגן אַ טענה מיט אַ טענה.

— און אויף וועמען האָסטו נישט אויסצורעדן? דו געפינסט דאָך חסרונות אין יעדן איינעם! מאָראַל־פּרעדיקער מיינער! און אפרים גע־פעלט דיר דען יאָ?

— ער געפעלט מיר אויך נישט! — האָט בנימין ווידעראַמאָל טראַ־ציק געענטפערט.

— פאַרוואָס געפעלט ער דיר נישט? — איז אלישבע איצט נאָענט צו אים צוגעגאַנגען, גרייט פונאַנדערצובלאָזן דעם שטרייט.

— אַ לעגיאָנער, וואָס האָט זיך געשלאָגן פאַר ארץ־ישראל, דאַרף גלייך נאָכן אויסטון דעם מונדיר איבערגיין צו אַן אַנדער דינסט. ער

דאָרף גיין אין אַ קאָלאָניע, ער דאַרף זיך באַזעצן אין אַ ניי־געגרינדעטן דאָרף, זיין אַ מוסטער און וועג־ווייזער פאַר נייע פּיאָנערן און נישט זיצן אין יפו און וואַרטן, די ענגלענדער זאָלן אים באַלוינען פאַר זיין מיליטער־דינסט מיט אַ רעגירונגס־שטעלע...

דאָ איז אלישבע אויפגעשפּרונגען. אָנרירן אפרימן האָט געמיינט באַליידיקן דאָס וואָס איז איר צומיינסטן טייער, דערנידעריקן דיעם, נאָך וועמען זי בענקט נאָכאַנאַנד. צייטנווייז איז זי גרייט געווען אַ סך צו פאַרשווייגן בנימינען. זי האָט געקענט פאַרטראָגן אַ באַליידיקונג, פאַרבייגיין אַ שאַרפע באַמערקונג. זי האָט אפילו געקענט אויסמיידן אַ צוזאַמענשטויס. אלישבע האָט גאָר אַ סך פאַרקוקט, ווען זיינע פאָרווורפן און טענות האָבן אָנגערירט איר אייגענעם נאָמען. קוים אָבער האָט בנימין אַריינגעמישט אין זיינע היציקע שמועסן אפרימען, האָט זי שוין אַזוי גיך דעם שטרייט נישט אָפּגעלאָזט. זי איז געוואָרן אַן אייפגעקאָכטע. די בלויע, שיינע אויגן האָבן זיך צעפינקלט, דאָס לויכטנדיקע פּנים האָט געפלעמלט און זי איז גרייט געווען מיט ציין און נעגל צו שיצן דעם, וועלכער האָט זי אויך געהאַלטן אין שוץ. דערצו האָבן איר ברודערס מאָראַל־פּרעדיקן, זיין זאָרג פאַרן ווילזיין פון פאָלק און פון לאַנד איר ווייניק געקימערט. בנימין האָט ביי איר אויסגעקוקט ווי אַן אַלט געמיט. צו רייף און צו צייטיק — איבערגעוואַקסן לויט זיין עלטער... זי האָט געזען אין זיינע אָפּטע קריגערייען אַ פאַרביסענע נישט־פאַרגינערײַ, אַ שטערונג דערפאַר, ווייל זי האָט געפונען אין אפרימען רו און גליק, ווייל זי האָט געפונען אינהאַלט, אינטערעס. און אויך איצט, ווען בנימין האָט ווידעראַמאָל אָנגעגריפן אפרימען, איז אלישבע געוואָרן אויפגעקאָכט. פון כעס און ערגערניש האָט זי גענומען אַראָפּרייסן פון זיך די קליידער, די בייטשן קרעלן, די אָרעם־בענדער. זי האָט אַלץ געשליידערט אויף דער פּאָדלאָגע. זי האָט געטופּעט מיט די פיס און זיך צעוויינט.

— קענסט מיט קיינעם נישט אויסקומען! ביסט אַ מענטשן־פיינט! דו האָסט פיינט אַלעמען! אַלעמען!

באַרואיקט האָט זי זיך ערשט, ווען די מוטער האָט מיט צערטלעכ־

קייטן זי איינגענומען און געהייסן נישט ליגן קיין אַכט אויף דעם ברודערס רייד, אויף זיינע משוגעתן. דער פֿאָטער האָט אַרויסגעפֿירט בנימינען פֿון צימער. און כאָטש ער האָט באַהאַלטענערהייט אָנגעקוואָלן, וואָס זיין זון רייסט זיך צו ווייטע, אומבאַקאַנטע זאַכן, וואָס ער טראָגט מאָנונגען און פֿאַרלאַנגען צו זיך און צו יענעם, האָט לייב קאַרפּ פֿונדעסטוועגן נישט געוואָלט פֿאַריאָגן די געהויבענע פּורים־שטימונג, די פֿרייד פֿון דער מגילה, וואָס האָט אָנגעשטעקט די שטאָט, די גאַס און דאָס הויז.

קאפיטל זיבן

די פייערן פון שושן-הבירה

די תל־אביבער איינוווינער האָבן זיך שוין געהאַט אַרויסגעשאָטן איבער דער שטאָט. אַלט און יונג האָבן פאַרפולט די טראָטואַרן, די זאַמדיקע פּלעצער און אָפענע שייד-וועגן. מיט שפּאַנונג האָבן זיי אָפּגעוואַרט דעם פאַרביקן קאַרנאַוואַל־צוג.

די דריי הויפּט-גאַסן זענען נישט געווען דורכצוגיין. אין די ראָגן זענען געווען אויפגעשטעלט הויכע האָלץ־טויערן מיט אויסגעמאָלטע מגילה-העלדן. אחשורוש אויפן היסב־בעט, מרדכי אויפן פערד, המן מיט די בנים אויף דער תליה. דורך די טויערן, ווי דורך טונעלן, האָבן געצויגן שערענגעס פורים-שפּילערס. דורך די געפּאַקטע טראָטואַרן האָבן זיך געשטופּט גאַנצע פּאַרטיעס קאַפּיטאַנען, פּרינצן, מאַהאַראַדזשאַס. דער בלישטש פון זייערע גאָלדענע מונדירן, דער גלאַנץ פון די זײַדענע טורבאַנען און געשטרייפטע סוטאַנעס האָט געבלענדט אין די אויגן. אין יעדן ווינקל האָט זיך געהערט דאָס קלאַפּעריי פון גראַגערס. דאָס אַנלויפנדיקע קליינוואַרג האָט געלאָזט אין גאַנג שיס-פּולווער און רעוואָלווערן־פייער. דער המון האָט געפלייצט פון אַלע שטאָט־עקן. און תל־אביב — פאַרשטעלט און פאַרמאַסקירט — האָט אויסגעזען ווי שושן־הבירה.

צווישן די מענגעס, וואָס האָבן פאַרפולט די גאַסן, האָבן זיך אויך געפונען לייב קאַרפּ מיט זיין משפחה. ער האָט קוים געפונען דעם וועג דורך די געדיכטע געפּאַקטע רייען, פאַר אים האָט די גאַנצע פּראָצעסיע אויסגעזען ווי אַן אַנטפּלעקונג, ווי אַ וווּנדער. דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן, ווי ער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף יידן פון אַזויפיל שבטים און

עדות. ס׳ערשטע מאָל, ווי ער האָט אָנגעקוקט אזא פילפארביקייט, וואָס איז געלעגן נישט בלויז אויף מלבושים, נאָר אויך אויף הויטן און פּני־מער. דאָ האָבן שפּאַצירט משפּחהווייז דאַרע, טונקל־הויטיקע תימנער מיט געקרויזטע פאות און שיטערע בערדלעך, דאָרט האָבן געשפּאַנט ברייט־גופיקע ספרדים אין זייערע קאָלירטע שטרייף־כאַלאַטן. ניכטערע אשכנזים האָבן זיך אויסגעמישט מיט היים־בלוטיקע שפּאַניאָלער. און הינטער דעם געדרענג האָבן זיך ארויסגעזען די רויטע פעסקעס פון אראַבער, וואָס זענען נייגעריקע אָנגעקומען פון יפו און פון די שכנותדיקע דערפער, ווער צופוס, ווער רייטנדיק אויף אייזלען. טייל זענען אפילו אָנגעקומען מיט זייערע משפּחות צו באַוווּנדערן ווי אזוי די „יאהוד" פייערן זייער יום־טוב פון שפּאַס, דעם טאָג פון „מאַסחאַראַ" (פאַרוויילונג).

אין לייב קאַרפּן האָט געקוואָלן א גרויסע פרייד. און ווי נאָר ער האָט דערזען א נייע מאַסקע, אן אויסטערלישן קאָסטיום פאַרבייגיין, האָט ער מיט באַגייסטערונג אריינגערעדט אין זיין ווייב, אין דעם זון, אין דער טאָכטער. ער האָט פּאָר זיי דערקלערט דעם באַדייט פון די פאַרביימאַרשירנדיקע מאַסקעס, געהייסן, זיי זאָלן זיין אויפמערקזאַם צו די אומגעוועגלעכע קאָסטיומען און מזרח־טראַכטן, ווייל אין יעדער הל־בשה איז דאָ א זין און א מיין. נישט קיין טאָג פון אויבערפלעכלעכער פאַרוויילונג איז פּורים אין ארץ־ישראל, נאָר א יום־טוב פון נקמה. נקמה דורך שפּאַס און שפּאָט איבער די אומצייליקע שונאים, וואָס שטייען אויף איבער אונדז אין יעדן דור.

אַז ס'איז פאַרביי אַ שעה, צוויי שעה און די געפּאַקטע מענגעס מענטשן האָבן פאַרשפּאַרט יעדן דורכגאַנג — דעמאָלט איז אלישבע, באַגלייט פון דער מאַמען, פאַרשוואונדן פון דער געדיכטעניש אַרויס. זי איז אַוועק זיך גרייט צו מאַכן צום בייִנאַכטיקן מאַסקן־באַל. לייב קאַרפּ איז צופרידן געווען צו בלייבן בלויז מיטן זון. איצט האָט ער געהאַט אַ געלעגנהייט זיך אויסצוטענהן מיט בנימינען וועגן זיינע אָפטע קריגע־רייען. ער האָט געפּרוווט ווייכער צו מאַכן זיין האַרטנעקיקייט, ברעכן זיין ווידערשטאַנד צו אַלץ און צו אַלעמען. אָבער בנימין האָט זיין עק־שנות אויך דאָס מאָל נישט אויפגעגעבן. אַנשטאָט זיך צו פאַרענטפערן, האָט ער אַרויסגעשטעלט צום פאָטער טענות. ער האָט אַרויסגעוויזן אָפענע אומצופרידנקייט מיט דער פירונג אין הויז, אומצופרידנקייט מיט זיך און מיט אַלעמען. נישט דאָס זענען די צילן פון אַן אַריבערגע־קומענער משפחה אין ארץ־ישראל. דאָס באַזעצן זיך אין ארץ־ישראל מיינט נישט דאָס טוישן פון איין סאָרט קרעמעריי אויף אַן אַנדער סאָרט הענדלעריי. דאָס מיינט אַ באַהעפטונג מיטן לאַנד. ס'מיינט אַן איבער־גאַנג צו ניי לעבן, צו נייעם אינהאַלט. מנהגים און זיטן, וואָס האָבן גע־שווערט ווי קייטן אויף דעם ייד דורך צוויי טויזנט יאָר, וועדן אָפּגע־מעקט ביים איבערטרעטן אויף אָט דער ערד.

לייב איז געווען פאַרחידושט פון די רייד. ער האָט נישט געוווסט ווי אַזוי בנימין האָט אין פאַרלויף פון חדשים אָנגעקליבן אַזויפיל העזה. בנימין רעדט זעלבסטשטענדיק, איבערצייגנדיק, דערצו מיט חוצפּה. און אויב ער, לייב, קען זיינע פאָדערונגען נישט נאָכגעבן, ווייסט אָבער ער, בנימין ווי אַזוי זיינע מאָנונגען אַרויסצושטעלן. ערגעץ גראָבט ער, ער־גער צילט ער. געדאַנקען רייסן זיך און ווערן צייטיק. איינפאַלן בליצן אויף. עס איז דאָס קול פון דעם יונגן דור, וואָס וויל געוועלטיקן איבער דעם עלטערן. ס'איז דער אומפאַרמיידלעכער געראַנגל צווישן דעם פאָ־טערס אומבאַהאָלפנקייט און דעם זונס שטאַנדהאַפטיקייט. און אַז עס וועלן אַוועק וואָכן, חדשים — האָט לייב קאַרפּן געמאַטערט אַ פאַרדאַכט — און ער, דער פאָטער, וועט ווייטער בלייבן אָנמעכטיק נאָכצוגעבן זיין זונס פאַרלאַנגען, וועט דער זון אין אַן אומגעריכטן טאָג זיך אויפ־

הויבן און אוועק פון דעם פאטערס הויז, ער וועט זיך לאזן וואנדערן איבער וועגן.

געשטערט אין אט-די געדאנקען האט אים דער פלוצימדיקער טומל. וואס האט אויסגעבראכן ארום אים. פון אלע זייטן האט מען זיך גענומען שטופן מיט הענט, מיט עלנבויגנס, מיט אקסלען. די מענטשן האבן זיך צונויפגעשלאסן אין א וואנט, דאס האבן אלע געגאפט צו דער זייט פון דער הערצל-גאס, פונוואנען דער קארנאוואל-צוג איז אנגעקומען.

א גאלאפ פון לויף-פערד האט אנגעזאגט, אז די פראצעסיע הויבט זיך אן.

אויף א פריער איז געפארן א לאנגער בלוי-ווייסער אויטאמאביל, דעקארירט מיט צוויי הויכע טויערן, ווי לוחות. די טויערן זענען געווען געוויקלט אין א בראקאט און אין זיידענע געוואנדן. און איבער די טויערן — דער זילבערנער עמבלעם פון תל־אביב, געשניצט און גראווירט, א צייכן און אן אנדייט, אז די שטאט פירט אן מיט דעם פאראד

הארט הינטער די טויערן איז נאכגעריטן אויף זיין ווייס־געשפריצט פערד דער בירגערמייסטער פון תל-אביב, אנגעטון אין גאלא, מיט ווייכע הענטשקעס און אויפן קאפ — א גלאנציקן צילינדער-הוט. א ברייטער, א פעסט-געבויטער, זיין פנים מוסקולירט, ווי ביי אן אטלעט, איז דער בירגערמייסטער געריטן מיט אזא שטאלץ, ווי דאס פערד זיינס וואלט נישט געטרעטן איבער די שטיינער פון זיין שטאט, וואס ער האט מיט זיינע אייגענע הענט אויסגעכאוועט, נאר גלייך ער וואלט אריינגעריטן אין די טויערן פון א פריש־דעראבערטער פעסטונג.

דער באגייסטערטער המון האט אויסגעבראכן אין א פאטשעריי. דאס האט מען אפלאדירט דעם שטאט־טאטע, וואס האט מיט צוועלף יאר צוריק איינגעגראבן דעם ערשטן שטיין אין א הייסן מדבר־זאמד און איצט פירט ער ארויס די טויזנטער איינוווינער צום גאסן-פאראד פון דער יונגער שטאט.

די ערשטע עטלעכע איינוווינער פון תל-אביב האבן גוט געדענקט, אז דעם בירגערמייסטערס קאפ — דער קאפ פון דער שטאט — איז נישט איינמאל געווען אין געפאר, אין צייטן פון גירוש, אין צייטן פון

גזירות... זיי האָבן גוט געדענקט, ווי דער טערקישער הערשער דזשעמאַל פּאַשאַ האָט בשעת דער ערשטער וועלט-מלחמה אים אַריינגעזעצט אין דער געפענגעניש פון דמשק, געגרייט זיך אים צו הענגען, אויס פאַרדאַכט, אַז ער שפּיאָנירט פאַר ענגלאַנד. בלויז אַ נס — דער נס וואָס באַשיצט גלויביקע און שטאַרקע — האָט אים געראַטעוועט פון דער תליה.

סיי לייב, סיי בנימין זענען מיטגעריסן געוואָרן פון דעם המון, וואָס האָט געשריגן און געוואַלדעוועט פון פרייד. נישט איינמאָל איז זיי אַליין אויסגעקומען צו זען דעם בירגערמייסטער, ווי ער רייט אויף זיין טעגלעכן פרימאָרגן־שפּאַציר צום ים־ברעג. דער זעכציק־יאָריקער פּיאָנער און שטאָט־גרינדער האָט זיך געטראָגן אויף זיין פערד ווי אַ פלינקער יעגער, גרייט אַוועקצופּאַטשן אין ווייטקייטן. דאָס איז די אַרבעט און דאָס איז דער לוין. מיט חלומות און מיט גבורה האָט מען געריסן שטיין און זאַמד, געפלאַנצט אַ נייעם ישוב אויסער די מויערן פון יפו. און היינט טראָגן זיך מענגעס איבער די גאַסן פון אַ פריידיקער און שאַלענדיקער שטאָט.

דער קאַרנאַוואַל האָט זיך גערוקט פאָראויס. איינס נאָך ס׳אַנדערע האָבן זיך פאַרביייגעטראָגן אויף לאַנגע דעקאָרירטע וועגענער גרופּןבילדער פון די אור-אַלטע צייטן. דאָס יידישע פאָלק אין זיינע איבערוואַנדלונגען דורך יאָר־טויזנטער. צוערשט האָבן זיך געזען די צוועלף שבטים מיט כּלי־זין און מיט פאַרביקע טראַכטן און געוואַנדן. די שבטים האָבן סימבאָליזירט די חיות און די קריגער, צו וועלכע דער אַלטער, שטאַרבנדיקער יעקב האָט זיי פאַרגליכן. יהודה — אַ רוענדיקער לייב וואָס קניט מיט גבורה און וואַרט צו באַפאַלן זיין רויב... זיין פעל וואַשט ער אין וויין און זיין לייב באָדט זיך אין בלוט פון טרויבן... זבולן — אַ וואָגלער איבער וואַסערן, וואָס זיצט ביי די ברעגעס פון ימען און ציט ווינט־זעגלען אויף די שיפן... דן — אַ שלאַנג וואָס קריכט אויף וועגן און אויף מדבר-שליאַכן און בייסט די פּיס־פּיאַטעס פון לויפנדיקע פערד, כדי אומצוברענגען זייערע רייטערס... אַזוי האָט זיך פאַרביינערוקט איין שבט נאָכן אַנדערן. איטלעכער מיט זיין סימבאָל און מיט

זיין שליחות. דער באַגייסטערטער המון האָט אויפגענומען די היסטאָ־רישע גרופּן־בילדער מיט נישט ווייניקער פרייד, ווי ער האָט אויפגענו־מען די היינטצייטיקע סצענעס, וואָס האָבן פאַרגעשטעלט דעם וווּקס פון דעם נייעם ארץ־ישראל. אָט האָט זיך געזען אַ פּאַרטיע וואַנדערנ־דיקע „בילוצים״ מיט פופציק יאָר צוריק, וואָס זוכן וואַסער אין מדבר, באַקן ברויט אויף דער זון און באַלד קעגנאיבער האָט זיך געשפּרייט דער היינטיקער, אויפבליענדיקער עמק־יזרעאל מיט ווייננגערטנער, סעדער און זאַטע תבואה-פעלדער... די אויסדעקאָרירטע וועגנער האָבן זיך גע־צויגן ווי גוט-אויסגעשפּילטע טעאַטער־אַקטן. אַלץ האָט געלאַקט און מיטגעריסן. די בינע, די איבערגעטוענע פאַרשווינען, די לאַנדשאַפט.

אַלע האָבן געגאַפט מיט אויפגעריסענע אויגן, ווען ס׳איז פאַרביי־געפאָרן בלשצאַרס קעניגלעכער פּאַלאַץ. בלשצאַר מיטן גאָלדענעם סצעפּ־טער, אַרומגערינגלט פון זיין סוויטע און פון זיינע הויף־ווייבער, זויפט מיט אַלע פּירשטן און שרים, וואָס זענען געקומען צום מאָלצייט. און מיטאַמאָל באַווייזט זיך אַ פייערדיקע האַנט איבער דער וואַנט און שרייבט מיט כאַלדעאישער שריפט דעם גזר: „מנא מנא תקל ופרסין״...

און פּלוצים איז אויסגעוואַקסן אַ פּאַטרול פון קאַווקאַזער יידן אויף פערד. די קאַווקאַזער האָבן זיך פאַרביינגעטראָגן אין אַ ווילדן גאַ־לאָפּ. הויכע, בייניקע, אין ברייטע פּאַפּאַכעס, אין גרויע אָפּגעמאָסטענע שינעלן. באַוואָפנט ביז צו די ציין מיט ביקסן, קוילן־רימענס און שטי־לעטן, האָבן זיי זיך געוויגט איבער די זאָטלען ווי שדים און זיך גע־יאָגט ווי אויף אַ מלחמה-אַלאַרם.

הינטער דעם פּאַטרול האָבן זיך געשלעפּט גאַנצע משפחות פון מי־דע אַלטע גרים מיט האַק און פּאַק. די גרים, באַוואַקסענע מוזשיקעס, געוועזענע פּראַוואָסלאַוונע מיט בערד ווי ביי רוסישע באָיאַרן, זענען נאָכגעגאַנגען זייערע שוואַר-באַלאָדנטע בוידן. זיי האָבן אָפּגעזוכט דאָס צוגעזאָגטע לאַנד און מיט פרייד געגאַנגען צו זייערע נחלאות.

נישט בלויז האָבן די קאַרנאַוואַל־צוגן אַרויסגערופן שטאַלץ און אייננליבע ביים המון, נאָר יעדע פאַרביימאַרשירנדיקע גרופּע מיט טראַנספּעראַנטן און פענער, יעדער אויסטערלישער קאָסטיום האָט גע־

האט אַ מיין, אַז אַנצוהערעניש, אַז די געפאַלענע יהודה וואָס איז דורך יאַרטויזנטער געווען צעשפּרייט, צעשטויבט, וואַכט איצט אויף — ווערט ווידערגעבוירן...

ס׳איז שוין געווען פאַרנאַכטלעך, ווען די לעצטע דעפּילאַדן האָבן זיך געטראָגן איבער די גאַסן. די זון האָט זיך געזעצט און אַ פינצטער־ניש האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער דער שטאָט. דער המון איז געוואָרן שיטערער. ווידער האָט זיך פאַרטראָגן דאָס קנאַלן פון דינאַמיט און שיס־פּולווער. ראַקעטעס האָבן אויפגעריסן און די לופט איז פול גע־וואָרן מיט דעם געבראַזג פון קאָלירטע, קנאַקנדיקע פייערן.

לייב קאַרפּ מיטן זון זענען, נאָכגייענדיק דעם קאַרנאַוואַל־צוג, צוגע־קומען צו דער יהודה־הלוי־גאַס, וואָס פירט צו די שמאָלע, ענגע ליקעס פון דעם נוה־צדק־קוואַרטאַל. זיי האָבן נאָכגעקוקט דאָס לעצטע בילד. ס׳איז געווען אַ ברייט, רייף פעלד, ווו עטלעכע יידן אין יאַרמעלקעס, אין קאַפּאָטעס, געוועזענע לופט־הענדלערס פון פּוילן, זענען דאָ, אין לאַנד, געווען באַשעפטיקט מיטן שניט. זיי האָבן זיך געבויגן הינטער די פולע בייטן תבואות, האָבן אונטערגעזעגט די זאַנגען מיט קאָסעס, גע־בונדן אין גאַרבן און זיי געוואָרפן אויף געשפּאַנטע וועגענער, וואָס האָבן געפירט די תבואות צו די שפּייכלערס. דאָס האָט אָפן דעמאָנסט־רירט גאַנצע שיכטן יידן, וועלכע זענען איבער אַלע צעשפּרייטקייטן געווען באַדנלאָז, געלעבט מיט נסים. און איצט וואָרצלען זיי זיך איין אין דער ערד.

לייב האָט אָנגענומען דעם זון פאַר אַ האַנט.

— ווי געפעלט דאָס דיר, בנימין?

— דאָס איז דער זין פון ארץ־ישראל, טאַטע — האָט בנימין אַ שטראַלנדיקער געענטפערט — און מיר אַלע דאַרפן אויך ווערן ווי זיי!

— נישט דו, בנימין. דו דאַרפסט לערנען, דאַרפסט ווערן אַן אינ־זשעניר, אַ קאַנאַל־גראַבער... לאָמיר נאָר מיט גאָטס הילף זיך איינשטעלן מיט פרנסה. אָט גייט מען ציען וואַסער־רערן איבערן גאַנצן לאַנד. מען גייט בויען קאַנאַליזאַציע. אויסער דער שטאָט. וועכטו אפשר אויס־

וואקסן א גוטער אגראנאם, א גוטער פויער. אבער ארץ־ישראל דארף נישט ווייניקער מאשינען־אינזשענירן, ווי גוטע פויערן.

בנימין איז נישט געווען איינשטימיק מיט דעם פאטערס ענט־פער. ער האט געהאט זיינע אייגענע פלענער. ער האט געוואלט גיין אין דער אגריקולטור-שולע מקוה־ישראל. אויב שוין יא ווערן נוצלעך פארן לאנד, פארוואס נישט זיין באשעפטיקט ביי דער ערד? פארוואס נישט אכטונג געבן אויף די פלאנצן און זוימען? און די ארץ-ישראל-ערד, א פארלאזענע, נישט־דורכגעאקערטע ווארט דאך אויף הענט, אויף מיליאָ־נען הענט, וואס זאלן זי צערטלען און לאשטשען. ער האט זיך אנגערופן: — זעסט טאטע, דיין דור האט אלץ פארשפעטיקט. און די איבעריקע פון דיין צייט האבן אפילו נישט געהאט א געלעגנהייט צו שנאפן דעם ריח פון די גרודעס... אבער מיר, דער יונגער דור, קענען זיך נאך צובינדן צו דער ערד. מיר דארפן זיך קלאמערן אין איר, מיר מוזן זיך איינבייסן אין דער ערד מיט ציין און נעגל און אפווישן דעם בלבול, וואס מען האט אויף אונדזער פאלק ארויפגעלייגט, אז מיר ווילן זיין וואס העכער אין דער לופטן און אלץ וייטער פון די ווארצלען...

לייב האט געדריקט צו זיך דעם זון. נישט בלויז די ווערטער, נאר אויך דאס קול איז פאר אים געווען ניי. צו אזא קול דארף מען זיך צו־הערן. אזוינע ווערטער בלייבן ערגעץ שטעקן. זיי רופן און מאנען. לייב איז געגאנגען א פארטראכטער. ביידע האבן ארייגעדרייט אין די שמאלע געסלעך פון נוה־צדק, אויפן וועג אהיים. ס'איז געווען נאכט. דער הימל טיף און בלוי, איז שוין געווען באשאטן מיט שטערן, איבער אלע גאסן האט איצט געקנאלט אן אומאויפהערלעכע שיסעריי, ווי א קאנאנאדע. מאסקעס האבן געיובלט. קאלירטע ראקעטעס — בלוי, פיאלעט, פורפור־רויט — האבן אויפגעריסן און געמאלן איבערן הימל אויסטערלישע פי־גורן. ליכט-פראזשעקטארן האבן זיך געצונדן. און תל-אביב איז געווארן באלויכטן מיט די פייערן פון שושן־הבירה.

קאַפּיטל אַכט

אַ דאַוונער ביי די כוואַליעס פון ים.

די שווערע רעגנס, וואָס גיסן אין די קאַלטע ווינטער־חדשים, פאַר־פליִיצן מיט בענטשונג לאַנד־בערג און טאָל־פלאַכן, טרינקען אָן פּרדסים און וויינגערטנער און שווענקען די טרוקענע פון זון־דורכגעברענטע ערד — די רעגנס האָבן דאָס יאָר זיך אָפּגעשטעלט שפּעט, ערשט סוף אָדר, און לייבס הויז איז דעמאָלט געוואָרן אַביסל אויפגעריכט. נישט בלויז לייב, נאָר אפילו רחל, די קינדער, זענען געוואָרן אויפגעלייגטער. און ס'איז גע־ווען צוליב וואָס צו זיין אויפגעלייגט. אויב דאָס אָרומגיין צווישן די יפוער סוחרים האָט געברענגט ווייניק נוצן, האָט אָבער אפרימס באַקאַנטשאַפט אַ סך געהאָלפן. ער האָט אָפּגעזעצט קליידער ביי ענגלישע מיליטער־לייט, ביי רעגירונגס־באַאַמטע און אויך ביי טייל רייכערע תל־אביבער איינוווי־נער. איינמאָל אַ וואָך איז לייב געפאָרן אין די יידישע קאָלאָניעס אריין. מיט יעדן אויסגעליידיקטן קאַסטן שיך, מיט יעדן אָראָפּפּאַרקויפטן טוץ קליידער, האָט ער געפילט, אַז ער באַפרייט זיך פון אַ לאַסט. דאָס צו־נויפגעקליבענע מזומנים האָט ער געהיטן ווי אַ לאַנג־אָפּגעשפּאָרט פאַר־מעגן און געזען, עס זאָל זיך מערן, ער זאָל אימשטאַנד זיין עפּעס איינ־צוּוועבן פונדאַסניי, אָנהויבן צו פאַרדינען דאָס ערשטע שטיקל ארץ־ישראלדיק ברויט.

עטלעכע וואָכן שפּעטער איז לייב קאַרפּ געווען כמעט פריי פון דער „ווינער־לאַדונג", וואָס האָט געהאַט פאַרשטעלט די ווענט פון זיין שטוב.

די לעצטע שטיקלעך זיידענע אונטערוועש האָט רחל אַליין צעטראָגן אין די שכנישע גאַסן. זי האָט עס אָפּגעשטופּט דאָ בחצי־חינם, דאָרט אויף אויסצאָלן. ביי רחלען איז דאָס נישט געווען קיין באַזונדערע אָנשטרענגונג. זי האָט זיך דערמאָנט, ווי גלייך נאָך דער חתונה האָט זי זיך אָנגעהאָנגען אויף ביידע הענט צוויי קוישן מיט געבעקס און געגאַנגען איבער די קריסטלעכע געגנטן פון איר היים־שטאָט, האָט אָפּגעשלאָגן אַלע טירן און אַזויערנאָך געגעבן דעם מאַן אַ האַנט אין דער פּרנסה. אויך איצט וואָלט זי זיך איינגעשפּאַנט מיט גרויס חשק אין דעם טעגלעכן געשעפטלעכן יאָך, אויב ס'וואָלט נאָר געווען ביי וואָס.

און ווי רחל האָט נאָר דערשפּירט דעם טעם פון אַ פּריש־פּאַרדינטן גראָשן, האָט זי שוין מער נישט גערוט. זי איז זיכער געווען, אַז אַלץ וועט זיך צוריק איינשטעלן און זיך אויסגלייכן. און טאָג און נאַכט האָט זי פּאַרוואָרפן לייבן און די קינדער מיט פּלענער, צו וואָס מען זאָל זיך נעמען.

לייב קאַרפּ איז אַרומגעגאַנגען אַ צערודערטער. דער געדאַנק וואָס מען הויבט אָן צו טון איצט? האָט אים געמאַטערט. און געמאַטערט שטאַרק. דער עול צו שפּייזן די פאַמיליע איז געווען גרויס. און וויפיל ער האָט זיך נישט באראַטן מיט נאָענטע, געזוכט לאַנדסלייט — צו קיין אויסוועג איז ער נישט געקומען. רחל האָט שוין אפילו געטראַכט, וועגן דינגען אַ שטעלע אין מאַרק. לייב האָט אין זינען געהאַט צו עפענען אַ שפּייז־געוועלב, פּונקט אַזאַ מסחר ווי ער האָט געפירט אין פּוילן, נאָר אויף אַ קלענערן מאַסשטאַב. ער האָט אָפטמאָל געקלערט פון גיין אַליין אַרבעטן אויף אַ מויער.

ביז איינמאָל איז צו אים פּאַרפאָרן פון פּתח־תקוה אַן אַלטער קאָלאָניסט יוסיפון. דער קאָלאָניסט איז געווען לייבס אַ בן־עיר, אַ וואָלאָצלאַוועקער. ער האָט פאַרלאָזט פּוילן נאָך מיט דרייסיק יאָר צוריק, זיך באַזעצט אין דעם ערשטן און עלטסטן דאָרף אין גליל און איז געוואָרן אַן ערד־מענטש. דערוויסנדיק זיך, אַז לייב קאַרפּ מיט זיין משפחה האָט זיך אַריבערגעשיפט קיין ארץ־ישראל, האָט ער באַשלאָסן אים צו באַזוכן.

יוסיפון, גרויז און קנאָכיק, מיט אַ קופּערנעם פּנים, האָט באַלד נאָכן

אַריינגעקומען אין לייבס שטוב געעפנט א לייוונטענעם זעקל. ער האָט אַרויסגעלייגט אויפן טיש אַ קאַרטאָפל, אַ ציבעלע, אַ פּאָמעראַנץ און זיך אָנגערופן:

— זעסט, אַט די פּירות קומען פון דער ערד... און דאָס איז דער תכלית פון לעבן. דער פּסוק: „בזיעת אפיך תאכל לחם" איז נישט געווען קיין קללה, נאָר אַ ברכה... דאָס האָט געגעבן דעם מענטש אַ זין, ער זאָל קענען דורכשפּאַנען זיינע אָרעמע פּופּציק יאָר אויף דער ערד.. כ'וויל, דו זאָלסט מיטקומען מיט מיר, זאָלסט זיך באַזעצן אין דאָרף.

צוזאָגן אַז ער וועט זיך באַזעצן אין דאָרף, האָט לייב נישט גע־קענט, אָבער מיטגעפאָרן אין דעם דאָרף איז ער יאָ. ער איז ביי דעם קאָלאָניסט געבליבן עטלעכע טעג. ער האָט באַטראַכט זיין ווירטשאַפט, די פינף דונאַם לאַנד, דעם וויין־סאָד, דעם מאַנדל־גאָרטן. אין די בלויע פּאַרטאָגן האָבן ביידע שפּאַצירט אויף זייטיקע סטעזשקעס, צווישן געדיכ־טע פּרדסים און קנוילן מיט קאַקטוסן. דער טוי האָט געוואַשן די גראָז־פלאַכן. דער גרויער יוסיפון האָט גערעדט:

— דאָ וועסטו געפינען רו... אַלץ וואָס דו דאַרפסט, איז אַ געקאָ־לעכט שטיבל, אַ ברונים און אַ פּלויט... זעסט אַט די פעלדער און וויינ־גערטנער? די ענגלעך טרויבן וועלן דיך רופן אין חודש סיון און די בייטן תבואה וועלן אויף דיר וואַרטן אין שניטצייט... און ווען דו וועסט זיך גוט איינבייסן אין דער ערד און וועסט זיך אין איר איינגראָבן — דע־מאָלט וועסטו דערשפּירן דעם טעם פון לעבן...

מיט וויפיל פרייד לייב איז דעמאָלט צוריק געקומען קיין תל־אביב, מיט וויפיל באַגייסטערונג ער האָט גערעדט וועגן דעם גראָבאייזן און אַקער — דערפון האָט געוווסט נישט בלויז רחל, נאָר אויך ביידע קינ־דער. סיי אלישבע און סיי בנימין זענען מיטגעריסן געוואָרן פון דעם פאָ־טערס אַנטציקונג. אָבער דעם ערשטן ווידערשטאַנד האָט געשטעלט רחל. איר איינגעבוירענע געוווינהייט צו זיין אויסגעמישט מיט מענטשן, צו זיין נאָענט צום טומל און צום האַנדל, האָט נישט דערלאָזט ביי איר דעם געדאַנק זיך צו שיידן מיט דער שטאָט. זי האָט זיך געווערט קעגן דעם גע־דאַנק מיט איר אייגענעם שטאַרקן ווילן, מיט באַווייזן אַז דער איבער־

גאַנג וועט זיין נישט קיין געלונגענער. דערצו קען ליב — אַ מענטש וואָס האָט שטענדיק געהאַט צו טון מיט מסחר — קיינמאָל נישט זיין קיין גוטער דאָרף-מענטש.

אָבער ביי לייבן האָט דער חשק זיך צו באַזעצן אין דאָרף זיך שטאַרקער צעפּלאַקערט. רחל האָט מיט איין וויש אָפּגעשטופּט די פּלע־נער זיינע אויף שפּעטער.

— אַרויסגעוואָרפענע רייד! ביז מען וועט זיך נישט איינשטעלן מיט אַ שטיקל געשעפט, איז נישטאָ וואָס צו קלערן פון די זאַכן.

און די פּראַקטישע, שטאַנדהאַפטיקע רחל האָט געזאָרגט, מען זאָל דערפון נישט קלערן. זי האָט אַליין אָפּגעוואָרט די ערשטע געלעגנהייט, וואָס וועט איר אונטערקומען. זי האָט אונטערגעיאָגט לייבן און זיך אַליין אויך פאַרבונדן מיט מעקלערס. זי האָט אויפגעכאַפּט יעדן פאָרשלאַג, יע־דע אָנווייזונג און יעדן פּלאַן. דער דראַנג זיך איינצופונדרעווען איז גע־ווען אַזוי שטאַרק, אַז אַלץ איז ביי איר געווען אויסגעשטעלט אויפן טאָג, אויף דער שעה. אויסער דעם האָט זי געהאַט נאָך אַ סיבה, צוליב וואָס נישט צו וועלן פאַרלאָזן תּל־אביב. מיט אלישבען — האָט רחלען זיך אויסגעוויזן — איז זי אויף אַ האַלבן וועג. אפרימס נאָענטקייט האָט אַ סך צוגעזאָגט. און אויב צו אַן אָפּענעם איבעררייד איז עס נאָך נישט גע־קומען, ס'האָט בלויז געהאַלטן ביי אָנדייטונגען — דער אויספיר וועט זיין דער זעלבער. און ווען זי, רחל, זאָל דערווייל בלייבן ביי דעם איינעם גע־ווינס, האָט דאָך שוין אויך געלוינט זיך אַריבערצושיפן איבער ימען.

מיט אַזוינע געדאַנקען האָט רחל פאַרטריבן איר אייגענע אומצו־פרידנקייט און געקילט דעם אייגענעם צאָרן, וואָס האָט אָפּטמאָל אויפגע־פּלאַקערט, ווען זי האָט זיך אָנגעשטויסן אויף שוועריקייטן. מיט אַט די געדאַנקען האָט זי אויך אָנגעשטעקט איר מאַן און אָפּגענומען ביי אים דעם גלויבן אין דאָרף. לייב, וואָס האָט שוין געהאַט מסכים געווען מיט רחלס באַשלוס, האָט פונדעסטוועגן געפונען פאַר נויטיק זיך דורכצו־רעדן מיט פעלדשטיינען. פעלדשטיין, וואָס האָט מיט לייבן צוזאַמען פאַרלאָזט די היים-שטאָט, וואָס האָט אים באַגלייט דעם גאַנצן וועג אויף באַנען און שיפן, ער, פעלדשטיין, פאַרמאָגט די ווייטזעעוודיקייט פון אַ

בעל־יועץ. אויף זיינע ברייטע פּלייצעס שווערט די משא פון אַ דערפאַרן לעבן. ער ווייסט און ווען אים אָפּצוהאַלטן פון אַן איבערגעאײַלטן שריט.

ס'איז געווען פרייטיק. לייב קאַרפּ איז גאַנץ פרי אַרויס פון הויז. ער האָט געוואָלט כאַפּן פעלדשטיינען אין פרימאָרגן. ער האָט געשניטן מיט אַ קורצן הינטער־וועג, דורכגעגאַנגען דעם תימנישן קוואַרטאַל, אַרי־בערגעקרייצט אַ קנויל אַראַבישע געסלעך וואָס האָבן זיך געשפּרייט ביי די ברעגעס פון ים און ווען ער איז אַרויס אויף דער ניי־געשניטענער אַלענ־ביי־גאַס, האָט אַן אויפגייענדיקע וואַרעמקייט זיך געשפּירט אין דער לופט. די גאַס — אַ ברייטע, אַן אַ געפלאַסטערטן ברוק, די טראָטואַרן נאָך פאַרשאָטן מיט זאַמד — איז געלאָפן באַרג־אַראָפּ צום אָפענעם ים.

לייב האָט זיך אַרומגעקוקט אויף דער וואַקסנדיקער גאַס און אַ פרייד האָט פון אים געשפּאַרט. דאָ איז געווען געלייגט אַ פונדאַמענט פון אַ נייער געביידע, דאָרט האָט זיך שוין געריסן אַ האַלב־פאַרענדיקטער שטאָק. און די פּאַרטיקע, ווייסע הייזער, וואָס זענען געווען שיטער צע־שטעלט אויף ביידע זייטן טראָטואַר, האָבן געבלענדט אינעם ליכט פון דער אויפגייענדיקער זון.

דער פרימאָרגן איז געווען אָנגעהייצט. דער הימל, אַ שאַרער האָט אָנגעזאָגט חמימה. לייב האָט זיך געלאָזט צו דער נחלת־בנימין־גאַס, און כדי צו קירצן דעם וועג צו פעלדשטיינס שטוב, איז ער געגאַנגען מיטן ברעג ים. די בלויע וואַסערן האָבן רואיק זיך געשווימט און געפּאַליעט. אַרום איז געווען שטיל, ווי אויף אַ פאַרוואָרפענעם אינדזל. קיין שפּור פון אַ שיף, קיין זכר פון אַ האַפן און אַנטקעגן צו דרום־זייט האָט זיך אַרויסגע־הויבן אַלט־יפו, אַ צוזאַמענגעקנוילטע. אינעם שיין פון דער אויפגייענדיקער זון האָט יפו זיך געמיניעט ווי אַ באַרג מיט קאַלירטע טורעמס און שלעסער.

לייב האָט אָפּגעשפּאַנט אַ שפּאַר שטיקל וועג. אַ געזאַלצן ווינטל, וואָס האָט זיך געטראָגן פון די כוואַליעס האָט געטריקנט זיינע ליפּן. ער האָט דערזען ווי ביים ברעג שטייט אַ מאַן אָנגעטון אין טלית און תפילין און דאַוונט. ער איז געבליבן פאַרוווּנדערט. אַז תל־אביבער יידן לאָזן זיך צום ים אום ראש־השנה צו תשליך, זיי שיטן אויס די עבירות אין וואַסער־אַריין — דאָס האָט ער געוווּסט. אָבער דאַוונען ביי די אָפענע כוואַליעס.

דערצו אין פרימאָרגן, אין טלית און תפילין?

אויס נייגעריקייט האָט ער געוואָלט פאַרבייגיין דעם אויסטערלישן מתפלל, אים אַריינקוקן אין פּנים אַריין, האָט דער מאַן אין טלית מיט־אַמאָל אים געגומען אַנטקעגן גיין מיט פלינקע טריט. און לייב האָט דער־הערט אַ היימיש קול:

— שלום, קאַרפּ!

— פעלדשטיין!

— ריכטיק! — האָט פעלדשטיין איבערגעלייגט די עטרה פונעם קאָפּ איבערן האַלדז און געשמייכלט — פאַראַן יידן קונדסים, וואָס האָבן ליב אַ שווים צו טון פאַרטאָגס אין ים. נישטאָ ביי זיי קיין גרעסער תע־נוג... מיין תענוג איז צו דאַווענען ביי די רווישנדיקע כוואַליעס...

— איר טוט דאָס יעדן טאָג? — האָט לייב נאָך אַלץ פאַרוואונדערט אים אַ פרעג געטון.

— אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק, אין די תחנון־טעג — האָט פעלד־שטיין אַן אויסגעזאָרגטער, אַ זאַטער אָנגעקוואָלן — דאָס האָב איך גע־מאַכט מיר פאַר אַ מנהג אין ארץ־ישראל. עס קומט אייך אויס ווי אַ משוגעת, האַ? אָבער עס איז פאַראַן אַ נגינה אין אַזאַ אָרט דאַווענען, פאַראַן דערהויבונג. האָט איר געהערט דאָס געבעט פונעם שליח־ציבור ביי כל־נדרי? דווקא אין דער אָפּגעהאַקטער תפילה, אין די שטילע, יע־בראָכענע טענער, הערט זיך די טומלדיקסטע מוזיק. דאַכט זיך מלאכים פאַטשן דעמאָלט מיט די פליגלען און טראָגן אַרויף דאָס שטומע געבעט צו די הימלען... אַזוי איז אויך דאָ. דו דאַוונסט און די כוואַליעס ענטפערן דיר מיט אַ פּלעסקעריי, מיט אַ ברומעריי... גאָטס קול טראָגט זיך פון דעם געפילדער... און די תפילה קומט נענטער צו די שערי־שמים...

לייב איז געווען געפּלעפט. געקומען איז ער זיך באַראַטן מיט פעלד־שטיינען, דעם פּראַקטישן, דעם ניכטערן בן־עיר, און געטראָפן האָט ער אַ בעל־חלומות. פעלדשטיין האָט אויסגעטון דעם טלית, דערנאָך צוזאַמענ־געשנורט די תפילין, ער האָט געלאָזן אַלץ פאַרפאַקט אינעם סאַמעטענעם זעקל און זיך אָנגערופן:

— איר זעט, קאַרפּ, איך ענדער מיינע געוווינהייטן, איך רייס איבער

מיט טראַדיציע. אָבער פון דעם משפּחה-שטאַם וועל איך זיך נישט אָפּ־זאָגן. כ׳מיין, מיין נאָמען וועל איך נישט בייטן... און אַ נאָמען טאָר מען נישט בייטן! איך, פעלדשטיין, וואָלט געקענט זיך רופן אבני, כ׳וואָלט געקענט הייסן אבן־שדה, אָבער איך טו דאָס נישט. אַלץ וועט מען ביי מיר פועלן, טוישן די זיטן, די מנהגים, אפילו די מאכלים, נאָר נישט דאָס... אויסטוישן אַ נאָמען, הייסט אָפּווישן דעם זכר פון די זיידעס...

לייב קאַרפּ האָט זיך אָנגערופן: — איך זע, איר זייט שוין פאַרטיק.

— יאָ — האָט פעלדשטיין אים אָנגענומען פאַר אַן אָרעם — אָבער וואָס טוט איר דאָ אַזוי פרי?

— כ׳בין געקומען זיך אַן עצה האַלטן.

— וועגן פּרנסה?

— פון קיין אַנדערע זאַכן טראַכט איך איצט נישט, פעלדשטיין. מיין פרוי וויל נישט הערן פון פאָרן אין אַ קאָלאָניע. זי טענהט נאָר שטאָט און געשעפט.

— איך האָב מורא, זי איז גערעכט. אונדזערע פרויען האָבן מער באַוואָרעניש פאַר אונדז, מאַנסבילן. מיינע האָט אויך די דעה איבער מיר. ווען איך אַליין זאָל נאָכגיין מיין לייכטזיניקייט, וואָלט איך היינט פאַר־קויפט שקלים און צעהאַנגען קרן-קימת־פּושקעס איבער די הייזער... און ווערן, ווייל איך נישט ווייניקער ווי אַ באַאַמטער אין תל־אביבער שטאָט-פאַרוואַלטונג...

ביידע האָבן געשפּרייזט מיטן פּאַס ים. די זון, וואָס האָט זיך גע־הויבן העכער און זיך געהאַלטן אין צעפלאַמען, האָט אויפגעגילדט די אויבערפלאַך פון די בלויע וואַסערן, די וועלן האָבן רווישנדיק, לייכט גע־וואַשן די ברעגעס. פעלדשטיין האָט אַריינגערעדט אין לייבן.

— אַז מען גייט אָפּ מיט אַ ווייב אַ מהלך פון איבער צוואַנציק יאָר און מען בלאָנדזשעט נישט, דאַרף מען מיט איר ווייטער גיין... און נישט נאָר גיין דאַרף מען מיט איר, נאָר טאַקע טיילמאָל זיך לאָזן פירן אויך... הערט זיך צו איר צו, קאַרפּ. עס איז דאָס קול פון דעם גראַדן פאַרשטאַנד... בלייבט אין שטאָט, עפנט אַ געשעפט, צי אַ וואַרשטאַט, צי אפילו אַ מאַרק־קראָם און זייט מצליח!

קאפיטל ניין.

בייזע נביאות

אין יפו אויף דער שמאָלער פּאָסט־גאַס, אינעם געדיכטן טומל צווי־שן אַראַבישע טרונק־שטובן, פּריזירערס און קוישן־פלעכטערס, האָט לייב קארפ געעפנט א קליינעם רעסטאָראַן. נישט קענענדיק זיך דערשלאָגן צו אַ געשעפט אין תל־אביב, האָט ער זיך אריינגעקליבן קיין יפו. געטראַכט האָט ער פון אַ שפּייז־קראָם, געוואָלט האָט ער אַ גרינס־געשעפט, אָבער געדונגען האָט ער ביי אַן אַראַבישן הויז־ווירט אַ טיף געוועלב און איינ־געריכטעט דאָרט אַ היימישן רעסטאָראַן. צו דעם — האָט לייב געטראַכט — ליגט די פּאָסט־גאַס נאָענט צום האָפן. און אין אַ האָפן־אָרט, ווו שיפן קומען, שיפן גייען, איז אַ האַסטיקע באַוועגונג, אַ גרויסשטאָטישער פאַר־קער און דער פּריון פאַלט אריין אָפטער, ווי אין די שטילע, אָפּגעלעגע־נע גאַסן.

סיי לייב, סיי רחל האָבן זיך נישט געגאַרט מיט זייער רעכע־נונג. דעם ערשטן טאָג ווי זיי האָבן געעפנט דעם רעסטאָראַן, האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשמאַק לייזונג. ס'האָבן זיך באַוויזן ענגלישע סאָלדאַטן נאָך שאַרפע געטראַנקען, ס'האָבן זיך אריינגעכאַפּט אָפּעסן אַראַבישע באַ־אַמטע פון דער פּאָסט־געביידע אנטקעגן. יידן אַראָפּגעקומענע פון די אַרו־מיקע קאָלאָניעס, וועך צוליב האנדל, ווער צוליב געשעפטן אין האָפן — האָבן גערן אָפּגעטרעטן אין דעם איינציקן יידישן קאַפעהויז, וואָס איז געווען אין דעם רעכטן אַראַבישן געפּילדער. לייב קאַרפ האָט געשלאָסן

באַקאַנטשאַפט מיט די געסט, געזאָרגט, זיי זאָלן ווערן שטענדיקע באַזוכער און רחל האָט געגלויבט, אַז דאָס מזל האָט זיך געשטעלט אין איר טיר.

נאָך צוויי וואָכן האָט לייב מיט דער וווינונג אויך זיך אַריבערגעצויגן קיין יפו. די וווינונג איז געווען אין „אַדזשעמיע", אַ געדיכטע אַראַבישע געגנט. דאָס הויז אַ לאַנגס, אַ קאַנטיקס, געבויט אין מזרח־סטיל, אַרומגערינגלט מיט אָפענע אויסגעוועלבטע טעראַסעס און קאַלאָנעס, איז געשטאַנען אויף אַ שייד־וועג. צווישן פולע פּרדסים און אַ ברייטן שאָסיי, וואָס איז געלאָפן פאַרביי אַראַבישע דערפער, צו דער קאָלאָניע ראַשון־לציון. וואַנדערנדיקע וועג־גייערס און רייטנדיקע פעלאַכן האָבן זיך געזען בייטאָג איבער דעם שאָסיי. קעגנאיבער די פּרדסים זענען געשטאַנען אַ פּאָר אַלטע, צעפּאָרענע הייזער, ווי חורבות. אין די חורבות זענען געווען אַ פּאָר אַראַבישע ווערקשטעלן, וווּ ס'האָבן געאַרבעט קאָוואַליעס, זאַטלערס און סטאָלערס.

לייב איז ווייניק געווען באַזאָרגט, וואָס ער האָט זיך אַריינגעקליבן אין אַזאַ געפּאַקטן אַראַבישן קוואַרטאַל. דאָס וואָס יידישע משפחות זענען צעוואָרפן אומעטום אין יפו, איבער אַלע געפּראָפּטע גאַסן, דאָס, וואָס אפילו דאָס חלוצים־הויז געפינט זיך אויך אין דער געדיכטער געגנט „אַדזשעמיע", האָט אים צוגעגעבן זיכערקייט. דערצו איז קיינער פון דער משפּחה בייטאָג נישט געווען אין הויז. די ערשטע צייט האָבן אויך די קינדער צוגעלייגט אַ האַנט אין דער אַרבעט. זיי האָבן אַרויסגעהאָלפן אין קיך, באַדינט די געסט און געזען, אַז דאָס געשעפט זאָל זיך איינאַרבעטן. בנימין האָט אין זיין פאַרנומענקייט דערווייל פאַרגעסן אין זיינע פּלענער צו לערנען. אלישבע האָט אָפּגעלאָזט די שפּאַצירן און ווייל קיין פרעמדע מענטשן האָט מען נישט געהאַלטן, האָבן זיי געזאָרגט לייכטער צו מאַכן דער מאַמען, וואָס איז געווען איינגעשפּאַנט פון באַגינען ביז נאָך האַלבער נאַכט. יעדן פרימאָרגן זענען אַלע צוזאַמען אהיים געגאַנגען איבערגעבכטיקן. אַזוי האָט זיך געפירט די גאַנצע וואָך, חוץ שבת. און דאָס אַלץ האָט מען גענומען פאַר ליב.

די נייע וווינונג האָט לייב דערווייל איינגעאָרדנט אָרים, יעדן טאָג

אָפּגעוואַרט, אַז די טייערע מעבל, וואָס ער האָט אַרויסגעשיקט אויף פּראַכט פון פּוילן, זאָל אָנקומען. און ס'איז אָנגעקומען. צוויי וואָכן פאַר פּסח איז לייב גערופן געוואָרן אין יפּוער צאָל־אַמט. די אַהיימגעבראַכטע מעבל האָט ער געלאָזט ליגן אין הויף. ער האָט נישט אויסגעפּאַקט. צו־פיל איז ער דעמאָלט געווען פאַרנומען אין רעסטאָראַן, ער זאָל קענען אָפּגעבן צייט פאַר שטוב־זאַכן. ער האָט געטראַכט, אַז ווען דער פּסח וועט אַריבער, וועט ער אַהיימגיין אויף אַ טאָג, עפענען די קאַסטנס און פונאַנדערשטעלן די באַלעבאַטישקייט ווי אין די אַלטע גוטע צייטן.

די פאַסט-גאַס איז פאַר אים פון טאָג צו טאָג געוואָרן נענטער, היי־מישער.

אַרומגערינגלט פון אַראַבישע קרעמער, האָט לייב געוווסט אונטער־צושיידן פון אַ גוטן שכן ביז אַ שלעכטן. און ער האָט אים נישט גע־דאַרפט זוכן, דעם שלעכטן שכן, קעגנאיבער זיין רעסטאָראַן האָט גע־וווינט אַן אַראַבישער בעקער טאַהיר אַלי. אַ הויכער, אַ קנאַכיקער, מיט לאַנגע, שווערע איבערגעלייגטע וואָנצעס, ווי לאָקן. די בעקעריי איז, אויפן אַראַבישן שטייגער, געווען צעלייגט אין פראָנט. דער נידעריקער ציגל־אויוון, ווי אַ הייל, אָנגעפילט מיט דאַמף, האָט זיך אַרויסגעזען אין גאַס און סיי ביי נאַכט, סיי בייטאָג, פאַרשמעקט די גאַס מיט ריחות פון פריש געבעקס. דער בעקער, אַ פרומער מאַכמעדאַנער, האָט געבאַקן ווייצן־ברויט, קאָרן־לאַבנס און אויסגעטריקנטע אַראַבישע פּיטעס. נאָך יעדן אויוון ברויט האָט ער זיך אַרויסגעזעצט אויף דער שוועל אָפּרוען, בעת זיינע ליפּן האָבן מיט פאַרגעניגן געגאַנגט דעם שלויך פון אַ בייכיקער, גלעזערנער נאַרגילע. אין אָוונט, ווען די אַרבעט איז געווען אָפּגעטון, האָט טאַהיר-אַלי געוואַשן זיינע פיס, דערנאָך איז ער אַרויפגעקראָכן אויפן קנעט-טיש, וווּ ער האָט אַ גאַנצן טאָג געקאַטשעט די ברויט־לאַבנס און אַנידערקניענדיק, מיטן קאָפּ אויפגעהויבן צו מערב־זייט, האָט ער אָפּגע־זאָגט די נאַכט־תפילה צו אַללאַ און מוכאַמעד.

לייב וואָלט נישט געווען נאָכגעקוקט דעם בעקער טאַהיר-אַלי, ער וואָלט אַפילו נישט אַכטונג געגעבן אויף זיין פירונג, ווען נישט דאָס, וואָס דער אַראַבער האָט ליב געהאַט אַרויסצוווייזן אָפענע פיינטשאַפט.

ליב האָט ווייניק פאַרשטאַנען דאָס אַראַבישע לשון, אָבער ס׳איז גענוג געווען זיינס אַ ווינק, זייגס אַ תנועה, אַז ער זאָל זיך כאַפּן, אַז ער קרימט אים נאָך. איינמאָל ביינאַכט, נאָכדעם ווי טאַהיר-אַלי האָט געהאַט אָפּגע־דאַוונט, איז ער אַריבערגעקומען צו לייבן. ער האָט מעשה־שכן, זיך גע־שטעלט אין זיין טיר און מיט די עכטע אָריענטאַלישע חניפה־רייד, וואָס האָט געקענט מיינען אי מסירת־נפש, אי פאַרראַט, האָט ער זיך או׳סגע־פרעגט, ווען לייב איז אַריבערגעקומען פון יענער זייט ים? פון וועלכן לאַנד ער שטאַמט? ווי לאַנג ער זיצט אין יפו? לייב קאַרפּ, וואָס איז גע־ווען פול מיט פאַרדאַכטן אויף זיין שכן, האָט חשק געהאַט זיך צו רייצן מיט אים. ער האָט אים דערציילט, אַז ביים פאַרלאָזן פוילן, האָט ער פאַרלוירן זיין פאַרמעגן, אַז אַ ייד, וואָס גייט קיין ארץ־ישראל, איז גרייט אויף גרויסע קרבנות. ער שפּרייזט אַריבער אַלע סכנות כדי דאָ צו מאַכן זיין היים. דער אַראַבער האָט כיטרע זיך צעשמייכלט. זיינע מויל-ווינקלען האָבן זיך אויסגעקרימט און ער האָט געלאָזט פאַלן אַ וואָרענונג:

— ביי דיין פאָרן אַהער, שכן, האָסטו פאַרלוירן דאָס פאַרמעגן. אָבער דיין זיצן דאָ, דאָס זיצן אין אַ מדבר־לאַנד, קען אויך אַמאָל קאָסטן דאָס לעבן...

די ווערטער האָבן לייבן אַ ברי געטון. ער האָט עס אָבער נישט אי־בערדערציילט פאַר רחלען. ער האָט עס נישט איבערדערציילט פאַר קיי־נעם. פון יענער נאַכט אָן האָט ער זיך געשטעלט מיט די פּלייצעס צום בעקער און מיטן פּנים צו כאַלילן, אַ צווייטן אַראַבישן שכן. כאַליל, וואָס איז געזעסן אין דער רעכטער טיר פון לייבס רעסטאָראַן און געהאַלטן אַ שפּייז-קראָם, איז געווען אַ קריסט. אָבער די מידה פון באַשיצן דעם שכן האָט ער איבערגענומען פון דעם מוסולמענישן קאָראַן. אַ קליינוווקסיקער, מיט אַן אומהיימלעכן שיקל אין די אויגן, איז ער געווען צוגעלאָזן צו מענטשן. די מילדקייט האָט לייטזעליק אַראָפּגעקוקט פון זיין געקאַרבטן, מיאוסן פּנים. ער האָט געהאָלפן לייבן זיך צוניפרעדן מיט אַראַבער, גע־זען, ער זאָל זיך פילן היימיש אין דער גאַס. אין די פאַרנאַכטן זענען אין זיין שפּייז-קראָם זיך צונויפגעקומען אַ קנאַפּער טוץ זיינע באַקאַנטע אַראַבער, זקנים, וואָס האָבן נישט געקענט די חכמה פון שריפט. כאַליל

האט זיי אלעמען אויסגעזעצט בכבוד אויף פיס־בענקלעך, וואס ער האט צוגויפגעשלעפט פון די ארומיקע קרעמער, דערנאך האט ער צעשפרייט אן אראבישע צייטונג. ער האט אויפגעשרויפט זיינע מאגערע קנויט־וואנצעלעך און פארגעלייענט פאר די געסט פאליטיק און וועלט־נייעס.

לייב קארפ האט קיינמאל נישט פארפירט מיט כאלילן קיין שמועס וועגן פאליטיק. ווענדיק די פריינטשאפט אנהאלטן, האט ער נישט אויס־געפרעגט קיין מיינונגען, נישט געטאפט ביי אים דעם דופק. און ווי שטארק ער האט געוואלט איינצאנצן פארגעסן אן דעם בעקער קעגנאי־בער, האט אבער דער בעקער נישט געלאזט וועגן זיך פארגעסן. דא האט ער אונטערגעשיקט א פעלאך זיך נאכצופרעגן אויף זויערע, געפעפער־טע סאלאטן, דא אויף געבראטענע קאבאב־פלייש, וואס מען קריגט אין אראבישע טרונק-שטובן. און ווען לייב האט אט די מאכלים געמוזט אפ־זאגן, האט דער פעלאך זיך געשטעלט אין דער טיר און זיך צעשריגן מיט אן אומהיימלעך געשריי:

— אין יפו זיצסטו. צווישן מאכמעדאנער וווינסטו און האסט נישט זייערע שפייזן?

לייב האט נישט געוואלט ליידן די בושות. ער האט נישט פארטראגן די באליידיקונגען און געזוכט א מענטש, אן אלטן יפוער תושב, וואס זאל זיך אננעמען זיין קריוודע — זיך אויסטענהן מיט דעם אראבער אויף זיין לשון. צווישן די געסט אין רעסטאראן האט ער אזא ייד געפונען. דאס איז געווען סעדיה דער תימנער, צבי דעם לאנדווירטס מענטש, וואס האט צעפירט די עופות קיין יפו צוויי מאל א וואך און אויך ארייננגע־פאלן אין לייבס רעסטאראן אפעסן א פרישטיק. עס איז פונקט געווען אין א פרייטיק, דער רו־טאג ביי די מאכמעדאנער, ווען סעדיה האט זיך צוגעהערט צו לייבס באקלאגן זיך. ער האט אים אויסגעהערט מיט קאפ, דערנאך האט ער מיט די פינגער צעקעמט זיינע לאנגע, געקרויזלטע פאות, אנגענומען דאס מאגערע ציגן־בערדל און זיך צערעדט:

— דו קענסט זיי נישט. קענסט נישט די מוסולמענישע הערצער. א מטיף אין מעטשעט, א פעלאך אין מארק האבן דאס זעלבע פרומע פנים...

אַז דו וועסט שווייגן, וועלן זיי שרייען. בלויז אַן אויפגעהויבענע פויסט וועט זיי איינשטילן!

ליב האָט נישט באַוויזן צו ענטפערן סעדיהן, אַז ביי אַ פויסט האַלט מען נישט, צו אַ געשלעג קומט עס נאָך נישט, ווי דער תימנער, אַ שטאָל־צער, אַ קנאי, האָט געטענהעט דאָס זייניקע.

— דאָרט אין תימן האָט מען אונדז אויך געטרעטן. אַ קעמל און אַן אייזל זענען חשובער פון אַ יהודי. אַלע גזירות פון דעם אימאַם זענען געווען ליב. דאָ אָבער אין ארץ־ישראל זענען מיר בני־חורין...

ער איז אַרוים פאַר דער שוועל און מיט אַן אַרויספאָדערנדיקע מי־נע, ווי ער וואָלט גרייט געווען אויפצונעמען אַ קאַמף, האָט ער אַריבער־געקוקט צום בעקערס טיר. דער בעקער טאַהיר־אַלי, אָנגעטון יום־טובדיק, אין אַ געשטרייפטן כאַלאַט, אויפן קאָפּ — אַ רויטן טאַרבוש, איז גע־שטאַנען אויף דער גאַס אַרומגערינגלט פון אַ הייפל אַראַבער. ער האָט געהאַלטן אין האַנט אַן עוף און נאָכגעמאַכט די תנועות פון אַ יידישן שוחט. מיט אַ פרום פנים האָט ער פאַרבויגן דאָס קעפל פון דעם עוף, אויסגעצופּט דעם ווייסעט, געוויספערט מיט די ליפּן און ווען ס'איז געקומען די רגע פון איינשניידן מיטן חלף, האָט ער אַ כאַפּ געטון אַ דינע האַק, וואָס האָט געשטעקט אין זיין בויך־באַנד און אָפּגעהאַקט דאָס קעפל.

דאָס הייפל אַרום האָט געקייכט פאַר געלעכטער.

דער תימנער האָט אויפגעזאָטן. נישט אַזוי דאָס צאַפּלען פונעם געשעכטעטן עוף, ווי דער בזיון פאַרן בלוט, וואָס ווערט פאַרשוועכט, האָט אים אַריינגעטריבן אין ווילדן כעס. אַ דערצאָרנטער האָט ער זיך דערנעענטערט צום הייפל און אויסגעשריגן:

— פאַרכטיקע מוסולמענער וועלן אַזוי נישט טרייבן קיין שפּאַס!

דער בעקער, וואָס האָט נאָר געוואַרט אויף אַ וואָרט, האָט זיך אַרויס־גערוקט. מיט גרינגשעצונג האָט ער באַטראַכט דעם תימנער פון קאָפּ ביז פיס און געפרעגט:

— וואָס ווייסטו, אומגלויביקער, פרעמדער, ווי מוסולמענער פירן זיך?

— נישט קיין פרעמדע, די באַלעבאַטים זענען מיר דאָ אין לאַנד! — האָט סעדיה אויסגערופן.

— דאָס ווייסן מיר! — האָט דער אַראַבער זיך פאַרקייכט מיט אַ ברייט, געשוואָלן געלעכטער — דאָס ווייסט יעדער מאַכמעדאַנער, אַז די יאַהוד קומען דאָ אַהער צו פאַרכאַפּן די הייליקע ערטער. ביים לעבן פון אַללאַ! — האָט טאַהיר־אַלי זיך געשווירן פאַר די אַרומיקע — דעם מאַסגאַד אַמאַר אין ירושלים ווילן זיי אויפרייסן!

— בלבולים! — האָט סעדיה זיך צעשריגן — נישט קיין פאַרכאַפּערס זענען מיר. ווי קענען מיר זיין פאַרכאַפּערס, אַז אפילו די יאַהודישע הייליקע ערטער, אפילו די היילן פון די אבות, די מערת-המכפלה ווערן באַוואַכט פון מוסולמענער?

— פון מוסולמענער, יאַהוד, אודאי פון מוסולמענער! — האָט טאַהיר-אַלי געשיפּעט מיט הייליקער קנאה — אַזוי איז רעכט. ביים נביא! דער פאָטער אַיבראַהים איז געווען דער פאָטער פון אַלע מוסולמענער. זיינע קינדער און זיינע קינדס-קינדער זענען אַלע געווען מוסולמענער.

— מוסולמענער? נאָך פאַר מוכאַמעדן מוסולמענער? — האָט סעדיה מיט שפּאָט באַטראַכט טאַהיר־אַלין — זעסטו, די טויטע גופים פון די אבות זענען טאַקע אין אייערע הענט, אָבער גאָטס אָטעם, דער רוח־אלהים, וואָס האָט באַוואַכט זייערע לעבנס, איז איצט מיט אונדז און שיצט אונדזער יעדן שפּאַן אין אָט דעם צוגעזאָגטן לאַנד!

בעת סעדיה האָט גערעדט, איז דאָס הייפל אַראַבער, וואָס האָט זיך געקליבן צווישן אים און דעם בעקער, געוואָרן וואָס אַמאָל גרעסער. פון הייפל — אַ גאַנצער אַנלויף, אַ המון. לייב קאַרפּ האָט שוין באַדויערט, וואָס ער האָט געלאָזט דעם תימנער אַנהויבן אַזאַ שמועס. ער האָט פאַרגעסן, אַז ער שטייט אין אַן אַראַבישער גאַס. קעפּ פאַרחושכטע, בליקן פינצטערע און מיילער אָפענע, גרייט איינצושלינגען אַזוינע הונדערטער צדיקים ווי ער, סעדיה... און דאָ שטייט ער ווי אויף אַ באַלעמער און האַלט אַ וכוח. מיט וועמען? מיט אַ רשע. און מיט וואָס פאַר אַ רשע! נישט מיט חם, נישט מיט יפת, נאָר מיט איינעם פון די בני־שם!

אויפן אָנבליק פון דעם צוזאַמענלויף, האָט סעדיה אַליין זיך דער־

שראַקן. ער האָט זיך געוואָלט ארויסמאַכן פונעם גערדרענג. צענדליקער פּאָר הענט האָבן אים פארשטעלט דעם וועג. פון ענגשאַפט איז סעדיהן פארשפארט געוואָרן די לופט צו אָטעמען. מיטאמאָל איז טאהיר־אָלי אראָפּ אינמיטן גאס. פון ביידע זייטן האָט דער אַנלויף זיך געשפּאָלטן און געמאַכט פריי דעם דורכגאנג, ווי ס'וואָלט געהאַלטן ביים אָנקומען א בכבודיקער, ווירדיקער שייך. דאָס האָט טאהיר-אָלי אַליין זיך געשטעלט פאר סעדיהן און געזאָגט אים אויפן אויער.

— זעסט אָט די גאָטפּאָרכטיקע פּעלאַכן? ס'איז גענוג מיינס א פינגער־צייכן און זיי וועלן דיך לאָזן דאָ א צעריסענעם. ביים לעבן פון נביא! כ'בין אָבער א פרומער מאַן און כ'וועל זיך האַלטן ביי דער „כאַדי־סע” וואָס זאָגט: אפילו צו א מיטוויינער, א באַרויבער, זאָלסטו זיין דער־באַרעמדיק...

ער האָט זיך אויסגעדרייט צום אַנלויף. ער האָט אויפגעהויבן ביידע הענט, ווי עס טוט דער גאָטפּאָרכטיקער מאַכמעדאַנער אין דער מעריב־שעה, פאר זיין געבעט. און ער האָט געזאָגט:

— לאָזט דעם אומגלויביקן ביי מיר אין די הענט. און אַללאַם רח־מים אויף אים!

מער אוים דרך-ארץ צו טאהיר־אַלין, איידער אויס רחמנות צו סעדיהן, האָט דער אַנלויף זיך גענומען פונאַנדערגיין. נישט אַלע האָבן אזוי גיך אָפּגעצויגן. דאָ און דאָרט האָבן זיך נאָך געהויבן הענט, אויסגע־ביילטע פויסטן, וואָס האָבן געפּאָכעט, געדראָט. דער בעקער האָט די אי־בערגעבליבענע געטריבן מיט צעשפּרייטע הענט, ווי מען טרייבט א פו־נאַנדערגעלאָזטע סטאַדע.

סעדיה, א בלייכער האָט זיך ארומגעקוקט און זיך נאָך אַלץ גע־היצט. אז דער אַנלויף האָט אָפּגעצויגן, האָט ער ווידעראַמאָל חשק געהאַט ארויסצורופן דעם בעקער אויף א וכוח. און נישט בלויז מיט אים וואָלט ער זיך אויסגעטענהט, נאָר מיט דעם שייך און מיט דעם מועדזין וואָלט ער זיך אַן עצה געגעבן... ער האָט אָבער א מאַך געטון מיט דער האַנט און איז צוריק אריבערגעגאַנגען צו לייבן.

א דראַנגאָוער וואָגן, איינגעשפּאַנט אין א ברוינעם מויל-אייזל איז

פארבייגעפארן. מיט א האנט־פאך האט סעדיה אפגעשטעלט דעם וואגן. דער אנטרייבער, א האריקער האלב־נאקעטער אראבער האט פארוואונדערט פארלייגט א האנט אויפן שטערן און אויפן הארצן און זיך איינגעבויגן.

— בארכאבא, עפענדי סעאיד!1) וואס טוסטו אין יפו?

— בארכאבא צוויי מאל! אבו־דערוויש! — האט סעדיה זיך דערפרייט מיט דעם אנטרייבער, אן אלטן באקאנטן זיינעם — וואס כ'טו אין יפו? כ'פיר אהער שטיינער מיט הינער. און גוט וואס דו ביסט פארקראכן דאס מאל אהער. דו ביסט דאך פון דארף סומעל. אזוי זעט מען דיך נישט ביזן מאראנצן-שניט? לאדנסט נאך אלץ די קאסטנס מיט פרוכטן צו די שיפן? א באלאד יפו, א שטאט, הא, אבו־דערוויש? בלויז פון די שיפן און פון פיש-פאנג קען מען זיך דערנערן מיט כבוד.

— א לויב צו אללא, סעאיד — איז דער אנטרייבער אראפגעשפרונגען פונעם וואגן — דער ווינטער איז געווען נישט קיין שלעכטער. די רעגנס האבן רייך געמאכט די גאלדענע פרוכט. און ס'איז געווען מיט וואס צו שפייזן דאס הויז-געזינט. א נייע וואנט צום שטאל האב איך צוגעשטעלט. דעם מויל־אייזל האב איך אויך אפגעצאלט און דערצו האב איך א ווייסן אייזל צוגעקויפט, א ווייסן אייזל... ווי עס זאגן די פרומע: „שווארץ פאר טרויער, ווייס פאר מזל...”

דער אנטרייבער איז אנטשוויגן געווארן. ער האט זיך גוט איינגעקוקט אין סעדיהן, דערנאך אין לייבן, ווי ער וואלט זיך געקווענקלט, צי ער קען זיך פאר זיי פארטרויען און געזאגט:

— וואס קומט ארויס, אז איצט צום זומער, ווען די זון וועט ברענען די ערד, ווי דעם נביאס פייערדיקער רייטוואגן דעם הימל, וועל איך מוזן הונגערן. כ'וועל זיך שלעפן איבער די מערק זוכן לאדונג.

— נישטא קיין ארבעט אין דארף? — האט סעדיה געפרעגט.

— נישטא קיין יאהוד ארום אונדזער ערד — האט אבו־דערוויש צעפירט זיינע נאקעטע האריקע הענט — איז אלץ שטיל... פאראיארן

1) ברוך־הבא, פריץ סעיד!

האָבן די יאַהוד אַרום דעם שכנותדיקן דאָרף נבירא אויסגעהאַקט די פּרדסים און גענומען אויפשטעלן בוימאייל-פאַבריקן, האָבן אַלע פעלאַכן געקריגן אַרבעט ביי צופירן שטיינער און זיפזיף1).

— און היינט פרייטיק וואָלסטו געאַרבעט, אַבו־דערוויש?

— האָסט פאַר מיר לאַדונג?

סעדיה האָט אַרויפגעפּאַטשט זיין האַנט אויף דעם אַנטרייבערס נאַקעטע פּלייצעס.

— אַ דריי טוץ שטיינער מיט הינער קענסטו ביי מיר היינט אַרויפלאָדענען. איך דאַרף די עופות צופירן קיין תל־אביב. נאָכמיטאָג וועסטו מיך אָפּוואַרטן ביים „כאַן"2), וועסט נ‏ִיט פאַרשפּעטיקן? פרייטיק היינט, אַ הייליקער טאָג אַבו-דערוויש!

אַבו־דערוויש איז פלינק אַרויפגעשפּרונגען אויפן וואָגן. ער האָט זיך געשטעלט מיט צעשפּרייטע, באָרוועסע פיס, האָט געשמיסן דאָס טויל-אייזל מיט דער בייטש און צוגעזאָגט אויפן קול.

— ווי דו הערסט, עפענדי סעאיד! כ'פאָר גלייך צו צום „כאַן". נאָך איידער דער מועדזין וועט רופן צום האַלב־טאָג-געבעט, וועלן די שטיינער שוין זיין אָנגעלאָדן אויפן וואָגן.

לייב קאַרפּ האָט נאָכגעקוקט דעם אָפּפאָרנדיקן וואָגן. ער האָט פאַרגליכן דעם שטאָטישן אַרויפגעאַרבעטן אַראַבער, דעם בעקער וואָס ווייכט פון יידן, טרייבט זיי און דעם פאַראָרימטן פעלאַך וואָס זוכט זיי, וויל זיי האָבן אַרום זיין ערד... אין יענער רגע האָט דער שטראַל פרייד, וואָס האָט אויפגעשיינט אין זיינע אויגן, אָפּגעווישט דעם קנויל מיט טרויער, וואָס האָט זיך איינגעקאָרבט אין סעדיהס קנאָביקן פּנים.

פונדעסטוועגן איז לייב נישט געוואָרן אויפגערוימטער. אַריבערגייענדיק די שוועל פון זיין רעסטאָראַן, האָט ער שטום זיך איבערגעקוקט מיט די געסט. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער אָנגענומען סעדיהן פאַר אַ אָרעם און אָנגעוויזן אויף דעם בעקער קעגנאיבער:

— די רייד געפעלן מיר נישט, סעדיה.

1) זשוויר. 2) „כאַן" — אַן אַראַבישע האַנדלס־נאָס.

— ס'וועט נישט בלייבן ביי רייד — האָט איינער פון די געסט נביאות געזאָגט.

— די אראבער ווערן געהעצט — האָט אַ צווייטער, אַ דיקלעכער ספרדי מיט אַ פאַרזאָרגט פנים צוגעגעבן.

— די שייכן דרשענען פאַר זיי! — האָט זיך ווידער געהערט אַ קול.

— אויף די מערק און אין די מעטשעטן דרשענען זיי!

לייב האָט אַן אומרואיקער אויפגעכאַפּט די רייד, וואָס זענען גע-קומען פון אָפּענע, אומהיימלעכע מיילער. ער האָט איינגעזאַפּט אין זיך די אַנזאָגן ווי בייזע בשורות, ווי פאַרדעכטיקע נביאות און די שרעק פאַר די אומבאַשטימטע טעג, וואָס וועלן קומען, האָט אויף אים גע-דריקט און געשווערט.

קאפיטן צען.

באַרן-קויפּערס צי מרגלים?

לייבס פאַרדאַכטן האָבן אים נישט אָפּגעגאַרט. די אומהיימלעכע נביאותן האָבן זיך באַשטעטיקט. בלויז עטלעכע טעג נאָכדעם, ווי דער גאַסן-שטרייט צווישן דעם תימנער סעדיה און דעם אַראַבישן בעקער איז פאָרגעקומען, האָט יפו מיטאַמאָל געקריגן אַן אַנדער אויסזען. צי ווייל לייבן האָט זיך אַזוי אויסגעוויזן, צי ווייל די שרעק טראָגט טויזנט געפאַרן — אָבער נישט בלויז די פאָסט-גאַס, נאָר אויך די אַרומיקע טומלדיקע, אַראַבישע ליקעס און הינטער-געסלעך זענען געוואָרן פאַרדעכטיק-רואיק, דער פאַרקער — געצוימט, די פלוצימדיקע טויבקייט אַרום האָט געדראָט — אָנגעזאָגט, אַז עפּעס דאַרף אויסברעכן. און איבער דער שטאָט איז געהאָנגען אַן איינגעהאַלטענע שטילקייט — די שטילקייט פון פאַר א שטורעם.

לייב האָט געשפּירט די אומהיימלעכקייט נישט בלויז איבער די יפוער גאַסן, אַרום דעם האַפן, נאָר אויך אין זיינע אייגענע צימערן, אין דעם ווייטן, אָפּגעלעגענעם הויז, וואָס איז געשטאַנען אין פראָנט, קעגנאיבער צעבליטע פרדסים און פון הינטן אַרומגערינגלט פון אַראַבישע חורבות. די שאַרפע ריחות פון די צייטיקע גאָלדענע פרוכט האָבן מער נישט פאַרשיכורט. די ריחות האָבן זיך געלייגט שווער אין דער לופט, איינוויגנדיק יעדע פלאַנץ, יעדן צווייג און דאָס איינטאָניקע געזאַנג פון דעם חאָדזשאַ, וואָס האָט נאָך האַלבע נאַכט גערופן די פרומע צום חצות-

געבעט, האָט איצט מער נישט געקלונגען אין לייבס אויערן ווי גע-קרייזלטע חזנישע דריידעלעך און ניגונים, נאָר ווי געשרייען וואָס העצן, וואָס טרייבן דעם מאַכמעדאַנישן המון פון גאָרטן אַרויס, די בעטלערס — פון די מעטשעטן־שוועלן, דערמאָנענדיק זיי, אַז די מלחמת־מצוה קענען אומגלויביקע איז נאָענט...

די ענדערונגען זענען אויף לייבן געפאַלן צו ראַפּטום און אומגע־ריכט. פון אָנהויב איז פאַר אים שווער געווען צו באַנעמען, אַז אויך דאָ, אין ארץ־ישראל זענען יידן אויסגעשטעלט אויף אַ קרייץ־פייער, אַז אויך דאָ הענגט איבער זיי דער פחד פון די מאַכמעדאַנישע שכנים. אויפן ערשטן בליק האָט אַלץ ביי די אַראַבער אויסגעקוקט פרידלעך. זייערע פּי־רונגען, זייערע געלאַסענע מנהגים זענען געווען אין קעגנזאַץ צו די פאַר-דאַכטן, וואָס ער האָט אויף זיי געטראָגן. ס'איז אָבער גענוג געווען, ער זאָל אין די לעצטע טעג אויפכאַפּן שפּיזלדיקע בליקן פון די אַראַבישע דורכגייער, ער זאָל דערהערן בייזע, אָפּגעהאַקטע ווערטער, פול מיט אָנ-דייטונג און אימה — אַז ער זאָל דערשפּירן, אַז עפּעס קומט, יאָגט אָן ווי אַ שטורעם און מען קען עס נישט אויסמיידן.

לייב האָט נישט אַרויסגעוויזן זיין פאַרבאַהאַלטענע שרעק פאַר זיין ווייב, נישט פאַר די קינדער. רחל האָט זיך סיי ווי אַליין אָנגעשטויסן. זי האָט באַרעכטיקט דאָס הארץ־קלאַפּעניש און די אַנגסטן. לייב האָט זיך געווענדט צו באַליין זיין שכן. געוואָלט פאַרפירן אַ שמועס, אָבער דער גוטהאַרציקער שכן, וואָס האָט שטענדיק געענטפערט אויף איין וואָרט מיט צען פריינטלעכע, איז דאָס מאָל נישט גרייט געווען צו פאַרטייטשן: ער איז געווען פול מיט באַוואָרעניש. זיין מיאוס, געקאַרבט פנים, וואָס האָט זיך אויך דאָס מאָל צעשייַנט, איז געוואָרן לויטער גוטסקייט. ער האָט געלאָזט הערן:

— מען פאַרשטייט זיך נישט. שווער היינט וועגן דעם צו רעדן, שכן. אָבער אַ שטרעקע, גרויס ווי אַ מדבר, שיידט אונדז פונאַנדער.

די ווערטער ווי האַמער־קלעפּ זענען שווער געפאַלן איבער לייבן. זיי האָבן אים אָבער נישט פאַרטויבט. ער האָט זיך ווייטער געהאַלטן ביי זיינע פירונגען: יעדן פאַרטאָג האָט ער געעפנט דעם רעסטאָראַן, איינגע־

שפּאַנט זיך מיט דער פאַמיליע אויף אַ טאָג אַרבעט. שפּעט אין אָוונט, האָבן אַלע, גייענדיק אַ היים, פריייִער אָפּגעאָטעמט, צופרידענע, וואָס קיין זאַך האָט נישט פּאַסירט, וואָס דעם טאָג איז מען אָפּגעקומען בלויז מיט שרעק. און ווען די נאַכט איז פאַרווישט געוואָרן פון דעם אויפגייענדיקן טאָג, איז מען ווידעראַמאָל זיכער געווען, אַז מען האָט די געפאַר הינטער זיך. אַזוי זענען אַוועק זיבן טעג. אַזוי איז אַוועק דער פּסח. דעם ערשטן טאָג נאָך פּסח זענען קיין יפו אָנגעקומען פיר שיפן, געפּאַקט מיט „עולים". די באַוועגונג אין שטאָט איז געוואָרן גרויס. פון תל־אביב האָבן געהאַלטן אין איין שטראָמען גרופּנווייז יידן, קרובים, באַקאַנטע, סתם אָפּוואַרטערס, וואָס זענען געגאַנגען צום האַפן מקבל פּנים זיין די נייע תושבים. אָנגעפּראַפּטע לאַסט־וועגענער און באַלאָדנטע קעמלען האָבן זיך געשלעפּט איבער די יפוער גאַסן. אין אַזאַ טאָג, פול מיט געפילדער, האָבן די יידישע איינוווינער זיך געפילט יום־טובדיק, וויכנדיק אַז יעדע נייע שיף פאַרגרעסערט דעם ישוב, פאַרשטאַרקט די פּאָזיציע. און ווי טומלדיק ס'איז געווען צווישן די יפוער יידן, אַזוי פאַרקערט, איז רואיק געווען ביי די אַראַבער. כמעט אַ שטילשטאַנד. אַ שלוה. סיי קריסטן, סיי מאַכמעדאַנער האָבן שפּאַצירט צוזאַמען, אויסגעפּוצטע אין זייערע פאַרביקע כאַלאַטן און קאַפּ־טיכער, אין זייערע רויטע געפּרעסטע פעסקעס, כאָטש ס'איז געווען בלויז זונטיק, דער קריסטלעכער רו־טאָג. קיינער האָט נישט פאַרדעכטיקט די אַראַבער. דער עולם איז געווען גלייכגילטיק און אויפגענומען די נייעס, אַז די אַראַבער גרייטן זיך איבערצופאַלן, ווי פאַלשע בשורות. סיי ווי איז מען די לעצטע טעג געווען פול מיט דערוואַרטונגען, כאָטש קיין זאַך האָט נישט פּאַסירט.

לייב קאַרפּן האָבן זיך דווקא יאָ געוואָרפן אין די אויגן די אויסגעפּוצטע אַראַבישע שפּאַצירערס. ער וואָלט אָבער אויף זיי אויך קיין אכט נישט געלייגט, ווען ניט דער ערשטער גאַסט, אַ דאָרפישער אַראַבער, וואָס האָט אים יענעם פרימאָרגן אינגאַנצן צערודערט. ס'איז געווען פאַרטאָגס. לייב האָט ערשט געהאַט ברייט צעעפנט די טירן פון רעסטאָראַן. אויף דער שוועל האָט זיך געשטעלט אַ מיטליאָריקער בעדואינער אין אַ שוואַרצער אַבאַיע, איבער די געקרייזלטע קודלעס אַ געוויקלטער קאַפּ־טוך און

אין האנט א גרויסער צעבוינעגער פאסטוך־שטעקן. דער בעדואינער האט זיך געהייסן געבן א גלאז זויער-מילך מיט גרינע איילבירטן. נאכן אפּ־עסן האט ער ארויסגענומען א פּאַק מיט בלויע באנקנאטן און באצאלט מיט א גאנצן עגיפּטישן פונט. לייב האט אים רעשט געגעבן א פּאפּירענעם האלבן פונט און ס'איבעריקע אין זילבער-געלט. דער בעדואינער האט דאס קליין־געלט אריינגעלאזט אין א פאלד פון זיין אבאיע און דעם פּא־פּירענעם האלבן פונט האט ער אויסגעוויקלט ווי א פּאפּיראסן־גילז, דער־נאך קאלט און געלאסן ארויסגענומען א שוועבעלע, פונקט אזוי קאלט און געלאסן דאס שוועבעלע אנגעריבן און דאס געלט אונטערגעצונדן.

לייבן איז איינגעפאלן, אז דער בעדואינער איז געווירט אויפן קאפּ. ער האט געזען ווי דאס פּאפּירן־געלט ווערט אין איין רגע פארקוילט, פארוואנדלט אין אש. ער האט דערזען אין דעם בעדואינערס קאלטקייט — אכזריות און ער האט אים אנגעכאפּט פאר א האנט.

— הער נאר! ביסט פון זינען געקומען?

— זארג נישט, ברודער, זעסט מיינע הענט? ביים נביא! אין א פּאר שעה ארום וועל איך מיט זיי שעפּן אוצרות... ב'וועל ביי די יאהוד אפּ־נעמען כפל-כפלים...

דער בעדואינער איז פארשוואונדן. געבליבן פאר לייבס אויגן איז זיין הויב מיטן שטעקן, זיין קאלט, דורכגעטריבן פּנים. די רייד זענען פאר אים געווען אן אימהדיקעווארענונג. אויף וואס ריכט מען זיך, אויף מהו־מות? און פארוואס רעדן אלע אראבער פארשטעלט אזוי אימהדיק פאר־שטעלט? מיט רמזים, מיט אנדייטונגען? ער האט דאס איבערדערציילט דעם ערשטן גאסט יעקב כנעני, א טאקער פון דער אנדערער גאס, אן אלטער איינגעזעסענער יפוער תושב, וואס איז שפּעטער אריינגעקומען איבערכאפּן דעם אנבייסן. יעקב כנעני, מיט ווייסע איידעלע הענט און מיט א רבנישער בארד, מיט א נאז וואס דערשנאפּט פיל ווייטער, ווי די אויגן קענען דערגרייכן, האט אנגעקוקט לייבן שארף, דורכדרינגלעך און א זאג געטון:

— מיין עצה, איר זאלט האלטן גרייט די שליסלען פון די טירן. מען וועט דארפן לויפן...

דאָס האָט דערהערט רחל פון יענער זייט וואַנט. זי איז גלייך אַריינ־געלאָפן פון דער קיך. פון צערודערונג האָט זי גענומען פונאַנדעררוקן טישלעך, איבערשטעלן שטולן. איר בלייך, אויסגעצאַפּט פּנים האָט זיך צעפלעמלט. זי האָט נישט געוווסט, צי זאָל זי איצט ווי שטענדיק, ווען זי הערט וויסטע נייעס, האָבן טענות צו לייבן, אָדער זאָל זי אויסלאָזן איר ביטער האַרץ צו דעם בייזן בשורה־זאָגער. ווען יעקב כנעני איז אַרויס, איז זי צוגעגאַנגען צום מאַן:

— כ׳קען מער נישט איינשטיין אין קיך, לייב, די הענט הויבן זיך ביי מיר נישט...

— טראַכט נישט דערפון, רחל — האָט לייב זי באַרואיקט, כאָטש ער אַליין איז געווען אין איין שרעק — שטענדיק, ווען מען ריכט זיך, פּאַסירט גאָרנישט.

פּונקט דעמאָלט איז בנימין אָנגעקומען פון גאַס אַ צערודערטער, אַ צענומענער, אָבער גערעדט האָט ער גאָרנישט. זיין שווייגן האָט נאָך פאַרשטאַרקט די פּאַרדאַכטן ביי רחלען. זי איז צוריק אַריין אין קיך. אָבער איר רואיקייט האָט לאַנג נישט געדויערט. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז אַלישבע איז היינט אין רעסטאָראַן נישטאָ, זי איז געבליבן אין הויז צו טון שטוב־אַרבעט, ברענגען צו אַ טאָלק די אומאָרדענונג, וואָס דער פּסח האָט געלאָזן. און דאָ ריכט מען זיך אויף אומרוען. די שרעק יאָגט אָן פון יעדן ווינקל, וואָרנט — טאָמער פּאַסירט עפּעס, איז גוט, אַז מען האַלט זיך צוזאַמען.

דערווייל האָבן אין רעסטאָראַן גענומען זיך אַריינשיטן געסט. די שטענדיקע פרישטיק־עסערס, וואָס פלעגן קומען יעדן טאָג. די פּאַסט־באַאַמטע, פאַרבייגייער, אָנגעשטעלטע, וואָס זענען געגאַנגען צום האַפן. ווער ס׳האָט זיך געזעצט איבער אַ הייסע קאַווע מיט זעמל, ווער איבער אַ געפּעפּערטן סאַלאַט מיט זויערמילך. רחל איז געווען באַשעפטיקט מיט אַרויסגעבן די שפּייזן פון קיך. לייב מיט בנימינען האָבן דערלאַנגט צו די טישלעך. די געסט האָבן זיך געאיילט, איבערגעכאַפּט דעם אָנבייסן, נישט צעקייטערהייט און אין דעם יאָגעניש האָט מען פאַרגעסן ווי מען האַלט.

פארנאכט-צו זענען מיט א געפילדער אריינגעקומען א גרופע יידן. דאס זענען געווען נייע „עולים", נאר וואס אראפ פון שיף. היימישע באגלייטערס האבן אנגעוויזן אויף לייבס טיר, דערציילט אז א פוילישער ייד, א לאנדסמאן האט דא געעפנט א רעסטאראן, די מאכלים זענען באטעמטע. ס'איז א פארגעניגן פאר א נייעם מענטש, וואס קומט פון פארט דא אריינצושטעלן א פוס.

די יידן זענען אנגעקומען מיט האסטיקע שפרייזן, ווי אין א מארש. זיי האבן געהאט אין די הענט בלויז לייכטע האנט-וואליזקעס און אויף די מיילער צופרידענע שמייכלען, נישט ווי ביי פארזארגטע איינוואנדערער, וואס קומען קיין ארץ-ישראל להשתקע — זיך צו באזעצן, זיך איינצופונדעווען — קאפען די ערד מיט דער נאז, נאר ווי ביי „וווילטעגערס", טוריסטן, צי ביי אויסקוקערס, וואס קומען אויסשפירן דאס לאנד, א שנאפ טון, צי ס'לוינט איינצושטעלן די ערשטע מטבע.

נאכן ערשטן שמועס האט לייב אויסגעפונען, אז זיינע געסט זענען געקומען ווי א דעלעגאציע קויפן באדן. געשיקט זענען זיי געווארן פון דער שטאט טשענסטאכאוו פון דער חברה „בית וגן", וואס האט באשלאסן אין ארץ ישראל צו דערווערבן לאנד פאר אירע חברים און גרינדן א נייעם יידישן דארף.

פאר רחלען זענען די געסט געווארן גאר היימיש. דערהערנדיק אז זיי קומען פון טשענסטעכאוו, האט זי איבערגעלאזט אין קיך אלץ מיטאנאנדער. זי האט זיך צוגעזעצט צו דער דעלעגאציע און צווישן א ביס און טרונק אויסגעפרעגט זיי אויף דער שטאט, פון וואנען זיי קומען, אויף אירע איינוווינער. טשענסטאכאוו, די קלויסטער-שטאט פון פוילן, איז ביי רחלען געווען איינגעבאקן. ס'איז געווען איר יוגנט-שטאט. דארט האט זי מיידלוויז געארבעט אין א מאנופאקטור-געשעפט, שפעטער אליין זיך געעפנט א קליינע שניט-קראם. זי האט אפגעשפארט א פאר הונדערט רובל, געלאזט רופן צו זיך שדכנים און אויב זי האט אויסגענומען ביים חתן — איז דאס נישט געווען צוליב שיינקייט, אוודאי נישט צוליב דעם מאגערן נדן, נאר ווייל זי איז געווען אן איינרייסערין — זי האט געקענט מיט די בלויזע צען פינגער צונויפשטעלן א וואנט מיט א וואנט.

די יידן זענען געזעסן בנעימותדיק איבערן איבערבייס. זיי האָבן געקוקט אויף זיך מיט חשיבות. און מיט אַ מינע פון וועלט־רייזנדע, וואָס זענען שוין אַריבערגעקומען דעם גרעסטן מהלך פון זייער וועג, האָבן זיי איינמאָל געענטפערט אויף אַ נאָכפראַגע, אַ צווייט מאָל איבערגעגעבן וועגן דער ביטערער לאַגע פון פוילן.

— וואָס זאָל מען אייך דערציילן? — האָבן זיי גערעדט — איר האָט נישט וואָס צו באַדויערן. איר מעגט זיך שעצן גליקלעך דאָ. אַלץ וויל לויפן קיין ארץ־ישראל. און וואָס פריער מען לויפט, אַלץ בעסער קומט מען ארויס... פון איין זייט די נגישות און פון דער אַנדערער זייט די שווערע פּאַראַמקעס. מען ווערט אויסגעריסן... רע פּוילן פירט אַ מלוכה!

אָפּנעמענדיק אַזאַ גרוס, איז לייב געווען אין די פעדערן. ער האָט געוואָרפן אַ טריאומף־בליק אויף רחלען און געמיינט האָט עס: „הערסט זיי, דיינע לאַנדסלייט? הייסט עס, אַז דאָסמאָל האָב איך נישט פאַר־בלאָנדזשעט... און אויב מיר האָבן יאָ מיט עפּעס פאַרשפּעטיקט, איז עס מיט דעם אַהער־קומען. און דאָס מיט אַ גוטע צען יאָר!"

רחל וואָס האָט אויפגעכאַפּט לייבס בליק, זיין מיין, האָט ווי שטענ־דיק אויך איצט נישט געהאַלטן פון בויען שלעכער אין דער לופטן און אַ מיושבדיקע זיך אָנגערופן:

— דערווייל, ליבע יידן, ווייסט מען נישט, וואָס דאָ וועט זיין מיט אונדז.

— מען רעדט טאַקע, אַז די אַראַבער גרייטן זיך... — האָט איינער פון דער דעלעגאַציע, אַ באַיאָרטער ייד, מיט אַ בכבודיקער ברוינער פּאַל־דן־באָרד זיך אָנגערופן — נאָך אַראָפּגייענדיק פון דער שיף, האָט מען גערעדט...

— ס'וועט גאָרנישט פּאַסירן! — האָט לייב איבערגעהאַקט — איין מאָל האָבן יידן זיך משדך געווען מיט ארץ־ישראל און דאָס פאַר אַלע־מאָל! קיינער קען דאָס לאַנד ביי אונדז נישט צונעמען!

לייבס זיכערקייט, זיין היציקער טאָן האָט די דעלעגאַציע עטוואָס באַרואיקט. דערצו זענען די רייד געקומען פון אַ יפוער איינוווינער, וואָס

איז נישט ערשט אראָפּ פון שיף. דער באַיאָרטער ייד האָט אויס פאַר־זיכטיקייט גענומען עפּעס אָפּדינגען.

— פונדעסטוועגן איז פּאַראיאָרן אין ירושלים יאָ געווען היימלעך. עס זענען אויסגעבראָכן מהומות...

— דאָס איז געשען, איידער דער יידישער נציב-העליון האָט גענו־מען רעגירן איבערן לאַנד — האָט לייב געהאַט אַ פּאַרטיקן ענטפער — אָבער ווען ער איז אָנגעקומען קיין ירושלים, ווייסט איר, וואָס ער האָט געטון? פרעגט די ירושלימער יידן! ער האָט נישט צוזאַמענגעטריבן די יידן און די אַראַבער איבער די גאַסן. ער האָט נישט געהאַלטן פאַר זיי קיין רעדעס, ווי עס טוט יעדער ענגלישער מיניסטער, נאָר אַ וואָך שפּע־טער, שבת נחמו, איז ער אַליין צופוס געגאַנגען צו דער אַלטער, חרובער שול פון ר׳ יהודה החסיד... און אַז מען האָט אים דערקענט און אויפ־גערופן צו מפטיר, האָט ער מיט טרערן געזאָגט דעם „נחמו, נחמו עמי"...

— מען זאָגט, כ׳האָב אפילו אַליין געלייענט אין די צייטונגען — איז אַ צווייטער ייד פון דער דעלעגאַציע אַריין אין התפעלות, אַז נישט בלויז וואָס דער נציב האָט דעמאָלט געזאָגט „נחמו, נחמו עמי"... נאָר ער האָט עס אפילו אויסגעזונגען מיטן טראָפּ און מיטן ניגון...

— וואָס מיינט איר? — האָט לייב קאַרפּ גערעדט מיט בטחון — דער נציב פאַרשטייט זיך נישט אויף די קליינע אותיות? — און אַז מען קומט צווישן לאָרדן, קען מען נישט זיין אַ בן־תורה?

פון גאַס איז אַריינגעקומען אַ הויכער, צעפּליישטער מאַנסביל אין אַ רויטער פעסקע, צווישן זיינע גראָבע ליפּן האָט געשטעקט אַ פּייקע פון עלפאַנטביין און אין דער רעכטער האַנט — אַ בייטשל בורשטין־קרעלן. דאָס איז געווען ישראל חזן, דער ספרדישער באָדן־מעקלער, מלוה ברבית, פאַרמיטלער און אויסגלייכער פון סכסוכים. דער זעלבער, וואָס האָט מיט לאַנגע חדשים צוריק געהאָלפן לייבן אַרויסקריגן פון האָפן זיי־נע קאַסטנס סחורות און האָט אים דעמאָלט געגעבן אַ צוזאָג, אַז ער וועט אים נאָך טרעפן. ער האָט איצט זיך באַוויזן אומגעריכט. ער האָט זיך גוט איינגעקוקט אין דער דעלעגאַציע, וואָס איז בהרחבהדיק געווען אויס־געזעצט אַרום די טישלעך און צו זיי געשמייכלט ווי אַן אַלטער באַ־

קאַנטער. ישראל חזן האָט נישט בלויז געקענט זיך אויסטענהן אויף טערקיש, אַראַביש און העברעאיש, נאָר ער האָט אויך גערעדט יידיש, ווי אַ געבראַטענער ליטוואַק. ער האָט זיך טאַקע אָנגערופן:

— פון פּאָרט אָן זוך איך אייך, משולחים... אין אַלע אכסניות שוין נאָכגעשפּירט... ווו זיינט איר פאַרשווונדן געוואָרן?

— לאָזט אָפּכאַפּן דעם אָטעם! — האָט דער ייד מיט דער ברוינער פּאַלדן-באָרד זיך גענומען רוקן פון אים, ווי פון אַ בייזער פליג — צו־ערשט וועט מען אַריינגיין אין אַ האָטעל און זיך ארומוואַשן. מען וועט זיך אַרומקוקן איבער דער שטאָט, דאָ נאָכט האַלטן. דערנאָך וועט זיך אָנהייבן דער „ויחנו ויסעו”, דאָס אַרומפאָרן...

— ווו ווילט איר פאָרן? — האָט דער מעקלער אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן.

— איבערן לאַנד, אין עמק אַריין, אָנקוקן באָדן פאַר אונדזער גע־זעלשאַפט „בית וגן”...

פון כעס האָט דער צעהיצטער ישראל חזן אַרויסגעכאַפּט די פּייקע פון מויל.

— וואָס טויג אייך דער עמק? אין עמק טריקנט מען ערשט די זומפּן... די אַראַבער רופן עס „אַרד אל מוֹת” — די ערד פון טויט... ס'איז גוט פאַר די מאָסקאָבישע יידן, פאַר די חלוצים צו שטיין איבער די ליד־קעס אין די בלאָטעס... אָבער איר? ס'וועלן אָפּלויפן היבשע וואַסערן, ביז באַלעבאַטישע יידן וועלן זיך דאָרט קענען באַזעצן... אָן אָנשיקעניש! אַלע גרינע פאַרגלוסט זיך דער עמק...

— וווהין דען דאַרף מען פאָרן? — האָבן די דעלעגאַטן תמעוואַטע געפרעגט.

— דאָ הינטער דער נאָז, אַרום יפו, נעבן די יידישע קאָלאָניעס. וואָס פאַרא לויפעניש אין אַ מדבר? און וואָס איז עפּעס מיט דעם באָדן, וואָס שפּרייט זיך פון ביידע זייטן תל־אביב, לענגאויס דעם ים? גרייט נאָר אָן אַזויפיל גאָלדענע שקלים, וויפל די אַראַבער וועלן ביי אייך צונעמען. זיי וועלן אייך פאַרקויפן די הייליקע ערטער, די מעטשעטן, אַפילו די ערד אויף וועלכער די מעטשעטן שטייען... איר שפּילט זיך מיט די אַראַבער?

אויב זייער זיידע ישמעאל האט געקענט אויסקומען אן וואסער אין דער מדבר, וועלן זיי קענען אויסקומען אן תפילות אין שטאט אויך... קארג לאנד איז פאראן אין דעם פעטן טייל ארץ-ישראל? וואס דארפט איר קריכן צו די זומפן?

די דעלעגאציע פון יענער זייט ים, פון דער געזעלשאפט „בית וגן", האבן זיך איבערגעקוקט, אויפן ווינק זיך פארשטאנען, פה־אחד אפגע־מאכט צו באשטיין אויף דאס זייעריקע און דורכן מויל פון דעם ברוין־בארדיקן דעלעגאט געלאזט וויסן:

— ניין און ניין! מיר פארן יא אין עמק. מיר זענען שלוחים פון אונ־דזער געזעלשאפט. און מען וועט זוכן דעם באדן, וואס אונדזערע מיט־גלידער פארלאנגען... מעג עס זיין זומפיקע, א וויסטעניש. דער עיקר, ס'זאל זיין וואסער ארום...

— איר רעדט דאך ווי די מרגלים. און אז איר וועט אויסשפירן די מדינה און ס'וועט אייך נישט געפעלן, וואס דעמאלט? דעמאלט וועט איר טענהן ווי די מדבר־יידן: לאמיר צוריקגיין קיין מצרים. גיט אונדז צו־ריק די פלייש-טעפ אין גלות... און ווער איז צווישן אייך דער כלב בן יפונה, וואס וועט הייסן בלייבן, נישט צוריקגיין?...

דער ראש־המדברים פון דער דעלעגאציע, דער ברוין־בארדיקער ייד, האט זיך האסטיק א שטעל אויף געטון. ער האט געזוכט א פאסיקן פסוק דעם מעקלער אפצושמייסן און פון רוגזה געזאגט:

— אונדז רופט ער מרגלים? א חרפה אזוינס צו הערן! און דאס באלד נאכן אראפגיין פון שיף?... איינמאל האט מען זיך פון אים קוים ביים פארט אפגעיאגט, ערשט ער איז דא ווידער אויסגעוואקסן. געגוג! מיר קויפן נישט קיין באדן דורך מעקלערס. ניין! אז מען וועט דארפן אנקוקן לאנד, וועט מען זיך ווענדן צו א באדן־געזעלשאפט. מען וועט אנפרעגן ביי „הכשרת־הישוב"... מיר ווייסן די אדרעס!

אנשטאט באלד זיך צו לאזן צו דער טיר, האט דער באדן-מעקלער געלאסן צוזאמענגעלייגט דאס בייטשל גראבע בורשטין־קרעלן. מיט דער פוילקייט און אויסדויער פון א פלעגמאטישן מזרח-מענטש האט ער עס איינגעוויקלט אין א קאלירט טיכל, פארשטעקט אין א זייטיקער קעשענע,

ווי דאָס וואָלט געווען אַ טייערער איידלשטיין און אַרויסנעמענדיק אַ וויזיט־קאַרטל, געדרוקט אויף אַראַביש, האָט ער זיך אויסגעדרייט צו לייבן ווי אַ היימישער:

— האַלט מיין אַדרעס, קארפּ. זיי וועלן זיך נאָכפרעגן אויף מיר. זיי וועלן זיך פרעגן אויף ישראל חזנען... נאָך די ערשטע איינגעזונקענע פאַר הונדערט פונט אין די זומפּן פון עמק וועט מען מ'יך זוכן, מיך, דעם פרענק פּארך... וועסטו זיי דעמאָלט געבן מיין אַדרעס, קארפּ.

ווען דער מעקלער איז אַרויס, האָט לייב גענומען איינשטילן די אויפגערעגטע דעלעגאַטן. פאַר דער טיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט דריי אייזעלעך באַלאָדענע מיט קעסטלעך ברויט. דאָס איז געווען שמשון בעקערס „קאַראוואַן", וואָס האָט צוגעשטעלט אין די יידישע רעסטאָראַנען אין יפו צוויי מאָל אַ טאָג פריש געבעקס. דער אייזל־טרייבער, אַ רויטהאָריקער יונג, מיט אַ פּנים, באַשאָטן פון סנוילן שפּרינקעלעך ווי מאָן, האָט גיך אַריינגעוואָרפן אַ טוץ פּלאַטשיקע לאַבנס ווייצן ברויט און אַרומקוקנדיק זיך אומרואיק איבערן רעסטאָראַן, האָט ער געלאָזט פאַלן:

— יידן, ס'האָט זיך אָנגעהויבן...

ער האָט געכאַפּט אויף זיך דערשראָקענע בליקן, נישט געוואַרט, מען זאָל אים פרעגן און צוגייענדיק נאָענט צו לייבן, האָט ער אים איינגערוימט:

— אין אַראַבישן „כאַן" האָט מען דערהרגעט אַ יידישן בעל־עגלה.

סיי לייב, סיי די דעלעגאַטן, אַפילו די איבעריקע צוויי געסט אין ווינקל האָבן אויפגעציטערט. אין זייער הייבן זיך פון די ערטער איז געווען די שרעק פאַר אַן אומגעריכטער געפאַר. אַלעמענס בליקן האָבן זיך געטראָגן צו דער גאַס, וווּ דער בעקער־יונג איז פאַרשוווּנדן. דער אומדערוואַרטער פּחד האָט נישט געגעבן קיין צייט איבערצופרעגן אַ וואָרט. דער ערשטער איז לייב אַרויס פאַר דער שוועל. די גאַנצע פּאָסט־גאַס איז געווען אָפּגערוימט. קיין דורכגייער האָט זיך נישט געזען. קיין וואָגן איז נישט פאַרבייגעפאָרן. אַ גרויער אָפּגעשונדענער קעמל, געפירט פון אַ באָרוועס יינגל, האָט זיך געוויגט פּייל און שווער אין דער ריכטונג פון דער פּאָסט־געביידע. לייב האָט אַ קוק געטון קעגנאיבער צום אַראַ־

בישן בעקער. די טירן זענען געווען פארליינגט מיט פרענטעס. די אראַ־בישע קראָמען ארום — פארקייטלט און פארהעמערט. פון א ווינקל האָט זיך ארויסגעזען א הייפל מאכמעדאנער אין זייערע יום־טובדיקע קאָליר־טע כאלאטן, מיט גרויסע שטעקנס אין די הענט. די מאכמעדאנער זענען געשטאנען פארשטעקטע, לויערנדיקע, ווי זיי וואָלטן אָפּגעוואַרט א גע־היימען צייכן.

ארום איז געווען אזוי שטיל, אז לייב האָט אויפגעכאפּט דאָס האַס־טיקע קלאַפּן פון אייגענעם הארץ. אָט די שטילקייט האָט מיטאמאָל אויסגעפּרירט זיינע אָדערן. די קניען האָבן געציטערט. די אויגן האָבן געזוכט א באַהעלטעניש און איידער ער האָט באַוויזן צוריק איבערצו־טרעטן די שוועל, וואַרענען די אינעווייניקסטע — האָבן פון דער ברייַ־טער בוסטרום־גאַס זיך געטראָגן אויסטערלישע קולות. נאָך די קולות — א לויפעניש. אין פראָנט איז געלאָפן אן עלטערער ייד מיט א צעבלוטיקט פּנים. הינטער אים האָט זיך נאָכגעטראָגן א קרענצל ווייבער, מאנסבילן און קינדער מיט אזעלכע ווילדע גוואַלדן, אז דאָס בלוט איז פארגליווערט געוואָרן. לייב האָט געמאַכט עטלעכע טריט פאָראויס אנטקעגן די לויפנ־דיקע יידן, און טומל געוואָלט אויפכאַפּן אָפּגעריסענע ווערטער. א פאר־סאַפּעטע יידענע האָט זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן לויפן. זי האָט א ווײַלע אָנגעשפּאַרט די הענט אָן א וואַנט, ווי זי וואָלט וועלן אָפּכאַפּן דעם אָטעם און זיך צעהעשעט:

— א שחיטה אין בית־החלוץ!

— די אראַבער קוילענען אַלעמען אויס!

לייב איז צוריק אריינגעלאָפן אין רעסטאַראַן. פון די געסט איז שוין קיינער נישט געווען. רחל אין א פאַטשיילע, איר פּנים אָן א טראָפּן בלוט, איז געשטאנען א פארציטערטע, גרייט צו לויפן ווו די אויגן וועלן זי טראָגן. נעבן איר — בנימין, אויך א בלייכער און דערשראָקענער.

א שטומער האָט לייב ארויסגעפירט דאָס ווייב מיט דעם זון אין גאַס. ער האָט פארהאַקט די טירן, גיך אָנגעלייגט א שלאָס. ער האָט נישט באַוויזן אָנצוקאָגן די אָנטלויפנדיקע יידן, בלויז אָנגעשטעלט דאָס פרעגנ־

דיקע פּנים, דאָ צו דער רעכטער זייט, דאָ צו דער לינקער, ווי ער וואָלט זיך געישובט מיט זיך אַליין:

— ווו לויפט מען?

— פרעגט נישט! לויפט פאַראויס! ראַטעוועט זיך!

לייב האָט זיך אומגעקוקט אין דער זייט, פונוואַנען דאָס קול איז געקומען. דערווייל איז רחל מיט בנימינען שוין געווען פאַראויס, ווייט פון אים. לייב האָט זיי אונטערגעיאָגט. פאַרלוירענע האָבן זיי זיך אָנגעשלאָסן אין די פרישע הייפלעך מענטשן, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין ארויסשטראָמען פון הייזער, פון הייף און זיך געיאָגט נאָך שוץ, נאָך באַהעלטעניש.

קאפּיטל עלף

ייִדן לויפן פון די יפּועד מויערן

דאָס גלות האָט זיך ערשט אָנגעהויבן. פונעם ספרדישן קוואַרטאַל, וואָס האָט זיך געצויגן ארום די ים-געסלעך, האָבן געאײַלט מיט האַק און פּאַק גאַנצע ספרדישע משפּחות. פון די תימנישע ליקעס ארויס האָבן זיך געיאָגט איבערגעשראָקענע געזינדלעך, ווער מיט אַ קלומיקל אויף די פּלייצעס, ווער מיט אַ פּאַק בעטגעוואַנט; אפילו פון די אָפּגעשלאָסענע אַראַבישע הייף, וואָס זענען געווען באַוווינט פון אײַנגעזעסענע אשכנזי-שע משפּחות, האָבן גענומען ציען פּאַרטיעס אַנטלויפנדיקע.

די בהלה איז געוואַקסן.

אין וועג האָט איין קופּקע זיך אָנגעשלאָגן אין אַ צווייטער, אַ הייפל האָט זיך צונויפגעשלאָגן מיט אַ הייפל און דער המון, וואָס איז לויפנדיק געוואָרן אַלץ גרעסער, האָט געצויגן צו דער לאַנגער נוה-שלום-גאַס.

פון ביידע זייטן גאַס, צווישן ווענט-נישעס, האָבן מיטאַמאָל זיך באַוויזן קרענצלעך פּאַרדעכטיקע אַראַבער, אויסגעפּוצטע מיט שטעקנס אין די הענט ווי אין אַ יומא דפגרא. זיי זענען געשטאַנען גאַטספּאַרכ-טיקע, זיי האָבן געקוקט מיט חשד און פון זייערע אומהיימלעכע פּנימער האָט געדראָט שרעק און געפאַר.

ס'איז אָנגעלאָפן אינמיטן גאַס אַ דאַרער, אויסגענאָגטער תימנער אין אַ צעריסענעם כאַלאַט. די געקרייזלטע פּיאות זענען געווען צעפּלאָ-שעט, דאָס שוואַרצע, מאָגערע בערדל — אײַנגעלאָפן. ער האָט צעשפּרייט זײַנע דינע, ביינעקע הענט און געשריען:

— יהודים, בהן שלי! כ'האָב אַליין געזען ווי מען האָט ביים ים געשטאָכן אַ ייד!

— אין „כאַן" רויבט מען אוים די יידישע קראָמען!

— די רוצחים ווילן אונדז אויסהרגענען!

אין דעם שפּעטן פּאַרנאַכט האָט גאַנץ יפו זיך געטראָגן אויף די פיס. ס'האָט אויסגעזען ווי מען לויפט פון אַ גירוש. ס'האָט אויסגעזען ווי פייערן וואָלטן ארומגעכאַפּט די נידעריקע, אָפּגעקרישלטע מויערן פון דער אַלטער שטאָט, כאָטש עס איז געווען ערב־נאַכט און דער הימל — טיף און לויטער.

צווישן די איילנדיקע מענגעס האָבן זיך אויך געטראָגן לייב קאַרפּ, זיין ווייב רחל און הינטער זיי בנימין. ביי רחלען האָט דאָס ווייסע פּנים זיך געקרימט אין שטומע קרעמפּן. אין אירע איבערגעשראָקענע אויגן איז געלעגן אַזאַ אימה. דאָס לויפעניש איז אויף איר געקומען אַזוי אומגע־ריכט און אכזריותדיק. זי האָט אַ הייב געטון דעם קאָפּ צום הימל מיט אַ מאָנענדיקער טענה: „רבונו של עולם, וווהין טראָגסטו אונדז?" און נישט דערוואַרטנדיק קיין ענטפער, האָט זי ווייטער געיאָגט, נישט געוואָלט בלייבן הינטערשטעליק אין גלות. אירע אויסגענאָגטע ליפּן האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף לייבס אויערן און געשעפּטשעט:

— לייב, ווו לויפן מיר?

— לייב, אַנטלאָפן פאַר פייער און געטראָפן אַ וואַסער!

לייבן האָט געגעסן דער צער. פאַר אים און הינטער אים — אַנט־לויפנדיקע יידן. ארום די מויערן — הייפלעך ווילדע, לאַכנדיקע אַראַ־בער. און דאָ אַזאַ שרייענדיקע טענה: ווו לויפן מיר?

דאָס אייגענע בלוט האָט געפרירט. אין האַלדז האָט אים געשטיקט. זענען דאָס געווען טרערן, וואָס ער האָט געשלונגען? לייב האָט אַ וויש געטון דאָס פּנים, וואָס איז געווען באַדעקט מיט קאַלטן שוויים:

— קום, רחל, לאָמיר נאָר דערלויפן צו אַ זיכערער שטוב.

— ווו זענען די קינדער? — האָט רחל זיך אומגעקוקט — אלישבען איבערגעלאָזט אַליין... בנימין! לאָמיר זיך נישט פאַרלירן.

אָפּלויפנדיק אַ שטרעקע, זענען די פיס געוואָרן לייכטער, פלינקער.

מיט דער פלאטערניש פון א פויגל, וואס וואכט איבער איר צעשאטענער נעכט, האט זי ווידעראמאל זיך אומגעקוקט און גערופן:

— לייב, בנימין, לאמיר זיך האלטן צוזאמען...

פון אויסגעשעפטקייט האט רחל גענומען העשען. נישט אפשטעלנדיק זיך, האט זי געמאסטן דעם מהלך הינטער זיך. שוין דורכגעלאפן אלע אראבישע אויבס-שטעלן, שוין פארביי דעם ווייסן, מאכמעדאנישן מע-טשעט. די גרויסע טרונק-שטוב, וואס ציט זיך ביז צו דער פאסט-גע-ביידע, איז אויך געווען הינטער איר. און מיטאמאל האט דער המין פאר איר האסטיק זיך אפגעשטעלט און פארשפארט דעם וועג. דאס סופר-נעסל, אן ענגס, פול מיט יידישע קראמען איז געווען פארשטעלט מיט פעסער, מיט הויכע קאסטנס און אייזערנע שטאנגען.

אין דעם געדרענג האט מען געוואלט ווּיסן, וואס דא האט פאסירט. אינעם טומל האבן זיך געטראגן קולות:

— די אראבער האבן אפגעשלאסן די גאס!

— זיי פארשפארן דעם וועג קיין תל־אביב.

— יידן, מען וועט אונדז דא אויסשעכטן!

— ווו איז דאס מיליטער?

— מען זעט נישט קיין ענגלישן זעלנער!

— ווו זענען אונדזערע באשיצערס?

לייב מיט רחלען האבן זיך איבערגעקוקט, ווי זיי וואלטן געבליבן שטיין פאר א טיפן וואסער. הינטער זיי ענדיקט זיך די יבשה. — פאר-אוים — קיין שפרייז צו שטעלן. דער יאוש, וואס האט פארצויגן רחלס פנים, האט זיך אריבערגעטראגן אין לייבס ווייכע טרויעריקע אויגן. דער יאוש האט אראפגעקוקט פון זיינע פארחושכטע באקן. ביידע האבן גע-שוויגן מיט דער פארלוירנקייט פון פאראורטיילטע מענטשן, וואס קוקן אריבער אן אפגרונט. אין דער רגע האבן ביי לייבן זיך געצונדן מחשבות ווי פונקען. די מחשבות האבן געטענהט: „איז דאס די שטאט יפו, פונ-וואנען יידן לויפן איצט? און זענען טאקע די באפאלער אראבער? און אויב דא, אין ארץ־ישראל, דארפן יידן אויך זיך שיצן פאר נוגשים, טא ווו איז דער לעצטער מקלט?"

ער האָט דערפילט אַ שטויס. באַלד האָט די מענגע פּאַראַויס זיך אַ ריס געטון און גענומען ברעכן די פענסער, די קאַסטנס, די אייזערנע שטאַנגען, וואָס האָבן פאַרצוימט דעם דורכגאַנג. לייב האָט זיך מיטגע־וויגט. דער המון, ווי ער וואָלט זיך אָפּגעריסן פון אַ קייט, איז געלאָפן מיט אימפּעט, וועלנדיק דורכקומען דאָס סופּר־געסל, וועלנדיק אָניאָגן ביז צום זאַמדיקן פּלאַץ, וואָס האָט אָפּגעגרעניצט יפו פון תל־אביב. לייב איז זיכער געווען, אַז ער וועט דאָס געסל דורכלויפן. די עקשנות צו ראַ־טעווען דאָס אייגענע לעבן האָט געשטויסן פאַראויס, ער איז געווען וואַכ־זאַם צו רחלען און צום זון, וואָס האָבן אומבאַהאָלפענע זיך געטראָגן הינטער אים. מיטאַמאָל האָט דאָס געהער אויפגעכאַפּט אַנלויפנדיקע טריט ווי אַ האַסטיקער גאַלאָפּ פון פערד.

פון אַ באַהעלטעניש הינטער אַ מאַכמעדאַנישן גאַסט־הויז האָט זיך אַרויסגעשאָטן אַ מחנה אַראַבער. באַוואָפנט מיט שטעקנס, מיט שטיי־נער און מיט מעסערס האָבן זיי נאָכגעיאָגט די אַנטלויפנדיקע, ווי אַ טשאַטע מדבר־פייגל. זיי האָבן ווילד געשריען:

— אַטבאַח אַל יאַהוד! (לאָמיר שעכטן די יידן!).

— דין מאַכאַמעד באַסיף! (מוכאַמעדס משפּט איז אין שווערד!).

אויסגעשעפּטע, פאַרסאַפּעטע, מיט הילפס־רופן אויף די ליפּן, האָבן די יידן היפּלווייז זיך אַריינגעשאָטן אין די האַלב־אָפענע יידישע הייף. לייב האָט דערזען דעם הויף פון זיין ברויט־צושטעלער, דעם בעקער שמשון, און האָט זיך דאָרט אַריינגעריסן. ער האָט נאָך אַ ווײַלע אָפּן געהאַלטן דאָס איינגעבראָכענע הילצערנע טויער, האָט אַריינגעלאָזט דאָס ווייב, אַריינגעלאָזט בנימינען און וועז פון דרויסן האָבן נאָך עטלעכע אַנטלויפנדיקע זיך נאָכגעשטופּט, האָט דאָס טויער פון אינעווייניק זיך פאַרהאַקט און עמיצער האָט אָנגעלייגט אַן אייזערנעם פּרענט.

אינעווייניק אין הויף, איז געווען איבערגעפּאַקט. ביי דעם נידעריקן פּלויט זענען געשטאַנען צוזאַמענגעטוליעט עטלעכע משפחות, ווי נשרפים. דער בעקער אַליין, אַ געוויקסיקער ייד, מיט אַ ביינערדיק קאַנטיק פּנים, ווי ביי אַן אַטלעט, מיט צוויי שפּיציקע חלקים באָרד — איז אַרומגע־גאַנגען צווישן די פּליטים, ווי אַ באַשיצער. בלויז די זיכערע פעסטע טריט

זיינע האָבן באַרואיקט די צעשראָקענע פּנימער. מיט די הענט באַקלעבט פון טייג, האָט ער אַ טאַפּ געטון דעם אייזערנעם פּרענט, צי דאָס טויער איז גוט פאַרמאַכט. ער האָט אויסגעטון דאָס פאַרמעלטע פאַרטוך, דערנאָך רואיק עס צוזאַמענגעלייגט, ווי מען לייגט צוזאַמען אַ טלית און זיך אָנגערופן:

— מיט הייסע קוילן וועט מען זיי אָקעגנגיין!

— זאָלן אין די אויגן וועל איך זיי שיטן!

ס'האָט זיך אויפגעפּראַלט אַ פענצטער. בלויע פייער־צינגלעך פון אַן אָנגעהייצטן אויוון האָבן ארויסגעפלאַקערט דורך דעם געעפנטן אייזערנעם טירל. אַ בעקער־געזעל, וואָס האָט זיך געבויגן איבער אַ קאַסטן מיט טייג, האָט אויפגעהויבן ביידע הענט, איינגעטונקענע אין ראָשטשענע און ארויסגעשריען דורכן פענצטער:

— מוכאַמעד וויל פירן מלחמה? זאָל נאָר איין אַראַבער דאָ אַריינקומען. מיט אָט די הענט וועל איך אים איינכמאַליען!

ס'איז געוואָרן פינצטער. דער זון־פאַרגאַנג האָט געצונדן די הימלען און געפאַרבט די טיפע בלויקייט אויף רויט. פייערדיקע כוואַליעס האָבן פאַרגאָסן די שיטערע וואָלקנדלעך און פון הינטער די שקיעה־פייערן האָט זיך באַוויזן אַ האַלבע לבנה אָן ליכט, אַ הערמיל־ווייסע, ווי אַן אָנגעשפּאָלטענע שניי־קויל.

די איבערגעשראָקענע, צונויפגעטוליעטע יידן אין הויף האָבן געקוקט אויפן הימל. זיי האָבן מורא געהאַט פאַר דער אָנקומענדיקער נאַכט. זיי האָבן מורא געהאַט פאַר די אָנלויפנדיקע, באַוואָפנטע אַראַבער. און פונקט ווי אַ געפאַר, וואָס מען קען נישט אויסמיידן, וואָס מען קען פון איר נישט אַנטרינען, אַזוי האָבן איצט אַלע געוואָרט, אַז פון דרויסן זאָל מען שוין נעמען ברעכן דאָס טויער.

דער געוויקסיקער בעקער האָט, ווי אַ מכנים־אורח, געעפנט ברייט די בעקעריי־טירן און מיט אַ האַנט־מאַך אַריינגערופן דעם עולם:

— די שעה זאָל נישט זיין! ס'איז שטענדיק בעסער זיך צו פאַרמיידיקן פון אינעווייניק.

ליב מיט זייניקע זענען אַריין די ערשטע. הינטער זיי האָבן נאָכ־

געאײלט די איבעריקע פּליטים. ס'האָט געשלאָגן אַ היץ. פֿונעם אָפֿענעם אויוון אַרויס האָבן די פֿלאַקערנדיקע שטשאַפּעס האָלץ געקנאַקט און געוואָרפֿן אַ פֿלאַמענדיקן שײַן אויף דער וואַנט אַנטקעגן. די ייִדן, וואָס האָבן זיך אַרײַנגערוקט, באַגאַסענע מיט קאַלטע אַנגסטן, האָבן די היץ כּמעט נישט דערשפּירט. לייב האָט זיך אַרומגעקוקט. בײַ אַ לאַנגן טיש האָט אַ הויכער בעקער־יונג געשטויסן אַן אויפֿגעוויירענעם באַרג טייג. אַ תּימנער ייִנגל מיט פּאות ווי פּרענזן האָט אַראָפּגעכאַפּט די טייגלעך פֿון דער וואָג. ער האָט מיט בײדע הענט אויסגעקאַטשעט קײַלעכדיקע לאַבנס ברויט און זיי אַרויפֿגעלייגט אויף אויסגעמעלטע ברעטער.

די אַרבעט איז צוגעגאַנגען אַן געאײַל. קיינער פֿון די בעקער־געזעלן האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף די אַרײַנגעקומענע. לייב האָט זיך צוגעזעצט אויף אַן אומגעלייגטן זאַק מעל און אַ שווײַגנדיקער אײַנגעראַמט דעם קאָפּ אין בײדע האַנט־פֿלאַכן. מיטאַמאָל האָט פֿון דרויסן, פֿון יענער זײַט טויער זיך געטראָגן אַ הוקעריי, ווי מען וואָלט געזעצט מיט האַמער־קלעפּ. דאָס קלאַפּעריי איז געוואָרן וואָס אַמאָל שטאַרקער, האַסטיקער, גלײַך דער שטיינערנער פּלויט, וואָס האָט אַרומגעצוימט דעם הויף, וואָלט געהאַלטן בײַם אײַנברעכן.

אַלע זענען אויפֿגעשפּרונגען פֿון די ערטער. יעדער האָט געזוכט אַ כאַפּ צו טון עפּעס אין האַנט, מיט וואָס צו קענען זיך פֿאַרטיידיקן. די ווײַבער האָבן פֿאַרבראָכן די הענט. דער בעקער אַליין, שמשון, איז געוואָרן צעטומלט. זײַן רויטלעך, קאַנטיק פּנים איז איצט געווען אָפּגעצאַפּט. ער האָט זיך געטראָגן פֿון איין ווינקל צום צווייטן און גערופֿן:

— ייִדן, ס'איז דאָ זאַלץ! ס'איז דאָ נאַפֿט!

— ייִדן, כאַפּט אַרויס פֿון אויוון אַ פּאָר לאָפּעטעס מיט הייסע קוילן.

די בעקער־געזעלן זענען מער נישט געווען בײַם טיש מיט טייג. אײנער האָט געהאַלטן אַן עמער מיט נאַפֿט, גרייט אַ גאָס צו טון דעם שונא אין פּנים אַרײַן, אַ צווייטער — אַ שאָפֿל מיט זאַלץ. שמשון בעקער האָט מיט אַן אײַזערנער גראַבליע אַרויסגעשאַרט פֿון אויוון פֿײַערדיקע קוילן אויף לאָפּעטעס און זיי אײַנגעטיילט דעם הייפֿל:

— נישט אראָפּגעפאַלן ביי זיך, יידן!
— זאָלן זיי נאָר אויפברעכן דעם טויער!

די קלעפּ פון דרויסן זענען געוואָרן אַלץ האַסטיקער. און מיטאַמאָל האָט דאָס טויער אויפגעבראָכן. אַ האָרדע צעווילדעוועטע אַראַבער זענען אַריינגעלאָפן אין הויף און שווערע שטיינער האָבן גענומען האָגלען אויף די ווענט און אויף די פענצטער. אַ שויב האָט אויסגעזעצט און דאָס צעפּיצלטע גלאָז איז זיך צעשפּרונגען אין אַלע זייטן. וויפל מאַנסבילן עס זענען געווען אין דער בעקעריי, איז יעדער אַקעגנגעלאָפן די אַראַבער מיט פייער, מיט נאַפּט און מיט זאַלץ. לייב מיט אַ לאָפּעטע פייער־קוילן איןביידע הענט האָט זיך אַ לאָז געטון צום הויף. ער האָט געזען ווי הינטער די אַראַבער האָט זיך אַריינגעגנבעט אַ גרעיאָגטער עלטערער ייד. נישט באַמערקט פון די רוצחים, האָט דער ייד אַן איבערגעשראָקענער אויף טויט, זיך פאַרשטעקט הינטער אַ הילצערנעם שטאַל־ווענטל. אויס מורא פאַר באַלדיקן אומקום, האָט ער מיט די פינגער זיך גענומען רייסן דאָס פּנים, די האָר. פון פאַרצווייפלונג האָט ער געטאַפּט אין די קעשענעס, זוכנדיק עפּעס מיט וואָס זיך צו קענען פאַרטיידיקן. צום סוף האָט ער אַרויסגעשלעפּט אַ קליין טאַשן־מעסערל און געעפנט דאָס שאַרפע קלינגל. ער איז געשטאַנען מיט דעם אָרעמען וואָפן, ווי מיט אַ באַיאָנעט — געווארט אויפן שונא.

דערווייל האָבן די אַראַבער זיך געכאַפּט, אַז די יידן לויפן זיי אַקעגן מיט פייער, מען שיט אויף זיי זאַלץ, מען גיסט נאַפּט, האָבן זיי אַליין צעטומלטע, מיט געשרייען: אַללאַ! אַללאַ! זיך גענומען צוריקציען, איבערלאָזנדיק הינטער זיך דרעננער, שטיינער. דער לעצטער אַראַבער האָט אַנטלויפנדיק נאָך אַריינגעצילט אַ פּאָר ציגל און אויסגעזעצט אַ שויבן־טיר.

ערשט איצט האָט מען זיך אַרומגעזען, אַז שמשון אַליין זיצט ביי דער וואַנט אַ צעבלוטיקטער, מיט אַ לאָך אין שטערן. אַ שטיין האָט איב געטראָפן. רחל מיט נאָך אַ פרוי האָבן אים צוגעלייגט טיכער מיט קאַלט וואַסער. ס'איז געווען שוין שטאָק פינצטער. די האַלבע לבנה האָט אַראָפּגעלויכטן מיט אַ קאַלט און אומהיימלעך ליכט.

לייב האָט אָנגענומען דעם זון און דאָס ווייב און א זאָג געטון:
— לאָמיר לויפן קיין תל־אביב!
— ווו וועלן מיר זיך אַלע דאָרט אהינטון?
— מען וועט איבערנעכטיקן ביי פעלדשטיינען.
— און אין תל־אביב איז דאָס לעבן זיכער, לייב? — האָט רחל גע־זוכט ביים מאַן א גאַראַנטיע.

לייב האָט געמוזט נישט בלויז אונטערזאָגן רחלען — יעדע רגע איז געווען טייער — נאָר ער האָט אויך געמוזט זי בארואיקן:

— רחל, ביסט נישט די איינציקע... גאַנץ יפו לויפט אהינצו... זאָל מען נאָר איבערקומען די היינטיקע נאַכט...

רחל, א געהאָרכזאַמע, מיט דער גלייכגילטיקייט פון א מענטש וואָס מאַכט מיט יעדער געפאַר שלום, האָט זיך געלאָזט פירן. אז זיי זענען שוין געווען אין גאַס, האָט זי מיטאַמאָל זיך דערמאָנט אָן דער טאָכטער, וואָס איז געבליבן אַליין אין אַראַבישן הויף און זי האָט אויסגעשריען:

— ווו האָט מען איבערגעלאָזט אלישבען? ס'קינד וועט זיך א מעשה אָנטון!

— זי איז מער געשיצט פאַר אונדז, רחל... אַראַבער זענען גוטע שכנים... און דעם פעבל וועט נישט איינפאַלן, אז אין אַן אַראַביש הויז וווינט א יידיש קינד...

פון דעם סופר־געסל זענען זיי אַרום אויף א ברייטן זאַמדיקן פּלאַץ. מען האָט בלויז געדאַרפט אין געאייל דורכשפּרייזן א פּאָר צענדליק טריט, פאַרביישפּאַנען דעם ווייסן בנין פון דער אַליאַנס־שול, כדי צו זיין אין די שמאָלע געסלעך פון נוה־צדק. נוה־צדק איז געווען א שטיק הינטער־שטאָט פון יפו און א דורכגאַנג־קוואַרטאַל צו תל־אביב.

לייב מיט זיין משפחה האָט זיך געאיילט. מיט יעדן אייל זאַמד, וואָס זיי האָבן הינטער זיך געלאָזט, אַלץ וויטער זענען זיי געווען פון דער געפאַר, אַרום איז געווען א טויטע שטילקייט. די נאַכט האָט פאַר־ווינט דעם טומל. און דער זאַמד, אַן אָפּגעגאָסענער פון דעם קילן לבנה־ליכט, האָט זיך אויסגעשפּרייט ווי א ווייסער טעפּיך. פון זייטיקע ליקעם

האָבן זיך אַרויסגעהויבן נאָך קופּקעס מענטשן, וואָס האָבן זיך געשלעפּט איבער די זאַמדיקע וועגן, ווי פאַרשפּעטיקטע פּליטים.

לייב האָט שוין געהאַט פאַרביַיגעשפּריַיזט פאַרן וויַיסן פּלויט פון דער אַליאַנס־שול, ווי דאָס טויער האָט זיך געעפנט און אַ טונקל געשטאַלט האָט זיך אַרויסגעוויגט מיט גיבע טריט. דאָס געשטאַלט, אין אַ לאַנגן וויַיסן כאַלאַט, מיט אַ פעסקע אויפן קאָפּ האָט זיך גערוקט פאַרויס. לייב, דערזעענדיק אַן אַראַבער, האָט זיך אַ צי געטון הינטערוויַילעכץ. דער אַראַבער איז אים אַקעגנגעגאַנגען. צי דערפאַר וויַיל לייב האָט שוין נישט באַוויזן צו אַנטלויפן, צי דערפאַר וויַיל ער האָט זיך געגרייט צו פאַרטיַידיקן — ער האָט געמאַכט אַ שריט פאָראויס און נישט געגלויבט די איינענע אויגן. ס׳איז געווען כאַליל, דער שכן פון דער שפּיַיז־קראָם. כאַליל אַליין אין איבערגעשראָקענער, האָט געטראָגן אויף די הענט אַ זעקס־יאָריק יידיש יינגל און געהאַלטן אין גיין אין דער ריכטונג צו יפו. לייב האָט אויסגערופן:

— כאַליל!

אין איבעראַשטער פון דער באַגעגעניש, האָט כאַליל צוגעלייגט אַ האַנט צום שטערן, ווי אַ געהיימען צייכן. ער האָט זיך בעסער איינגעוויקלט אין דעם וויַיסן כאַלאַט, האָט אַ קוק געטון אויף דער לבנה און אָנגעוויזן אויף דעם האַלב־אַנטשלאָפענעם יינגל.

— גאָט זאָל אונדז שיצן! וואָס טוט זיך דאָ אָפּ אין באַלאַד? (1) כ׳דערקען נישט די שטאָט יפו... ווי נאָר דאָס געשלעג האָט זיך אָנגעהויבן אין אונדזער גאַס, האָב איך אַריַיינגענומען צו מיר אין הויז בײַדע יידישע שכנים. ערשט איך הער אַ געשריי. כ׳קוק זיך אום. שושנה די פרענקישע שטייט און יאָמערט, אַז איר יינגל איז געבליבן אין דער „מאַדראַסע“ (2) אַליאַנס... כ׳האָב צוגעמאַכט די קראָם און בין געלאָפן אַהער... כ׳טראָג דאָס יינגל צו דער מאַמען...

— און וווּ זאָלן מיר זיך אַהינטון, כאַליל? — האָט רחל אַ פרעג געטון בײַם אַראַבער, אָנוויַיזנדיק אויף איר לאַגע.

1) שטאָט. 2) שולע.

— באהאַלט זיך אויס ביי פריינט. בלויז די נאַכט. ס'וועט איבער־גיין — האָט דער אַראַבער געשעפּטשעט — דער געקרייציקטער זאָל זיך דערבאַרעמען! ס'וועט איבערגיין...

כּאַליל האָט פעסטער איינגעהילט אין זיין כאַלאַט דאָס שלאָפנדיקע יינגל. ער האָט איילנדיק געהויבן די פיס און מיט דעם שפּאַן פון א מדבר־וואַנדערער, האָט ער געמאַכט טיפע שפּרייזן אין זאַמד.

לייב האָט נאָכגעקוקט דעם אַראַבער, דעם קריסט. אין שיין פונעם לבנה־פּלאַס האָט זיין געשטאַלט זיך פאַרוואַנדלט אין א שאָטן, וואָס ווערט מיטן גאַנג אַלץ לענגער, דינער און רינט אויס אינעם ווייסן ליכט פון דער נאַכט.

אויב יפו איז איצט געגליכן צו סדום, איז כּאַליל דער איינציקער צדיק פון סדום. און וואָס פאַרא באַטרעף האָט איין צדיק אין שטאָט, וואָס איז פול מיט רויב און רציחה?

אריינקומענדיק אין דעם ערשטן שמאָלן געסל פון נוה־צדק, האָט לייב זיך דערפילט היימלעכער. דאָ און דאָרט האָט ארויסגעלויכטן פון אן אָפענער שפּייז־קלייט. פאַר די הויף־טויערן זענען געשטאַנען קופּ־קעס יידן מיט דער זיכערקייט פון מענטשן וואָס געפינען זיך שפּאָר ווייט פון א געפאַר. זיי האָבן גלייך דערקענט די משפחות וואָס קומען אָן מיט הינטער־וועגן פון יפו און אנטקעגנגייענדיק זיי, האָבן זיי די פליטים באַוואָרפן מיט פראַגן:

— וואָס טוט זיך אין יפו?

— טאַקע געווען א שחיטה?

— מען ריכט זיך ערשט, אז ביינאַכט וועט זיך עס אָנהייבן!

— ביינאַכט וועלן מיר זיי אָקעגנגיין!

— וואָס?

— דאָס וואָס איר הערט. די זעלבסטשוץ וועט אריינמאַרשירן קיין יפו!

— און גלייך אין די אַראַבישע קוואַרטאַלן אריין!

— און מיט וואָפן אויך!

לייב האָט געזוכט אן אויסוועג פון דעם פאַרהער. צופיל האָט אים

געקלעמט, צופיל האָט אים ווײ־געטון, ער זאָל קענען אויסהערן די נײַ־נעריקע פראַגן־שטעלערס. דער צער איז געווען אַזוי גרויס, דאָס אומ־גליק אַזוי פריש און דאָ צעהעשעט זיך רחל ווי אַ וויינענדיק קינד. און ווי נעמט מען ווערטער זי צו טרייסטן, ווען ער אַליין איז ביי זיך אַזוי געפאַלן, דערשלאָגן? און צומיינסטנס האָט אים פאַרדראָסן, וואָס קיינער זעט נישט, ווי ער איז אַנטלאָפן מיט דעם איינציקן בגד אויפן לייב...

פון אַ געבערגלט געסל האָבן אַרויסמאַרשירט עטלעכע רייען יונגע בחורים, מושטירטע ווי זעלנער. אין פראָנט האָט געשפּרייזט אַ הויכער יונג אין קורצע קאַקי־הויזן. דערזעענדיק די אָנקומענדיקע משפחות, דער־הערנדיק דעם טומל, האָט ער מיט אַ האַנט-הויב אָפּגעשטעלט די מאַר־שירנדיקע בחורים. ער האָט זיך געווענדט צום רעדל און גערעדט האַס־טיק:

— איר אַלע וועט נאָך צוריקגיין קיין יפו... נאָך מאָרגן וועט איר צוריקגיין... מיר זענען איצט אין מלחמה. די אַראַבער האָבן געעפנט אַן אַטאַקע, וועלן מיר זיי צוריקשטויסן. יפו דאַרף בלייבן באַזעצט פון יידן. יעדעס יידיש הויז איז אַ פּאָזיציע, יעדער הויף — אַ פעסטונג. וועלן מיר פאַרלאָזן די פעסטונגען, וועט דער שונא פאַרכאַפּן נישט בלויז די שטאָט, נאָר ס'גאַנצע לאַנד.

— אַזוי רעדט אַ שטאָלצער ייד! — האָט אַן עלטערער ייד אָנגע־קוואָלן אויף אַ קול.

— דאָס איז דאָך אַן אָנפירער פון דער הגנה! — האָט אַ צווייטער איינגערוימט דעם רעדל.

— אַזאַ איינער קען זיי דערציילן אַ מעשה, די אַראַבער! — האָט אַ דריטער אויסגעזאָגט זיין מיינונג.

רחל, זעענדיק ווי לייב מיט בנימינען וויינען שטום, האָט זי אַליין אויפגעהערט צו העשען. זי האָט געוואָלט אויסשרייען, אַז זי איז געבליבן אָן אַ דאַך, אַז זי, איר מאַן און די קינדער האָבן איצט נישט ווו דעם קאָפּ אַנידערצולייגן. און ס'האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז קיינער איז נישט גרייט דאָס אויסצוהערן. די מושטירטע רייען מיט בחורים האָבן אָפּגעצויגן. דאָס רעדל האָט זיך גענומען פונאַנדערגיין.

לייב האָט זיך אָבער נישט אָפּגעשטעלט. ער איז געגאַנגען ווייטער, איילנדיק. די משפּחה האָט געצווּנגען הינטער אים. באַלד האָבן זיי געהאַט הינטער זיך גאַנץ נוה־צדק. און וואָס טיפער לייב איז אַריין אין די ברייטע, באַלויכטענע תל־אביבער גאַסן, אַלץ מער זיכערקייט און היימלעכקייט האָט זיך געטראָגן אַרום. און וואָס מער היימלעכקייט — אַלץ שטאַרקער האָט געדריקט דער טרויער אויף אים. דער טרויער פון פּלוצימדיקער היימלאָזיקייט, דער טרויער, וואָס ער, לייב, דאַרף איצט אָנקלאַפּן אויף פרעמדע טירן.

אין תל־אביב האָט געפּילדערט.

דורכגייער האָבן זיך פאַרבייגעטראָגן איילנדיקע, צעשטרייטע. רעטונגס־אויטאָמאָבילן, אָנגעפּולט מיט פאַרווּנדעטע זענען אָנגעפאָרן פון יפו. פאַר די נידעריקע פאַרקאַנטעס פון די הייזער זענען געווען צעלייגט פּליטים מיט געפּעק בעטגעוואַנט. אין די ראָגעס האָט מען אַרומגערעדט די געשעענישן. און כאָטש לייב האָט דערשפּירט ביי די אַרומיקע אַן אומרואיקייט, האָט אָבער געפעלט דער גרויסער פּחד, פונקט ווי די אויפגעהעצטע אַראַבער וואָלטן זיך נישט געגרייט איבערצופאַלן תל־אביב, פונקט ווי יפו וואָלט נישט געשטאַנען האַרט הינטער די מויערן, נאָר עס וואָלט געווען אַ ווייטע, אָפּגעלעגענע שטאָט.

לייב איז אַריין אין דער נחלת־בנימין־גאַס. דאָ איז געווען נאָך טומלדיקער. אויף די אָפענע טעראַסעס פון די ווייסע הייזער זענען געזעסן גאַנצע משפּחות אַנטרונענע — פון אַ זויג־קינד ביז אַ זקן — געזעסן אויף געבונדענע קלומיקלעך, אויף אָנגעשטאָפּטע געפּעק, פון זייערע פאַרחושכטע פּנימער האָט אַראָפּגעקוקט דער צער פון פאַרוואָגלטקייט.

לייב האָט באַטראַכט די פּליטים, פילנדיק אַז ער האָט שותפים צום חורבן. אַן אויסגעשעפּטער און מידער, האָט ער זיך געשלעפּט מיט די לעצטע כוחות, וועלנדיק וואָס גיכער צוקומען צום הויז פון זיין בן־עיר פעלדשטיין. און וואָס נענטער ער איז געווען פון דער דערוואַרטער שטוב, אַלץ שטאַרקער האָט זיין האַרץ געקלאַפּט, געפלאַטערט: ווי וועט מען אים אויפנעמען? ווי וועט מען אים אַקעגנגיין אין זיין אומגליק?

די טירן פון פעלדשטיינס שטוב זענען נישט געווען פאַרמאַכט. אויף

דער טרעפ פון דער קליינער פראָנט־טעראַסע זענען געשטאַנען פעלדשטיין מיט זיין ווייב, ווי אויסקוקערס, גרייט אויפצונעמען יעדן וואָגלער און פּליט. אין דער טונקלקייט האָבן זיי באַגעגנט לייב קארפן מיט אויגן וואָס וואַרעמען אי מיט רחמנות, אי מיט שולד. רחל איז אַקעגנגעגאַנגען די ערשטע, אַ שווייגנדיקע, מיט פאַרשלאָסענע ליפּן, בלויז דער איינגעשניטענער גרימאַס אויפן געפּייניקטן פּנים האָט גערעדט פאַר זיך, פאַרן מאַן, פאַר די קינדער — גערעדט מיט שרייענדיקע קולות: „אַזוי האָבן מיר אויסגעשפּילט!"

ווייכע און צוגעלאָזענע, ווי זיי וואָלטן צו לייבן בעלי־חובות געווען, האָבן די פעלדשטיינס זיי אַריינגעפירט אין דער אָפענער טיר:

— קומט אַריין... זעצט זיך בלויז צו... קומט צו זיך...

רחל האָט זיך געלאָזט פירן און ווי זי האָט נאָר איבערגעטרעטן די שוועל, האָט זי פּלוצים דערזען שטיין אלישבען אַ באָרוועסע, אין דעם בלויזן לייוונטענעם קיך־קליידל.

— אלישבע, דו ביסט אויך דאָ?

— מאַמע! — האָט אלישבע זיך אַרויסגעוואָרפן אויף דער מוטערס האַלדז מיט אַ פאַרשטיקט כליפּעריי — מאַמע, גוט וואָס מען זעט זיך לעבעדיקע!

— ווי קומסטו אַהער, טאָכטער? — האָט פון רחלס אויגן זיך אַ גאָס געטון אַ שטראָם טרערן.

— דער רעטונגס־אויטאָמאָביל, וואָס האָט אויפגעכאַפּט די פאַרוווּנדעטע אין יפו, האָט מיך אויך מיטגענומען...

— ביסט אין הויז נישט געווען, קינד מיינס?

אלישבע האָט זיך פעסטער געדריקט צו דער מוטער און געשוויגן.

— און האָסט צומאָל פאַרשלאָסן דאָס טויער פון הויף? — האָט לייב אַ באַזאָרגטער מיט אַ ציטער אין קול געפרעגט.

— טאַטע־קרוין! — האָט אלישבע ערשט אויסגעבראָכן אין אַ הויך געוויין — ס'איז נישט געווען וואָס צו פאַרשליסן... די אַראַבער האָבן אַלץ אויסראַבירט... קיין נאָדל איז אונדזער אייגנס נישט געבליבן...

רחל האָט זיך אַ וואַקל געטון. זי האָט געגעבן אַ מרה-שחורהדיקן קוק אויף די אַרומיקע, ווי אויף ווילד־פרעמדע... דער יאוש האָט פּאַר אַ ווײַלע אָפּגעווישט דעם זכרון. זי איז געבליבן שטיין אַ פאַרגאַפטע. באַלד האָט זי זיך איבערגעוועקט ווי פון אַ טשאַד. זי האָט פאַרבראָכן די הענט און אַרויסגעלאָזט אַ געיאָמער:

— הערסט, ליבע? איר הערט, קינדער? ווי מען גייט און שטייט... נאַקעטע און באָרוועסע זענען מיר אַלע געבליבן...

קאַפּיטל צוועלף

איובס שטראָף

ביז שפּעט בייַנאַכט איז לייב אַרומגעגאַנגען אין פעלדשטיינס הויז, ווי אַן אָבל. אויף אים איז דער קלאַפּ געקומען פאַרטויבנדיק, ווי מען וואָלט אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ האַק. צו האַסטיק איז געווען דאָס אומגליק, צו אומגעריכט די פּאַסירונג, אַז ער זאָל עס אויפנעמען ווי אַן ערנערניש וואָס פאַרגייט. אויף איינמאָל איז ביי לייבן אַלץ אָפּגעווישט געוואָרן, דער גלויבן, די זיכערקייט, די האָפענונג. און אַ יאוש, וואָס נאָגט דעם מענטש און פרעסט אים ביז צום ביין — האָט צענומען אַלע זיינע חושים.

נישט רחל איז איצט געווען די מאַנעריין, די וואָס טראָגט טענות אויף אַלע קרומקייטן פון לעבן, נאָר ער, לייב. ביי רחלען איז פּשוט דאָס לשון געוואָרן אָפּגענומען. ער, לייב, דער אָפּגענאַרטער און דערשלאָגענער, האָט איצט געקענט זיך שטעלן ווי אַ קטיגור קעגן הימל און אַראָפּלאָדענען פון זיך אַלע עולות און אומרעכטן, וואָס זענען אויף אים אָנגעלייגט געוואָרן.

פעלדשטיין אַליין און זיין פרוי זענען אַרומגעגאַנגען ווי פאַרשוּלדיקטע, אויף די שפּיץ־פינגער. ביידע האָבן געוואַרעמט רחלען מיט זייערע בליקן און צוגעלייגט איר נאַסע טיכלעך צום קאָפּ. זיי האָבן געטרייסט די פאַרלוירענע משפּחה, אַז מען וועט זיי נישט לאָזן פאַלן. פרוי פעלדשטיין האָט צעשטעלט אויפן טיש נאַכט־עסן. זי האָט אויסגעזוכט פון דער שאַפע די שענסטע ציכלעך, וואָס זי האָט שוין פאַר יאָרן־לאַנג נישט גע־

נוצט, האָט איבערגעצויגן פריש בעטגעוואַנט און אויסגעבעט פאַר אַלע-מען געלעגערס אין אַ באַזונדערן צימער. קיינער האָט נישט אַנגערירט קיין ביסן. אויך צום שלאָפן האָט מען זיך נישט געאײַלט. קיין טרייסט-וואָרט האָט נישט געקענט באַרואיקן די באַרויבטע משפחה. אַ שטילע פאַרגליווערטקייט, ווי מען וואָלט נאָר-וואָס אַ מת אַרויסגעטראָגן, איז גע-האַנגען איבערן הויז.

ערשט שפּעט, אַרום פיר פאַרטאָג, ווען אַלע שטובּיקע זענען אַוועק-געפאַלן מידע און זיך איבערגעגעבן דעם שלאָף, האָט לייב פאַרזיכטיק זיך אַרויסגעגנבעט פון הויז. ער איז געבליבן שטיין אויף דער גאַס מיט אַ געפיל פון איינעם, וואָס האָט מורא, ער זאָל נישט געכאַפּט ווערן אויף אַ פאַרדאַכט. ס'איז געווען קיל. דער הימל אַן אויסגעוואַשענער, אַן אויס-געשטערנטער איז געהאַנגען איבער תל-אביב, ווי אַ טונקל-בלויער דעק-טוך. די האַלבע לבנה, קאַלט און אויסגעצערט, האָט זיך געשפּאַרט אַ וועג דורך איינצלנע, שיטערע וואָלקנדלעך. לייב האָט זיך געלאָזט מיט דער שמאָלער און לאַנגער נחלת-בנימין-גאַס

דאָ איז געווען טומלדיק אויף יעדן ראָג. בלויז די לאָמפּן אויף די סלופּעס האָבן געשיינט טונקל און אומעטיק.

תל-אביב, וואָס זינקט אין שלאָף שטענדיק נאָך האַלבער נאַכט, איז דאָס מאָל געווען וואַך. קופּקעס מענטשן זענען דאָ און האָרט געווען צע-שטעלט און זיך דערציילט, אַז אין יפו גיסט זיך בלוט, דער האַפן, די גע-ביידעס שטייען אין פלאַמען, ענגליש מיליטער האָט באַלאַגערט די מאַכ-מעדאַנישע מעטשעטן.

ערשט איצט האָט לייב זיך אַרומגעזען, אַז ער האָט נישט אויף זיך דעם ראָק. דאָס שאַרפע ווינטל, וואָס האָט געבלאָזן פון דער אָפענער ים-זייט, האָט געקילט זיינע צעפלאַמטע באַקן. צו זיינע אויערן האָט זיך דער-טראָגן אַ גערויש. ער האָט אויפגעכאַפּט אַן אומהיימלעך צעצויגן סוויס-טשען, ווי דאָס פייפן פון סירענעס. דאָס האָבן די רעטונגס-אויטאָמאָבילן, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין אַריבערברענגען די געהרגעטע און פאַר-וווּנדעטע פון יפו, זיך געיאָגט איבער די גאַסן. ער האָט אַריינגעדרייט אין דער אחד-העם-גאַס. פאַר דער גימנאַזיע „הרצליה", ווו אַ המון האָט

באַלאַגערט דעם פראָנט-טויער, איז ער געבליבן שטיין. די שווערע, ווײַסע געבײַדע מיט די געשניצטע קאָלאָנעס און אַרקאַדן איז איצט געווען פאַרוואַנדלט אין אַ שפּיטאָל. דאָס ליכט האָט אַרויסגעשלאָגן פון די ברייטע ווענעציאַנישע פענצטער. צום טויער איז צוגעפאָרן איין אויטאָמאָביל נאָכן צווייטן. סאַניטאַרן האָבן אויף טראָג־בעטלעך אַריינגעפירט פאַרוואונדעטע, הרוגים. די מענטשן, וואָס האָבן באַלאַגערט דעם אַריינגאַנג, האָבן זיך נאָכגעפרעגט אויף נעמען, זוכנדיק צווישן די קרבנות נאָענטע און אייגענע.

לייב האָט זיך דורכגעבראָכן דורכן טויער און איז אַריין אין הויף פון דער גימנאַזיע. דער הויף האָט איצט אויסגעזען ווי אַ פאַרוויסטער גאָרטן. איבער די אויסגעשווירענע גראָז־פלאַכן, הינטער די צעוואָרפענע פאַלמע־ביימער, זענען געווען צעלייגט גאַנצע משפחות — פון אַ זוינג־קינד ביז אַ זקן — מיט זייערע פעק בעטגעוואַנט, מיט קלומיקעס און צעעפנטע טאָרבעס. דאָס קליינוואַרג איז געווען פאַרזונקען אין אַ מידן שלאָף. די עלטערע האָבן געוואַכט איבער די אַרויסגעראַטעוועטע בעבעכעס, ווי איבער די רעשט פון אַ גרויסן פאַרמעגן. ביי לייבן האָבן געהאַקט די שלייפן. אין די אויגן איז געלעגן אַ פיבער, אַפילו האָס בלוט אין די אָדערן האָט שטאַרקער גענומען שטראָמען. די חרובע, צעלייגטע משפחות האָבן אים דערמאָנט די לעצטע נשרפים פון אַ פייער. אויפן אָנבליק פון די פאַרביילופנדיקע קראַנקן־שוועסטער, פון די איילנדיקע סאַניטאַרן, פון די פאַרוואונדעטע אויף די טראָג־בעטלעך, האָט ער אַ ווײַלע פאַרגעסן זיין אייגענעם חורבן. און כאָטש אַלץ האָט אין אים געוויינט, געיאָמערט, האָט דאָך אַ שטילע קנאה זיך פאַרגנבעט ביי אים אין האַרצן, קנאה אויף די פליטים, וואָס האָבן אויסער דאָס נאַקעטע לעבן אויך געראַטעוועט אַ קישן, אַ קאָלדרע, אַ מלבוש פאַרן לייב.

וואָס טיפער ער האָט אַריינגעשפּאַנט אין הויף, דרייענדיק זיך צווישן די יפוער אַנטרונענע, אַלץ הוילער און אָרעמער האָט ער זיך אַליין דערשפּירט. און וואָס אָרעמער ער האָט זיך געשפּירט, אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן דער פאַרלאַנג צו באַזיצן אויך אַזוינע קלומיקעס, טאָרבעס און פעק וואָס וואַלגערן זיך דאָ, פאַר די פיס. דער מענטש שאַצט אָפּ אוצ־

רות, נאָכדעם ווי ער פאַרלירט זיי. און זאַכן, צו וועלכע לייב איז קיינמאָל נישט אויפמערקזאַם געווען, וואָס האָבן אין זיינע אויגן קיין באַדייט נישט געהאַט, זענען איצט געוואָרן וויכטיק און ווערטפול.

לייב איז איצט געווען אָרעם, ווי איוב נאָך דער שטראָף. דאָס לעבן פון פיר נפשות איז געבליבן אָן אַ מעמד. די ערד אונטער די פיס האָט איינגעבראָכן. און ווו שטעלט מען איצט ווייטער אַ טריט?

אַ דערשלאָגענער האָט ער אַ קוק געטון צום הימל. אין מזרח־זייט האָבן העלע שטרייפן זיך גענומען אַרויסבלייכן. לייב האָט געזוכט די שפורן פון דעם אויפגייענדיקן טאָג. ער האָט געוווּסט, אַז די נאַכט וועט אַוועק, דאָס פינצטערניש וועט אַוועק און בלייבן וועט די גרויסע אימה, בלייבן וועט דער חורבן.

אַ לייכטער צי פאַרן אַרבל האָט אים אָפּגעשטעלט. לייב האָט זיך אומגעקוקט. הינטער אים איז געשטאַנען דער יפוער טאָקער יעקב כנעני, וואָס האָט ערשט היינט אינדערפרי ביי אים אין רעסטאָראַן נביאות גע־זאָגט און געוואָרנט לייבן, ער זאָל האַלטן גרייט די שליסלען צום אַנט־לויפן. יעקב כנעני איז איצט געשטאַנען אַ געבראָכענער, זיין אַרבעטס־רעקל נאָכלעסיק אָנגעהאָנגען איבער די אַקסלען, ווי ער וואָלט נאָר אַרויס אויף אַ ווײַלע פון וואַרשטאַט. זיינע ברוינע אויגן זענען געווען אָנגעלאָדן מיט פחד און די מאָגערע באַקן, איינגעראַמט אין דער לענגלעכער שוואַר־צער באָרד, האָבן געציטערט און זיך געקנייטשט אין אַזעלכע גרימאַסן, ווי ער וואָלט זיך געפייניקט שוין יאָרן.

דער טאָקער האָט אָנגעקוקט לייבן שטום און טרויעריק. און ווען עס זענען דורך עטלעכע רגעס, האָט ער שאָקלענדיק מיטן קאָפּ שטיל אַ פרעג געטון:

— מען טרעפט זיך ווי נשרפים?

— איר זענט אויך פון דאָרט אַוועק? — האָט לייב אים אָנגעקוקט.

— נעכטן אין דער צייט האָב איך זיך אויף דעם נישט געריכט. כ'בין ערשט אַנטלאָפן מיט צוויי שעה צוריק. די גרעסטע שחיטה איז געווען אין בית־החלוץ. אונדזער פאַסט־גאַס איז ווי אַ בית־עולם. גאַנץ יפו איז אויס־געליידיקט פון יידן.

— איר האָט אַלץ איבערגעלאָזט אויף הפקר?

— איידער די ערשטע באַוואָפנטע באַנדע איז באַפאַלן דאָס הויז, האָב איך פאַרהאַקט די טירן, אָנגעלייגט אַ שלאָס און זיך געראַטעוועט. זאָלן זיי רויבן, די רוצחים! וואָס ס'דאַרף זיין, זאָל זיין!

לייב האָט געשוויגן. ס'האָט אים געוווּנדערט אויף דעם טאָקער, וואָס קען איבערטראָגן יסורים מיט גבורה און ער האָט זיך אָוועקגעדרייט. יעקב כנעני האָט אים נאָכגעקוקט, געמיינט צו פרעגן: „און איר, קאַרפּ, ווי האָט איר אָפּגעשניטן?" אָבער לייב איז שוין געווען ווייט פון אים. מיט אַ געניטן קוק פון איינעם וואָס קען זען אויף מיילן, פאַר וועמען עס זענען נישטאָ קיין באַהאַלטענע זאַכן, האָט ער נאָכגעשפּירט לייבן, ווי ער פאַרשווינדט אין דעם טונקל-באַלויכטענעם קאָרידאָר פון דער צעפליגלטער שול-געביידע.

לייב האָט זיך געדרייט אין דער אָפּטיילונג, ווו מען האָט געבראַכט די שווער-פאַרוווּנדעטע. פאַרן אָפּעראַציע-צימער האָט ער זיך פאַרהאַלטן. אַ פאַרווייַנטער פאָטער האָט געקלאַפּט מיט די פויסטן איבער דער טיר. ער האָט געפאָדערט, מען זאָל אים אַריינלאָזן צו זיין פאַרוווּנדעטן זון, וואָס ראַנגלט זיך מיט דעם טויט.

דורך אַ הינטער-טיר איז אַרויסגעקומען אַן עלטערער האָקטאָר, זיין ווייסער כאַלאַט באַפלעקט מיט בלוט. דאָס צעקנייטשטע פּנים נערוועז, איינגעלאָפן פון פיין. די גיכע אָנשטרענגונג איז געקומען צו שפּעט. נאָך אַ האַרץ האָט אויפגעהערט צו קלאַפּן.

ווען לייב איז צוריק אַרויס אויף דער גאַס, האָט ער מיטאַמאָל דערשפּירט אַן אומרואיקייט. די אומרואיקייט איז געוואַקסן מיט יעדער רגע. נישט שווייגן, נישט שלום מאַכן מיט דעם אומגליק, נאָר זיך אַנטקעגנשטעלן, ברעכן צוימען! וואָס מען דאַרף איצט אָנהייבן צו טון, האָט ער אַליין נישט געוווּסט. אָבער אַ נישט-געצווימטער כוח, וואָס וואַכט אויף דווקא ביי דערשלאָגענע און באַליידיקטע, האָט אים געטריבן. ער איז גרייט געווען זיך צו לאָזן מייל-ווייט, דורך סכנות, דורך געפאַרן, אַבי אָפּצוזוכן דאָס פאַרלוירענע. אַ געדאַנק איז לייבן באַפאַלן: גיין קיין יפו, גיין אויף די שפּורן פון די אַראַבער, פון די שכנים, וואָס האָבן אויסגע־

רויבט זיין הויז. ער האָט פון אָנהייב זיך געראַנגלט מיטן געדאַנק, נישט געקענט נאָכגעבן. אָבער דער ווילן, וואָס איז דער אָנהייב פון אַלע גע־וואַגטע טאַטן, האָט אים באַצווינגען און אים געטריבן פון דעם זיכערן אָרט, אַהינצו ווו די געפאַר לויערט און רופט. אַהין ווו מען שטעלט אַלץ אין קאָן און מען געווינט...

ער איז געגאַנגען מיט דער לענג פון דער אחד־העם־גאַס. ביים עק פון שווערן פּאַרקאַן, וואָס האָט אָפּגעטיילט דעם שול-גאָרטן פון דער גאַס, איז געווען צונויפגעקוועטשט א רעדל מענטשן. אויף יענער זייט פּאַרקאַן, הינטער די שטאַכעטן, איז געשטאַנען א ייד, א פּליט אין שפּיטאַל־קליי־דער, זיינע הענט און דער קאָפּ אַזוי פאַרבאַנדאַזשירט, אַז מען האָט קוים דאָס פּנים אַרויסגעזען. ער האָט דערציילט, ווי ער האָט זיך אַרויסגעראַטע־וועט פון יפו. ער האָט גערעדט גיך, מיט רוגזה. און בעת ער האָט גע־שאָטן מיט ווערטער, האָבן זיינע אויגן געגליט און דאָס מויל האָט זיך פאַרקרימט ווי ביי א פאַרוויינט קינד.

— ביי מיר האָבן זיי נישט דערלעבט אויסצורויבן מיין פּראַצע... אַז כ'בין איבערגעקומען די קישענעווער שחיטה, האָב איך דאָס אויך גע־קענט איבערטראָגן. ווי נאָר דאָס פּעבל איז צוגעקומען צו מיין הויז מיט א וואָגן און גענומען אַרויפלאָדענען די שטיקער מעבל, ס'בעטגעוואַנט, האָב איך מיך אָנגעהאָנגען אויפן דישל, צווישן די פערד און דער קעלניע און אָנגעהויבן שרייען... מיין ווייב מיט די טעכטער האָבן געחלשט, אָבער דאָס פּעבל האָט געהאַלטן אין איין אַרויסרוימען די שטוב־זאַכן... דער אָנטרייבער, א פּאָרט־טרעגער, — כ'קען אים גוט — האָט מיך אָפּגעמאָסטן מיט דער בייטש איין מאָל, א צווייט מאָל און איך בין נישט אַראָפּ... כ'האָב געשריען צו דער גאַס נאָך הילף... דער אַראַבער האָט מיך גע־דעקט אָן אויפהער. ס'בלוט איז מיר גערונען פון די ציין, פון דער נאָז און איך האָב געשריען... אַז ער האָט געזען, כ'וועל נישט אַראָפּ פונעם דישל, האָט ער א שמיץ געטון די פערד און דער וואָגן האָט גענומען לויפן באַרג־אַרויף, אויפן וועג צום אַראַבישן דאָרף... פון הינטן האָט נאָכגע־יאָגט א ווילדער המון און מיך באַוואָרפן מיט שטיינער. עס האָבן זיך גע־הערט געלעכטערס, עס האָבן זיך געהערט געשרייען: „יאהוד כלב! דין

מוכאמעד בסיף!... און דער אַנטרייבער האָט נישט פאַרגעסן מיר צו דער־לאַנגען יעדעס מאָל הינטן־ארום מיט דער בייטש. כ'האָב זיך געווישט די ביילן אויפן פנים, אויף די הענט זענען אויפגעלאָפן בלויע פאַסן און כ'האָב געשריען אין דער ארומיקער ליידיקייט, טאָמער וועט עמיץ דערהערן מיין רוף און אָפּשטעלן דעם רוצח. די פערד זענען געלאָפן ווי רוחות, איבער מיר איז געפאַלן א האַגל פון שטיינער און שמיץ... כ'האָב געפילט, אַז די ביינער קרישלען זיך... נאָך מינוטן און כ'וועל אויסגיין אונטער די הענט פון די רוצחים... מיטאמאָל האָט דער וואָגן זיך אריינגעדרייט צווישן קוסטעס. א געדיכטער פּרדס האָט פאַרשטעלט דעם אָפענעם שאָסיי. ארום איז געווען שטיל... מיר איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן. דער אראַבער איז אראָפּגעשפּרונגען פון דער קעלניע. פון זיין גאַרטל האָט ארויסגע־שטעקט א קצב־מעסער. כ'בין זיכער געווען, אַז צווישן די קוסטעס, דאָ, גייט דער רוצח פון מיר פּטור ווערן... ס'קומט מיין סוף... פון שרעק בין איך א ווײַלע שטום געוואָרן. באַלד האָט זיך אָבער ארויסגעריסן פון מיין קעל אַזאַ אויסטערלישער געוואַלד, גלייך טויזנטער באַנומענע קולות וואָלטן זיך צעשריען... און ס'איז געשען א נס... פון שאָסיי האָט זיך דערטראָגן א גערויש. א שווערער געפּאַנצערטער אויטאָמאָביל האָט זיך דערנענטערט צום פּרדס. דער אראַבער האָט, ווייזט אויס, באַמערקט פון דער ווייטנס דעם ענגלישן פּאַטרול און זיך געוואָלט אויסבאַהאַלטן אין די קוסטעס. דער אויטאָמאָביל האָט זיך אָפּגעשטעלט. צוויי זעלנער האָבן מיך א צע־בלוטיקטן אראָפּגענומען פון וואָגן. א דריטער האָט אויף מיר געגאָסן קאַלט וואַסער. דעם אראַבער האָבן זיי געצווונגען האָס רויב אריבערצו־טראָגן אויף זייער געפּאַנצערטן אויטאָמאָביל... און אַזוי ווי איך שטיי פאַר אייך, א צעקײַלטער, א צעביילטער, בין איך ניצול געוואָרן פון א זיכערן טויט...

לייב האָט זיך מער נישט צוגעהערט. די רייד האָבן געהעצט און אויפגעוועקט אין אים דעם עקשן. מיט א בלינדן גלויבן, וואָס שאַצט אי־בער די אייגענע כוחות, האָט ער גענומען שפּאַנען פאָראויס.

אין ראָג פון ראָטשילד־בולוואַר, אויף א לאָמפּ־סלופּ, איז געווען אויסגעקלעבט א גרויסער פּלאַקאַט, וווּ אין א שוואַרצער ראַם זענען גע־ווען אָפּגעדרוקט די נעמען פון די ערשטע געפאַלענע קרבנות.

ליִיב איז פאַרבײַגעגאַנגען די ליליענבלום־גאַס. ער האָט דורכגע־קרייצט דאָס יהודה־הלוי־געסל און אַריבערשפּרייזנדיק די באַן־רעלסן, איז ער אַרויס אויפן ברייטן יפוער שאָסיי.

איצט האָט ער געשניטן קיין יפו. קיין כוח האָט אים נישט געקענט צוריקהאַלטן. ס׳האָט גענומען ווערן העלער. די שטערן האָט זיך געלאָשן. די לבנה איז אויסגעגאַנגען. פון די ערשטע שפּורן זון האָט געפליִצט מיט טייכן פייער. ס׳האָט געשטראָמט מיט בויגנס ליכט.

ליִיב האָט זיך געוווּנדערט, וואָס דער שאָסיי איז אַזוי אָפן און פּוסט, קיין וואָך זעט זיך נישט אויף די שייד־וועגן. קיין קעמל־טרײַבער, קיין אייזל־רייטער קומט נישט אָן פון די זייטיקע דאָרפס־וועגן. און ער, ליִיב, שפּרייזט אומגעשטערט. ער דאַרף זיך נישט אויסבאַהאַלטן דורך הינטער־געסלעך. ער האָט פאַרשנעלערט דעם גאַנג. מיט יעדע פּאָר אָפּגעשפּרייזטע טריט איז געוואָרן ליכטיקער. ער איז פאַרביי אַ ברוינע שטיינערנע מויער. פון יענער זייט מויער האָט זיך געטראָגן אַ שאַרכערײַ. דער פאַרדאַכט האָט אַרויסגעקוקט פון אַלע באַהעלטענישן... ליִיב איז זיכער געווען, אַז הינטער די ברוינע שטיינער באַהאַלטן זיך אומהיימלעכע, גאַטספאַרכטיקע אַראַבער. זיי לויערן, טשאַטעווען, גרייט זיך צו וואַרפן אויף יעדן פאַר־בייגייענדיקן קרבן. אַ קאַלטער שווייס האָט באַנעצט זיין שטערן. ס׳האָט אים שוין באַנג געטון, וואָס ער איז דאָ אַהער פאַרקראָכן. איז דען אַזאַ גאַנג, אַ שפּרייזן פאַרטאָג קיין יפו, נישט פול מיט סכנות? דאָס געפיל אָבער, אַז ס׳איז נישטאָ קיין אויסוועג, אַז די געפאַר שטעקט אויך הינ־טער אים, האָט אים אָפּגעהאַלטן פון גיין צוריק.

און פון דער ווייטנס האָט זיך שוין אַרויסגעזען דער קלויסטער־טור־רעם פון דער „דייטשער קאָלאָניע". שאַרפע, ווינטיקע ריחות האָבן געבלאָזן פון די אָפענע ווײַנגאָרטנס. דער טוי האָט געוואַשן די גראָז־בייטן פון בײַ־דע זייטן וועג. ליִיב איז געגאַנגען פלינקער. דער פּחד איז אַנגעלאָפן פון אַלע סטעזשקעס. און אַ קול, אַ טיף, אייגן קול, האָט אים באַגלייט: „ליִיב! ליִיב! צו וואָס האָסטו צעבראָכן דיין היים? צו וואָס האָסטו אַרויסגע־פירט דיין הויז־געזינד פון אַ זיכערער נעסט און איצט זוכסטו פאַר זיי אַ שוץ אין דער מדבר?"

ער האָט געלאָזט הינטער זיך דאָ אַ טייטל־בוים, האַרט אַן אַרויפגעשאָסענע פּאַלמע. פּאָר אַ ברייטן שייד־וועג, ווו ס'הייבן זיך אָן צו קרייצן די איינגעקנוילטע יפוער גאַסן, איז געשטאַנען אַ באוואָפנטער ענגלישער זעלנער. לייב האָט דעם זעלנער אויסגעמיטן און איז אַרויס אויף דער דזשעמאַל־פּאשאַ־אַלעע. עס זענען אַקעגנגעקומען דריי בכבודיקע שייכן מיט געלאָקטע בערד. די שייכן האָבן געטראָגן ברייטע, העלע אַבאַיעס און אויף די קעפּ רויטע פעסקעס, געוויקלט אין ווייסע, זיידענע בענדער. דער גאַנג איז ביי זיי געווען אַ זאַכטער, אַ געמאָסטענער. דער שמועס — אַ געלאַסענער. און אין די ליכטיקע קליידער האָבן זיי אויסגעזען ווי ווייסע כהנים.

לייב האָט נישט געוואָלט באַגעגענען די שייכן. ער האָט געמאַכט אַ שריט צוריק, וועלנדיק אַריינדרייען אויף אַ זייטיקן וועג, האָט הינטער אים זיך באַוויזן אַ באַרוועסער, האַריקער אַראַבער מיט אַ לאַנגן צעבויגענעם שטעקן. דער אַראַבער איז אונטערגעשפּרונגען, ווי ער וואָלט זיך נענרייט אָפּצומעסטן לייבן מיטן שטעקן. פונקט דעמאָלט האָט איינער פון די שייכן זיך דערנענטערט צום שלעגער, פלינק אָנגעכאַפּט אים ביי זיין וואַפּן און אין זיין האַסטיקער באַוועגונג איז געווען וואָרענונג:

— הייב נישט קיין האַנט אויף אַ גר און אַ תושב!

לייב האָט געציטערט. ער האָט זיך אַ צי צוריק געטון אויף אַ זייט, נישט די ערשט־איבערגעקומענע שרעק, נאָר דער פחד, וואָס לויערט איצט אויף אַלע וועגן, האָט ביי אים אָפּגענומען הענט און פיס. באַלד איז ער געשטאַנען ביי אַ לאַנגן הויף מיט אַן אייזערנעם פּאַרקאַן, ווו אינעווייניק, אין הילצערנע אַלטאַנעס האָבן זיך געפונען מאַכמעדאַנישע שפּיל־הייזער. די שפּיל־הייזער וואָס זענען אין די נעכט געפּאַקט מיט פוילע נאַרגילע־רויכערער, ווערפל־שפּילער, בלינדע קאָרטן־וואָרפערינס און האָקוס־פּאָקוסניקעס, זענען איצט געווען פאַרהעמערט. אַרום — אַ קברים־שטילקייט. בלויז אויפן אָפּגעקראָכענעם שינדל־דאַך איז געהאַנגען אַן אַלטע מאַכמעדאַניש פאַן, ווו אַ האַלבע לבנה און אַ שטערן האָבן אַראָפּגעגלאָצט, ווי אַ בייז אויג.

לייבס טריט זענען געוואָרן נאָך פלינקער, נאָך האַסטיקער. ער האָט

אפילו זיך אַליין נישט געכאַפּט, אַז ער געפינט זיך שוין אין דעם „כאַן" — די ענגע, געדרייטע האַנדלס־גאַס, ווו די יידישע הורט־סוחרים האָבן געהאַלטן זייערע אָנגעפּאַקטע שפּייז־קראָמען און סקלאַדעס. אויך דאָ איז געווען אַ טויטע שטילקייט. די טירן פון די קראָמען פאַרלייגט מיט פּרענ־טעס. איבער די פּרענטעס — שווערע שלעסער. ער האָט זיך אַליין גע־וווּנדערט ווי גיך ער האָט זיך אַריינגעפּלאָנטערט אין די איינגעקנוילטע גאַסן, ממש אַ קאַצן־שפּרונג. די ערשט־אויפגעגאַנגענע זון האָט זיך גע־הויבן איבערן הימל, געצונדן די דעכער און קאַרג געוואַרעמט די קילע, טוי־געוואַשענע ערד.

ער איז קוים פאַרביי אַ פּאָר נידעריקע, הילצערנע הייזער, ווי ער האָט זיך אַרומגעזען, אַז נישט אַלע קראָמען זענען פאַרהאַקט. צווישן די פאַר־קייטלטע סקלאַדעס האָט דאָ און דאָרט נאָכגעהאַנגען אַן אויפגעבראָכענע טיר. הינטער דער טיר — אַן אויסגערויבטע יידישע קראָם. פאַר די שוועלן האָבן זיך געוואַלגערט אויפגעטרענטע זעק מיט מעל און זעק מיט רייז, פעסער מיט איילבירטן און צעהאַקטע קאַסטנס מיט סאַרדינען, וואָס די אַנפאַלער האָבן אין איילעניש נישט באַוויזן אַרויסצורוימען.

באַרג־אַרויף, אויף אַ נאַקעט פעלד, האָט געסמאַליעט אַ געדיכטער רויך. דאָס האָבן געברענט די חורבות פון אַן איינזאַם הויז. די קלעמבעס טשאַד האָבן געזעצט אין הימל אַריין. דער ווינט האָט צעטראָגן די סאַ־זשעס אין אַלע זייטן. און די פיר אָפּגעשוונדענע ווענט זענען געבליבן ווי אַ זכר פון אַ חרוב פאַרמעגן.

איצט האָט לייב דערפילט אַ שווידער אין אַלע ביינער. ער איז שוין געשטאַנען אין דעם געדיכטן אַראַבישן קוואַרטאַל „אַדזשעמיע". אַ געסל אַראָפּ און עס זעט זיך אַרוים דער בית־החלוץ, ווו די ערשטע שחיטה איז פאָרגעקומען. וואָס ווייטער אַ טריט — אַלץ גרעסער די סכנה. פון אַלע ליקעס האָט אַרויסגעקוקט פאַרדאַכט. ער האָט זיך אָבער נישט געקענט העלפן. אַן עקשנות, וואָס קומט אין דער גרעסטער שעה פון פאַרצווייפ־לונג, האָט אים געשטויסן ווייטער אַרוים פון די באַהעלטענישן. פאַראויס צום אָפענעם שליאַך. לאַנג האָט ער נישט געדאַרפט זיך אַרומקוקן, ווו ער געפינט זיך. איין געדרייט געסל האָט אַרויסגעפירט צו רעכטס. אַ

צווייטס — צו לינקס און אַט שטייט ער שוין אויף דעם ברייטן שאָסיי, וואָס לויפט קיין ראשון־לציון.

פון דער ווייטנס האָט ער דערקענט זיין הויז, וואָס האָט זיך ארויס־געהויבן צווישן די נידעריקע פרדסים. דאָס הארץ האָט שטאַרקער גענומען קלאַפּן. ער האָט זיך גענומען דערנענטערן. איבערן שאָסיי זענען געלאָפן א טשאַטע אַראַבערקעס מיט פארהאנגענע פנימער, טראָגנדיק אויף זייערע פּלייצעס אָנגעשטאָפּטע זעק. הינטער זיי האָבן זיך נאָכגעשלעפּט באָרוועס־סע יינגלעך מיט די אונטערגעהויבענע ברודיקע כאַלאַטלעך פארשטעקט אין די גאַרטלען. און אין זייערע הענט האָבן זיי געהאַלטן, ווער א קישן, ווער א שטול, ווער א קויש מיט געשיר.

לייב איז זיכער געווען, אַז אין די אָנגעשטאָפּטע זעק ליגט דער רויב פון יידישע הייזער. פון ווייטיק האָט אים פארקלעמט ביים הארץ. ער האָט געקריצט מיט די ציין, אָבער ער האָט זיך נישט געקענט העלפן. נישט געקענט צומאָל אויפהייבן א געשריי, נישט בכוח געווען צוריק צו מאָנען די גזלה.

אויף א זייטיקער סטעזשקע האָט זיך געדרייט אַן ענגלישע וואַך. דריי זעלנער, באוואָפנט פון קאָפּ ביז פיס, האָבן שפּרייזנדיק באַזאַכט, גע־מאָסטן די טריט און גלייכגילטיק נאָכגעקוקט די אַנטלויפנדיקע אַראַ־בערקעס.

איידער לייב איז צוגעקומען צו זיין הויף, האָט ער דערהערט פון הינטן א רוף טון זיין נאָמען. ער האָט זיך אויסגעדרייט. פון די חורבות קעגנאיבער, פונוואַנען ס'האָבן זיך געהערט די האַמער־קלעפּ פון די אַראַ־בישע ווערקשטעלן, איז ארויסגעקראָכן אַן עלטערער אַראַבער מיט שוואַר־צע, אויסגעשמירטע הענט און פּנים. דאָס איז געווען קאַזים, דער קאָוואַל. קאַזים, א שווייגנדיקער, פול מיט אומצוטרוי צו די אַרומיקע מענטשן, האָט פונדעסטוועגן יעדן פרימאָרגן פּינקטלעך אַקעגנגעטראָגן א ברייטן „סאַלום־אַלייקום" (1) לייבן, ווען ער פלעגט פארבייגיין זיין טיר. איצט האָט די פרעמדקייט אינגאַנצן פון אים זיך אָפּגעטון. דאָס פּנים איז גע־

(1) שלום־עליכם.

ווען אַפּענער, זיינע אויגן — ווייכער. ער איז צוגעגאַנגען צו לייבן גאַר נאָענט. און אין זיין קול איז געווען דער טאָן פון איין קרוב, וואָס קומט אָנזאָגן אַ צווייטן קרוב וועגן אַ משפחה־אומגליק.

— דיינע שענק, דיינע בעטן האָט מען אָוועקגעפירט פאַרפּאַקטער־הייט אויף וועגענער... כ'קען די יונגען, וואָס האָבן געטריבן די פערד. דאָס זענען פּעלאַכן פון דעם דאָרף סאַלאַמע... לאָז נאָר דער טומל אָוועק, שכן, וועסט דאָס אָפּנעמען, וועסט אַלץ אָפּנעמען...

— און דו, קאַזים, האָסט דאָס מעבל נישט פאַרטריבן? — האָט לייב מער נישט געקענט שטיקן אין זיך די קולות, וואָס האָבן אין אים געוויינט און געיאָמערט — און די אַרומיקע שכנים האָבן נישט גע־קענט אָפּהאַלטן די רויבער?

— זיי האָבן זיך נישט צוגעהערט צו אונדז. כ'ווייס נישט, וואָס ס'איז געשען, שכן, גוטע, פרומע מאַכמעדאַנער האָבן פאַרלוירן די קעפּ... דער מעבל איז משוגע געוואָרן. דיין טאָכטער איז נאָך גוט אָפּ־געקומען. ביי אַנדערע פרויען, אין פרעמדע הייזער האָבן זיי געוואָלט אָפּשניידן די פינגער, אויב מען האָט זיי נישט געקענט אָוועקגעבן רינ־געלעך, בייטשעלעך קרעלן און איידלשטיינער...

לייב איז צוגעלאָפן צום הויף. ער האָט אַ שטופּ געטון דאָס אָפענע טויער. דער קאַוואַל איז אים נאָכגעגאַנגען טריט ביי טריט. ער האָט אים געצווינגען ביים אַרבל און געריטן מיט אַ הייסן אָטעם:

— קיין זאַך איז נאָך נישט פאַרלוירן, יאַ אַחאַ. דו זע נאָר צו קריגן אַ פּאָר ענגלישע זעלנער מיט ביקסן, וועט מען זיי נאָכפאָרן ביזן דאָרף אַריין... די פּעלאַכן אַליין נוצן נישט קיין טייערע מעבל און הויז־כלים... און פאַרקויפן דאָס האָבן זיי נאָך נישט באַוויזן צו קיינעם...

ביי לייבן האָט אַ בליץ געטון אין מח. ער האָט פאַרשנדיק אָנגע־קוקט דעם אַראַבישן קאַוואַל, ווי ער וואָלט אין דער ערשטער רגע נישט זיכער געווען מיט אים. אָבער אין דער שעה פון יאוש, האָט לייב אַלץ געקענט אָננעמען פאַר אַ פאַרזיכערונג. אויב קאַזים, אַ פרעמדער, גלויבט, אַז מען קען אַלץ צוריק געווינען, פאַרוואָס זאָל ער, דער געליטענער, צווייפ־לען? נישט געגאַנגען איז ער איצט איבערן הויף, נאָר אונטערגעשפרונ־

גען. אַ פּאָר שפּרייז — און ער איז געשטאַנען פאַרן טונקעלן טרעפּן־הויז. אַ ווײַלע האָט ער אַ קוק געטון הינטער זיך, איבער דער לענג פון הויף. אַלץ איז געווען אויסגערוימט. פון די קאַסטנס מעבל, וואָס ער האָט געהאַט געבראַכט פון האַפן און נאָך נישט באַוויזן אויסצופּאַקן, איז איצט קיין זכר נישט געווען. דאָס הויז האָט אויסגעקוקט אַזוי אָפּגעלאָזן, ווי נישט נעכטן וואָלטן דאָ מענטשן זיך באַוועגט, נאָר ווי דער בנין וואָלט שוין געפּוסטעוועט יאָרן.

לייב האָט געקוקט אַרויף צו די אויבערשטע שטאָקן. כמעט אין אַלע ווינונגען זענען די שויבן געווען אויסגעהאַקט, פון זײַנע צימערן זענען אפילו די פענצטער־ראַמען געווען אויסגעבראָכן. ער האָט זיך געהויבן איבער די טרעפּ, הויבנדיק זיך, איז ער פאַרבײַ איין אָפענע טיר נאָך דער אַנדערער. פון די צימערן האָט געגלאָצט אַזאַ ליידיקייט, אַז ס׳האָט זיך געהערט דער ווידערקלאַנג פון די אייגענע טריט. לייב האָט געזוכט אַ לעבעדיקן מענטש אַרום זיך. דער קאָוואַל, וואָס האָט אים באַגלייט ביז צום הויף, איז פאַרשוווּנדן. פאַר דער הילצערנער וועראַנדע פון זײַן וווי־נונג איז ער שטיין געבליבן. די טיר פון קיך איז געווען אויפגעפּראַלט. ער איז אַרײַן און באַטראַכט די נאַקעטע ווענט. מיט אַ פּאָר שפּרייז איז ער דורכגעלאָפן אַלע צימערן. אַלץ איז געווען אויסגערוימט ביז אַ נאָדל. אויף דער פּאָדלאָגע האָבן זיך געוואַלגערט אַ פּאָר איינגעריסענע ספרים. אַ טיר איז געווען אויסגעזעצט מיט די זאַוויאַסעס. לייב האָט דערהערט אַ שאָרך. אין אַ ווינקל איז געזעסן אַ האַלב־נאַקעטער אַראַ־בער, אַ צוזאַמענגעקנוילטער, די פּיס פאַרלייגט הינטער זיך, דאָס בער־דיקע פּנים צו דער ערד, ווי ער וואָלט אָפּגעריכט דאָס מאָרגן־געבעט. ס׳האָט גענומען לאַנג ביז דער אַראַבער האָט זיך אויסגעגלייכט. ער האָט זיך אויסגעטשוכעט ווי אַ חיה, וואָס קריכט אַרויס פון דער נאָרע, דער־זען נעבן זיך אַ פרעמדן, האָבן זײַנע אויגן, אָנגעצונדענע מיט טראַכאָ־מע, געפרעגט מיט העזה:

— וואָס ווילסטו?

— ס׳איז מײַן הויז! — האָט לייב מיט צענומענע הענט אָנגע־וויזן אויף די אויסגעליידיקטע צימערן.

דער אַראַבער האָט זיך אויפגעשטעלט. פון זיינע אויגן האָט איצט געשפּריצט שׂנאה. ער האָט געמאַכט אַ פּאָר שריט נענטער, דערנאָך שאַרף זיך איינגעקוקט אין לייבן און אויסגעבראָכן אין אַן אויסטערליש געלעכטער. דאָס געלעכטער האָט ביי לייבן אַפּגענומען הענט און פיס. און ווען דער האַלב־נאַקעטער אַראַבער איז שוין געלאָפן פון אַלע טרעפּ, האָט דאָס געלעכטער זיך אַלץ געקייקלט איבער די הוילע ווענט, ווי דאָס געשריי פון אַ נישט־גוטן.

לייב איז אַרויס אויפן באַלקאָן און אַראָפּגעקוקט איבער דעם אָפּע־נעם שׂאָסיי. דער אַנטלויפנדיקער אַראַבער האָט, אַרויסרייסנדיק זיך פון הויף, אַרומגעשפּרונגען, געמאַכט ווילדע קאָזשעלקעס און זיינע שווידער־לעכע קולות האָבן אויפגעריסן די קבֿרים־שטילקייט אַרום.

לייב האָט דעם אָפּגעשליסענעם אַראַבער קיינמאָל פריער נישט געהאַט געזען און מורא געהאַט איצט, אַז פון זיינע געשרייען זאָל זיך נישט צוזאַמענלויפן אַ המון. ער האָט זיך אַריינגערוקט צוריק אין צי־מער. אונטן האָט דערווייל דער אַראַבער פלינק זיך אַרויפגעדראַפּעט אויף אַ דראָטענעם פּאַרקאַן, אַריינגעשפּרונגען אין אַ פּרדס און איז פאַר־שוווּנדן צווישן די געדיכטעביימער. ס׳האָט לאַנג נישט גענומען און ער האָט זיך צוריק באַוויזן, טראָגנדיק אין די הענט אַ הויך געשניצט ביכער־שענקל. לייבן האָט פאַרכאַפּט אונטערן האַרצן. ער האָט דאָס שענקל דערקענט. ס׳איז געווען דער ספרים־אַלמער, וואָס איז נאָך גע־שטאַנען אין זיין טאַטנס הויז. אין דעם געשניצטן אַלמערל האָט לייב תּמיד זיך געשפּיגלט. אויף די אונטערשטע פּאָליצעס זענען געווען צע־שטעלט די ספרים און אויף דער אויבערשטער — די זילבערנע אתרוג־ביקס און דער מעשענער חנוכּה־לייכטער.

אָן אָטעם איז לייב קאַרפּ אַראָפּ פון אַלע טרעפּ און זיך גענומען יאָגן נאָך דעם אַנטלויפער. דער אַראַבער איז געווען פלינקער. ער איז געשפּרונגען אין קרייזן, אין זיג־זאַגן, אויסמיידנדיק דעם ברייטן שׂאָסיי. צוקומענדיק צו אַ טאָל, האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט און איז פאַרלוירן געוואָרן אויף אַ זייטיקער סטעזשקע. לייב האָט אים נישט פאַרלוירן פון

אויג אויף קיין רגע. ער האט זיך גישט פארטראכט ווי גרויס עס איז די געפאר נאכצולויפן און ווייטער געהיפעט. דער געדאנק, אז נישט אלץ איז נאך אוועקגעפירט געווארן אין די דערפער, אז רעשטלעך פון זיין ווירטשאפט זענען פארשטעקט אין באהעלטענישן, האט אים גע־טריבן אויף די פיס. ער איז שוין געשטאנען אין טאל. דער אראבער איז פארשווונדן הינטער א קנופ מיט שיטערע צווייגן. לייב איז זיכער גע־ווען, אז ער ליגט איצט איינגעגראבן צווישן די קשאקעס, לויערט. און ער איז האסטיק געבליבן שטיין מיט צעשפרייטע פיס, ווי ער וואלט זיך געישובט: ווייטער לויפן אדער צוריקציען זיך? ער האט באשלאסן זיך צו פארנעמען אויף צוריק. און מיט דעם זעלבן אימפעט, ווי ער איז פריער געלאפן פאראויס, אזוי האט ער איצט געיאגט אויף צוריק. וואס ווייטער פון די זייטיקע סטעזשקעס, וואס דרייען זיך און וויקלען זיך און פירן צו סכנות. ער האט געאיילט האסטיק, פון צעטומלעניש אראפ פונעם שמאלן וועג און איז פארביי א נידעריק אראביש הויז. פאר־דעכטיקע אומהיימלעכע פנימער האבן געקוקט דורך שפארעס פון לאדנס, דורך האלב־געעפנטע טירן. ביי לייבן האט דאס הארץ געזועצט. ער האט זיך געשארט איבער שטעכיקע נאדלען פון קאקטוסן. צוריק צוקומען צום אפענעם שאסיי, האט ער איצט געדארפט ארומגיין א גראז־פלאך. און דא גלאצן הינטער אים דראענדיקע אויגן. מיטאמאל האט א האגל פון שטיינער זיך א שאט געטון איבער דער סטעזשקע. לייב האט זיך געטונקן אין שוויים. די שטיינער, וואס זענען געקומען פונעם אראבישן הויף, זענען געפאלן הינטער אים. מיט די הענט האט לייב זיך פארשטעלט דעם קאפ, די פלייצעס, אויסמיידנדיק איין פלי־ענדיקן שטיין נאכן צווייטן. און וואס שטארקער ער איז געלאפן, אלץ שווארער זענען ביי אים געווארן די פיס. נאך א רגע — און ער גליטשט זיך אויס. נאך א לויף — און ער פאלט, ער ווערט פארשטיינערט... מיט אלע כחות האט ער זיך געיאגט צום שאסיי. דערשלעפן זיך צום קא־וואלם קוזשניע, וואלט געווען זיין רעטונג. ער איז נישט זיכער געווען, צי ער וועט דערלויפן. ער איז שוין געשטאנען נאענט צום שאסיי־בערגל, ווי ער האט פלוצים דערשפירט אזא זעץ אין דער רעכטער שלייף, גלייך

אַ שפּיציק מעסער וואַלט זיך אין אים איינגעשניטן. באַלד איז אַ ווארעם שנירל בלוט געראָנען איבער דער באַק.

לייב האָט זיך אַ וואַקל געטון. פאַר די אויגן האָט געגעפּלט דער אָפענער שאָסיי. רעכטס האָט זיך געצויגן דער פּרדס, דאָס הויז, דער פּאַרקאַן. לינקס האָט געלאָסן געשפּרייזט די באַוואַקסענע זעלנער-וואַך. ער האָט זיך נאָך געדראַפּעט איבערן בערגל, וועלנדיק מיט אַלע כחות זיך אַרויסהויבן צום שאָסיי און אַ דערשעפּטער צוריקגעפאַלן צו דער ערד.

קאַפּיטל דרייצן.

צוויי און פערציק קדושים

קיינער ביי פעלדשטיינען אין הויז האָט נישט געוווּסט, ווען לייב איז פאַרשוואונדן פון שטוב. קיינער האָט אויך נישט געוווּסט, אַז ער איז נעגאַנגען קיין יפו. אַ גאַנצן פרימאָרגן האָבן די שטוביקע אים אַרומגע־זוכט אין די נאָענטסטע גאַסן, צווישן די רעדלעך מענטשן. מען האָט אים נעזוכט פאַר דער שטאָט־ראַט־געביידע, וואָס איז געווען באַלאַגערט פון הונדערטער נייגעריקע, וועלכע האָבן איצט אָפּגעוואַרט באַריכטן וועגן אומרוען אין ירושלים, צוזאַמענשטויסן אין חיפה, אויסברוכן אין די קאָ־לאָניעס. ערשט נאָך האַלבן טאָג, ווען אַ קראַנקן־שוועסטער איז געקומען צו רחלען אָנזאָגן, אַז לייב איז געבראַכט געוואָרן אַ פאַרוואונדעטער פון יפו, האָט רחל אויף איינמאָל פאַרגעסן איר חורבן, פאַרגעסן דאָס אויס־גערויבטע הויז און מיט אַ געיאָמער זיך געריסן אין שפּיטאָל אַריין צו איר מאַן.

זי האָט אים געטראָפן אַרומגיין צווישן די קראַנקע מיט אַ פאַרבונ־דענעם קאָפּ. די וווּנד איז נישט געווען קיין געפערלעכע. אַ לייכטער שניט צווישן דעם רעכטן אויער און דער שלייף. אַ פּאָר שעה שפּעטער האָט מען געטוישט זיינע באַנדאַזשן און אים נעשיקט אַהיים. און רחל האָט נעדאַנקט גאָט, וואָס זי איז אָפּגעקומען מיט בלויז שרעק.

אין הויז האָבן אַלע אויף אים אויסגעקוקט. אפילו נייגעריקע שכנים האָבן אים אָפּגעוואַרט. פעלדשטיין אַליין איז אים אַקעגן געגאַנגען מיט אַ פּאָרציע מוסר:

— ס'איז געווען א משוגעת צו גיין ביינאכט איינער אליין קיין יפו. כ'איז געווען א ווילד איינשטעלעניש... ריזיקירן האט איר געדארפט דאס לעבן און צו געווינען האט איר נישט געהאט וואס...

— נסים זענען געשען, אז כ'האב אים דערזען א לעבעדיקן! — האט רחל אליין געבראכן די הענט פון דאנקבארקייט און איבערראשונג — און אז כ'האב אפילו פארלוירן דאס ווירטשאפט, דאס פארמעגן, איז וואס, לייב? לאז אונדז דאכטן א שרפה חלילה, א פארפלייצונג, אבי דאס לעבן איז אונדז געשאנקען...

לייב איז געווען דערשלאגן און טרויעריק. אבער ער האט גערעדט מיט פארביסנקייט:

— כ'האב נישט חרטה, וואס כ'בין געווען אין יפו. איצט וויים איך, ווו כ'בין אין דער וועלט... כ'האב באגעגנט דעם אראבער, דעם קא-וואל, וואס האט געזען אוועקפירן מיינע זאכן אין די דערפער. כ'האב זיך דערוווסט די נעמען פון די רויבער. כ'קען די וועגן, וואס פירן צו זייערע באהעלטענישן...

און ווען לייב האט דערציילט געגוי, ווי ער האט פארטאגס דורכ־געוואנדערט די יפוער גאסן, ווי ער איז פארבייגעגאנגען יידישע הייזער, אויסגעליידיקטע און פארוויסטע, יידישע קראמען חרוב ומוחרב — האבן אלע זיך צוגעהערט מיט אפענע מיילער, וואונדערנדיק זיך, ווי נאך ער האט אזוינס געוואגט.

פעלדשטיין, דערפארן אין מענטשלעכע איינשטעלענישן ביים אונ־טערנעמען ריזיקעס, איז נענטער צוגעגאנגען צו לייבן.

— אן פאליציי, אן דער רעגירונג קענט איר, קארפ, גארנישט אונ־טערנעמען. וואס מען דארף איצט, איז א ראטע ענגלישע סאלדאטן, וואס זאלן ארייגרייטן אין די אראבישע דערפער און נאכזוכן די רויבער.

לייב האט ביטער געלאכט פון פעלדשטיינס האפערדיקייט, געלאכט פון זיין צוטרוי אין דער ענגלישער רעגירונג. ער, לייב, האט געזען ווי אראבערקעס האבן פארבייגעטראגן זעק מיט יידיש רויב, הינטער דער נאז פון ענגלישע זעלנער. ער, לייב, האט געזען ווי די וועגן, פוסטע, זע־נען אויסגעשטעלט צו רויב און רציחה און קיינער באוואכט זיי נישט.

ער האָט געוווסט, אַז אין יפו האָבן אַראַבישע פּאָליציאַנטן געטיילט דעם ווילדן המון אָנגעלאָדענע ביקסן. די אומרוען פאַרשפּרייטן זיך איבער שטעט און קאָלאָניעס. און אין ירושלים אויפן באַרג־צופים, ווי אין אַ היכל, זיצט דער נציב־העליון, דער ייד. ער זיצט און אַלאַרמירט נישט, דאָס מיליטער זאָל אָפּשטעלן די בלוט־באָד. אַנשל פעלדשטיין, וואָס איז שטענדיק אָנגעשטעקט מיט באַגייסטערונג, מאַכט אַ טעות, ווען ער איז איצט זיכער מיט דער ירושלימער רעגירונג. נישט די רעגירונג, נישט די פּאָליציי וועט זיך איינשטעלן, נאָר די ארץ ישראל יידן אַליין וועלן אָקעגן גיין די אָנפאַלער און פאַרטיידיקן זייער כבוד, זייער לעבן און פאַרמעגן. און ווי אַ געשלאָגענער, ביי וועמען ס'וועקט זיך מיטאַמאָל אַ ווידערשטאַנד, אַזוי האָט לייב איצט דערשפּירט אין זיך כחות, גרייט זיך צו פאַרמעסטן מיט דעם שונא. ער האָט זיך אָנגערופן.

— כ'גלייב נישט דעם נציב, פעלדשטיין. מיר פאַרפירן זיך אַליין, אויב מיר פאַרלאָזן זיך אויף דעם מיליטער. די יפוער אַראַבישע פּאָליציי האָט נעכטן אָפן געהאָלפן די רוצחים. די געפאַר איז גרויס. דער גאַנצער יידישער ישוב דאַרף זיך מאָביליזירן. מען דאַרף זיך שטעלן אויף אַלע פעלדער, אויף אַלע וועגן וואָס פירן צו יידישע ישובים און אָפּשטויסן די אָנגרייפער.

— איך וואָלט דער ערשטער זיך אָנגעשלאָסן אין אַזאַ אַרמיי! — האָט פעלדשטיין אַ זאָג געטון.

— טאַטע, איך טרעט נאָך היינט אַריין אין דער הגנה, אין דער זעלבסטשוץ! — איז בנימין אַ צעהיצטער צוגעגאַנגען צום פאָטער.

— און פאַר מיר וועט דאָרט אויך זיין וואָס צו טון! — האָט אַליש־בע זיך אַרויסגעשטעלט. כ'וועל העלפן באַנדאַזשירן די פאַרוווּנדעטע. כ'וועל צוטראָגן שפּייז צו די, וואָס שטייען אויף דער וואַך.

רחל האָט, דערהערנדיק דאָס, צענומען די הענט, ווי פאַר אַן אָנקומענדיקער געפאַר.

— לויפט נישט, קינדער! דערווייל איז מען מיט איינס אָפּגעקומען! ס'איז באַשערט געווען און ס'איז געגנוג! צו וואָס נאָך שפּילן דעם טייוול אין די הענט אַריין? כ'בין נאָך דערווייל אַ מאַמע צו אייך, קינדער!

אפרים, פעלדשטיינס זון, וואָס איז געזעסן די גאַנצע צייט אַ שווייגנדיקער און באַטראַכט די משפּחה קאַרפּ, אויף וועמען ס'איז אַזוי ראַפּטום געפאַלן אַן אומגליק, האָט איצט געזוכט פּאַסיקע ווערטער צו באַרואיקן זיי און איינשטילן זייערע געמיטער. ער, אַ לעגיאָנער פון בלוט און ביין, וואָלט לייכט אויפגענומען אַזאַ איבערראַשונג. מיט אַ שמייכל, מיט אַ העויה אויפן פּנים, וואָלט ער איבערגעקומען אַזאַ געשעעניש, ווי מען קומט איבער אַ וועג־צוזאַמענשטויס. זיי אָבער, די משפּחה קאַרפּ, מוז מען טרייסטן, מען מוז זיי מונטערן מיט צוזאָגן, מיט ווייכע רייד און פאַרטרייבן די שווערע שטימונג, וואָס הענגט איבער דעם הויז.

באַלד אין פרימאָרגן האָט ער זיך דערוווּסט, וואָס עס האָט פּאַסירט ביי די קאַרפּס. ער האָט איבערגעלאָזט די פּאַרטיע פּריוויליקע, וואָס ער אַלס מיליטער־מענטש האָט אויף גיך געהאַלטן אין אָרגאַניזירן פאַר דער זעלבסט־שוץ און זיך געאיילט צו זיינע עלטערנס הויז. און ווען ער האָט שוין דאָרט געטראָפן רחלען, איר טאָכטער און זון זיצן ווי געבראָכענע פּליטים, איז ער געוואָרן זייער גערירט. צומיינסטנס האָט ער באַדויערט אַלישבען. זי איז געזעסן פאַר אים אַ באָרוועסע, אין דעם פּראָסטן קיך־קליידל. דאָס לענגלעכע, ליכטיקע פּנים איז מיטאַמאָל געוואָרן מער אויסגעצערט. קיין שפּור פון איר שטענדיקער פרייליכקייט. די ליפּן דין און געשלאָסן. אָבער אפילו פון די גרויסע, טרויעריקע אויגן האָט איצט אַרויסגעקוקט אַזאַ אומעטיקער רייץ, וואָס וואַרעמט און דערנענטערט. אפרים האָט פאַרשטאַנען אַלישבעס צושטאַנד. זי, די קאָקאָטע, וואָס האָט געוווּסט איר ווערט, וואָס האָט יעדע שעה געמאָסטן און געשאַצט איר שיינקייט, איז איצט געווען קינדיש־אָנמעכטיק און דערשלאָגן. אפרים האָט מיט זיינע בליקן זי געצערטלט און געזוכט זי אויפצוהייטערן. ער האָט זיך געשפּירט נעבן איר ווי אַן אייגענער, גערעדט ווי איינער פון דער משפּחה. ער איז זיך באַגאַנגען מיט איר, ווי ס'באַגייט זיך אַ ברודער מיט אַ יונגער, קאַפּריזנער שוועסטער.

אַלץ, וואָס ער האָט איר געקענט צוזאָגן, איז געווען פרייד און אייבערראַשונג. ער האָט אויסגעוויקלט פאַר איר פּלענער אויף גאַנצע צוויי יאָר שפּעטער — אַ רייזע אין גליל. וואַנדערונגען אין עמק. זאָלן זיך

בלויז די מהומות אָפּשטעלן. זאָל נאָר די צערודערונג אַריבער. זי, אלי־שבע, ווייסט נאָך גאָרנישט. זי האָט נאָך גאָרנישט געזען, ווייל פּונקט ווי דער אומרואיקער, שטורעמדיקער ים מוז יעדעס יאָר איינשלינגען אַ צאָל קרבנות, אַזוי פאָדערט אויך ארץ-ישראל פון יעדן ניי־געקומענעם זיין חלק קרבן. דאָס איז דער אויסלייז-שטייער פאַרן איבערטרעטן דאָס לאַנד און זי, אלישבע, האָט איר חלק געגעבן. איצט קומט דער גלויבן, אַז זי איז אַ שותף צו אַלץ וואָס שאַפט זיך אַרום. די וועגן, וואָס זי וועט אויסמעסטן, וועלן פירן צו ווייטע פונקטן, ווו ס'ראַיעט אַ ניי, ברויזנדיק לעבן. די מדבריות, איבער וועלכע זי וועט וואַנדערן, וועלן באַדעקט ווערן מיט ישובים. און דאָס לאַנד, ווו עס וועלן זיך זאַמלען מיליאָנען פון פאָלק, וועט ווערן אַ פאַנצער און פעסטונג קעגן אונטערגאַנג און אומקום.

אפרימס רייד, זיין ליבשאַפט, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן, האָבן גע־ווירקט. אלישבע האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן זיין אַקסל און שטיל זיך צע־וויינט מיט אַ געוויין, וואָס דערלייכטערט און ווישט אָפּ פּיין און בושה. שפּעטער, מיטן אָנקומען פון לייבן, איז אין הויז ווידער געוואָרן אומ־היימלעך. דער אָפּגעגאַרטער, פאַרביטערטער קאַרפּ, איז געווען אַנטוישט. ער, וואָס האָט, זינט ער איז אַראָפּ פון שיף, זיך אַנטציקט מיט יעדער זאַך, האָט איצט געערדט מיט ספקות — ס'האָט אַרויסגעשריען פון אים צער און ווייטיק און אפרים, וועמען ס'האָט פון אָנהויב אויסגעפּעלט ווערטער צו דערמוטיקן דעם דערשלאָגענעם לייב, האָט איצט זיך אויפ־געשטעלט. ער האָט געוואַרט, ביז לייב האָט אויסגעלאָדן פון זיך די גאַנ־צע פאַרביטערטקייט און דערנאָך זיך אָנגערופן:

— ס'איז נאָך נישט פאַרפאַלן, אַדון קאַרפּ! איר מוזט זיך צוזאַמענ־נעמען. אַ הײַנטיקער ייד אין ארץ-ישראל איז ווי אַ זעלנער אויף דער פּאָזיציע.

— איך דערקען אייך נישט, קאַרפּ! — האָט פעלדשטיין פּרובירט צוגעבן לייבן מער קוראַזש — איר, אַ ייד, — אַ מאמין, זאָל זיין אַזוי נעפאַלן ביי זיך? נאָך אַלעם זייט איר דאָך אָפּגעקומען בלויז מיט אַ געלט-שאָדן, אמת, אַ גרויסער שאָדן! אָבער דער שאָדן וועט פאַרגי־טיקט ווערן.

— ווער וועט פאַרגיטיקן? — האָט לייב געפרעגט.

— די רעגירונג, די ענגלישע רעגירונג! זי איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די אומרועס און פאַר די קרבנות פון די אומרועס! אין גאַס זענען אויסגעהאַנגען פּלאַקאַטן, וואָס הייסן, די פּליטים זאָלן רעגיסטרירן זייערע פאַרלוסטן, יעדן מינדסטן שאָדן. איר, אַ געליטענער, דאַרפט גלייך אויספילן אַן אַפּליקאַציע און עס דערלאַנגען אין דעם שטאָט־ראַט.

לייב האָט גלייכגילטיק געקוקט אויף פעלדשטיינען, דערנאָך אויפן ווייב, ווי ער וואָלט געוואַרט אויף איר באַשלוס. רחל, וואָס האָט אויך איצט אויפגעכאַפּט זיין קווענקלעניש, איז צוגעגאַנגען צום מאַן:

— לייב, פאַרזע דאָס נישט. נעם שוין אַ פּאַפּיר און פאַרשרייב. רעכן אויס אַלץ. פון אַ מלבוש ביז אַ זילבערנעם לייכטער. און טראָג עס גלייך אָפּ אין שטאָט־ראַט.

אַז לייב האָט זיך געזעצט צום טיש איבער אַ בויגן מיט אַ פעדער, האָט רחל זיך געשטעלט הינטער אים. זי האָט אים דיקטירט יעדעס וואָרט. פון גליק, וואָס די ענגלישע רעגירונג גייט באַצאָלן פאַר דעם פאַרלוסט, האָט איר צעקנייטשט פּנים אויפגעלויכטן מיט שטריימן פרייד. דער שאָדן איז איצט נישט געווען אָפּצושאַצן. זי האָט געהאַט די גאַנצע ווירטשאַפט אויפן קאָפּ, געקענט אויסרעכענען פון אַ נאָדל ביז אַ שפּיגל־שאַפע. אַזוי־פיל פאַר זאָקן און אַזויפיל געשטיקטע ציכלעך. אַזויפיל שטיקער זיידענע וועש און אַזויפיל שטולן פון מאַהאָגענע האָלץ. און ווען לייב האָט שוין געהאַט דעם אויסגעפולטן בויגן אין האַנט, איז ער אַרויס פון הויז. פעלדשטיין האָט אים באַגלייט. אַפרימען האָבן גערופן זיינע פליכטן. ער האָט געמוזט צוריקגיין מושטירן זיין זעלבסטשוץ־אָפּטיילונג. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און אַרומגענומען אלישבען:

— זיי שטאַרק, אלישבע. ווי עס פּאַסט פאַר אַ יונגער טאָכטער פון ישוב!

אויפן וועג צום שטאָט־ראַט זענען לייב קאַרפּ מיט פעלדשטיינען דורכגעגאַנגען דעם ראָטשילד־בולוואַר — אַ שמאָלע גאַס, וווּ פון ביידע זייטן זענען געווען ווייסע געטרעפּלטע הייזער מיט טעראַסעס, אַרומגערינגלט פון גערטנער. אינמיטן בולוואַר האָבן זיך געצויגן גראָז־פּלאַכן,

בייטן מיט קאָלירטע בלומען און צווישן קנופּן פּלאַנצן זענען געווען צע־שטעלט יונגע ביימלעך, דיק און איבערגעבויגן, ווי נאַקעטע צווייגן.

דער ראָטשילד־בולוואַר איז נישט געווען ליידיק. ס'איז דאָ געווען טומלדיק, ווי אין די פּורים-טעג, ווען מען קומט משפּחהווייז פון די אַרו־מיקע קאָלאָניעס בייצוווינען דעם קאַרנאַוואַל אין די גאַסן. אויף יעדן ראָג אַ הייפל מענטשן, פאַר יעדער טעראַסע — אַ פּליטים־משפּחה מיט בעטגעוואַנט. צווישן די דורכגייער האָבן זיך אַרויסגעזען איינצלנע פאַר־וואונדערטע, פּונקט ווי ער, לייב. ווער ס'האָט געהאַט אַ באַנדאַזש אויפן קאָפּ, — ווער אַ באַנדאַזש אויף אַ האַנט.

זיי זענען שווייגנדיק צוגעקומען צו דעם בנין פון שטאָט־ראַט — „די עיריה". דאָס צוויי־שטאָקיקע הויז, שמאָל ווי אַ טורעם, איז געווען באַלאַגערט. מענגעס האָבן זיך געשפּאַרט צו די ווענט, וווּ איבער די אַריינגענג זענען געווען אויסגעהאַנגען גרויסע טרויער־פּלאַקאַטן, וואָס האָבן גערופן אַלע תּל־אביבער איינוווינער זיך אָנצושליסן אָן דער לוויה פון די געפאַלענע צוויי און פערציק קדושים.

לייב קאַרפּ האָט זיך קוים דורכגעשפּאַרט אַ וועג צום אַריינגאַנג. האַרט פאַר די טרעפּ האָבן אַ פּאָר יפוער פּאָליציאַנטן אויף פערד באַ־וואַכט דעם בנין. לייב האָט געקוקט אַרוף צום דאַך פון אויבערשטן שטאָק, וווּ ס'האָבן זיך געצויגן צוויי ריזיקע קעסלען — די שטאָטישע וואַסער־רעזערוואַרן. איבער די קעסלען האָט געהאַנגען אַ שוואַרצע פאָן אַראָפּ־געלאָזט אין דער העלפט. לייב האָט אויך אַ קוק געטון אויף די פּאָלי־ציאַנטן, נישט קענענדיק באַנעמען, ווו עס קומען איצט אַהער אַראַבער? זייערע טונקעלע, שטייפע פּנימער מיט די פאַרשפּיצטע וואָנצעס, זייערע גרינלעכע מונדירן, די הויכע ווייכע היטלען, ווי רוסישע פּאַפּאַכעס — אַלץ איז איצט געווען ווי אַ דאָרן אין די אויגן. און די־אָ האָט די רעגירונג געשיקט צו באַוואַכן תּל־אביב? ער איז זיכער געווען, אַז די גאַנצע יפוער פּאָליציי האָט אַ חלק אין דער שחיטה. זייערע הענט זענען איינ־געטונקען אין יידיש בלוט. ער האָט געזוכט פעלדשטיינען, כדי אים אַט דעם פאַרדאַכט איבערצוגעבן. אָבער ער איז געווען פאַרשוווּנדן אין גע־דרענג.

שטופּענדיק און רוימענדיק פּאַר זיך אַ וועג, איז לייב קוים אַרויף אויף דער טרעפּ און געעפנט אַ שווערע טיר. אינעווייניק, אין דער קאַנצעלאַריע פון דער „עיריה", איז געווען געפּאַקט. מען איז געשטאַנען אין רייען. צוויי באַאמטע, מידע און באַזאָרגטע, האָבן צוגענומען ביים עולם די אַפּליקאַציעס. זיי האָבן געטרייסט די געליטענע, זיי באַרואיקט און אין זייער איילעניש איז געווען די אומרואיקייט און נערוועזיטעט פון מענטשן, וואָס ווילן וואָס גיכער איבערקומען אַ פּיינלעכע אַרבעט.

— איך וויל באַצאָלט ביז איין גראָשן! — האָט אַ יידענע אַרויסרוקנדיק זיך פון דער רייע געשטורעמט — כ'וויל גאָרנישט שענקען! קיינער איז נישט אַזוי שולדיק אין דעם רויב, אין דער שחיטה, ווי די רעגירונג.

— און ס'איז דאָ ביי וועמען צו מאָנען! — איז אַן אַלטער ייד צוגעקומען צום באַאמטנס טיש — דער קעניג דזשאָרזש קען באַצאָלן! און מיט פּראָצענטער אויך!

— נישט בחינם זאָגט מען, אַז ענגלאַנד איז דער גרעסטער „ראָזבאַיניק" אויף דער וועלט!

— איך בין אַליין אַן עדות געווען אין יפו — האָט אַ מאַן מיט אַ פאַרבונדענער האַנט זיך אָנגערופן — ווען די אַראַבער האָבן אויסראַבירט די יידישע געשעפטן, געשטאָכן פאַרבייגייער און די ענגלישע זעלנער, וואָס זענען געשטאַנען דערביי, האָבן געקייכט פון געלעכטער, ווי זיי וואָלטן געווען אויף אַ צירק-פאַרשטעלונג.

— ריכטיק! ווען ענגלאַנד העצט נישט די אַראַבער, וואָלטן זיי קיין האַנט אויף אונדז נישט געהויבן. כ'איז די אַלטע ענגלישע פּאָליטיק: „צעטייל און באַהערש!".

— יידן, אונדזער לעבן איז הפקר! ארץ-ישראל איז הפקר! מען דאַרף שרייען צו דער וועלט!

אַרום דעם עולם האָט זיך געדרייט אַ באַוואַקסענער יונגערמאַן. ער האָט זיך צוגעהערט מיט אַ ביטול-שמייכעלע צו די פּראָטעסטן און זיך אָנגערופן:

— איר מעגט זיך אַלע נייען בייטלען... וואָס פרעגט איר? די באַנק

פון ענגלאַנד וועט באַצאָלן! דער מלוכה-אוצר וועט אייך באַוואַרפן מיט געלט! אַ קלייניקייט! און דאָס וואָס מען לאָזט אייך אויספּולן בקשות, אויסרעכענען פאַרלוסטן — איז נישט מער ווי אַ פאַרפירעניש... גלויבט עס נישט! ענגלאַנד קען טאַקע הייסן די אַראַבער הויבן, אָבער זי וועט קיינמאָל נישט פאַרגיטיקן די שאָדנס...

לייב האָט, רוקנדיק זיך אין דער רייע מיט זיין אַפּליקאַציע אין האַנט, אויפגעכאַפּט די רייד. די טענות, די פּראָטעסטן האָבן, ווי יעדער אמת, געוועקט און געברייט. און ווען ער איז צוגעקומען צום באַאַמטנס טיש, האָט ער שווייגנדיק אָפּגעגעבן דעם אויסגעפּולטן בויגן און ער איז גיך אַראָפּ אין גאַס. אונטן פאַר דעם אַריינגאַנג איז איצט געווען געראַ־מער. דער עולם איז געוואָרן שיטערער. ענגלישע זעלנער אין שטאָלענע העלמען, מיט ביקסן האָבן אָפּגערייניקט דעם פּלאַץ ביז צום ראָטשילד־בולוואַר. דאָס האָט מען זיך געגרייט צו באַגעגענען די לוויה. דער מתים־צוג האָט זיך געדאַרפט ציען פון דעם שטאָטישן שפּיטאָל „הדסה" און זיך אָפּשטעלן פאַר דעם שטאָט־ראַט־בנין, ווו דער בירגערמייסטער און ביידע הויפּט־רבנים, דער אשכנזישער רב־הראשי און דער ספרדי־שער חכם־באַשי, האָבן געזאָלט מספּיד זיין די קדושים.

ס'איז שוין געווען פאַרנאַכטלעך. די היץ, וואָס האָט אָנגעהאַלטן פון פרימאָרגן אָן, האָט זיך גענומען לעשן. אַ לייכט ווינטל, וואָס פרישט אָפּ און לופטערט דעם צעבאַקענעם גוף, איז אָנגעלאָפן פון די לײדיקע פּלעצער. לייב האָט זיך געלאָזט צו דער הערצל־גאַס און דערזען ווי אין פראָנט פון אַ הויז, פאַר אַ הילצערנעם פאַרקאָן שטייט — אַנשל פעלד־שטיין און מיט אַ טשוואָק און האַמער קלאַפּט ער אָן אַ שמאָלן פּלאַ־קאַט. פעלדשטיין האָט באַמערקט דעם אָנקומענדיקן לייבן און אים אַ רוף געטון מיטן פינגער. זיין שטענדיק געלאַסן פּנים מיט דער העלער קאָרן־באָרד, אָן אַ קנייטש, אָן אַ פאַלד, איז איצט געווען פול מיט גריי־מאַסן און דאָס מויל האָט געשווימט:

— כ'העגנ אויס אַ חרם־אויפרוף, קאַרפּ. אַ קול־קורא צו די תל־אביבער יידן, מען זאָל מער נישט קויפן ביי די דאָרפישע אַראַבער קיין לעבנס־פּראָדוקטן. אַ חרם אויף זיי! אַ גאַנץ יאָר לעבט דער פעלאַך פון

אונדז. ער פירט אַריין אין שטאָט אייער, גרינס, מילך. איצט זאָלן דאָס זייערע עפענדים פאַרברויכן! ווי לאַנג יידיש בלוט גיסט זיך, טאָר קיין אַראַבער נישט איבערטרעטן תל-אביב!

איידער לייב האָט באַוויזן איבערצוקוקן דעם אויפרוף, וואָס פעלד־שטיין האָט פאַרפאַסט מיט אַ געצירקלטן כתב, האָט הינטער אים זיך שוין געזאַמלט אַ רעדל. עמיץ האָט דעם אויפרוף גענומען לייענען אויפן קול. פעלדשטיין, אַ צופרידענער מיט זיין אויפטו, האָט אָנגעכאַפּט לייבן פאַר אַ האַנט און ביידע האָבן מיט גיכע טריט אַוועקגעשפּאַנט.

מיטאַמאָל איז געוואָרן אַ געלויף. פאַרבייגייער האָבן גענומען אָפּ־טרעטן פון וועג. פון דער הערצל־גאַס איז אָנגעריטן דער בירגערמייס־טער אויף זיין ווייס-געשפּריצט פערד. ער איז איצט געווען געקליידט אין שוואַרצן פונקט ווי דעמאָלט, אין די פייערלעכע פורים־טעג, ווען ער, אַ שטאָלצער, האָט אַרויסגעפירט דעם קאַרנאַוואַל איבער די שטאָט-גאַסן. איצט איז ער געריטן אַ געבויגענער. דאָס מוסקולירטע ברייטע פּנים פאַרוואָלקנט און די אַראָפּגעלאָזטע אויגן מיד און טרויעריק. ער איז געריטן לאַנגזאַם. אַלע האָבן אים נאָכגעקוקט און געוווּסט, אַז דער שטאָט טאַטע איז איצט דער ערשטער אבל. דאָס רייט ער צו דעם ראָט-הויז, פונוואַנען ער וועט מספיד זיין די געפאַלענע צוויי און פערציק קדושים.

פון עולם האָט מען געלאָזט הערן:

— די לוויה!

— ס'הויבט זיך אָן די לוויה!

לייב קאַרפּ, אַ צערודערטער, האָט געצויגן צו זיך פעלדשטיינען און געפרעגט:

— ווו איז אייער זון?

— ער איז אַוועק מיט דער זעלבסטשוץ. אַלע געוועזענע לעגיאָ־נערן פירן איצט אָן מיט דער פאַרטיידיקונג. מען דאַרף האָבן אויסדויער אין אַזאַ שעה, קאַרפּ! מען דאַרף האָבן גרויסן אויסדויער און בטחון! איין טייל איינוווינער גייט באַגראָבן די מתים און דער אַנדערער טייל — איילט צו שיצן די טויערן פון דער שטאָט...

צום בנין פון שטאָט־ראַט האָבן זיי שוין נישט באַוויזן צוצוסו־מען. אַ המון האָט באַלאַגערט די אַרומיקע גאַסן, פאַרשפאַרנדיק יעדן צוגאַנג, יעדן אָפענעם פּלאַץ. דער טומל האָט זיך אויך איינגעשטילט. מען איז געשטאַנען מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם. יעדער האָט געשפּירט דעם אייגענעם ציטער. לייב קאַרפּ האָט נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון דעם ווייסן בנין. ער האָט געקוקט אויף דער אַראָפּגעלאָזטער שוואַרצער פאָן, אויף דעם ליידיקן באַלקאָן, וווּ דער בירגערמייסטער האָט געזאָלט זיך באַווייזן.

לאַנג האָט דאָס שווייגן נישט געדויערט. דער המון האָט זיך מיט־אַמאָל אונטערגעוויגט און געגאַפּט אין דער ריכטונג, פונוואַנען ס'האָט זיך לאַנגזאַם גערוקט אַקעגן דער מתים-צוג.

קאפיטל פערצן

תל-אביב גראָבט דעם ערשטן ברידער-קבר

די לוויה האָט זיך געצויגן אָן אָפּשטעל.

אין פראָנט זענען געריטן פּאָליציאַנטן אויף פערד. פון הינטן איז געגאַנגען אַ געקליבענע וואַך פון שטאָט-טאַטעס. באַלד נאָך זיי — אַ צוג פון צוויי און פערציק מיטות, געוויקלט אין ווייסע לײַלעכער. אַ קייט פון מיליציאַנטן האָט אַרומגערינגלט דעם צוג, אָפּטיילנדיק דעם המון מלווים פון די מיטה־טרעגערס.

די לוויה האָט זיך דערנענטערט צום שטאָט־ראַט־בנין. די זון האָט זיך שוין גענומען זעצן. פאַר אַן אָפענעם זאַמדיקן פּלאַץ ווי פאַר אַ שייד־וועג, איז די וואַך שטיין געבליבן און געוואַרט אויף אַ צייכן, וווהין ווײַ־טער צו גיין. די מיטה־טרעגערס און די מלווים האָבן זיך אויך אָפּגעשטעלט, געשוויגן, און אינמיטן שווייגן האָבן זיך אַרויסגעריסן דאָ און האָרט קרעכצן. די קרעכצן זענען געקומען פון אַ דערשלאָגענעם המון, וואָס האָט נישט געהאַט די גבורה אויסצוטראָגן דעם טרויער שטומערהייט.

לײַב מיט פעלדשטיינען האָבן זיך מיטגעטראָגן מיט די באַגלייטערס. זיי האָבן זיך געשלאָגן פאַר די צאָל מתים. יעדע מיטה — אַ פאַרשניטן לעבן, יעדעס איבערגעצויגענע לײַלעך — אײַנגעטונקען אין בלוט. דאָס איבערטראַכטן האָט נישט געדויערט מער ווי אַ ווײַלע. ווען די לוויה האָט ווידער גערירט, איז דאָס שווײַגן געוואָרן טיפער, געדיכטער. ס'האָט גע־שוויגן דער הימל. ס'האָבן געשוויגן די מלווים. ס'האָבן געשוויגן די שטיי־נער, איבער וועלכע דער המון האָט געטרעטן.

ביים אריינגאנג פון דעם שטאט־ראט בנין זענען די פאליציאנטן אפגעריטן אן א זייט — פריי־געמאכט דעם וועג פאר די שטאט־טאטעס, וואס האבן זיך גענומען קהלן. די מיטה־טרעגערס האבן אראפגעלאזט די קאסטנס אין הייסן זאמד. אלעמענס אויגן האבן איצט געגאפט ארויף, צום ברייטן באלקאן, וואס איז געווען דעקארירט מיט שווארצער קרעפ. דער המון האט געווארט, דער בירגערמייסטער זאל זיך באווייזן.

אויך לייב קארפ האט געווארט, געוואלט הערן א קול, וואס זאל וועקן, זאל אויפאייטערן די וווּנדן. ער האט שפרייזנדיק נאענט פארביי דעם צוג, געקוקט אויף די הילצערנע גיך־צונויפגעקלאפטע מיטות מיט די פארבלוטיקטע לײלעכער און דער צער האט געריסן דאס אייגענע הארץ. אויפן גערדאנק איז געקומען חנה, די מאמע פון די זיבן, וואס האט זיך אנטקעגנגעשטעלט אנטיוכסן. חנה איז געווען אנגעגורט מיט גבורה, ווען די גריכישע פייניקער האבן פאר אירע אויגן אומגעבראכט איין קינד נאך דעם אנדערן. די יידישע העלדין האט דעמאלט רעכט געהאט צו זאגן צו אברהמען: דו האסט געפירט דיין זון צו דער איינציקער עקדה און איך האב מקריב געווען אויף זיבן עקדות...

אויך אונדזער דור, דער דור פון באלאגערונג, וואס איז געטראפן געווארן פון פיילן און איז נישט צוריקגעטראטן, וואס האט געבויט פעסטונגען און זיי באוואכט — דער דור מעג זאגן צו די געפאלענע העלדן אויף אלע פאזיציעס: נישט איינזאמע זייט איר געפאלן, גבורים! אז א שלאכט האט אויסגעבראכן אין אונדזערע טויערן, זענען מיר נישט אנטרונען, נישט אנטלאפן פון די קאמף־ערטער. מיר האבן מקדש געווען די ערד מיט אונדזער בלוט...

אויפן באלקאן האט זיך באוויזן דער בירגערמייסטער. ביים המון זענען די הערצער איינגעפאלן. מען האט אפגעשטעלט דאס אטעמען. דער בירגערמייסטער א געבויגענער, דאס פנים חרוב, האט זיך אנגעשפארט אן אייזערנעם פארענטש. זיינע ברייטע, פעסטע אקסלען זענען איצט נעווען איינגעקארטשעט און קלענער געמאכט דעם הויכן אטלעטישן גוף. ער האט איצט געדארפט זאגן זיין טרייסט־ווארט צו די דערשלאגענע איינוווינער. אויף אים האבן די פאריתומטע געווארט. מיט זיינע הענט

האָט ער געכאָוועט תל־אביב, געלייגט דעם ערשטן ווינקל־שטיין פאַר אַט דער ווייסער, זוניקער שטאָט, אינמיטן פון אַ הייסן מדבר־זאַמד. איצט גייט ער באַגלייטן אירע געפאַלענע זין צום ערשטן ברידער־קבר.

ער האָט מספּיד געווען די מתים. זיין קול איז געווען אָנגעזאַפּט מיט געוויין, די רייד — געבראָכענע. און ווען צווישן דעם המון האָט אויסגעבראָכן אַ שטיל קלאָגעריי, איז דער ציטער מיטאַמאָל פון אים אוועק. זיין וואָרט איז געוואָרן פעסטער, שטאַרקער, געקלונגען ווי אַ רוף. די געבראָכנקייט האָט זיך אָפּגעטון אַ כּח, וואָס רייסט זיך פון יסורים אַרויס, האָט איצט געוועקט, געצונדן:

— אַז אַ פאָלק וויל צוריק דעראָבערן זיין לאַנד, מוז עס גרייט זיין צו באַגעגענען שלאַכטן... און אין אַ שלאַכט פאַלן קרבנות... נישט נאָר קעגן אייך, קדושים, איז אויפגעהויבן געוואָרן דאָס מעסער, נישט בלויז אייך האָט מען פאַרשטיינערט — אין דעם גוף פונעם פאָלק האָט מען גע־שטאָכן... עס זענען שוין געפאַלן גבורים פאַר אייך. געפאַלן אויף אונ־דזערע פעלדער און אויף אונדזערע פעסטונגען! אָבער אויפן אָרט פון יעדן געפאַלענעם וועלן קומען הונדערטער, וועלן קומען טויזנטער, וואָס וועלן זיך שליסן אין רייען, אין מחנות און אונטערשטעלן הענט און אַקסלען צו שויץ צו אויפבוי — — —

ווען די לויה איז אַרוים אויף דער נחלת בנימין־גאַס און געצויגן פאַרביי די נידעריקע רויט־באַדעקטע הייזער, פאַרביי די אָפענע טעראַ־סעס, האָבן טירן זיך געעפנט, פענסטער זענען אויפגעפּראַלט געוואָרן. קינד און קייט האָט באַלאַגערט די טראָטואַרן, און דאָס געוויין האָט זיך געריסן אַזוי יאָמערלעך, ווי דאָס וואָלט נישט געווען אַן אַלגעמיינער טרויער — דער טרויער פון אַ געפּייניקט פאָלק — נאָר יעדער באַזונדער וואָלט געווען אַן אָבל און יעדער באַזונדער וואָלט באַוויינט אַ קרוב, אַן אייגענעם אין דער משפחה.

פון דער נייגעשניטענער אַלענביי־גאַס, אַן טראָטואַרן, אַן ברוק — האָט אַ געדרייטער וועג, פאַרלייגט מיט זאַמד־בערגלעך און קאַקטוסן, זיך פאַרקערעוועט און געפירט צום בית־עולם. פון אָט דעם וועג איז אָנגע־קומען אַ פאַרטיע בחורים, שפּרייזנדיק אין רייען. די בחורים זענען גע־

ווען אַנגעטון אין קורצע קאַקי־הויזן מיט שווערע באַנעגלטע שיך. זיי האָבן מאַרשירט ריטמיש ווי זעלנער. דאָס איז געווען אַן אָפּטיילונג פון דער זעלבסטשוץ, וואָס איז געגאַנגען באַוואַכן די גרענעצן פון תל־אביב — געגאַנגען זיך שטעלן אויף די באַדראָטע פּאָסטנס.

מיטאַמאָל האָט די פּאַרטיע אָפּגעטרעטן פון וועג. מער ווי אַ ווײַלע זענען זיי געבליבן שטיין שטומע, געבויגענע פאַר דעם מתים־צוג. פּויסטן זענען געווען געבייַלט, הערצער — איבערגעלאָפן — אַלץ האָט זיך געריסן נאָך נקמה. דער מתים־צוג האָט פאַרבייגעצויגן. דער המון מלוים איז נאָכגעגאַנגען און די פּאַרטיע האָט זיך דערווייטערט מיט אַ זייטיקער סטעזשקע.

לייב קאַרפּ — אַ פּינטעלע אין המון — וואָס איז געטראָגן געוואָרן אין געדרענג, האָט נאָכגעקוקט די אָפּגייענדיקע פּאַרטיע. מיטאַמאָל האָט פון דער לעצטער רייע אַרויסגעהעלט אַן אייגן פּנים. בנימין, אויך אין אַ פּאָר קורצע קאַקי־הויזן, אין סאַנדאַלן, האָט מיטמאַרשירט אין דער פּאַרטיע. ביי לייבן האָט דאָס בלוט האַסטיקער געגומען זעצן. הייסט עס, אַז זיין זון האָט געהאַלטן דעם צוזאָג, אָפּגעמאַכט אַריינצוטרעטן אין דער זעלבסטשוץ און זיך אָנגעשלאָסן. קיין שטער האָט אים נישט צוריקגעהאַלטן. נישט דער מאַמעס געבעט, נישט אירע טרערן.

לייב האָט געוואָלט בנימינען אַ רוף טון. אין דער ערשטער רגע האָט ער נישט געוווסט, צי ער זאָל שטאָלץ זיין פון דעם זונס טאַט, צי געפאַלן. די גאווה פון אַ מענטש, וואָס שטייט פאַר טויזנט געפאַרן און טרעט דאָך נישט אָפּ, האָט לייבן אינגאַנצן באַהערשט. ער האָט געקענט בנימינען נאָכשרייען און נישט געוואָלט. ער האָט געקענט אים צוריקרופן, ווי מען רופט צוריק אַ בלאָנדזשענדיקן און נישט געוואָגט. ער האָט געשטיקט אין זיך דאָס ברומענדיקע קול. זיין פּנים האָט זיך געוואַשן מיט די טרערן, וואָס זענען געראָנען הייס און לויטער. פון ווייטיק האָט ער געביסן די ליפּן און אַ שטומער ווייטער זיך געטראָגן מיט דעם המון באַגלייטערס.

דער צוג איז שוין געווען אויסער דער שטאָט. אַרום האָבן זיך געשפּרייט נאַקעטע מדבר־פּלאַכטעס. ס'האָט זיך נישט געזען קיין שפּור

פון אַ ישוב. ווינטן, אָנגעלאָדן מיט שטעכיקן שטויב, האָבן זיך געהויבן פון די אָפענע בערג און געשמיסן איבער די קעפּ פון די טויזנטער מלווים. און דער וואַנדערנדיקער המון האָט איצט זיך געשלעפּט צווישן די ברייטע זאַמד־וועגן, ווי די וואָגלענדיקע מחנות פון דעם דור־המדבר.

ס׳איז געוואָרן טונקעלער און שטילער.

פּלוצים האָט אַ וויינענדיק קול זיך צעטראָגן איבערן וועג, אַזוי יאָמערלעך, אַז עס האָט אויפגעשווידערט. אָן אָבער מיט צעשפּרייטע הענט האָט זיך געריסן צו די מיטה־טרעגערס. דאָס העמד איז ביי אים געווען צעבראָכטעט. שטופּנדיק זיך פאָראויס, האָט ער מיט די נעגל געקראַצט דאָס אָפענע לייב. און אַז ער איז פאַרבייגעלאָפן דעם ערשטן מתים־קאַסטן, האָט ער זיך אַ וואָרף געטון צו דער ערד. ער האָט געשלאָגן דעם קאָפּ אָן זאַמד און געוואָיעט:

— מיין זון! וווּ איז מיין לעבעדיקער זון?

מענטשן האָבן זיך געלאָזט צום אָבל. צוויי מענער האָבן אים נע־שטעלט אויף די פיס. לייב קאָרפּ האָט אויך צוגעאיילט. ער האָט אַרויס־געשלעפּט פון אַ וועסטל־טעשעלע אַ קליין פלעשעלע אַמאָניאַק, וואָס ער האָט שטענדיק געהאַלטן מיט זיך פאַר אַ נויט־פאַל. ער האָט עס אויפ־געפּראָפּט און צוגעטראָגן צום אָבלס נאָז. דער אָבל האָט אַריינגעצויגן דעם ריח. ער האָט זיך געלאָזט איצט פירן פון די באַגלייטער, דערנאָך געקוקט שטאַר ארום זיך און מער נישט געהאַט צו קיינעם קיין טענות.

פון צווישן די זאַמד־בערג האָט זיך אַרויסגעשניטן דער געמויער־טער פאַרקאַן פונעם תל־אביבער בית־עולם. די לויה האָט זיך פאַרנומען אויף ׳אָן אויסגעטראָטענעם שליאַך. דערנאָך אַרומגעקייטלט די בערג און די נושאי־המיטות האָבן זיך דערנענטערט צום טויער.

הארט פון הינטער דעם בית־עולם־פאַרקאַן איז אָפּגעריטן אַ ביי־ביקער אַראַבער אויף אַ שמאָל ברוין־אייזעלע, וואָס איז געווען באַהאָנ־גען פון ביידע זייטן מיט קעסטלעך אייער. דער אַראַבער איז אין דער פאַרנאַכט־שעה איצט געריטן פון דאָרף סומעל אין שטאָט אַריין אָפּלי־פערן זיין סחורה. ער איז זיך געריטן בנעימותדיק, ווי קיין זאַך וואָלט נישט געווען פּאַסירט. און ווי נאָר ער האָט זיך אָנגעטראָפן מיט דעם

אנטקעגנקומענדיקן המון, איז די מיושבדיקייט מיטאמאָל פון אים אוועק, ווי ער וואָלט דערשמעקט א געפאר. און ער האָט א העצקע געטון דאָס אייזעלע, עס זאָל פארלויפן אויף א זייט. דאָס אייזעלע האָט גישט באוויזן רעכט זיך א דריי צו טון, ווי דער אראבער איז ארומגערינגלט געוואָרן פון א הייפל אויפגערעגטע מלוים, וואָס האָבן געהויבן פויסטן, געדראָט און גערופן צו נקמה.

— לאָזט אים נישט דורך!

— אזא חילול-השם!

— אזא נבלה!

— אונדזער בלוט גיסט זיך אין די גאסן און דאָס גייט אריינפירן זיין סחורה קיין תל־אביב!

— קוקט נאָר אָן דעם תם!

— ער ווייסט נעבעך גאָרנישט!

ייִדן, אונדזערע קדושים וועלן אונדז נישט מוחל זיין.

— די אָפענע קברים ווערן פארשוועכט!

— אראָפּ רוצח!

— שלעפּט אים ארונטער!

— דורכט אים!

די קולות זענען געוואָרן העכער. דאָס הייפל גרעסער. און ווען דער געליארעם איז געשטיגן, פארהילכנדיק די לופט, זענען פון אלע זייטן אָנגעלאָפן רודף־שלומניקעס. זיי האָבן זיך אריינגעריסן צווישן דעם צעהיצטן רעדל, געמוסרט די, וואָס ווילן נקמה-נעמען און אָן אומשולדיקן אייזל־טרייבער. אייגציקווייז איז די רוגזה אָפּגעקילט געוואָרן. די שלום-מאכערס האָבן ארויסגעפירט דעם איבערגעשראָקענעם אראבער. זיי האָבן אים באגלייט ביז צום זאמד־שליאך און געוואָרט, ער זאָל אָפּציען א זיכערער מיט דער גערדרייטער סטעזשקע...

אינעווייניק, אויפן בית־עולם האָט געוואָרט דער אָפענער ברודער־קבר. אריינגעלאָזט האָט מען נאָך די נושאי־המיטות. בלויז די קרובים פון די אומגעקומענע און די מספּידים. דער המון הינטערן טויער האָט באלאגערט און באזעצט דעם פּארקאָן פון אלע פיר זייטן.

דער 'ערשטער האָט מספּיד געווען דער אשכנזישער ראש־הרבנים. ס'איז געווען אַ הייסער הספּד פון טרערן און געבעט. נאָך אים האָט זיך באוויזן דער ספרדישער רב, דער חכם־באַשי. ער האָט זיך געשטעלט צו־קאַפּנס דעם ערשטן מת, און אין זיין ברייטער שוואַרצער גלימא דרבנן, אין דער סאַמעטענער טשאַלמע. זיין ברוין פּנים מיט דער שוואַרצער אשורישער באָרד איז געווען רואיק. קיין שפּור פון עצבות, ווי ער וואָלט נישט געשטאַנען איצט פאַר אַן אָפענעם קבר, נאָר ער וואָלט זיך גע־גרייט מקדש צו זיין אַ זיווּג. אַזוי האָט מען קיינמאָל פריער נישט מספּיד געווען קיין קדושים, וואָס זענען אומגעקומען אויף די פייער־מערק אין באַרצעלאָנע און אין 'סעווילע. אַזוי האָט מען איצט צום ערשטן מאָל מספּיד געווען הרוגים אין ארץ־ישראל, וואָס האָבן אין זייער לעצטער שעה פון נסיון געשטעלט אַ ווידערשטאַנד דעם שונא און זענען געפאַלן ווי גבורים.

דער חכם־באַשי האָט געקוקט אריבער דעם ראַנד פונעם לאַנגן, אָפענעם קבר, וואָס האָט זיך געצויגן ווי אַן אויסגעגראָבענער מלחמה־טראַנשיי. די צוויי און 'פערציק מיטות זענען געווען אויפגעשטעלט אין אַ רייע — גרייט אַראָפּגעלאָזט צו ווערן אין דער ערד. זיינע רייד האָבן געבריט די אייגענע ליפּן. ער האָט געהויבן די הענט ווי 'עדות צום הימל און געשליידערט טענות פאַר דעם בלוט און פאַר דער רציחה:

— — — אַז דער אויפשטאַנד 'פון די זעלאָטן קעגן מלכות־רוים איז דערטרונקען געוואָרן אין בלוט, האָבן אַנטלאָפענע יידישע קהילות געפונען שוץ און רו אין אַראַביע, ביי די מוסולמענישע הערשער. איצט קומען די אייניקלעך 'פון יענע מוסולמענער צו באַפאַלן אונדז דאָ, אויף אייגענער ערד. מיר הויבן די הענט צו פרידן און צו אַרבעט! אָבער פון דער אַנדערער זייט, פון דער מדבר האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן אויף אונדז פּראַים, וואָס ווילן אָפּווישן אונדזערע וויינגערטנער און פאַריאָגן אונ־דזערע וועכטער — — —

— — — זאָל דאָס ריינע בלוט עדות זאָגן, אַז קיין רציחות און איבערפאַלן וועלן נישט צוריקשטויסן דאָס יידישע פאָלק, וואָס האָט פאַר־שניטן אַ בונד מיט אָט דעם לאַנד, 'אַ בונד אויף לעבן און טויט — — —

ס'איז שוין געווען גוט פינצטער, ווען מען האָט אראָפּגעלאָזט די ערשטע מיטה. א קברן איז אַנגעקומען און גענומען אריינוואַרפן איינס ביי 'איינס די פאַרבלוטיקטע קליידער פון די מתים. ס'האָט זיך געהערט א דין, טרויעריק קול פון אַן „אל מלא רחמים". באַלד איז אראָפּ אין דעם אָפענעם קבר איין אָרון נאָכן אַנדערן. און אַז מען איז פאַרטיק געוואָרן מיט דעם 'לעצטן, האָבן די נושאי־המיטות ארומגערינגלט אין א געפלאָכ־טענער קייט דעם קבר, נישט צולאָזנדיק די קרובים פון די הרוגים, וואָס האָבן יאָמערדיק זיך געריסן פאָראויס. אין איילעניש האָט מען געוואָרפן לאָפּעטעס ערד. עמיץ האָט אָנגעהויבן 'זאָגן קדיש. עטלעכע האָבן אונטער־געכאַפּט מיט א געוויין. דאָס געוויין איז איבערגעגאַנגען אין א געיאָ־מער און געבראָכן די שטומקייט פון די טויזנטער מלוים, וואָס זענען געהאַנגען אויף 'די פּאַרקאַנס פון יענער זייט טויער און די יללות האָבן געשפּאָלטן די הימלען.

**
*

צוריק פון בית־עולם האָט דער המון זיך צעשאָטן איבער אַלע זאַמד־ווענגן. לייב קאַרפּ האָט געזוכט זיך 'ארויסצופּלאָנטערן פון שטראָם. ער האָט געהויבן די פיס ניכער, צווישן עולם געזוכט פעלדשטיינער און שטאַרק געוואָלט איצט זיין מיט רחלען, כאָטש קיין אייגענע היים 'האָט אויף אים נישט געוואַרט. ער האָט געוואָלט זי טרייסטן, וואַרעמען מיט רייד, נאָכדעם ווי בנימין איז אַוועק אין 'דער הגנה. דערצו האָט ער דער־שפּירט אַן אויסגעשעפּטקייט, אַן אומגעוועלעכע מידקייט, א שטאַרקן באַגער נאָך שלאָף. אַלץ האָט אויף אים איצט געשוועבט: די צוריקנייענ־דיקע אבלים, 'דער הימל, אָנגעצונדן מיט שטערן, די נאַכט, וואָס האָט צו־געדעקט די שטאָט און מיטגעבראַכט אַזויפיל טרויער און אימה.

אַז ער איז שוין געווען אויף דער אַלענביי־גאַס, האָט ער געזען ווי דער עולם שטראָמט איבער דער שטאָט. דאָס פינצטערניש איז געווען טי־פער. די לבנה, וואָס האָט זיך ערשט ארויסגעהויבן פון הינטער א זאַמד־באַרג, האָט געוואָרפן א קאַלטן, קאַרגן שיין. אויך די גאַס־לאָמפּן האָבן געלויכטן אומעטיק־טונקל, ווי יאָרצייט־ליכט.

מיטאַמאָל זענען פון דער ים-זייט האַסטיק אָנגעלאָפן אַ פּאַרטיע מיליציסטן מיט ווייסע אָרעם-בענדער. מיט זייער אָנקומען האָבן זיי מיט־געבראַכט אומרו. זיי האָבן מער מיט צייכנס ווי מיט רייד געוואָרנט די איינוווינער. דער המון אין די גאַסן האָט זיך גענומען שטופּן, דערשפּירט אַ נייע געפאַר און אויפגעכאַפּט אַ בייזע בשורה:

— די אַראַבער באַפאַלן פּתח-תקוה!

— זיי גייען אויף דער קאָלאָניע מיט קעמלען, מיט אייזלען, מיט געווער!

— ווי מלחמה-מחנות!

— דער ישוב איז אין סכנה!

— זיי וועלן אונטערצינדן די פּרדסים, די וויינגערטנער!

— פאַרלירט זיך נישט, יידן!

— די קאָלאָניסטן רייטן זיי שוין אַנטקעגן.

— אויך אונדזער הגנה איז אונטערוועגס!

— ס׳וועט אויסברעכן אַ שלאַכט.

— אַן אמתע שלאַכט!

— די אַראַבער וועלן קריגן צו שמעקן פּולווער!

ליב קאַרפּ האָט אויסגעמיטן די בהלה. זיינע טריט זענען געוואָרן איילנדיקער, פלינקער, ווי מען וואָלט אים אונטערגעיאָגט. צוקומענדיק צום שייד־וועג, וווּ ס׳לויפן אָן די זייטיקע, געדרייטע געסלעך פון דעם תימנישן קוואַרטאַל, האָט ער געזען ווי ס׳קומט אַנטקעגן אַ זקן מיט אַ שווערער ווייסער באָרד. דער זקן אין לאַנגע, לויזע מלבושים, אַ הויכער, אַ פולער, מיט אַ פּנים נישט פון אַ מקונן, נאָר פון אַ מוכיח, אַ שטראָ־פער, האָט געשפּאַנט מיט ברייטע זאַכטע טריט. ער האָט גערעדט אויף אַ קול, כאָטש קיינער איז אַרום נישט געווען. און זיין שטים האָט געקלונ־גען ווי די שטים פון אַ נביא, וואָס באַווייזט זיך אין די טויערן פון שטאָט נאָכן חורבן און טרייסט דאָס פאָלק:

— געדענקט דעם הספד פון דעם בירגערמייסטער, יהודים! אז אַ פאָלק וויל צוריק דעראָבערן זיין לאַנד, מוז עס גרייט זיין צו באַגעגענען שלאַכטן. און אין אַ שלאַכט פאַלן קרבנות. מען האָט קוים פאַרשאָטן די

קברים פון די ערשטע געפאַלענע, ווי מען רופט אונדז שוין אויף אַ נייער שלאַכט. ס'איז אַ שעת־חירום! מען וועט אַלע שלאַכטן איבערקומען, מיט דעם גראַבאייזן און מיט דער ביקס וועט מען דאָס איבערקומען. דער דור־המדבר איז שוין הינטער אונדז. מיר זענען דער דור־הגאולה! האָט דאָס אין זינען, יהודים!

לייב האָט דאָס אין זינען געהאַט. ער האָט אויך אין זינען געהאַט, אַז אַלץ וועט איצט אין זיין לעבן זיך מוזן ענדערן. און כאָטש די פּאַ־סירונגען פון נעכטן, פון היינט, זענען נישט געווען בלויז זיין אייגן אומ־גליק, נאָר דאָס אומגליק פון אַ כלל, האָט ער פונדעסטוועגן געוווּסט, אַז אויף אים וועט דער פּיין דריקן שטאַרקער, שווערער. ער האָט געוווּסט, אַז בנימין וועט אַוועק פון דער צעשטערטער היים און זיך לאָזן וואַנדערן איבער די קאַלאָניעס. אויך אלישבע וועט זיך נישט האַלטן אין הויז. דער ווילן צו אַנטלויפן פון די געשעענישן, פון דער היים־קאַטאַסטראָפע, דאָס יאָגעניש נאָך נייע, אויפּטרייסלענדיקע איבערלעבונגען, נאָך אַן אָנהאַלט אויף דער פרישער ערד, וועט ביידע קינדער טרייבן אויסצומעסטן דאָס לאַנד אין דער לענג און אין דער ברייט. און ער, לייב? און רחל? וואָס וועט זיין מיט זיי?

אַן איינזאַמקייט איז אים באַפאַלן. און פּונקט ווי אַ ניי־געבוירן קינד, וואָס ווערט אַרויסגעריסן פון דער מוטערס טראַכט, כדי זיך צו גרייטן פאַר די ערשטע טריט אין לעבן, אַזוי איז לייב קאַרפּ איצט נאָך דעם אומגליק גרייט געווען זיך צו לאָזן אויף אַ ווייטן, אומבאַקאַנטן וועג. צו וואַנדלונגען און אַנטוויקלונגען, צו פאַלן און צו שטייגן. ער איז גרייט געווען זיך צו ראַנגלען מיט שטרויכלונגען און זיי בייצוקומען, אַבי אויפ־צוהאַלטן אין זיך דאָס פייער, אַבי אויסצוואַרעמען אין זיך דעם גלויבן אין אַ נייעם לעבן.

צווייטער טייל

קאפּיטל פופצן.

צייטן פון פּלאָגן און ביטערנישן

דאָס נייע לעבן איז געקומען צו לייבן מיט אַלע גרויזאַמקייטן, פּלאָ־גענישן און שווערע אנטוישונגען. ס׳האָבן זיך אָנגערוקט טעג פון ביטער־ניש און פארצווייפלונג. צום ערשטן מאָל האָבן לייב מיט זיין משפּחה דערשפּירט דעם טעם פון היימלאָזיקייט. די חרפּה פון זיין אָנגעוויזן אויף אַ שכנס בעט, אויף אַ לאַנדסמאַנס טיש, די חרפּה האָט אויף אַלעמען געווירקט דערשלאָגנדיק. פון שטענדיק אָן געוווינט צו באַקוועמלעכקייט און זאַטקייט, האָבן זיי זיך נישט געקענט צופּאַסן צו זיין איצט אונטער־געוואָרפן צו פרעמדער גנאָד. — כאָטש די צוגעלאָזנקייט און הילף פון די שכנים און פון די פּאָר אָפּגעזוכטע לאַנדסלייט איז געווען אָן אויפריכ־טיקע, — האָט אָבער לייב שטאַרק געליטן פון דעם בזיון, וואָס ס׳איז אים אָפּגענומען געוואָרן דאָס רעכט און די מעגלעכקייט צו שפּייזן זיין פאַ־מיליע. דערצו האָבן קיין איבעררעשונגען אויף אים נישט געוואַרט. און אַן אומגעריכטער אָנזאָג אויף בעסערע טעג האָט נישט געקלאַפּט אין זיין טיר.

צוריק קיין יפו האָט לייב נישט געקענט גיין. ס׳האָט געדויערט אַרי־בער צוויי וואָכן, ביז די איבערפאַלן און רציחות האָבן אין אָט דער בלו־טיקער שטאָט זיך איינגעשטילט. און ווען די אומרוען האָבן אויפגעהערט אין יפו, האָבן די קאַמפן זיך אַריבערגעטראָגן קיין ירושלים. איז שטיל געוואָרן אין ירושלים, האָבן צוזאַמענשטויסן אויסגעבראָכן אין חיפה. אפילו די גרויסע באַוואַכטע קאָלאָניעס האָבן נישט אויסגעמיטן די גע־

פּאַר. דאָס גאַנצע לאַנד איז פול געוואָרן מיט צעבונטעוועטע אַראַבער, וואָס האָבן זיך צוגעהערט צו די פּלאַם-פייערדיקע דרשות פון זייערע שייכן אין די מעטשעטן, אויף די מערק, און אויפגעהעצטע האָבן זיי דער־נאָך געלויערט אויף יידישע פאַרמעגנס אין די שטעט. זיי זענען באַפאַלן יידישע פאַרבייפאָרער אויף די וועגן.

אויף דער דריטער וואָך איז לייב אַראָפּ ס׳ערשטע מאָל קיין יפו אויף דער פּאָסט-גאַס. ער האָט געטראָפן זיין געשעפט אויסגערויבט און חרוב. קיין שפור, אַז אַ מענטשלעכער פוס זאָל דאָרט אמאָל האָבן אי־בערגעטרעטן. דער גאַנצער נוה-שלום קוואַרטאַל איז געווען אָפּגע־שטאָרבן. אפילו די אַראַבישע שכנים פון די אָרומיקע קראָמען זענען נישט געווען די זעלבע. פרעמדע אומהיימלעכע און ווילדע פּעלאַכן האָבן זיך באַוויזן אויף די שוועלן. זיי האָבן איבערגענומען די שפּייז-קראָמען און בוידן מיט גרינס. אָבער דער האַנדל איז מער נישט אָנגעגאַנגען מיט דעם פריערדיקן געפּילדער. ווי נאָר די יידן זענען אַרויס פון יפו, איז געוואָרן אַ שטילשטאַנד. די יידישע סוחרים האָבן איינציקווייז איבערגע־טראָגן זייערע יפוער געשעפטן קיין תל-אביב. און די יונגע וואַקסנדיקע שטאָט, וואָס איז באַשטימט געווען צו זיין אַ ישוב פון גערטנער און שטי־לע דאָרפישע הייזלעך, האָט איצט אָנגעהויבן פילדערן מיט האַנדל און קרעמעריי.

פונקט צום חודש האָט לייב זיך אַרויסגעצויגן פון פעלדשטיינס הויז. עטלעכע לאַנדסלייט זענען זיך צונויפגעקומען און אויף גיך צוזאַ־מענגעשלאָגן אַ פּאָר פונט. זיי האָבן באַשלאָסן צונויפזאַמלען זאַכן פון ערשטן געברויך. ווער ס׳האָט געגעבן אַ פּאָר קישנס, ווער אַ פּערינע, ווער — קליידערוואַרג. אַ פרעמדער שכן האָט געבראַכט אַ טיש מיט שטולן. און אַז דאָס אָרעמע ביסל ווירטשאַפט איז געווען צוזאַמענגעשטעלט, האָט מען געדונגען אַ קליינע דירה אין אַן אַלט הויז הינטער תל-אביב, און לייבס משפּחה האָט זיך דאָרט אַריינגעקליבן.

לאַנג איבערצוטראַכטן, וואָס מען דאַרף אָנהויבן טון, איז פאַר לייבן נישט געבליבן. דער ערשטער צופעליקער איינפאַל וואָלט געווען גוט. און דערמוטיקט פון רחלען, וואָס האָט — ווי שטענדיק, — נאָכן איבערקו־

מען די ערשטע טעג פון אומגליק אויך איצט געטריבן פון זיך די דער־שלאנגקייט, איז ער אליין אויך געוואָרן האפערדיקער. אומזיסט האָט לייב אויסגעקוקט נאָך הילף פון ירושלים. די זיכערקייט, אז די רעגירונג וועט פארגיטיקן די יפוער געליטענע און באצאָלן פאר די שאָדנס — איז אויסגערונען. ביידע האָבן אפגעמאכט צו נעמען אן אפענע בויד אין תל־אביבער מארק, ווו מען וועט קענען האנדלען מיט ברויט און זעמל. מיט צוויי טעג שפעטער איז רחל, ווי א געניטע מארק־הענדלערין געשטאַנען מיט א טיש געבעקס.

רחל האָט זיך גענומען אין די הענט אריין, זי איז גרייט געווען צו שטעלן א ווידערשטאַנד אלע שטרויכלונגען און שטערונגען אין וועג. האַ־בנדיק א גלויבן אין גאָט, אין מאַן, און אויך אין די דערוואַקסענע קינ־דער, האָט זי געהאָפט, אז מיט שוויים, מיט פראַצע און דער עיקר מיט שטאַנדהאַפטיקייט און עקשנות וועט זי זיך ארויסרייסן פון דער ביטע־רער מערכה. פון איין זייט די נויט, פון דער אנדערער זייט די שרעק פארן מאָרגן האָבן געצווונגען צו זיין פארביסן און אויסגעהאלטן. די פארבי־טערטקייט האָט זיי אלעמען געהאלטן אויף די פיס און נישט געלאָזט ווערן אפהענטיק צו וויטערדיקע אומגעריכטע פאסירונגען.

לייב האָט געשוויגן, רחל האָט געשוויגן, אויך ביידע קינדער האָבן געשוויגן. מען האָט געטראָגן דעם יאָך שטילערהייט, ווי ס'וואָלט געווען א בזיון צו רעדן אָפן וועגן דער אייגענער שפלות. די שטראָף איז געווען נענוג גרויס, ווען רחל האָט איצט, אין די פארטאָגן, פונקט ווי אמאָל אין די ערעמע יאָרן נאָך דער חתונה, געמוזט ווידער טראָגן אויף אירע שוואַ־כע הענט צוויי שווערע קוישן מיט ברויט און זעמל. די שטראָף איז געווען נאָך גרעסער, ווען סיי לייב, סיי די קינדער האָבן הינטער רחלען גע־שלעפט אויף די קעפ פולע פאנען מיט זיס געבעקס — געשלעפט פון דעם יפוער בעקערס הויף אָן ביז צום תל־אביבער מארק, א מהלך פון א פאָר מייל. געקויפט האָט לייב דאָס געבעקס ביי שמשון בעקער, דער זעל־בער בעקער, וואָס פלעגט פריער צושטעלן ברויט מיט זעמל אין זיין רעס־טאָראַן. דער געוויקסיקער, אומדערשראָקענער שמשון, דער ייד — דער גבור מיט די צוויי שפיציקע חלקים באָרד, וואָס האָט נישט געוואָלט זיך

אַרויסרירן פון יפו אַפילו נאָך די געשעעניש, האָט איצט געדענקט לייבן אין זיין נויט. ער האָט אים געשטיצט, געגעבן אים קרעדיט אויף אַ וואָך, כאָטש אַנדערע האָבן געצאָלט מזומן אין פאָראויס.

לייב אַליין פלעגט אויפשטיין אינמיטן נאַכט. אַ נישט־דערשלאָפע־נער, אַ דערשעפּטער, האָט ער געאיילט דורך די שמאָלע, געדרייטע אַראַ־בישע געסלעך ביז צו דער בעקעריי. און ווי נאָר דאָס געבעקס איז אַרויס פון אויוון, האָט ער עס הייסערהייט אָנגעלייגט אין די געפלאָכטענע קאַסטנס. שפּעטער איז אָנגעקומען רחל מיט די קינדער. מען האָט געלאָדן אויף פאַנען, מען האָט געלאָדן אין קוישן. און פאַרטאָג האָט די גאַנצע משפחה, ווי אַ קאַראַוואַן, זיך געלאָזט צופוס צום תל־אביבער מאַרק. ס'איז נישט געווען קיין גרינג לעבן. עס איז געווען אַ מאַטערניש אָן אויסזיכטן, אָן אויסקוק אויף בעסערע טעג. דער האַנדל איז געווען שוואַך. עס האָט נישט געהאָלפן רחלס געניטקייט, איר איינרייסן און איינבעטן זיך ביי די תל-אביבער באַלעבאָסטעס, אַז זי איז אַן אַנטרונענע פון יפו, אַ געלי־טענע פון פּאָגראָם. די מאָגערע פאַרדינסטן האָבן אַפילו נישט געקלעקט צו דערהאַלטן דאָס הויזגעזינד מיט שפּייז און קליידונג. פון צאָלן דירה־געלט איז געווען אָפּגערעדט. לייב האָט געזוכט אַ גאַנצן טאָג באַשעפטי־קונג, און ווי נוצלעך ער האָט זיך נישט באַמיט צו מאַכן אַרום דער בויד מיט געבעקס, איז ער פאָרט געווען אַן איבעריקער אין מאַרק.

לייבס יסורים, זיינע שטילע ליידן, האָט פאַרשטאַנען בלויז איין רחל. זי האָט פאַרזען איר אייגענעם גורל, ווי זי אַליין וואָלט איצט נישט עקזיסטירט און שטאַרק מיטגעפילט מיט איר מאַן. כאָטש זי האָט איצט אין איר פאַרביטערטקייט געקענט אויסלאָדענען אַלע פּרעטענזיעס און פאָרווורפן צו לייבן, וואָס האָט מיט זיינע אייגענע הענט דערפירט צו אָט דער געפאַלנקייט, האָט רחל אָבער מיט קיין איין וואָרט נישט דער־מאָנט זיין שולד. זי האָט גענומען אויף זיך אַ גלייכן חלק פון דער צוגע־טיילטער נויט און ביטערקייט און געשוויגן. דערפון איז אָבער דאָס דח־קות נישט אָפּגעטרעטן. פון צו ווייניק לייזונג זענען אָנגעוואַקסן חובות. רחל האָט לייבן נישט געשיקט באָרגן קיין געלט. זי איז אַליין געלאָפן צו באַקאַנטע, צו שכנים כאַפּן אַ גמילות־חסד. און ווען דאָס האָט זיך אויך

אויסגעלאָזט און די שולדן האָבן געדריקט — ס'איז נישט געווען מיט וואָס צו באַצאָלן פאַר די ברויט און זעמל — האָט דער בעקער אָנגעהויבן אַרויסווייזן אַ קווענקלעניש ביים אַרויסגעבן די סחורה.

איינמאָל ביינאַכט, ס'איז געווען אַ דאָנערשטיק, ווען לייב איז געקומען אין דער בעקעריי און זיך געגרייט אָנצולייגן די חלות און די ווייצענע ברויט, די קעז־קוכנס און די פלאָדנס פאַרן פרייטיקדיקן טאָג, דער איינציקער טאָג אין דער וואָך, ווען די תל־אביבער באַלעבאָסטעס באַלאַגערן דעם מאַרק־טיש און קויפן איין ברייטהאַרציק אויף שבת — האָט ער געטראָפן דעם געוויקסיקן שמשון בעקער זיך אַרומדרייען אָן אָנגעכמורעטן. זיין קאַנטיק רויטלעך פּנים איז געווען נאָך רויטער, די צוויי חלקים באָרד — פאַרשטייפט, אַ צייכן פון צאָרן. לייב האָט דערשנאַפּט, אַז עפּעס גייט אויסברעכן. צי ווייל ער איז דעם בעקער געווען אַ בעל־חוב אויף עטלעכע וואָכן, צי ווייל ער איז זיכער געווען, אַז ער וועט אים אָפּצאָלן ביז איין פּיאַסטער. לייב איז דרייסט צוגעגאַנגען צו די קאַסטנס מיט הייסע חלות. דער בעקער האָט מיט צענומענע הענט אים פאַרשטעלט דעם וועג.

— איר וועט גאָרנישט רירן!

— פאַרוואָס? — האָט לייב קאַרפּ צעעפנט אַ פּאָר אויגן פול מיט שרעק.

— אַז מען באַצאָלט איינמאָל, קריגט מען סחורה נאָכאַמאָל — האָבן ביי דעם אויפגערעגטן בעקער געוואָרפן הענט און פיס — איך קען מער נישט אויסהאַלטן. איך צאָל אין פּאַראָויס.

— גראָד היינט, אום פרייטיק, ווען מען וואַרט אויפן פדיון, ווען אַלץ ווערט אָפּגעלייזט גייט איר מיר פאַרהאַלטן דאָס געבעקס?

— גענוג, אַז כ'גיב אייך קרעדיט אויף אַ וואָך. איך קריג דאָס אויך נישט! — האָט דער בעקער האַרט געענטפערט.

— כ'בין אַ בעל־משפחה, שמשון, אַ טאַטע פון קינדער... באַרעכנט זיך, איר מאַכט אומגליקלעך פיר נפשות...

— כ'קען זיך נישט העלפן. אַז איך וועל אויסבאַקן ס'מעל און צעטיילן דאָס געבעקס אומזיסט, וועל איך גיין איבער די הייזער...

ס'האָבן נישט נעהאָלפן קיין רייד, קיין געבעט. דער בעקער איז גע־בליבן הארט און איינגעשפּאַרט, אפשר נישט אוים מורא פאַר דעם אָפּע־נעם חוב, ווי צוליב אייגענער פאַרזיכטיקייט און באוואָרעניש. פון פאַר־צווייפלונג האָט ליב האסטיק און צערודערט גענומען שפּאַנען אַרויף און אַראָפּ, איבער דער בעקעריי, ווי ער וואָלט פון זינען געקומען. א נייער, אומגעריכטער קלאַפּ איז אויף אים געפאַלן. נישט אַרויסקריגן איצט דאָס געבעקס האָט געמיינט פאַר אים אונטערגאַנג. ס'האָט געמיינט, אַז די גאַנצע משפּחה איז פאַראורטיילט פאַרהונגערט צו ווערן! ליב איז גרייט געווען מיט כוח זיך צו וואַרפן אויפן בעקער, אַרויסרייסן די קוישן פון זיינע הענט. ער איז גרייט געווען אפילו צו שרייען הויך, אַז מענטשן זאָלן זיך צוזאַמענלויפן. אין זיין צער און אומבאַהאָלפנקייט האָט ער געזוכט א מיטל, ווי אַזוי אויפצוּוועקן די גאַנצע גאַס, איידער רחל מיט די קינדער קומען אָן. זי, רחל וועט דאָס נישט אויסהאַלטן. זי וועט באַשטימט צו־זאַמענברעכן. דער בעקער עטוואָס אָן איבערגעשראָקענער פון לייבס אַרומלויפן, האָט פון אָנהויב זיך פאַרלוירן, קוקנדיק מיט פאַרחידושטע אויגן אויף זיינע צוויי טיש-קנעטערס און אויף דעם שיבער ביים אויוון. באַלד האָט ער אָבער אָפּגעמאַכט צו בלייבן פעסט, נישט נאָכגעבן. ער האָט אין געאייל גענומען אַוועקשטעלן פון אויוון די קאַסטנס מיט פריש־געבאַקענע חלות און ווייסע שטריצלען, די פּוטער־קוכנס און מאַנדל־שטראָדלען. ער האָט דאָס געבעקס געטראָגן אין דעם זייטיקן מעל-סקלאַד מיט אַזאַ אימפּעט, ווי ער וואָלט אָפּגעראַטעוועט א גאַנץ פאַרמעגן פון א שׂרפה. נאָכדעם, ווי ער איז מיט אַלץ פאַרטיק געוואָרן, האָט ער פאַר־מאַכט די טירן פונעם מעל-סקלאַד און אָנגעלייגט א שלעסל.

ווען רחל איז אָנגעקומען און געטראָפן דאָס געבעקס אונטער א שלאָס, געזען לייבן אַרומלויפן א בלייכן, א צערודערטן, האָט זי גאָרנישט נעדאַרפט פרעגן. הייסע טרערן האָבן געבריט אירע באַקן. זי האָט זיך אָבער באַלד באַפרייט פון איר אומבאַהאָלפנקייט. פאַרקערט, די מינוטן פון פאַרצווייפלונג, פון מורא, האָבן זי געשטאַרקט איצט, אַריינגעבלאָזן אין איר כחות פון ווידערשטאַנד. דאָס פּויערישע ווערטל: „באַצאָל אָדער בעט" איז איצט געווען אָנגעמאָסטן. נאָך אַלעמען איז דאָך שמשון בע-

קער דער אויסבארגער, דער בעל־טובה און זי — דער בעל־חוב. אויב דראַ־אונגען און גוואלדן ווירקן נישט אויף אים, קענען אָבער טרערן און בעטנ־דיקע רייד רירן אַמאָל אַ שטיינערן הארץ אויך. רחל האָט געמאָנט ביי אים רחמנות. זי האָט געוועקט איינזען. זי האָט אים דערמאָנט יענע נאַכט, ווען אַלע יידן זענען געלאָפן פון יפו אונטער אַ האָגל פון שטיינער, אין גלויף זיך אָפגעשטעלט אין זיין הויף און זיך געווערט מיט הייסע קוילן קעגן די באַוואָפנטע אראבער. און ווער האָט זיך געזאָלט ריכטן, אַז מער וועלן זיי זיך קיין יפו נישט אומקערן? אַז אַלע פיר נפשות וועלן בלייבן הויל און נאַקעט? זי וויל גאַרנישט געשאָנקען. זאָל ער צוווארטן נאָך איין וואָך מיטן חוב. ביזן לעצטן פיאַסטער וועט מען אים אָפגעבן. גאָט וועט זי נישט לאָזן אייביק אין אַזאַ מערכה.

רחל האָט גערעדט צו טויבע אויערן. דער בעקער האָט געשוויגן. קיין זיפץ פון רחמנות, קיין קרעכץ פון מיטגעפיל איז פון זיין מויל נישט גע־קומען. מיטאַמאָל האָט רחל זיך געכאַפּט, אַז אין דרויסן איז שוין גו־טער טאָג, אַז דער טארג איז שוין פארשפעטיקט. און די קוישן מיט גע־בעקס שטייען הינטער אַ שלאָס. אין יענער רגע איז איר וועלט אונטער־געגאַנגען. זי האָט אָנגעכאַפּט דעם מאַן, דעם זון און די טאָכטער, וואָס זענען שטומע געשטאַנען ארום איר, פון פארצווייפלונג האָט זי זיך גע־נומען רייסן פאַר די האָר פון קאָפּ און געשריגן:

— קומט קינדער, לאָמיר זיך וואַרפן אין ים אריין!

דאָס האָט אַ ריר געטון דעם פארעקשנטן בעקער. עס האָט אויך גע־רירט די עטלעכע געזעלן, וואָס האָבן די גאַנצע צייט פון רחלס וויינען און בעטן זיך נישט געמישט. איצט אָבער האָבן די טיש־קנעטערס אויסגע־קראַצט פון די קעשענעס זילבער-געלט. דער אויוון-שיבער האָט ארויס־געשלעפּט דריי פאַפירענע פונטן. מען האָט צונויפגעשלאָגן אַ משכון פארן געבעקס און דאָס איבערגעגעבן דעם בעקער. און ווי דורך אַ כשוף איז דאָס שלעסל פון דער מעל־סקלאַד־טיר אראָפּ.

יענעם טאָג האָט לייב קארפּ פארלוירן נישט בלויז דעם פדיון אין מאַרק. ער האָט אויך פארלוירן דעם גלויבן, אַז זיינע צרות זענען צייט־ווייליקע. די אָפּהענטיקייט איז געשטיגן, אָפּשוואַכנדיק זיין ווידער־

שטאַנד צו די נייע אַנשיקעניש, וואָס האָבן — לויט זיין אויסדראַכטע־ניש — אים פאַרפאָלגט אויף יעדן שריט. אַ וואָך שפּעטער איז בנימין פאַרשוווּנדן פון הויז, ס'האָט לאַנג נישט גענומען, ווי לייב האָט זיך אַרומגעזען, אַז דער זון איז אַוועק אין דער יונגער קאָלאָניע באַר־טוביה. ער האָט זיך דאָרט אָנגעשלאָסן אין דעם „גדוד־העבודה". דעם וואַנדערנדיקן לעגיאָן, וואָס האָט גראָד אין יענע טעג אָנגעשלאָגן די געצעלטן אַרום דעם נייעם ערשט־געבוירענעם פּונקט.

און ווי וווּיטיקלעך־שטאַרק עס האָט אים איצט געערגערט בנימינס אַוועקגיין, האָט ער דאָך מקנא געווען דאָס יינגל, וואָס האָט, אין אַ שעה פון אַנטשיידונג, געהאַט גענוג חוצפּה און שטאַרקייט זיך צו לאָזן אויף אַן אַנדערן וועג. נישט אַזוי דער אומצוטרוי צום פריער, צו דער פאַרלאָפענער צייט, נאָר די אויסזיכטן אויף שפּעטער האָבן בנימינען געטריבן פון אָרט. אויך לייב — דערשלאָגן און אויסגעשעפּט ווי ער איז געווען — האָט אָפּגעמאַכט אונטערצונעמען נייע פּלענער, נייע צוגן. צו דעם האָט ער אָבער געדאַרפט זיין באַוואָפנט מיט עקשנות, מיט שטאַנד־האַפטיקייט און אויסדויער. און דאָס, האָט ער זיך איינגערעדט, וועט קומען. עס וועט קומען צוליב דער נויט, אין וועלכער ער און זיין משפּחה געפינען זיך. עס וועט קומען צוליב דעם ווידערווילן וואָס ער טראָגט צו אַלץ און צו אַלעמען אַרום זיך. דערצו האָט היי־יאָר פרי אָנגערוקט דער זומער. אין די קאָלאָניעס האָט זיך אָנגעהויבן דער שניט פון ווייַנ־טרויבן. מען האָט זיך אויך געגרייט פאַר די ערשטע אַרבעטן צו באַוואַסערן די פּרדסים. לייב האָט באַשלאָסן צו גיין זוכן אַרבעט אין אַ קאָלאָניע. ער האָט עס דערציילט רחלען. זי האָט אָן קווענקלעניש איינ־געשטימט. רחל איז געווען פאַרביטערט צוליב בנימינס פאַרשווינדן, אָבער זי איז גרייט געווען אויך דעם וווּיטיק בייצוקומען. ס'איז געבליבן, מען זאָל דערווייל ווייטער האַלטן די בויד אין מאַרק. פונדעסטוועגן, אַז ס'איז געקומען דער טאָג פון לייבס אָפּפאָרן, האָט רחל נישט געקוקט, וואָס עס שטייט איר אָן צו פאַרלירן אַ טאָג פדיון. זי האָט אַוועקגע־רוימט דאָס געבעקס, אָנגעלייגט אַ שלאָס אויף דער בויד און צוזאַמען מיט אלישבען באַגלייט איר מאַן ביז צום יפוער שאָסיי, וווּ עס שטייען

די אָמניבוסן, וואָס פאָרן אָפּ אין די קאָלאָניעס. ביים געזעגענען זיך האָט אלישבע אויסגעבראָכן אין א היים געוויין. רחל האָט געווישט בריענדיקע טרערן. איר פּנים איז געווען באַדעקט מיט וואָלקנס טרויער.

— לייב, מיר ווערן צעריסן. דו הויבסט אָן ארומצוואָגלען...

— קענסט דיר נישט העלפן, רחל, ס'איז באַשערט פון גאָט.

— ביסט קיינמאָל פריער, זינט נאָך דער חתונה, נישט געגאַנגען זוכן פּרנסה אליין, אין א פרעמדער שטאָט...

— זיי נישט באַזאָרגט, רחל. און גיב אכטונג אויף זיך...

— היט זיך אונטערוועגנס, לייב, די אראבער רוען נישט...

דער אָנטרייבער האָט אונטערגעיאָגט זיינע פּאַסאַזשירן. לייב קאַרפּ איז שוין געזעסן אין דעם געפּאַקטן אָמניבוס, ווען די פערד האָבן א ריס געטון דעם וואָגן פון אָרט און די שווערע, קלאַפּנדיקע רעדער האָבן זיך געהילט אין וואָלקנס שטויב.

קאפיטל זעכצן

אַ בועז אין אַ יידישער קאָלאָניע

די ערשטע קאָלאָניע, ווו לייב קארפּ האָט זיך אָפּגעשטעלט, איז געווען די רייכע מאַמע פון די יידישע דערפער — רחובות. דער סעזאָן פון טרויבן־שניט איז דאָרט געווען אין פולן ברען. די יידישע קאָלאָ־ניסטן, וועמענס וויינגערטנער און פּרדסים זענען ערשט מיט וואָכן צו־ריק געווען אין געפאַר פאַרניכטעט צו ווערן, פון אויפגעהעצטע באַנדעס אַראַבער, די זעלבע קאָלאָניסטן האָבן איצט פאַרגעסן אַלע עולהס און צוזאַמענשטויסן מיט דעם שכנותדיקן פאָלק. צי ווייל די אַראַבער האָבן פון תמיד־אָן צוגעשטעלט „ביליקע הענט״, צי ווייל די שנאה האָט — צוליב גוטער שכנהשאַפט געדאַרפט אָפּגעווישט ווערן. אַזוי צי אַזוי. די קאָלאָניסטן האָבן צענומען די מחיצה צווישן ייד—אַראַבער. און אין דער אַרבעט פון 'פליקן טרויבן, פון פאַקן און לאָדענען און ביים איבער־גראָבן די פּרדסים און אָנטרינקען די ביימער־וואָרצלען, זענען לעבן די יונגע, זשוואַווע יידישע בחורים, אויך געווען באַשעפטיקט עטלעכע פּע־לאַכן פון די אַרומיקע אַראַבישע דערפער.

דער ישוב האָט געקוקט מיט זאָרג און פאַרדאַכט אויף די טאַטעס פון די קאָלאָניעס, וואָס האָבן איבער נאַכט שלום געמאַכט מיט די נעכ־טיקע אָנפאַלערס. און כאָטש קיינער האָט נישט געוואָלט אָנהאַלטן דעם ברוגז, האָט מען פונדעסטוועגן געוווּסט, אַז דער פאַרבאָט אַריבערצו־טרעטן יידישע וויינגערטנער איז אַ גוטע בייטש פאַר דעם ביטערן אַראַ־בער, דעם פאַררעטער, וואָס גניבט שטענדיק אין צייטן פון שפע —

פון יידישער ארבעט און גאסטפריינטלעכקייט און צאָלט דערפאַר אָפּ מיט שנאה און איבערפאַל אין צייטן פון אומרו.

ווען לייב קארפּ איז אָנגעקומען אין רחובות, איז שוין געווען נאָכ־מיטאָג. די חמימה איז געווען גרויס. די זון האָט געבאַקן די זאמדיקע סטעזשקעס און די ווייסע געקאַלעכטע הייזקעס, וואָס האָבן זיך געטונקען אין קאַלטונעס מיט פלאַנצן. לייבס גאַנצער באַגאַזש איז באַשטאַנען פון א וואַליזע מיט קליידער און א טובענע קאָלדרע. פון דער אָמניבוס־סטאַנציע איז ער אריינגעגאַנגען אין דעם דערבייאיקן היל־צערנעם באַראַק, וווּ עס האָט זיך געפונען א בופעט פאַר פּאַסאַזשירן. הייסנדיק זיך דערלאַנגען א גלאָז לעמאָנאַדע, האָט לייב זיך צעשמועסט מיט דעם באַלעבאָס פון בופעט. דער באַלעבאָס אַן אָנגעקרעפּטער, א פאַרשוויצטער, אַן אַ ראָק, מיט א שווערער ווילדער באָרד ווי ביי א קאַצאַפּ איז ארומגעגאַנגען מיט א שיטער האַנט־בעזימל און געטריבן די פליגן, וואָס זענען געהאָנגען ארום דעם ביר־קראַן און איבער דעם ווייןפאַס. יאָגנדיק די פליגן, האָט ער נישט פאַרגעסן זיך צו בייזערן אויף די אָנטרייבערס און בעלי עגלות, וואָס וואַרפן אַן זייערע געפּעק איבער דער פּאָדלאָגע. ער האָט נישט פאַרגעסן צו שרייען אויף דעם דינסט־מיידל, וואָס רוימט אַראָפּ צו פּאַמעלעך די אויסגעליידיקטע גלעזער פון די טישלעך. און אין דער זעלבער צייט האָט ער צוגעלייגט דאָס לינקע אויער צו לייבן. דערהערט אַז לייב קומט פון תל-אביב, זוכט ארבעט, האָט ער פול מיט בטול און שפּאָט א שמיץ געטון מיט דעם האַנט-בעזימל.

— צופיל. מען לויפט צופיל אַהער נאָך ארבעט... די תל־אביבער מיינען, אַז רחובות איז נאָך אַלץ די רייכע מאַמע וואָס קען שפייזן דעם גאַנצן ישוב.

— איך בין א פּליט — האָט לייב זיך פאַרענטפערט — אַן אַנט-לאָפענער פון יפו.

— א יפוער? — איז דער באַלעבאָס געוואָרן אויפמערקזאַמער, ארויסלייגנדיק דאָס האַנט-בעזימל — א יפוער? אַן אויסגעוואַנדערטער? און איר האָט געליטן ביי די אומרועַן אויך?

— נאַקעט און באָרוועס זענען מיר געבליבן... אַ משפּחה פון פיר נפשות.

— אויב אַזוי דאַרף מען פאַר אייך עפּעס טון — האָט דער „בור־פּעטניק" גענומען רעדן ווייטער — הייסט עס, ס'אומגליק האָט אונדז נישט געשווינט? דאָס וואָס מיר האָבן אויסגעמיטן אין רוסלאַנד, האָט אונדז נאָכגעיאָגט ביז ארץ־ישראל... כ'קען גוט דאָ עטלעכע קאָלאָניסטן, באַלעבאַטים פון אייגענע כרמים... כ'וועל רעדן מיט זיי... פאַרלירט נאָר נישט דעם בטחון. דאָ, אין רחובות, וועט איר זיך שוין איינשטעלן... די צרה איז בלויז, וואָס צופיל ישמעאלים פאַרפלייצן די קאָלאָניע.

מיטן רעדן איז דער בופעטניק געוואָרן מילדער, ווי ער וואָלט חרטה געהאַט אויף דעם בייזן שאַרפן טאָן, מיט וועלכן ער האָט באַגריסט פריער ליבן. זיין האַרטנעקיקייט, וואָס איז געווען צעלייגט איבער זיין באַוואַקסענעם פּנים און איבער זיינע שטייפע ברעמען — איז איצט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מיטגעפיל. ער האָט ליבן אויפגעמונטערט, אָפּגעזאָגט זיך פון נעמען באַצאָלט פאַרן קאַלטן טרונק, אים געהייסן, ער זאָל ביים זוכן אַרבעט אין אַ כרם, צי אין אַ פּרדס, זיך פאַררופן אויף אים — אבשלום, דעם בופעטניק. און אַזוי צוזאַמען מיט טרייסטנדיקע ווערטער און הבטחות, האָט ער ליבן אַרויסבאַגלייט אויף דעם ברייטן שליאַך, וואָס פירט צו די אָפענע סעדער און ווייגגערטנער.

ס'האָט נישט לאַנג גענומען און ליב איז אַראָפּ פון שליאַך און געשפּאַנט איבער די זייטיקע סטעזשקעס, וואָס זענען געווען פון ביידע זייטן געדיכט באַדעקט מיט קריך־פלאַנצן און קאַקטוסן. די סטעזשקעס האָבן זיך געוויקלט צווישן גריבער און בערגלעך. און דאָרט, ווו די ערד האָט זיך גענומען אויסגלייכן, האָבן זיך געצויגן שטיקער פלאַך־לאַנד. ליב איז איצט געווען פריי פון אומעט. דעם בופעטניקס רייד האָבן אים געוואָרעמט. זאָל ער נאָר אָפּטון דעם ערשטן טאָג אַרבעט, זאָל נאָר די ערד איינזאַפּן זיינע ערשטע טראָפּנס שווייס און די פרייד פון אַ געדונגענעם לוין־מענטש, וואָס וואַרט צו קריגן באַצאָלט, וועט אים וועקן און האַלטן אויף די פיס.

וואס ווייטער ער האט געשפאנט, אלץ האפערדיקער איז ער געווארן. די היץ האט געברענט. די זון האט געגליט און געשפּיזלט. לייב האט אראפּגענומען פון זיך דעם ראק, א פּאר מאל זיך אפּגעשטעלט אינמיטן וועג און זיך געווישט דעם שווייס פון פּנים און פון קארק. צוקומענדיק צו א האלב־חרוב שטייגערן הויז, האט ער דערזען, ווי פון דער וואנט שפּריצט א דינער שטראם וואסער, גלייך עס וואלט דארטן געווען אן אלטע אראבישע פּלומפּ. לייב האט צוגעלייגט די ליפּן צום שטראם, געטרונקען דאס וואסער מיט אזא דורשט, ווי א מדבר־וואנדערער. דערנאך האט ער זיך ארומגעוואשן. און ווען ער האט זיך דערפילט אפּגעפרישט, האט ער זיך ארומגעזען, אז ער שטייט צווישן סעדער און וויינגערטנער. אין דער לופט האבן זיך געטראגן קילע ריחות פון צייטיקע ווייַנטרויבן.

באלד האט ער דערהערט א גערויש. לייב האט געקוקט אין דער זייט, פונוואנען דער טומל איז געקומען. ס׳איז געווען א ברייטער וויינגארטן, ארומגעצוימט מיט א דינעם פּארקאן פון דרענגלעך. מיידלעך אין קאלירטע טיכלעך, ווי ביי יונגע פּויערטעס, זענען ארומגעגאנגען צווישן פּולע, קאלטונעוואטע צווייגן און מיט גרויסע שערן אין די הענט אראפּגעשניטן די רייפע הענגלען טרויבן. די אראפּגעשניטענע הענגלען האבן זיי געווארפן אין גרויסע געפלאכטענע קוישן אריין. באלד זענען אונטערגעקומען אפּגעברענטע, זשוואווע יונגען. זיי האבן א כאפּ געטון די קוישן איבער די אקסלען און מיט געזאנג זיי אוועקגעטראגן אין די סקלאדעס צום פּאקן און אין די קעלטערס צום פּרעסן.

אנשטאט זיך צוצואיילן און אריינצוגיין אין דעם כרם, האט לייב קארפּ נאר לאנגזאמער גענומען שטעלן די טריט. אינעם אנבליק פון דעם געפילדער איז דער חשק צו פרעגן אויף ארבעט פּלוצים פארשוווּנדן. דאס הארץ האט שטארקער געקלאפּט. צי פון אויפרעגונג, צי פון חרטה איז דאס געקומען — אבער ער איז געבליבן שטיין א ווײלע א פּאר־לוירענער. ס׳איז אבער גענוג געווען, ער זאל פּאר זיך דערזען רחלען, ווי זי שטייט אין מארק איבערן טיש מיט געבעקס. ס׳איז גענוג געווען, ער זאל דערזען די אייגענע דחקות, ווי די זיכערקייט איז צו אים צוריקגעקומען.

הינטערוויילעכץ האָט אַ הויכער, טונקעלער פּאַרשוין, אַנגעטאָן ווי אַ שומר מיט אַ ווייסן פּלאַטערנדיקן קאָפּ־טוך, ווי עס טראָגן בעדואי־נער האַסטיק זיך צוגערוקט צו לייבן. ער האָט גערעדט העברעאיש מיט אַ טיפּן האַלדז־ניגון. ווי אַ ספרדי:

— דו זוכסט עפּעס?

— כ׳זוך אַרבעט.

— ביי טרויבן? אַ מאַנסביל זוכט אַרבעט ביי טרויבן? — האָט דער פּאַרשוין אַ פאַרוווּנדערטער אָפּגעמאָסטן לייבן — שניידן טרויבן איז פּונקט ווי מעלקן קי, ווי האָדעווען עופות, און צו דעם זענען גוט ווייבער... אין אונדזער כרם זענען די מאַנסבילן בלויז קויש־טרעגערס...

לייבן איז קאַלט געוואָרן. ער האָט נישט געוווּסט, צי דער שומר טרייבט שפּאַס, צי ער וויל פון אים פּטור ווערן. און איידער ער האָט באַשלאָסן צו ענטפערן, איז יענער אים פאַרלאָפן מיט רייד:

— כ׳זע דאָך, דו ביסט אַ פרעמדער, בלאָנדזשעסט... וועל איך דיר ווייזן דעם וועג. אויב פרעגן אויף אַרבעט אין דער קאָלאָניע, דאַרפסטו גיין צו די פּרדסים. דאָרט זוכט מען טאַקע העגט מיט מאָזאָ־ליעס... מען דאַרף איבערגראָבן די ערד, לייגן וואַסער־רערן, קאַלכן די ביימער — אַלץ פּאַסיקע אַרבעט פאַר מאַנסבילן...

לייב קאָרף האָט זיך אָפּגעטראָגן נאָך גיכער, ווי דער שומר האָט אים געטריבן. דעם וועכטערס אומפריינטלעכקייט האָט פאַרשנעלערט זיינע טריט. ס׳האָט לאַנג נישט גענומען, ווי ער האָט זיך דערנענטערט צו אַ שורה הויכע, אייזערנע פאַרקאַנעס, באַדעקט פון דער אַנדערער זייט מיט קלעטער־פּלאַנצן. אַ דינע סטעזשקע, אויסגעקייקלעכט ווי אַ בויגן האָט אים צוגעפירט צום ערשטן פּרדס.

אינעווייניק אין פּרדס האָט לייב זיך נישט גאַדאַרפט נאָכפרעגן אויף קיינעם. אין טויער איז אים אַנטקעגנגעקומען דער פּרדסן, דער פּלאַנטאַטאָר אַליין, אַ מיטלוואוקסיקער, אַ רירעוודיקער מיט אַ ווייך, צו־געלאָזן פּנים. הינטער זיין אויער האָט געשטעקט אַ בלייפעדער. און אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ צעווייקט נאָטיכל, מיט וועלכן ער האָט זיך געווישט דעם שווייס. און אין דער צווייטער האַנט — אַ פּאָר ביינע־

לעך פאפיר. ווען לייב האט אים באגריסט און גענומען דערציילן, ווער ס'האט אים געשיקט אהער, האט ער אים אנגעכאפט פאר א האנט:

— אן רעקאמענדאציעס! כ'דארף נישט קיין גוט־זאגערס... ווארפט אראפ דאס רעקל און נעמט א פיאש אין האנט אריין. כ'צאל צוואנציק פיאסטער א טאג. דעם ערשטן האלבן טאג האט איר שוין פארשפע־טיקט. איר זעט דעם אויפזעער, ער וועט אייך ווייזן דאס ערשטע מאל ווי אזוי ארומצוגראבן די ביימער. מסכים?

נישט בלויז אן איבערראשטער, נאר אויך א פרייליכער, האט לייב זיך א לאז געטון צום אויפזעער, וואס איז געשטאנען טיף אין פרדס, פאר אן אויסגעגראבענעם ראוו. לעבן אים איז געלעגן א בארג מיט פיאשן און רידלעס. ארבעטער באגאסענע מיט שווייס און זייערע אויי־בערשטע טיילן קערפער נאקעטע, זענען געשטאנען איין רייע קעגנאיבער דער אנדערער מיט פיאשן אין די הענט. זיי האבן אויפגעאקערט אויף א לענג די שווארצע ערד, ארויסגעווארפן די גרודעס לאפעטעסווייז און אויסגעגראבן א וועג, ווו אריינצולייגן די וואסער־רערן, וואס דארפן אנ־טרינקען די פאמעראנצן־ביימער.

לייבן איז דאס ארט געפעלן געווארן פון דער ערשטער מינוט אן. אויף ווי ווייט ער האט באוויזן זיך ארומצוקוקן, האט די גרינקייט ארום פארכאפט דאס אויג. דא, צווישן די געדיכטע ביימער און שווערע בלע־טער־צווייגן, איז אויך געווען טונקעלער. פונעם בויך פון דער ערד האט זיך געטראגן א קילקייט, וואס האט אפגעפרישט דעם אטעם.

נישט ווייט פונעם אויפזעער, צום הינטערשטן טויער צו, ווו די ביימער זענען געווען שיטערער און די ערד אויסגעגעסן ווי א וויסט שטיקל פעלד, זענען געשטאנען סטאלארעס מיט הובלעס און האמערס. א גרויסע זעג־מאשין האט מיט א געפילדער געשניטן ברעטער. אראַ־בישע בארוועסע ייִנגלעך אין ברודיקע, צעלעכערטע כאלאטן, זענען ווי שדים אומגעלאפן הינטער די מאשין־מעסערס און געשטאפט אין זעק אריין דעם אנגעשניצטן אפפאל. די סטאליארעס האבן אוועקגעכאפט די ברעטער, סארטירט זיי, צונויפגעשטעלט די ווענטלעך לויט דער מאס און פארקלאפט מיט טשוועקעס. דאס האט מען געגרייט פארן ווינטער־

סעזאָן פּאָמעראַנצן־קעסטלעך אין די הונדערטער, אין די טויזנטער.

לייב קאַרפּ האָט נישט באַמערקט, ווי דער אויפזעער, אַ יונגער, בלאָנדער בחור אין אַ ווייס העמדל מיט קורצע הויזן ביז איבער די נאָקעטע קניען, איז צוגעקומען הינטערוויילעכץ און אים געשטופּט אַ פּיאַש אין האַנט אַריין. אָן אויסצורעדן אַ וואָרט, האָט ער לייבן צוגעפירט צו אַ קופּע יונגע, דינע פּאָמעראַנצן-ביימער, וואָס זענען געשטאַנען געדיכט איינס לעבן אַנדערן. דער אויפזעער האָט אַרומגייענדיק איין בוים, דורכגעשטאָכן עטלעכע מאָל די ערד, אויפגעאַקערט די גרודעס און ווידעראַמאָל, אָן אויסצורעדן אַ וואָרט, איבערגעגעבן דעם פּיאַש לייבן. לייב האָט אים נאָכגעטון. און כאָטש די האַנט האָט פון אָנהויב געציטערט, זענען פונדעסטוועגן די ערשטע קלעפּ אין דער ערד געווען זיכערע. דער אויפזעער האָט אים נאָכגעפאָלגט מיט די אויגן. ס'האָט לאַנג נישט גענומען און לייב איז אַרומגעגאַנגען מיטן פּיאַש אַ גאַנצע שורה ביימלעך. זעענדיק, אַז ער כאַפּט די מלאכה, ער פירט זאָרגפעלטיק און פאַרזיכטיק מיט דעם געצייג אַרום יעדן יונגן ביימל, האָט דער בלאָנדער אויפזעער אָנגעצייכנט פאַר אים אַ שטח צו באַאַרבעטן, דערנאָך האָט ער פאַרשריבן זיין נאָמען און אים איבערגעלאָזט.

ערשט איצט האָט לייב צעפירט די הענט. דער פּיאַש איז ביי אים געוואָרן אַ שפּילצייג. ער האָט נישט געוואָרפן דעם רידל צו דער ערד מיטן אימפּעט פון אַ האַלץ-האַקער, נאָר האָט געטעשעט דערמיט די שוואַרצע גרודעס, ווי מען טעשעט שטיינער. און אַז ער האָט געהאַט שוין באַאַרבעט מער ווי אַהעלפט פון דעם אָנגעצייכנטן שטח, האָט ער זיך דערשפּירט אַביסל אויסגעשעפּט. ער האָט אַרויסגעלייגט דעם פּיאַש, האָט אַרומגעווישט דעם שוויים און זיך דערזען שטיין לעבן אַ פּאַרקאַן, וואָס האָט אָפּגעגרענעצט דעם פּרדס פון דעם שכנס.

אויף יענער זייט פּאַרקאַן האָט געטומלט. די וואָך אַרבעט איז געווען פאַרענדיקט. די אַרבעטער אין אַ רייע האָבן זיך גערוקט צו אַ הילצערנער בודקע, וווּ מען האָט אויסגעצאָלט די שכירות. פאַר דעם פענצטערל פון דער בודקע איז געשטאַנען דער פּרדסן אַליין, אַ ברייטביייניקער, אַ רויט־האָריקער גבר, אין אַן אָפענער צעקנעפּלטער יאַקע.

ער האָט באַטראַכט די אַרבעטער, וואָס האָבן זיך אָוועקגערוקט מיט די געלט־קאָנווערטן איינס ביי איינס, ווי מען באַטראַכט פערד אויף אַ מאַרק. און אַז זיין בליק איז צום סוף געפאַלן אויף אַ שמאָל מענטשל, אַ מאָגערס אַ געבויגנס — האָט ער אים פאַרהאַלטן, מעשה־מבין געגנו־מען אויסטאַפּן די מוסקולן פון זיינע הענט און אים גלייך געפּסלט:

— דו טויגסט נישט פאַר מיר. זוגטיק קום נישט מער!

ביים מאָגערן אַרבעטער האָט אָפּגערונען דאָס בלוט פון פּנים. פאַרוואָס דער פּלוצימדיקער אָפּזאָג, האָט ער זיך נישט געשטויסן, פאַר־וואָס די באַליידיקונג, האָט ער קוים באַנומען, אָבער דער בזיון פאַר די אַרומיקע האָט אים געמאַכט נאָך געפאַלענער. ער האָט אויסגעשטאַמלט.

— פאַרוואָס?

— כ'דאַרף נישט קיין תּפילין־הענטלעך... מיט אַזעלכע הענט ביסטו גוט אין אַ ישיבה.

— איך טו מיין אַרבעט! — האָט דער פאַרשעמטער אַרבעטער זיך פאַרענטפערט.

— דאָס איז ווייניק. דו דאַרפסט קענען קאָנקורירן מיט ישמעאלן...

דער פּרדסן האָט זיך אויסגעדרייט צו דער לאַנגער רייע, וואָס האָט זיך גערוקט פאַראויס און פרעך אויסגערופן:

— קיין זיידענע יונגעמאַנטשיקעס טויגן נישט פאַר מיין פּרדס. איך ברויך — אַ פּאָר ידים! מאָזאָליעס און מוסקולן — אָט וואָס דאָס לאַנד דאַרף האָבן!

אַ ווײַלע איז געווען שטיל. באַלד האָט פון דער רייע זיך אַרויסגע־רוקט אַ הויכער, פעסטפּלייציקער אַרבעטער. ער איז צוגעגאַנגען גאָר נאָענט צום רויטהאָריקן פּלאַנטאַטאָר און געשטופּט זיין ווייז־פינגער ווי אַ בייטש אים גלייך אין פּנים אַריין.

— מאָזאָליעס און מוסקולן דאַרף דאָס לאַנד טאַקע האָבן. אָבער דו, אדון שושני, דאַרפסט האָבן קנעכט, עבדים כנענים!

נישט אַזוי וואָס דער חברהמאַן האָט אים געדוצט, נאָר דאָס וואָס ער האָט אים אַריינגעזאָגט פאַר אַלעמען, האָט דעם פּרדסן פאַרדראָסן, ער האָט אַ רוק־טוענדיק זיך אויף צוריק, געליאַרעמט:

— אַזוי? האָב איך שוין אַ „רויטן" אויך אין מיין פּרדס!
און באַלד האָט ער צוגעגעבן:

— ווען נישט די „רויטע", די „ערשטע מאַיניקעס", וואָלט אין יפו צו קיין פּאָגראָם נישט געקומען.

— און ס'וואָלט קיין שחיטה נישט געווען!

ליב וואָס איז געשטאַנען אויף דער אַנדערער זייט פּאַרקאַן און זיך צוגעהערט צום שמועס, האָט אַן אויפגעקאָכטער אַריבערגעשריגן:

— אַ בלבול! דאָס איז אַ מיאוסער בלבול! איך אַליין בין אַ יפוער. אַן אַנטלאָפענער.

אַלע האָבן זיך אומגעקוקט.

— אוודאי איז דאָס אַ בלבול! — האָבן זיך געהערט קולות.

— אַזוי פאַרענטפערן זיך די אַראַבער!

— די פּאָגראָמשטשיקעס!

ערשט איצט האָט ליב אַריבערגעקלעטערט דעם נידריקן פּאַרקאַן. אַן אויפגעבראַכטער איז ער געשטאַנען צווישן דעם עולם. ער האָט געווסט, אַז די אַראַבער וואַרפן די שולד פון די יפוער געשעענישן אויף דעם קליינעם אַרבעטער־פאַראַד, וואָס האָט מאַרשירט דעם ערשטן מאַי. אַז אַ יידישער קאָלאָניסט, אַ בעל בעמיו, זאָל דעם ליגן אָננעמען פאַר גוט געלט — דאָס איז פאַר אים, ליבן, געווען אַ בזיון וואָס האָט וויי געטון. דאָס איז געווען אַ פאַרביטערונג און אַן אַנטוישונג.

ער האָט אַ זאָג געטון צום עולם.

— אַזאַ פּרדסן פאַרשעמט דעם נאָמען פון דער קאָלאָניע, וווּ ער וווינט. ער פאַרשעמט די ערד, וואָס ער באַארבעט!

אַרום דעם רויטהאָריקן פּרדסן האָט זיך שוין געוויקלט אַ רעדל.

— ער איז נישט דער איינציקער!

— זיי פאַרפלייצן דעם גאַנצן ישוב, אָט די בועזים!

— אַזוי איז שטענדיק נאָר אַן אומגליק. ווען יידן לויפן פון די שטעט ווי נשרפים, צו זוכן שוץ און ברויט אויף יידישע פעלדער, באַוויזן זיך די בועזים, און טרייבן מיט בייטשן...

דערווייל האָט דער רויטהאָריקער פּרדסן זיך דערזען אַרומגערינגלט.

דאָס, וואָס ער איז געשטאַנען אויף זיין באָדן און אויסגעטיילט די שכי־רות די אַרבעטער, האָט נישט געזיכערט זיין לאַגע. א פאַרלוירענער האָט ער אַרויסגעכאַפּט א טאַשן־פּייפל און מיט איין גרילצענדיקן פייף אַלאַר־מירט דעם שומר פון פּרדס. ס'איז אָנגעקומען נישט בלויז זיין שומר, נאָר אויך די וועכטער פון די אַרומיקע פּרדסים זענען אָנגעריטן אויף זייערע פערד. צוליב שלום-וועגן האָבן זיי פּרובירט פונאַנדערנעמען דעם אויפ־געהעצטן עולם. די אַרבעטער זענען נישט אָפּגעטרעטן. זיי האָבן געפּאָ־דערט צוריק צושטעלן דעם באַליידיקטן אַרבעטער און א פאַרגיטיקונג פאַר דעם שפיכת־דמים. לייב קאַרפּ איז געשטאַנען בראש פון די טומ־לערס. עס האָט אים געהויבן פון אָרט. ווי דערגייט עס א קאַלאָניסט, א באַלעבאָס, צו אַזא שפלות? וואָס פאַר א טאָפּן די מוסקולן ביי א יידישן אַרבעטער, ווי ביי א פאַרצייטיקן מאַרק־שקלאַף? און ווו? אין הארץ פון רחובות? דאָס שפּאַרעניש איז געוואַקסן. דער טומל איז געשטיגן. לייב האָט זיך אַוועקגעשטעלט צווישן דעם אָנגערייצטן עולם און די שלום־מאַכערס און געזאָגט:

— אויב ער האָט חרטה, דער פּרדסן — זאָל ער געבן פינף און צוואַנציק פונט פאַר דעם קרן קימת!

— זאָל ער גוט מאַכן די עולה! — האָבן קולות אונטערגעהאַלטן.

— אוודאי דאַרף ער געבן!

— א מצווה אויסצורייסן פון א דבר־אחר...

— אַז דאָס עשירות איז גאָרנישט זיין אייגנס... אָנגעהויבן פלאַנצן האָט ער אויף צען איילן!

— זיי האָבן פאַרגעסן, די קאָלאָניסטן, די יאָרן ווען מען האָט גע־לעבט פון קצבה...

— ווען נישט דעם באַראָנס שטיצע, וואָלטן זיי געפּעכגיעט פון הונ־גער!

און אַז די אויפרעגונג איז דערגאַנגען ביז צום שפּיץ און דער באַ־זיגטער פּרדסן האָט גענומען אַראָפּדינגען פון דער סומע, מיט וועלכער מען האָט אים באַשטייערט, דעמאָלט האָט לייב צוריק אַריבערגעקלעטערט דעם פאַרקאַן און איז אַריין צווישן די ביימער, וואָס ער האָט געהאַט

ארומגעגראָבן. דער אויפזעער האָט שוין אויף אים געוואַרט. ער האָט אים אנטקעגנגעטראָגן א פארמאכטע קאָנווערט, די שכירות פאַר דעם האַלבן טאָג ארבעט און געזאָגט:

— זונטיק הייבט מען אָן ארבעטן זיבן אינדערפרי.

לייב איז געוואָרן מונטער. ארויסגייענדיק פון פרדס, האָט ער אויפגעריסן די קאָנווערט. ס'איז געווען בלויז צען פיאַסטער, אָבער ער האָט געפילט ווי ער טראָגט מיט זיך א פארמעגן. נישט די צאָל מטבעות, נאָר זייער קלאַנג האָט געמאַכט די ווערט. ס'איז געווען דער לוין פאַר די ערשטע שעהען ערד־ארבעט. לייב האָט די שעה אָפּגעשאַצט, ער האָט אויך אָפּגעשאַצט די קאָלאָניע, וואָס האָט אים מכנים־אורח געווען. מעגן די היינטיקע בועזים ארויסשטאַרצן דאָ און דאָרט פון א פרדס, פון א ווייַנגאָרטן ווי סטראַשידלעס. זיי וועלן פארשווינדן. און די דעראָבערער פון גייע שטחים באָדן וועלן ווייטער וואַרטן אויף יידישע הענט, וואָס זאָלן איבערגראָבן וויסטע גרודעס און באַוואַסערן פארחלשטע ביימער.

צוריק איז ער געגאַנגען מיט די זעלבע קאָלטונעוואַטע סטעזשקעס, דורך וואָנען ער איז געקומען. די זון האָט זיך געזעצט. פון די קלעטערפלאַנצן, וואָס האָבן צוגעדעקט די פראָנט־פאַרקאַנס פון די פרדסים, האָבן זיך געטראָגן ריחות וואָס קילן. די ריחות האָבן אָנגעטרונקען די לופט. דער פארנאַכט האָט זיך געזעצט אויף בוים און אויף גראָז.

איצט האָט לייב זיך דערמאָנט, אַז עס ווערט שבת. און ער איז צוּמאָל נישט פארזאָרגט מיט א נאַכט־לעגער. ער האָט געשטעלט די טריט גיכער. ס'איז אים איינגעפאַלן, אַז ער וועט צוגיין ווידעראַמאָל צו אבשלום דעם בופעטניק, ער זאָל אים באַזאָרגן א צימער צום וווינען. ער איז אַרוים אויפן הויפט־שליאַך. אויך דאָ איז דער טומל געווען איינגעשטילט. די פאַר קראָמען און ווערקשטעלן זענען געווען פארמאַכט. די טירן — פארלייגט מיט פרענטעס. אַן עלטערער ספרדי מיט א געלן טורבאַן אויפן קאָפּ האָט איילנדיק אַהיים געשטויסן פאַר זיך א שטופּ־וועגעלע, באַלאָדנט מיט זאָמען און גן־עדן־ניסלעך. פון א ליק איז פלינק אָנגעריטן אויף אַן אייזעלע א קנאַכיקער תימנער מיט צוויי שווערע קאַנען

מילך. ער האָט אײַלנדיק אונטערגעקיצלט די רייט־חיה בײַ די באַקעס און דאָס אײַזעלע האָט אַוועקגעפּאַטשט ווי אַ לויף־פערד.

ס'איז געוואָרן טונקעלער. די רו איז געלעגן אויף אַלע סטעזשקעס און פאַרוואַקסענע וועגעלעך. די זון האָט געלאָשן דאָס גאָלד אויף די רויטע דעכער און ווענט פון די שייערן. פון פענצטער האָבן אַרויסגעפּלעמלט פּייערלעך פון די אָנגעצונדענע שבת־ליכט. לייב האָט פונדערווײַטנס דערזען ווי דער בופעט בײַם הילצערנעם באַראַק שטייט נאָך האַלב־אָפן. דער לעצטער אָמניבוס שטעלט זיך. פאַרשפּעטיקטע פּאַסאַזשירן לאָזן זיך אַרויס.

ער האָט זיך געאײַלט צוצוקומען צו דער סטאַנציע, איידער דער שבת פאַרהאַקט פאַר אים טיר און טויער.

קאפּיטל זיבעצן.

נייע פּלענער — נייע צוגן

ליב קארפּ האָט גיך ארייננעשפּאנט אין דעם נייעם לעבן. נישט בלויז האָט ער זיך ארויסגעוויזן אלס גוטער ארבעטער אין די פּרדסים, נאָר ער איז אין א קורצער צייט געוואָרן היימיש און צוגעלאָזן מיט יעדן תושב אין דער קאָלאָניע. צווישן די ערשטע איז ער געווען צו פארמיידן א שטרייט צווישן א קאָלאָניסט און זיינע ארבעטער. און צווישן די לעצטע צו העלפן פונאנדערפלאָקערן א קריגעריי וואָס איז אָפט אויסגעבראָכן צווישן די איינוווינער פון רחובות און די אראבער פון די שכנותדיקע דערפער. ער איז געווען אויסגעבונדן מיט די טאטעס פון דער קאָלאָניע, ווי אן אלטער אויסגעדינטער בילועץ.

דורך די עטלעכע וואָכן האָט ער זיך געביטן נישט בלויז מיט זיין אופן באנעמען נייע באגעגענישן און נייע פּאסירונגען, נאָר אויך אויסערלעך. אפילו די קליידונג איז געווען געענדערט. כאָטש טיפע קנייטשן האָבן זיך גענומען קארבן ארום זיינע שטערן-ווינקלען און גרויע פעדים האָבן דורכגעפלאָכטן דאָס בלאָנדע בערדל, האָט ליב פונדעסטוועגן גלייך איבערגענומען דעם מנהג פון די קאָלאָניע איינוווינער און זיך אָנגעטון פונקט ווי זיי — א ווייסע בלוזע ארומגעבונדן מיט א גארטל, א פּאָר סאנדאלן אויף די אָפּגעבערנטע פיס און קורצע קאקי-הייזלעך, וואָס האָבן נישט איינגאנצן צוגעדעקט די האָריקע קניען. דאָס אלץ האָט ער געקויפט פון זיינע ערשטע פארדינסטן. אין אזא הילוך איז ער ארומגע־

נאַנגען סיי ביי דער אַרבעט, סיי ווען ער איז געווען פריי. זיין קערפּער איז געוואָרן צוגעווינט צו זון און צו ווינט. ער האָט אויסגעזען אַ ברויגער, אַן אויסגעבאַקענער ווי אַן אויסגעדינטער פּועל-עתיק.

וואָס צו טון מיט דער פאַמיליע, האָט לייב קאַרפּ נאָך נישט געהאַט באַשלאָסן. עס האָט געפעלט אַ באַשטימטער פּלאַן. ער איז נישט אימשטאַנד געווען אַריבערצוברענגען רחלען מיט דער טאָכטער אין דער קאָלאָניע. די מאָגערע פאַרדינסטן האָבן געקלעקט בלויז אויף דורכצושטופּן זיך. לייב איז אָבער זיכער געווען, אַז צום ווינטער-צו, אויב עס וועט אים געלינגען אַראָפּצושלעפּן בנימינען קיין רחובות, וועט ער דעמאָלט אַריבערברענגען די משפּחה פון תל-אביב. און ביידע, סיי ער, סיי דער זון וועלן זיך איינשטעלן ביי פּרדס-אַרבעט און מפרנס זיין דאָס הויז.

דערווייל האָט בנימין פון זיך זעלטן געלאָזט הערן. צו באַקוועם און צו הפקרדיק איז פאַר אים געווען דאָס לעבן אין דעם אַרבעטס-לעגיאָן, אַז ער זאָל זיך וועלן פון דאָרט אַרויסרייסן. דער גדוד-העבודה האָט אין יענער צייט געהאַט אויסגעשפּרייט זיינע געצעלטן-לאַגערן איבער פאַרשידענע טיילן לאַנד, איבער שטעט און איבער קאָלאָניעס. אומעטום זענען די „גדודניקעס", ווי גאַנצע באַטאַליאָנען געווען באַשעפטיקט ביי לאַנדווירטשאַפט, ביי פלאַסטערן שאָסייען און ביים בויען הייזער. דערפון האָבן זיי זיך אויסגעהאַלטן. דאָס איז געווען דורכצושטופּן די חיישעה. אָבער דער אמתער ציל פון דעם אַרבעטס-לעגיאָן איז געווען זיך צו באַטייליקן דורך אַלע פאַכן אַלס מויערערס, אַלס סטאָליאַרעס, אַלס שלאָסערס — אין דעם אויפבוי פון לאַנד. די גרויסע ליבע צו ארץ-ישראל, דער גלויבן אין איר ווידערגעבורט — דאָס איז געווען דאָס פייער, וואָס האָט זיי אַלעמען צונויפגעשמאָלצן. דערפאַר האָבן זיי זיך אויך טיילווייז אָפּגעזאָגט פון פיל תענוגים אויף דער וועלט. די גדודניקעס זענען אַרומגעגאַנגען ווי נזירים. זיי האָבן געגעסן בשותפותדיקע מאָלצייטן. זיי האָבן זיך געטיילט מיט קליידער, מיט די וועש און געפירט אַ קאָמונע.

אַזוי, אַ זאָרגלאָזער, אָן אויפזיכט איבער זיך, האָט בנימין געלעבט אין איינעם פון די גדוד-לאַגערן, וואָס איז איצט איינגעשטאַנען אין תל-

זבולון און זיך פארנומען מיט ערד־ארבעט און שטיין־האקעריי. פריי פון היים־פליכטן, אויסגעטון פון יעדן עול, האט ער מיט א ווילדן אפע־טיט זיך צוגעפאסט צו נייע, אויסטערלישע באדינגונגען. די ערשטע פאר וואכן אין דעם לאגער זענען פאר אים געווען א באַרואיקונג, אן אויסניכ־טערונג פון די חורבן-איבערלעבונגען. דער טרויער, וואס האט אים גע־האט ארומגענומען גלייך נאך די יפוער געשעענישן, איז אפגעווישט גע-ווארן איצט, און די פרייד פון בויען האט אים צוגענעגלט צו דער נייער סביבה.

זיין זונס באגייסטערונג האט לייבן אויך אנגעשטעקט. די בריוו, וואס זענען זעלטן אנגעקומען, האבן אין אים געוועקט אי שטאלץ, אי בענק־שאפט. ער איז זיכער געווען, אז אויב ס'וועלן אוועק עטלעכע חדשים און בנימין וועט זיך אלץ באנוגענען מיט דעם ארעמען מלבוש און מיט דעם ארעמען מאלצייט, וועט ער פארגעסן אן זיינע פריערדיקע מאנונגען און פארלאנגען, ווי מען פארגעסט אן חלומות. דערפון האט לייב זיך געערגערט. דער געדאנק, אז בנימין קען שטענדיק זיין אפגעריסן פון דער פאמיליע און אויפגעבן זיין פריערדיקן גרויסן חשק צו לערנען, האט דעם פאטער שטארק באאומרואיקט.

סוף חודש אלול, ווען דער טרויבן־שניט איז שוין לאנג געווען פא־ריבער, האט די קאלאניע אויף איינמאל זיך גענומען גרייטן אויפצונע־מען א געהויבענעם גאסט. איבערן לאנד איז דעמאלט דורכגעפארן דער „נדיב הידוע". די קאלאניסטן, וואס האבן יארן־לאנג גענאסן פון דעם נדיבס ברייטער האנט, האבן איצט געוואלט אפצאלן זייער שטיצער מיט גאסטפריינטלעכקייט און אים ווייזן די פירות פון רחובות, וואס זיין פי־לאנטראפיע האט געבראכט. און די טאטעס פון רחובות האבן צוגעגרייט א קבלת-פנים ברוב פאר והדר...

אין דעם אנגעגעבענעם טאג זענען קינד און קייט ארויס אויף אלע וועגן און שליאכן, וואס שניידן דורך די קאלאניע. אין אריינפאר האט מען אויפגעשטעלט אן ערן-טויער, דעקארירט מיט בלומען און פענער. און אז דרייסיק געקליבענע רייטער זענען אקעגנגעריטן דריי הונדערט טריט אויף דעם דרך־המלך, האבן די טראמפייטן זיך צעבלאזן.

דער נדיב איז אָנגעקומען. ער האָט איינגעמאָנט דעם צוגעטיילטן כבוד, ווי אַן אַלטן, קוראַנטן חוב. די שטאָט־טאַטעס האָבן אים געפירט מיט פאַראַד איבער אַלע סטעזשקעס. זיי האָבן געעפנט פאַר אים שפּייכלערס, שטאַלן, הינער־שטייגן, ווי מען עפנט פּאַלאַצן. די זקנים פון ישוב האָבן געהאַלטן רעדעס. זיי האָבן זיך איבערגענומען מיט די פּיאָנערן־יאָרן, ווען מען האָט מיט ציין און נעגל זיך איינגעביסן אין דער האַרטער ערד. מיטאָג־צייט האָט מען געשטעלט אַ מאָלצייט אונטערן פרייען הימל, פאַר דעם בנין פון דער מועצה. עס האָט זיך אויסגעזעצט די גאַנצע „פּני" פון דער קאָלאָניע.

נאָך די טאָסט־כוסות האָט דער נדיב הידוע זיך אויפגעשטעלט צו דאַנקען זיינע גאַסט־ביטער. אַ געבויגענער, אַ צעקנייטשטער, אַלט ווי דאָס משפחה־עשירות, האָט ער אָפּגעמאָסטן דעם באַגייסטערטן המון, וואָס האָט באַלאַגערט אַלע וועגן און סטעזשקעס. זיין שוואַכע ראיה האָט פאַרטאָפּלט די מענגעס, צעשטעלנדיק זיי אויף מיילן. און דאָס קול איז געווען צו אָנמעכטיק צו ענטפערן אויף די לויב־רייד און באַגייסטערונג.

צווישן דעם געקליבענעם עולם, וואָס האָט זיך געשפּאַרט נאָענט צום נדיבס טיש, האָט זיך אויך געפונען לייב. צוזאַמען מיט אַלע איינוווינער איז ער געווען איצט פול מיט מונטערקייט. ס'איז געווען דינסטיק. גלייך אין פרימאָרגן האָט ער אַוועקגעשריבן אַ פּאָסט־קאַרטל קיין תל־אביב, האָט זיך איבערגעטון און איז אַרויס צום פאַראַד. און אַז ער האָט זיך געהאַט דערשלאָגן שוין צום טיש, ווו די „פּני" זענען געזעסן, האָט ער מיטאַמאָל דערזען הינטער זיך אַ וואַנט פון פּלייצעס און עלנבויגנס. לייב האָט זיך נישט פּרובירט צוריקציען. ער האָט זיך גערוקט פאָראויס, צום אויבן־אָן, וועלנדיק צעקייען יעדן רמז, יעדע פאַרשטעלטע אָנדייטונג, וואָס די טאַטעס פון דער קאָלאָניע האָבן מיט אַ ברייטער האַנט צוגעטיילט צו דעם נדיבס לעבנס־מעשים.

מיטאַמאָל האָט דורך דער וואַנט זיך דורכגעריסן אַ קליינע, איינגעשרומפּענע תימנער פרוי, אָנגעטון אין אַ פּאָר שמאַלע רויטע הויזן ביז צו די קנעכלעך און מיט אַ ברייט לייוונט קלייד, אַריבערגעדעקט ביז צו די קניען, זי האָט זיך געשטופּט פאָראויס און געשריען:

— ווו איז דער באַראָן ראָטשילד? איך מוז זען דעם באַראָן!
אַלע האָבן איר נאָכגעקוקט שפּאָטיש.

— האַלט מיך נישט אָפּ — האָט זי רייניקנדיק פאַר זיך אַ וועג גע־קלאַפּט מיט די פינגער איבערן שמערן — איך מוז אים שוין זען. אַ גרויס זכות איז מיר בייגעשטאַנען.

פון צווישן עולם האָט מען דערקענט בתיהן, דעם תימנער שוחטס ווייב. דער עלטערסטער פון דער מועצה, משה נתיבי, אַ גרויער און אַ קנאָ־ביקער, האָט זיך אויפגעשטעלט פונעם טיש, ווו עס זענען געווען אויסגע־זעצט די נכבדים פון רחובות און ער איז אַקעגנגעגאַנגען זי איינצושטילן:

— וואָס איז די רוגזה, בתיה?

— אַ רוגזה? אַ שמחה! — האָט די תימנערין געגוואַלדעוועט — אַ יונג האָט זי געבוירן, מיין טאָכטער. אַט ערשט מיט צוויי שעה צוריק. פיר טעג האָט מיין אָרעמע צפּורה זיך געפּייניקט... זי איז שוין געווען חרוב פאַר־ביי און היינט אינדערפרי, ווען דער נדיב איז נאָר אַריבערגעטרעטן די קאָ־לאָניע, האָט זי גלייך געווינען. ווי אַן אויסלייזער איז ער געקומען... דער באַראָן! כ'מוז אים שוין זען. כ'וויל דאָס קינד רופן אויף זיין נאָמען!

— און דער בן־זכר איז געזונט, בתיה? — האָט משה נתיבי זיך צע־לאַכט.

די תימנער פרוי האָט גענומען זיך קנייפּן די באַקן, רייסן ביי דער נאָז, צופּן די אויערן. דאָס איז געווען אַ סימן פון אומגעהויערער פרייד:

— געזונט און שטאַרק! אַ גרויסער פעסטער יונג! קיין בייז אויג זאָל אים נישט אָניאָגן. שווער איז ער ווי אַ וואַסער־אַרבוז. ער וועגט גאַנצע ניין פונט. און ער שרייט ווי אַ בעל־קורא ביי דער מגילה!

אנשטאָט די תימנערין אָוועקצוטרייבן, האָט מען זי צוגעפירט צום אויבן־אָן. מען האָט זי אַוועקגעזעצט ביים טיש, מכבד געווען מיט אַ מאָל־צייט, די בייזיצערס האָבן אָנגעפּולט די כוסות מיט וויין און געטרונקען לחיים דעם ניי־געבוירענעם.

באַלד איז צווישן דעם עולם דורכגעלאָפן די נייעס, וואָס איז געגאַנ־גען פון מויל צו אויער.

— האָסט געהערט? דער באַראָן האָט געגעבן אַ מתנה!

— פופציק פונט פאר דעם בן־זכר!
— א מזל פון א תימנקע!
— זי האט געוווסט ווו אנצושפארן!

טייל מענטשן האבן געעפנט מויל און אויערן. די וואס האבן נישט געגלויבט, האבן זיך געשטופט פאראויס, כדי זיך איבערצוציייגן מיט די אייגענע אויגן.

לייב קארפ איז שוין געשטאנען צוגערוקט הארט צום מאלצייט־טיש, ווי ער האט דערשפירט, אז א היימיש באקאנט פנים קוקט אויף אים. פול מיט איבערראשונג האט לייב צוריקגעקוקט. ער האט יא דערקענט און נישט דערקענט דאס ווייטע־נאענטע פנים, וואס האט אזוי דורכדרינגלעך אים באטראכט. איידער ער האט באוויזן עפעס ארויסצורעדן, האט דער פרעמדער, א שמאל־ביייניקער, גרוילעכער מאן אים באגריסט:

— שלום קארפ!
— עפראן!
— זייט איר אויך אין ארץ־ישראל!
— שוין א קנאפ יאר.
— א גרינער?
— כ'האב שוין געפאקט און געמאזלט!
— וואס מיינט איר?
— כ'האב געוווינט אין יפו.
— בעת די געשעענישן ?

— ס'האט נישט גענומען מער ווי א רגע, ווי לייב איז שוין געזעסן מיט דעם שמאל־ביייניקן מאן פנים אל פנים. דאס איז געווען חיים עפראן, א ציוניסטישער מטיף און רעדנער פון פוילן. עפראן איז ארומגעפארן איבער פוילישע שטעט און שטעטלעך און פארשפרייט דעם געדאנק פון צוריקקער קיין ארץ־ישראל צווישן המון. לייב האט אים גוט געקענט. דורך דעם האלבן יאר, וואס עפראן האט פארבראכט אין זיין שטאט, האט לייב קארפ געהאלפן צונויפרופן אלע מיטינגען, איינצוארדענען אלע פאלקס־פייערונגען און אפילו געהאלפן פארקויפן דעם שקל. אלס איינגעזעסענער תושב, געשעצטער באלעבאס און ציוניסט איז לייב אין זיין שטאט געווען

טעטיק אין קהל־זאַכן. און ער געדענקט, אַז איינמאָל, ווען עפראַן איז אַרויסגעטרעטן אויף אַזאַ פאָלקס־פייערונג און פּראָקלאַמירט פאַר די דאָר־טיקע יידן אַ צירונג־ביישטייערונג פאַר דעם קרן־היסוד, האָבן בכבודיקע באַלעבאַטים אויסגעטון גאָלדענע זייגערלעך און חופה־וקידושין־רינגעלעך. זייערע פרויען האָבן אַראָפּגענומען טייערע בראָסלעטן און בריליאַנטענע אויערינגלעך און אַלץ אַוועקגעשאָנקען פאַר קרן־היסוד, פאַרן גרונט־פאָנד פון יידישן פאָלק.

יענע טעג האָבן צוגעבונדן לייבן צו דעם מטיף. ס׳איז געווען אַ בשותפותדיקער שכר פאַר דער מי און פאַר די קרבנות. איצט, אַז לייב האָט זיך מיט אים ווידער באַגעגנט, איז אים באַפאַלן אי אַ פרייד, אי אַ טרויער. פרייד אויף דער פאַרגאַנגענער צייט, ווען ער איז אימשטאַנד געווען צו טון כלל־אַרבעט און טרויער אויף זיין איצטיקן מעמד. אין געציילטע מינוטן האָט לייב פאַר עפראַנען קלאָר געמאַכט זיין לאַגע. און ווען די איבערראַשונג ביי עפראַנען איז אַוועק, איז געקומען די רגע פון מיט־געפיל און פליכט. ווי אַזוי העלפט מען דעם געפאַלענעם לייב? די פליכט איז איבערגעגאַנגען אין אַ באַלדיקער אויפגאַבע. ער האָט בלויז געדאַרפט זיך גוט איינקוקן אין לייבס טיפע, ווייכע אויגן, וואָס האָבן געמאָנט:

— טוט עפּעס פאַר מיר, עפראַן!

עפראַן האָט אָנגענומען לייבן פאַר אַ האַנט און אים אַוועקגעפירט הינטער אַ געדיכטן באַבלעטערטן קאַשטאַן־בוים, וואָס האָט געשפרייט קיל־קייט און שאָטן. ער האָט זיך אָנגערופן:

— איצט ווייס איך אַלץ, קארפּ. כ׳וועל זען אייך צו העלפן. די מניעה באַשטייט נאָר אין דעם, וואָס דאָרט אין פּוילן, האָב איך געהאַט דעה, מאַכט. און דאָ, אין ארץ־ישראל, בין איך בלויז אַ באַאַמטער, אַ פּקיד אין ועד־הצירים. כ׳ווין אין ירושלים. אָבער אין רחובות בין איך היינט לכבוד דעם באַראָן... די ערשטע זאַך, קארפּ, דאַרפט איר געניסן פון דער שטיצע, וואָס די קאָלאָניע טיילט היינט אויס. דער באַראָן האָט איבערגעלאָזט אַ גרעסערע געלט־סומע פאַר די נויטבאַדערפטיקע אין ישוב. כ׳וועל זען, אַז איר זאָלט אַרויף אויף דער ליסטע פון די געליטענע...

דאָס קילע ווינטל, וואָס האָט געבלאָזן פון די שווערע בלעטער־צווייגן

און נעגלעט ליבס פּנים, האָט נישט איינגעשטילט די צערודערונג, וואָס האָט פּלוצים אין אים זיך אויפגעכאַפּט... אָן אימפּעט האָט אים געגומען טרייבן פון אָרט. ער איז דאַנקבאַר געווען דעם מענטש, וואָס האָט פאַר-בלאָנדזשעט צו אים אין דער שעה פון זיין נויט. ער האָט געבענטשט די רגע פון דעם צוזאַמענטרעף. אַזאַ איבערראַשונג און אַזויפיל אומדערוואַר-טע אויסזיכטן! לייב קאַרפּ איז גרייט געווען נישט בלויז ווייטער אויסצו-הערן עפראָנען, נאָר אויך געהאָרכזאַם צו פאָלגן אַלע זיינע אָנווייזונגען און עצות. ביידע זענען אַרויס אויף אַ נאַקעטער סטעזשקע, וואָס האָט זיך געוויקלט צווישן בושעס און שטעכיקע קאַקטוסן. זיי האָבן זיך דערוויי-טערט פון דעם פריידיקן המון, וואָס האָט באַלאַגערט אַלע שטעגן און גע-טומלט. עפראָן האָט זיך אָנגערופן:

— איר דאַרפט אַרויס פון דער קאָלאָניע, קאַרפּ.

— כ׳זע נישט, וואָס עס וואַרט אויף מיר אין שטאָט — האָט לייב אַ פאַרווּנדערטער אָנגעקוקט עפראָנען.

— רחובות איז נישט פאַר אייך. לאָזט די אַרבעט אין פּרדס פאַר ייִנ-גערע — האָט עפראָן גייענדיק ווייטער גערעדט — אויב איר האָט געקענט טון כּלל-אַרבעט אין פּוילן, פאַרוואָס זאָלט איר עס נישט קענען טון דאָ? דערצו נאָך איצט אין שעת-חירום! איך גלייב אין אָן ארץ-ישראל, ווו יע-דער יחיד דאַרף שטיין אויף זיין פּאָסטן. דער אימפּעט און די התלהבות פון אַ פאָלק דאַרף ווערן אויסגענוצט אויף אַלע אופנים... כ׳האַלט נישט פון דער טעאָריע, אַז ביים בויען דאָס לאַנד דאַרף אַ תּלמיד־חכם וואַרפן דעם ספר און זיך נעמען צום גראָבאַרבעט און אַ דאָקטאָר דאַרף ווערן אַ שטיינ-העקער... איר, קאַרפּ, דאַרפט נישט טון קיין שווארצע אַרבעט... גרינדעט אַ נייעם קוואַרטאַל פאַר די פּליטים אין יפו... זאַמלט צונויף אַלע אַנטלאָ-פענע, וואָס זענען פונקט ווי איר געבליבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. דעראָ-בערט אַ שטח באָדן, פאַרפלאַנצט אַ ישוב... דערמיט וועט איר זיין אויס-געקויפט אי פאַר זיך, אי פאַר די נשרפים... דערמיט וועט איר אויך האָבן ביינעטראָגן אייער חלק צו דער גרויסער, אחריותדיקער אויפגאַבע פון גאולת-הקרקע...

די רייד האָבן לייב קאַרפּן אָנגעצונדן. נישט בלויז האָט ער זיך נישט

געקווענקלט ביי אַט דעם פּלאַן, נאָר ער האָט אָן דעם פאָרשלאָג זיך אָנגע-כאַפּט. דער בלויזער איינפאַל האָט געלאָקט. ס'האָט גערארפט קומען צו דער אומגעריכטער היינטיקער באַגעגעניש. ס'האָט געדאַרפט קומען צו די אויפמונטערנדיקע רייד, כדי ער, לייב קאַרפּ, זאָל פּלוצים נעמען טראַכטן וועגן שטעלן נייע צוגן, וועגן איבעראַנדערשן זיין לעבן. עפּראַן איז גע-גאַנגען פאָראויס ווי אַ וועגווייזער. לייב האָט נאָכגעשפּאַנט. גייענדיק דורך הינטער-סטעזשקעס, זענען זיי צוגעקומען צום אריינפאָר פון דער קאָלאָ-ניע, וווּ ס'לויפט דורך דער הויפּט-שאָסיי. רעכטס-צו, אין אַ טאָל איז גע-שטאַנען אַ שווערע, שטיינערנע געביידע. די טעראַסעס אין פראָנט — אונ-טערגעשפּאַרט פון גריכישע קאָלאָנעס.

עפּראַן האָט אָנגעוויזן אויף דעם בנין.

— דאָ וווינט יהושע נפחא. ער איז פּונקט ווי אַמאָל יהושע בן נון, דער דעראָבערער פון ארץ-ישראל-ערד... די אַראַבער רופן אים „שייך אל יאהוד". און די בעדואינער פונעם טאָל בית-שאַן האַלטן אים פאַר אַ כי-שוף-מאַכער, ווייל ער היילט אויס אַלע זומפּן איבערן לאַנד. ער קען דעם גערוך פון יעדער גרודע ערד... אַז איר וועט האַלטן ביים קויפן אַ שטיק באָדן פאַר דעם פּליטים-קוואַרטאַל, באַראַט זיך מיט אים, מיט נפחאן. ער ווייסט, וועלכער שטח איז קראַנק און וועלכער — פּרוכטבאַר...

לייב קאַרפּ האָט זיך אַליין געוווּנדערט, וואָס אויף זיינע טעגלעכע לאַנגע שפּאַצירן איבער די שליאַכן און וועגן, הינטער דער קאָלאָניע, האָט ער דעם בנין נישט געזען. ער האָט אָבער יאָ געזען דעם באַוווינער פון דעם הויז יהושע נפחא, ווי ער שפּרייזט פלינק איבער די אָפענע און זייַ-טיקע סטעזשקעס. אַ הויכער, אַ מוסקולירטער ווי אַן אַטלעט. די שמשון-הגיבור-באָרד מיט די גאָלד-גרויע לאָקן לייגן זיך שווער איבער זיינע אַקס-לען. שטענדיק האָט מען אים געזען אַן איילנדיקן, אַ יאָגנדיקן, ווי דער הונגער אויסצוקויפן וואָס מער באָדן. וואָלט אין אים שטענדיק געברענט...

לייב קאַרפּ האָט געוווּסט, אַז מיט דרייסיק יאָר צוריק האָט יהושע נפחא, נאָך אַ יונגערמאַן, אויסגעלייזט צען טויזנט דונאַם ערד פון דוראַן, אויף וועלכער ס'ליגט איצט פונאַנדערגעשפּרייט די צעוואַקסענע, פּרוכט-באַרע רחובות.

עפראַן האָט זיך געזעגנט און אָפּגעמאַכט מיט לייבן צו טרעפן זיך דעם זעלבן אָוונט אין דער מועצה, ווו מען וועט אויסטיילן דעם נדיבס הילפס-פאָנד. לייב, אַן אָנגעשעפּטער מיט גלויבן, האָט אים נאָכגעקוקט, ווי ער פאַרשווינדט צווישן די בושעס און צווייגן-קנופּן.

די זון האָט זיך געזעצט. ווינטעלעך האָבן געבלאָזן פונעם אָפענעם שליאך. דער פאַרנאַכט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט ווי אַ שאַרער דעקטוך איבער דער פּרייעלעכער, פילדערנדיקער קאָלאָניע.

קאַפּיטל אַכצן

אַ פאַרליבטער עפּענדי הינטער אלישבעס טיר

ווען לייב קאַרפּ איז צוריקגעקומען קיין תל-אביב, איז ביי רחלען אין הויז געווען אַן אמתע איבערקערעניש. אלישבע איז נישט אָפּגעטרעטן פון פאָטער. זי האָט אים געהאַלדזט און געקושט מיט אַזויפיל צערטלעכקייט און אויפגעבראָכענער קינדישער ליבע, ווי ער וואָלט נישט געווען אַוועק בלויז אויף עטלעכע חדשים אין אַ נאָענטער קאָלאָניע, נאָר ער וואָלט גע־ווען צוריקגעקומען פון אַ לאַנגער, ווייטער רייזע. אַלע בענקשאַפטן האָט זי איצט פון זיך אויסגעלאָדנט. רחל אַליין איז יענעם טאָג נישט אַרויס אין מאַרק צו דער געבעקס־בויד. טיילווייז פון איבעראַשונג און טיילווייז פון פרייד האָט זי גיך צעטראָגן די נייעס צווישן אַלע שכנים. זי האָט אָפּ־געקאָכט אַ יום־טובדיקן מיטאָג. ביז שפּעט ביינאַכט איז זי אַרומגעגאַנגען אַ צערודערטע. דער באַגייסטערטער לייב האָט געוועקט אין איר קורראַזש. ער אַליין איז געווען פאַרכאַפּט פון די אייגענע פּלענער. רחל איז נישט מיד געוואָרן נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל איבערצופרעגן ווי אַזוי די פּלוצימדיקע באַגעגעניש מיט עפראָנען און דערנאָך דער באַשלוס זיך אומצוקערן אַהיים איז פאָרגעקומען. צומייסטנס האָט זי זיך איבערגענומען מיט די הונדערט און פופציק פונט שטיצע, וואָס לייב האָט געקריגן פון דעם באַראָנס פאָנד. זי האָט געגלויבט, אַז מיט אָט דער סומע וועט זי זיך באַפרייען פון די צעוואָרפענע חובות. זי וועט אַרויס פון רחקות און זיך שטעלן אויף די פיס.

דעם זעלבן אָוונט איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז לייב זאָל די ערשטע פּאָר טעג זיך אויסרוען, גוט אַלץ איבערקלערן און אַז עס וועט דורך אַ וואָך, וועט ער אַוועקפאָרן קיין תל-זבולון אין דעם גדוד-העבודה, אין אַר־בעטס-לעגיאָן און וועט צוריקברענגען בנימינען אַהיים.

צווישן מאַן און ווייב איז אויך אָפּגעמאַכט געוואָרן באַלד אויסצור־בייטן דעם מאַרק-טיש אויף אַ שפּייז-קראָם, פונוואַנען מען וועט קענען ציען חיונה בכבוד. אַרבעטן אין קראָם וועלן אַלע, אויסער לייבן. ער, לייב, וועט דורכפאָרן דאָס לאַנד מיט מעקלערס, מיט באָדן-מבינים און אָפּ־קלייבן אַ שטח לאַנד אויף אויסצובויען אַ ניי שטעטל פאַר די יפוער פּליטים.

ס'ערשטע מאָל זינט יאָרן האָט רחל נישט אָפּגעשטויסן לייבס אַ פּלאַן. זי האָט עס אָנגענומען אָן ווידערשטאַנד, באַזונדער ווען אַזאַ אָנ־ווייזונג איז געקומען פון אַ דערפאַרענעם קאָפּ-מענטש, פון עפראַנען — איר אויסלייזער, ווי זי האָט אים גערופן. זי, די אויסגערעכנטע און פאַר־זיכטיקע, האָט דאָס מאָל זיך נישט געוואַקלט ביים שטעלן אַ נייעם שריט. זי האָט נישט געמאַכט און נישט געוויגן, ווי אַלעמאָל, די איינפאַלן, וואָס פלעגן איר פּלוצים קומען אויפן זינען. נאָכדעם ווי עפראָן האָט לייבן דערמוטיקט, האָט זי אַליין גענומען גלייבן, אַז אין איר שטילן, באַשיי־דענעם מאַן ליגן באַהאַלטענע מעגלעכקייטן, פאַרבאָרגענע כוחות, וועלכע ער דאַרף אויסנוצן. אַ באַשטעטיקונג דערויף איז געווען זיין געלונגענע רייזע קיין רחובות. און ווי גוט האָט אַלץ זיך אויסגעשפּילט! פאַר אירע לאַנגע טעג פון טרויער, פאַר אירע נעכט פון פּיין און טרערן האָט זי איצט געוואָלט טרייסט און פאַרגיטיקונג. זי האָט נישט צוגעלאָזט מער קיין צווייפל און פאַרביטערונג און גערעדט צום מאַן נאָכגיביק:

— טו אַלץ ווי דו פאַרשטייסט און זאָל זיין מיט מזל!

און לייב האָט געטון אַלץ ווי ער האָט אַליין פאַרשטאַנען. ס'ערשטע האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון צו נעמען אַ וואָך אויף אויסצורוען. דאָס אַרומגיין ליידיק איז איצט געווען אַ לאַסט. פאַר אים איז גענוג געווען איין טאָג אויף איבערצוכאַפּן דעם אָטעם. און באַלד צומאָרגנס, איידער ער האָט נאָך אָפּגעווישט דעם שטויב פון וועג, האָט ער זיך גענומען

אַרומקוקן אין שטוב, אויסגעפונען, וואָס עס איז דורך דער צייט פאַר־געקומען.

ער האָט די טאָכטער נישט דערקענט. דורך די דריי חדשים, וואָס לייב קאַרפּ איז געווען אויסער דער היים, האָט אלישבע זיך געביטן, ווי ס'וואָלטן דורך שוין יאָרן. זי איז געוואָרן ערנסטער, געלאַסענער. די האַסטיקייט אין אירע באַוועגונגען, די שטיפערישקייט, מיט וועלכער זי האָט אַלעמען אָנגעשטעקט, דער אומרו וואָס האָט זי תמיד אונטערגע־טריבן פון אָרט איז געווען פאַרשווונדן. אויך דאָס שמאָלע פּנים, לויכטנ־דיק און איידל איז איצט געווען אויסגעצערט. דער אַרויסרופערישער בליק — אָנגעלאָדן מיט טרויער... א ווייטיק, וואָס איז פאַררינגלט אויף זיבן שלעסער, האָט אַרויסגעקוקט פון אירע פולע בלויע אויגן. לייב קאַרפּ האָט לאַנג נישט געדאַרפט זוכן, כדי אויסצוגעפינען די סיבה פון איר פאַרענדערונג. ער האָט עס פאַרענטפערט מיט דעם, וואָס זי איז אָפּ־געזונדערט גאַנצע טעג איינע אַליין, וואָס אפרים אַרבעט איצט אין א רעגירונגס-אַמט אין ירושלים. אלישבע האָט היים געליטן פון איר איינ־זאַמקייט. זינט אפרים האָט אַלס אויסגעדינטער לעגיאָנער אָנגענומען דעם רעגירונגס-פּאָסטן און גלייך זיך אַריבערגעפּאַקט קיין ירושלים, האָט זי מיטאַמאָל דערשפּירט אזא פאַרלאָזנקייט, גלייך עמיץ וואָלט בייזוויליק אויפגעריסן די בריק און דורכגעבראָכן א תהום צווישן זיי. אלישבען האָבן געפעלט זייטיקע פאַרבינדונגען. זי האָט נישט געשלאָסן גיך נייע באַקאַנטשאַפטן. און דווקא האָט זי איצט שטאַרק זיך געניייטיקט אין נייע פריינט, אין וואַרעמקייט און אויפהייטערונג. די איבערלעבונגען אין יפו בעת די אומרועז, דאָס זיין אַן עדות פון בלוט און רויב — האָבן געלאָזט אויף איר שפּורן פון שווערן טרויער. זי האָט געוואָלט היילן דעם טרויער מיט אַרבעט, האָט זי אָבער נישט געהאַט צו וואָס זיך צו נעמען. דאָס בייהילפיק זיין דער מאַמען אין מאַרק האָט זי נישט באַפרידיקט, נישט באַרואיקט. אויב באַלד נאָך די יפוער געשעענישן איז דאָס העלפן שלעפּן קוישן מיט געבעקס יעדן פרימאָרגן פאַר איר געווען א חוב, א פליכט — איז עס אָבער איצט געווען א לאַסט און א דערנידערונג. אַרבעט האָט ביי אלישבען געמיינט זיך באַזעצן אין א ווייטן ווינקל אין עמק צי אין גליל,

זיך פֿאַרען ארום פּלאַנצן, זיך באַנוצן מיט פעלד־געציייג, זיין באַשעפ־טיקט מיט שפייזן פייגל און הויז־חיות... ערשט איצט איז צו איר גע־קומען די דערקענטעניש פון אָפּשאַצן ערד־ארבעט, וואָס זי האָט פריער אזוי געטון גרינגשעצן. אפרים האָט דערפון געוווסט און תמיד אָפּגע־שלעפּט אירע פּלענער. ער האָט נישט געוואָלט לאָזן אלישבען, די נישט־דערפאַרענע, זי זאָל שפּאַנען איינע אַליין אויף הארטע, שטעכיקע און אומבאַקאַנטע וועגן. ער וואָלט געווען צופרידן, אלישבע זאָל דורכשניידן דאָס לאַנד, אָפּטרעטן אין יעדן נייעם פונקט, אריינדרינגען אין איטלעכן ווינקל, אָבער נאָר ווי א גאַסט, ווי א דרויסנדיקער אויסקוקער און צו דעם האָט געדאַרפט אונטערקומען א געלעגנהייט. אין אפרימס אָנוועזנ־הייט האָט אלישבע אַלץ נאָכגעגעבן. סוף חודש אָב איז ער אָבער אַוועק קיין ירושלים. ער האָט אָנגעהויבן ארבעטן אין דער רעגירונגס־ביוראָ פון לאַנד־מעסטערס. געקומען קיין תל־אביב איז ער נישט זעלטן. איינמאָל אין דריי וואָכן, ווען ער איז געווען פריי פון זיין אמט, שבת און זונטיק. די צוויי טעג זענען געווען צו קורץ צו זעטיקן אלישבעס הונגער נאָך פרייד, צו לעשן אירע בענקשאַפטן. זי איז געווען באַזאָרגט, אז די צע־שיידקייט דערווייטערט אפרימען. די צייט קען ענדערן פירונגען און גע־וווינהייטן. און זי, אלישבע? זי וועט ווערן א צופאַל, בלויז אַן אויסרייד פאַר א געצוווּנגענער באַגעגעניש אינמיטן פון אפרימס פליכטן און אויפ־גאַבן. זי האָט זיך געשראָקן, אז זי פּלאָנטערט זיך אין א נעץ און נישט געוווסט, וואָס וועט פון דעם ארויס.

און אַזוי ווי אלישבע איז געווען פאַרטון מיט איר מורא און פאַר־דאַכט, האָט זיך מיטאַמאָל אונטערגערוקט א פּאַסירונג, וואָס האָט איר פאַרשאַפט פון אָנהויב נישט ווייניק ערגערניש און צום סוף אויך שפּאַס און פאַרווײַלונג.

דאָס הויז, וווּ אלישבע מיט אירע עלטערן האָבן געוווינט, איז גע־שטאַנען הינטער תל־אביב, אויף א ליידיק פעלד, וווּ עס ציען זיך שמאָ־לע וועגן צו דעם נאָענטסטן אראַבישן דאָרף טאַנבאַ. דאָס הויז, געבויט פון זאַמד־שטיינער, אין אראַבישן סטיל מיט א פאַרמויערטן הויף פון פאָרנט און פאַרקראַטעוועטע פענצטער פון הינטן, איז געשטאַנען איינ־

זאַם. באַלד נאָך די יפוער אומרוען, ווען די אַראַבישע פוס־גייער און אייזל־רייטערס האָבן מורא געהאַט זיך צו באַווייזן אויף די וועגן, איז געווען שטיל אַרום, ווי אין אַ מדבר. ערשט מיט וואָכן שפּעטער, ווען די געפאַר פון איבערפאַלן איז פאַרביי און דער פאַרקער צווישן יפו און די אַרומיקע דערפער האָט זיך באַנייט, האָט איבער די שמאָלע וועגן ווידער זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג. עס האָבן גענומען ציען קאַראַוואַנען מיט לאָדונג. עס האָבן געשפּאַנט באָרוועסע פעלאַכן און ס'האָבן זיך פאַרביי־געטראָגן אויסגעפוצטע רייטנדיקע עפענדים.

איינמאָל אין אַן אָנגעהייצטן זוניקן טאָג, ווען אלישבע האָט געעפנט דאָס אייזערנע טויערל און איז אַרוים אין הויף אָנציען אַ שטריק אויף פונאַנדערצוהענגען די וועש, איז פאַרן טויער פאַרבייגעריטן אַ יונגער ברוין־הויטיקער עפענדי. ער האָט דערזען אלישבען אין אַ ווייס אָפּגע־צויגן קליידל, אין סאַנדאַלן אויף די באָרוועסע אָפּגעטאָקטע פיס, ווי זי אַרבעט אַרום די שטריק, זי ציט אויס איר בויגעוודיקן קערפּער, אירע ווייסע קניען ווערן אָפּגעדעקט און איר פיגור ווערט דינער, עלאַסטישער — האָבן דעם יונגן עפענדיס שוואַרצע אויגן זיך אָנגעצונדן ווי אויפ־געבלאָזענע גלי־קוילן. ער האָט לאַנג נישט געטראַכט, דרייסט און פרעך אַריינגעקוקט אלישבען גלייך אין פנים אַריין. ער האָט אַרומגעקרייזט דאָס הויז פון אַלע פיר עקן, פון גרויס גדולה האָט ער אָנגעשרויפט זיינע שפּיציקע וואָנצעלעך ווי קנויטלעך, דערנאָך אַ זאָג געטון גלאַט אַזוי אַ פּאָר בענטש־ווערטער און לאַנגזאַם אָפּגעריטן מיט אַ זייטיקער סטעזשקע.

אָבער צומאָרגנס איז ער ווידער געקומען אָנגעצורייטן. דאָס מאָל אַן אויסגעפוצטער; נישט בלויז איז ער אַליין געווען אָנגעטון אין אַ גלאַנ־ציקער זיידענער פורפור־רויטער אַבאַיע און אויפן קאָפּ אַ געפּרעסטע פעסקע מיט אַ טראָלד, נאָר אויך זיין פערד איז געווען אויסגעצירט מיט אַ נייעם זאָטל, באַהאָנגען פון ביידע זייטן מיט פאַרביקע פּאַטשערקעס. דער עפענדי האָט אלישבען נישט געטראָפן. ער האָט אָבער געהאַט גע־דולד. די אָריענטאַלישע נישט־איבערגעאיילטקייט און אויסדויער־כוח ביים אויספירן פּלענער, האָבן געהייסן וואַרטן. און ער איז געבליבן שטיין ביים טויער ביזן רעכטן פאַרנאַכט אַריין.

ווען אלישבע איז אָנגעקומען פון מארק, האָט זי זיך געשראָקן אַריינ־צוגיין אין הויף. דער אויסגעפּוצטער עפּענדי איז אָפּגעריטן אויף אַ שטרעקע און פארשוואונדן צווישן אַ געפּלעכט פון בושעס. אָבער נאָך אַ האַלבער שעה, ווען זי האָט אינעווייניק, אין די צימערן געטון איר הויז־אַרבעט, האָט זי געהערט דאָס קלאַפּן פון פערדישע פּאַדקאָוועס הינטערן פענצטער. באַלד האָט פון יענער זייט קראַטעס זיך באַוויזן אַ ברוין פּנים, פול מיט שמייכל און חניפה, וואָס מען טרעפט נאָר ביי אַ פאַרליבטן מזרח-מענטש.

— באַרכאַבאַ יאַ בינעט שעלעבי! 1) — האָט דער אַראַבער אויס־געשריגן.

אלישבע וואָס איז געווען אַליין אין הויז, האָט האַסטיק אַראָפּגע־לאָזט דאָס פאָרהענגל איבערן פענסטער. אָבער דער יונגער אַראַבער איז נישט אָפּגעטרעטן. כאָטש זיין טונקל פּנים מיט די שפּיציקע וואָנצעלעך האָט זיך מער נישט געזען, האָט זי אָבער געהערט זיין האַניק־קול.

— שרעק זיך נישט, מאַסקאָבישע טאָכטער! כ׳בין נישט קיין ווענ־רויבער. ווייסט פונוואַנען איך שטאַם? פון דעם רייכן שבט אל באַכאַר. מיין פאָטער איז צאַלאַך אבו סאַאוד. ער פאַרמאָגט די פעלדער און וויינ־גערטנער אַרום דעם דאָרף טאַנבאַ. איך הייס סאַלעם.

אלישבע, וואָס איז געווען אַליין אין הויז, האָט האַסטיק אַראָפּגע־שטעלן זיך. איר שווייגן — איז זי זיכער געווען — וועט אים באַליידיקן, אָפּנעמען זיין קוראַזש, פאַריאָגן אים. זי האָט נישט געוווסט, אלישבע, אַז פאַרליבטע אַראַבער אנטלויפן בלויז פאַר אַ שווערד-געפעכט. נאָך אַ ווייַ־לע איז ער אויסגעוואַקסן הינטער די קראַטעס פונעם צווייטן פענצטער:

— ווילסט זיך דורכרייטן, יאַ בינעט? ביים נביא! אָט דאָס פערד יאָגט דרייסיק מייל אַ שעה. עס לויפט אַריבער צוימען. עס שפּרינגט אַרי־בער פּלויטן. ס׳איז פלינקער פון אַ רייט-קעמל. מיין ברודער האָט עס אין דמשק געקויפט. און אויב דו באַשטייסט, שיינע, רייט איך צו אין דאָרף און ברענג דיר פון דעם שפּייכלער אַ געשאַנק: רייפע וואַסער־אַרבוזן,

---

1) ברוך הבא, טאָכטער שיינע!

קאַקאַס־נים און אַ צווייג מיט טייטלען... ווילסט, מאַסקאַביע שיינע?

אלישבע האָט פלינק אַראָפּגעלאָזט דאָס פאַרהענגל איבערן צווייטן פענצטער. זי האָט פאַרשלאָסן פון אינעווייניק די טיר און איז געבליבן זיצן אין איין שרעק.

אַ טאָג שפּעטער האָט דער עפענדי געבראַכט דאָס צוגעזאָגטע גע־שאַנק. ער האָט אַראָפּגעלאָדנט פון אַ קעמל אַ זאַק מיט ארבוזן, קאַקאַס נים און טייטלען. אלישבע האָט דאָס געפונען ליגן ביים אייזערנעם טויערל פון הויף, ווען זי איז אָנגעקומען פאַרנאַכט. זי האָט זיך נישט געקענט אָפּזאָגן פון דעם עפענדי. יעדן טאָג האָט ער אָפּגעליפערט מתנות. ער האָט גערעדט צו איר פראַנצויזיש, באַשאָטן זי מיט קאָמפּלי־מענטן, מיט זיסע חניפה־רייד. דעם אַראַבערס צוגעלאָזנקייט האָט אלישבען באַאומרואיקט. זי האָט געשפּירט אין זיינע אָפּטע באַזוכן מער ווי גלאַט אָריענטאַלישע פריינטלעכקייט און גוטמוטיקייט. און דאָ איז זי אליין אין הויז, אָן שוץ, טאָמער פּאַסירט עפּעס. און כאָטש זי האָט ווייניק פאַרשטאַנען אַראַביש, האָט זי אָבער באַנומען דעם עפענדים מיין, זיינע אָנצוהערענישן. דער טונקל־הויטיקער אַראַבער איז געווען דאַרשטיק נאָך אַ ווייסע פרוי. זי האָט דאָס געזען אין זיינע הייסע שווארצע קוילן־אויגן, ווען ער האָט געקוקט אויף איר. זי האָט עס דער־שפּירט אין זיין אָטעם, וואָס האָט געבלאָזן פון זיינע היציקע נאָז־לע־כער. אַלץ אין אים האָט געזאָטן, ווען ער האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל פון הויז. און כאָטש ער האָט פאַרזיכערט, אַז ער איז נישט קיין וועג־רויבער, האָט זי פונדעסטוועגן זיך איינגערעדט, אַז זיין פערד, זיין רייט־קעמל, לויערט אויף איר. ווו האָט זי דאָס געהערט? האָט זי עס געלערנט? דער מזרח־מענטש איבערראַשט מיט זיין כיטרעקייט. דער מדבר־וואַנדערער פונקט ווי דער ים־פּיראַט גייט אויף דעם זעלבן פאַנג. ער באַגריסט זיך מיט דעם בלאַנדזשענדיקן דורכפאָרער. ער לייגט זיך צו זיינע פיס, בעטשט אים, ווערט זיין וועג־ווייזער. און ווען דער דורכ־פאָרער פאַרלירט די פאָרזיכטיקייט, באַפאַלט ער אים מיטן פאַרשטעק־טן וואָפן. ער נעמט מיט גוואַלד דאָס, וואָס ער קען נישט דערלאַנגען מיט גוטן.

אלישבע האָט דאָס אַלץ דערציילט איר מוטער. רחל האָט איר טאָכ-טערס שרעק אָנגענומען פאַר איבערגעטריבן. אלישבע איז צוליב דעם גאַנצע טעג אין הויז נישט געקומען. זי האָט מקנא געווען בנימי-נען דעם ברודער, וואָס האָט פּלענער און שטעלט צוגן. ער גייט אָן אָפּ-האַלט. ער שטעלט איין, ריזיקירט... אין דער ריכטיקער צייט האָט ער זיך אַרויסגעריסן פון הויז. גלייך ווי ער האָט אַרויפגעשטעלט אַ פוס אויף דעם נייעם לאַנד, האָט ער זיך געיאָגט איבערצואַנדערשן זיין לעבן, צו פאַרלאָזן די היים, וואָס איז פאַר אים געווען איינגעהילט אין אומעט און אין מרה־שחורה. כאָטש זי, אלישבע, איז אָפּט אויסגעשטאַנען פון זיינע קריגערייען און שטרייטן, האָט זי אָבער באַהאַלטענערהייט באַוווּנ-דערט זיין עקשנות, זיין אויסגעהאַלטנקייט, וואָס האָט זיך נישט גע-בראָכן אפילו פאַר דעם ווילן פון די עלטערן. ער האָט געוואָלט ביים אויסברוך פון די אומרועןן באַלאַנגען צו דער הגנה, צו דער זעלבסטשוץ און ער האָט דעם זעלבן טאָג נאָך באַלאַנגט! ער האָט מאַרשירט אין זייערע רייען. ער איז געשטאַנען אויף זייערע וואַך־פּאָזיציעס. ער האָט געשטרעבט צו אַנטלויפן אין אַ קיבוץ און אַט זיצט ער שוין חדשים אין גדוד־העבודה. ער אַרבעט אין אַ שטיינהאַקעריי. אויך זי, אלישבע, האָט באַדאַרפט פאָרן אין אַ קיבוץ, איז אָבער אפרים געווען אַ שטער. איר רייפע מיידלישקייט, איר ווייבלעכע זעלבסטשטענדיקייט איז געווען באַליידיקט, ווען מען האָט אירע פּלענער געצוימט, אירע אַמביציעס גע-שטערט. דערצו האָט זי געליטן פון אפרימס דערוואַרטקייט. פונ-דעסטוועגן, אַז ער האָט זי דערוואַרט, ווען ער איז ווידעראַמאָל געקו-מען אין אַ פרייטיק אויף צוויי טעג קיין תל־אביב, האָט זי אים גלייך אָנפאַרטרויט די פּאַסירונג מיט דעם יונגן עפענדי.

אפרים האָט לאַנג נישט איבערגעקלערט ווי אַזוי צו באַפרייען אלישבען פון דער אָנשיקעניש. מיט דער געניטקייט פון אַן ארץ־יש-ראלניק, וואָס איז גוט אויסגעקאָכט אין די מנהגים, פירונגען אין לי-בעס ביי יונגע היציקע אַראַבער, האָט ער באַשלאָסן גאָר פלינק צו פאַר-יאָגן דעם רייכן, זאָרגלאָזן ליידיקגייער פון הינטער אלישבעס טיר.

קאַפּיטל ניינצן.

אויפן בשמים-מאַרק אין יפו

גלייך צומאָרגנס, שבת אינדערפרי, ווען אלישבע האָט זיך געריכט אויף דעם פאַרליבטן עפענדיס טעגלעכן וויזיט, האָט אפרים אַליין אים אָפּגעוואַרט ביים אייזערנעם טויערל פון הויף. אלישבען האָט ער אוועקגעשיקט פון הויז אויף אַ גאַנצן טאָג. אַרום מיטאָג־צייט איז דער יונגער עפענדי, אָן אויסגעפּוצטער, אין אַ זיידענער אבאיע געלאָפן אָנגעריטן אויף זיין פערד. דערזעענדיק אפרימען זיצן אויף אַ שטיין פאַרן טויער, האָט ער פאַרזיכטיק גענומען זיך צוריקציען.

אפרים איז אים אַקעגן געגאַנגען אַ שמייכלענדיקער.

— ווּעמען זוכסטו, יאַ אחאַ, מיין שוועסטער?

— די שיינע מאָסקאָביע איז דיין שוועסטער? — האָט דער אַראַבער אַ דערפרייטער פון דעם פרעמדנס ברוך־הבאַ אַ פרעג געטון.

— ווייסט נישט? זי איז אַ שעמעוודיקע, עכסה... האָט זי דיר נישט דערציילט וועגן מיר? איך וווין אין ירושלים, כ'האַנדל מיט ים-פיש. היינט בין איך געקומען אויף אַן איינקויף אין יפו. אַ שטאָלצע איז זי, מיין שוועסטער, צו איר מוז מען האָבן מזל.

דער אַראַבער איז אַראָפּ פון זיין פערד און געקריגן לשון.

— זי איז פאַרזיכטיק ווי אונזערס אַ מוסולמענישע טאָכטער. זי שווייגט ווי אַ וואַסער־שעפערין אין דאָרף. אפילו צו דער אָפּגעהיטנסטער הארעם-ווייב קען מען אָנשפּאַרן מיט געשאַנקען. און זי האָט אפילו נישט אָנגענומען מיינע טייטלען, מיינע אַרבוזן און קאָקאָס-ניס...

— נישט אזוינע געשאנקען ברענגט מיט זיך א פארליבטער... פרעג די אַלטע מאכמעדאַנישע ווייבער־יענער און זיי וועלן דיר זאָגן, אז דו דאַרפסט א קופּערנע קמיע, א כשוף־שפּרוך, איידער דו גייסט אויף פאנג... קענסט זיי נישט, די מאָסקאָבישע טעכטער. אפילו מיט א שמע־קעדיקע זאַלב, מיט א געווירץ קען מען זיי מאכן ריידעוודיק...

ביים יונגן עפענדי האָבן די הייסע אויגן זיך צעפלאַקערט, ווי די גליענדיקע קוילן אויף דעם האלדז פון א נארגילע־פלאַש, נאָכדעם ווי מען צעבלאָזט זיי... אפרימס אָנצוהערעניש איז אים געפעלן. נאָך מער האָט אים גענומען זיין אָפנקייט. ער רעדט גאָרנישט פארשטעלט, גאָר־נישט אָפגעשלאָסן, ווי די אנדערע „מאָסקאָבן" און ביז ער האָט באַוויזן אַרויסצוזאָגן א ווונטש, אז ער מיינט בלויז צו רעדן צו זיין שוועסטער, בלויז פריינטלעך צו זיין, האָט אפרים זיך ווידער אָנגערופן.

— אין א שעה אַרום פאַר איך קיין יפו צו די פישערס, ווילסט מיטרייטן? וועט מען אָפטרעטן אויפן אַלטן בשמים־מאַרק. דאָרט קענסטו אויפכאַפּן א קמיע, קויפן א זאַלב. קענסט זיך דורכרעדן מיט א היי־ליקן, מיט א כאדזשי... אויך אָפּשפּרעכערינס און כשוף־מאכערס דרייען זיך צווישן די בוידן. איך אַליין יאָג זיך אויך נאָך א שיינע טאָכטער, וואָס וויל מיך נישט קענען... פון דעם יפוער בשמים־מאַרק וועסטו שוין אָן א צויבער־געטראַנק נישט צוריקקומען.

דער צעהיצטער אַראַבער, וואָס האָט, ווי יעדער מאמין, געגלויבט אין אויסטערלישקייטן, האָט פון פרייד אָנגעכאַפּט אפרימען פאַר דער גאָמבע. אַליין האָט ער זיך גענומען קראַצן דעם שטערן און זיך פונאַנ־דערגעגאַנגען מיט א כאָרכלענדיקן האלדז־געלעכטער, א צייכן, אז ער איז באַגייסטערט און איינשטימיק...

ווען ביידע זענען שפּעטער אַראָפּגעקומען אין יפו, דער אַראַבער רייטנדיק און אפרים — פאָרנדיק אין א געדונגענער אַראַבישער קאָטש, האָבן זיי גלייך זיך אָפּגעשטעלט ביים בשמים־מאַרק.

אויף אפרימען האָט שוין פון פריער געוואַרט א ברוינער, צעוואַקסענער יונג, אָנגעטון אין טערקישע קליידער, מיט א בייטש אין האַנט. דאָס איז געווען זכריה קאַראַסאָ, א ספרדישער בעל־עגלה, וואָס האָט

גוט געקענט די פארשטעקטע מקומות און פארדעכטיקע פלעצער אין אלט-יפו. און דאס האט אפרים געהאט מיט אים אפגערעדט, ער זאל אים אנטקעגן גיין אויפן בשמים-מארק, העלפן צורעכט מאכן דעם פאר־ליבטן אראבער.

זכריה קאראסא האט נישט געווארט, ביז אפרים וועט אים פאר־שטעלן. דערנענטערנדיק זיך האט ער א ווינק געטון צו אים מיט אן אויג און זיך צערעדט אויף אראביש, דער עפענדי זאל פארשטיין.

— די לאדונג פון פיש וועט פארטיק זיין ערשט פארנאכט... קענסט דאך זיי די יפוער פישער? פוילער ווי די פעלאכן. און דער אנ־פירער זייערער שפאצירט ארום אין דער האפן־גאס, ווי א מוכטאר ארום זיינע שייערן... אז דער בויך זאל אים געשוואלן ווערן, ווי דער קופאל פון א מעטשעט! ווילסט ארייגגיין דערווייל אין א טרונק־שטוב?

— אין אזא היץ? — האט אפרים זיך צעשריגן — א קרוג ווייו וועט אונדז בלויז דערווארעמען. לאמיר בעסער דורכגיין דעם בשמים-מארק, אנקוקן די קמיעות און שמעקעדיקע געווירצן... מיר ביידע, איך און סאלעם — האט ער אנגעוויזן אויף זיך און אויף דעם אראבער — זוכן א צויבער-געטראנק, א כשוף־וואסערל... מיר ביידע זוכן מזל און ליבע...

זכריה האט ארייגגערוקט סאלעמען א ברייטע צעכמאליעטע האנט און זיך צעלאכט אויף אלע ציין.

— איך, זכריה קאראסא, גלויב נישט, יא אחא, אין כשוף־וואַ־סערלעך און אין צויבער-געטראנקען. אז עס קומט צו ווייבער און מען דארף אויפרודערן זייערע בלוטן, גיי איך צו אפשפרעכערס און שטערן־טרעפערס.

— און זיי העלפן? — האט סאלעם געפרעגט.

— זיי טרעפן מיט דער צונג, ווי א בויגן־שיסער מיט דער פייל — האט זכריה פארזיכערט דעם עפענדי — מען דארף נאר ארייננפאלן צו דעם ריכטיקן אפשפרעכער אדער כשוף-מאכער, מיט דעם פייער פון זייערע אויגן קענען זיי אנצונדן דאס קאלטסטע ווייב... צומייננסטן וווינען זיי, די שטערן־טרעפערס, אין די חרובע הייזער הינטערן מארק. ווילסטו, וועלן מיר איצט צוגיין...

זכריה, נישט ווארטנדיק אויף אן ענטפער, האט צוגעבונדן דעם אראבערס רייט־פערד צו א קלאָץ, די געדונגענע קאַטש האט ער צוגע־פירט צו א וואנט און אלע דריי מאנסבילן האבן זיך געלאָזן גיין צווישן די געדיכטע אויסגעשטעלטע הענדלער־בוידן.

דער יפוער בשמים־מארק, וואס קוקט אויס ווי א ווינקל פון דעם גרויסן געווירצן־מארק אין דמשק, איז איצט געווען געפאַקט מיט מזרח־סוחרים, טומלדיקע פארמיטלערס און פילדערנדיקע איינקויפערס.

פעטע, בייכיקע, הענדלער, אין זייערע ברייטע כאַלאַטן זענען גע־שטאַנען הינטער בוידן און שטופ־וועגעלעך. יעדער האט געהיטן זיין פאַק מיט סחורות, וואס איז באשטאַנען פון געווירצן, זאַלבן, בוים־אייל, קרייטעכצער און קעמל־מילך... יעדער האט אויסגעלויבט זיינע ארטיקלען אויף די העכסטע קולות. עס זענען אַנגעריטן אויף אייזלען אראבער פון ווייטע דערפער. קעמלען, באהאַנגען מיט קאָלירטע ביי־טשן פאַטשערקעס און מיט שווערע, מעשענע גלאָקן, האבן געטראָגן אויף זייערע הארבן טונקעלע, בערדיקע בעדואינער. דאס זענען געווען עלטסטע פון מדבר־שבטים, וואס זענען אַנגעפאָרן איינצוקויפן געשאַנ־קען פאר זייערע קעבס־ווייבער. צווישן די געפראַפּטע שטעלן האבן זיך אויך געדרייט איינזאמע, איינגעטריקנטע מאנסבילן, ענלעך צו יעוונוכן. דאס זענען זיי געשיקט געוואָרן פון די הארעמס, אויסצוגעפינען און אויסצושמעקן נייע מיטלען פאר שיינקייט.

די אלע מציאות־זוכער און איינקויפערס זענען באַגריסט געוואָרן פון די פלינקע, פעטע בויד־הענדלערס, וואס זענען זיי אקעגנגעלאָפן, געשמייכלט גאסטפריינטלעך און געוואָלדעוועט:

— לויטערער איילבירט פאַרן קערפער — א גלוסטונג פאר דעם אָפּגעקילטן מאַן...

— א כשוף־וואַסערל אין די אויגן ברעכט יעדן זכרם הארץ.

— א ליבעס־געטראַנק, וואס צינדט אָן אלטע מענער און מאכט פלאַקערן יונגע...

קיינער האט זיך אזוי אויפמערקזאם נישט צוגעהערט צו די שרייערס און אויסרופערס ווי פּאלעס, גייענדיק, האט ער געגלאָצט

מיט די אויגן אויף די אויסטערלישע בוידן און האַנט־וועגעלעך, וואָס זענען געווען באַלייגט מיט פולע קרוגן, פלעשער און קעסטלעך צירונג. יעדע ווײַלע האָט ער אויסגעדרייט דעם קאָפּ הינטערווײַלעכץ און נײַ־געריק באַטראַכט די הענדלערס פּון ליבע. זײַערע אָנצוהערענישן, זײַערע הייסע, פּרעכע רייד, באַגלייט פון פאַרדעכטיקע העויות, האָבן אויפגע־זאַטן אין אים דאָס בלוט, גלײַך ער וואָלט נישט געווען אַן אַראַבער פון ישוב, נאָר אַ ווײַטער מדבר־וואַנדערער, וואָס באַווײַזט זיך ס'ערשטע מאָל אויפן שטאָט־מאַרק, ווו מען פאַרקויפט אויף דער קוואַרט און אויף דעם אייל זינד און פאַרבאָטענע פאַרגעניגנס.

זכריה האָט אַ צופּ געטון אפרימען פאַר אַן אַרבל, אָנווײַזנדיק אויף סאַלעמען:

— ער גייט ווי אַ שכורער.

— גוט. וועסט אים קענען שנעלער פאַרכשופן.

זיי זענען צוגעקומען צו אַ ברייטן אויסגעוועלבטן טויער, דורך וואַנען ס'האָט געצויגן אַ קאַראַוואַן מיט קעמלען. די קעמלען האָבן גע־טראָגן צום מאַרק פעק מיט טײַערע שטאָפן, לאָדונגען מיט זײַדענע גע־וואַנדן. פון יענער זייט טויער האָט זיך אַרויסגעזען אַ בלאָ־געקאַלעכטע הייזל. די אָפענע טיר אין פראָנט, פאַרהאָנגען מיט שיטערע פאָרהאַנ־גען פון ביינערנע קרעלן און פאַטשערקעס. ווען די דרײַ מאַנסבילן זענען פאַרבײַגעגאַנגען דאָס הייזל, האָט אַ פרויען־קאָפּ מיט צעלאָזענע האָר זיך באַוויזן אין טיר. באַלד האָט די פאָרהאַנג זיך פונאַנדערגעשאַרט און ס'האָט זיך אַרויסגעזען אַ פעט־לײַביקע אַראַבערקע. אירע אָפּגע־דעקטע אַקסלען און נאַקעטע אָרעמס באַהאָנגען מיט גאָלדענע האַלדז־בענדער און בראַסלעטן. זי איז געשטאַנען אין אַרײַנגאַנג אַ פּרעכע, אַ לאַכנדיקע און גערופן די פאַרבײַגייער צו איר האַלב־נאַקעטן קערפער, ווי עס רופט דער הענדלער צו זײַנע זאַלבן און געווירצן.

זכריה האָט פון שפּאָס וועגן צוגעוווּנקען צו דער פרײַלעכער אַראַ־בערקע, געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער איז אַ מבין אויף איר פעט לײַב, וואָס קען זײַן אַ תענוג פאַר אַ סולטאַנס געלעגער. בלויז סאַלעם האָט זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט. דער אַראַבערקעס ברענענדיקע אויגן — היים

און ארויסרופעריש, אירע ווייסע ציין — פרעסעריש האבן אים צוגענאגלט צום ארט. מיט די שארפע נאז-לעכער האט די זונה דערשמעקט איר פאנג. זי האט גענומען טרייסלען מיט איר בויך, ווי אין טאנץ-קאנוולסיעס, וועלנדיק ארויסרופן הייסע באגערן מיט אירע באוועגונגען. דער אראבער האט נישט אראפגענומען די בליקן פון אירע אפגעדעקטע ערטער, פון די האלדז-בענדער און ארעם-בראסלעטן, וואס האבן זיך געהאלטן אין איין אראפלאזן, אין איין פארלירן זיך און עפענען אלץ נייע פארבארגענע קערפער-טיילן.

ביי סאלעמען האט דאס בלוט געשלאגן צום קאפ. די אויגן האבן געפלאקערט. אין זיין צעפלאמטקייט איז ער גרייט געווען צו פארשווינדן מיט דער אויסגעלאסענער הינטער דעם שיטערן פארהאנג. גראד דעמאלט האט אפרים אים איבערגעוועקט מיט א לייכטן קלאפ איבער די אקסלען.

— צו קריגן אזא איינע האסטו נישט באדארפט ארויסקומען אזש אויפן בשמים-מארק...

פאר א געדרייטער טרעפ, וואס האט געפירט אין א טיפער גראט אריין, האבן זיי זיך פארהאלטן. אן עלטערער הענדלער, באלאגערט און ארומגעצוימט מיט פארגלאזטע קעסטלעך, האט זיי פארשפארט דעם וועג. דער הענדלער האט געוואכט איבער די קעסטלעך, ווי איבער אוצרות. זיי זענען געווען אנגעפולט מיט קרומע שפיזן און קמיעות, מיט איינגעוויקלטע שלאנגען און עקדיישן, מיט גיפט-שפינען און באפליגלטע ווערים.

דער הענדלער האט ארויסגעשטעקט א שמאלן, אויסגעצערטן קאפ, ווי ביי א נזיר, באדעקט מיט א געלן שקארמיץ און געפרעגט:

— סאלום אליקום, גלויביקע! וואס זוכט איר אין דעם מארק פון מזלות? א שפיז? א בייסיקע שלאנג? א בין, וואס טראגט סם אין שנאבל?

— דו האסט בלויז פארשאלטענע זאכן! — האט אפרים זיך אנגערופן.

— ביי מיר קענט איר זיך אלץ אויסקלויבן, גלויביקע — האט דער

הענדלער געטשמאַקעט מיט זייַנע פאַרברענטע ליפּן — כ'האָב אַ גיפט־מיטל פאַר נקמה און אַ ווילדן וואָפן פאַר ליבע. כ'האָב אַ בייטש קרעלן, וואָס קען דערשטיקן אַן אומגעטרייַע ווייַב. כ'האָב אפילו אַ ברענענדיק געטראַנק פאַר בלוט-אויסלייזונג...

— מיר ווילן קויפן אַ קמיע!

— אַ קופּערנע, צי אַ גאָלדענע? — האָט דער הענדלער רעדנדיק צע־פּירט זייַנע הענט איבער די פאַרגלאָזטע קעסטלעך — פאַראַן איבערגע־נוג! כ'האָב קמיעות, וואָס פאַרהיטן פון באַטרוג און קמיעות וואָס טרייבן צו רציחה. די זאַכן קומען פון באַגדאַד און דמשק... ביים נביא! אַז מען זיצט אויף דעם בשמים־מאַרק צווישן אַזויפיל ליגנערס, דאַרף מען צו פּרעמדע דורכגייער רעדן מיט ערלעכקייט און פאַרכט. מען דאַרף זיי אויסזאָגן דעם גאַנצן אמת...

— וואָס פאַרא אמת? — האָט אפרים נייַגעריק געפרעגט.

דער אויסגעצערטער הענדלער האָט פאַרזיכטיק זיך אַרומגעקוקט, צי קיינער הערט נישט אונטער, דערנאָך האָט ער זיך צוגעבויגן צו אפרימען און געגרעדט אויפן אויער.

— אַז מען איז אַרומגערינגלט בלויז פון אָפּנאַרערס, ווערט מען אַליין אויך פאַררעכנט פאַר אַ ליגנער... דו הערסט די קולות פון די בוידן אַרום? זייערע געווירצן און זאַלבן קומען נישט פון דמשק און דאָס הייַ־ליקע צירונג שטאַמט נישט פון מעקאַ... דאָס ווערט אויסגעאַרבעט דאָ, הינטער אונדזער נאָז, אויפן „מאַסקי" אין יפו... די גנבים שווערן אפילו, ביי מוכאַמעדן, אַבי אַרויסצוקריגן דאָס געלט ביי די איינקויפערס...

— און דער הענדלער האָט מיט אַ שטיל, געהיימניסהפול קול זיך צוגעבויגן צו סאַלעמען:

— אויב דו האָסט מורא פאַר דעם נביא, זון, קויף די גאָלדענע קמיע. עס וועט דיך אָפּהיטן פון יעדן אָנשיקעניש... און אויב עס נאָגט דיך אַ ליבעניש, אַ האַרץ־קלאַפּעניש, לויף גלייך צו טיפּיק-ביי־ דעם שטערן־טרע־פער... אייל זיך, איידער די זון זעצט זיך. אַלע יפוער פישערס קענען אים. ער זיצט אין דער גרינער חורבה, הינטער די ים־הייַזער...

בעסער צוצוטרעפן אין פינטל אַריין, האָט דער הענדלער נישט גע־

דאַרפֿט. כאָטש אפרים מיט זכריהן האָבן אין זיין עצה זיך נישט געגווי־טיקט — ס'איז געווען אָפּגערעדט פון פריער סאַלעמען צוצופירן צו אַ לייִדיקער חורבה, ווו עס הייזט אַ מכשף — זענען זיי פונדעסטוועגן געווען צופרידן, וואָס דער פאַרליבטער אַראַבער האָט געהערט די אָנווייזונג פֿונעם מויל פון אַ גלויביקן מאַכמעדאַנער.

סאַלעם האָט אָפּגעקליבן אַ קמיע אויף אַ דין קייטעלע, אַ האַלבע לבנה מיט דריי שטערן, אויסגעקאָוועט אין גאָלד. אַ פּריטשמעליעטער האָט ער באַצאָלט דעם געבאָטענעם פּרייז און זיך אַוועקגערוקט פון דעם שרעקלעכן הענדלער.

איצט איז מער נישט נויטיק געווען אַרומצושפּאַנען מיט סאַלעמען איבערן מאַרק. אפרים האָט געהאַט איבערגעגעבן זכריה קאַראַסאָן, וווהין דעם אַראַבער צו פירן. זכריה האָט געקענט אַלע אָפּענע וועגן און זייטיקע אונטערוועגן אין יפו. זיי האָבן געצויגן אַרויף־צו מיט אַ שמאָלער געטרעפּלטער גאַס.

פון יענער זייט גאַס האָבן זיך אַרויסגעזען נישעס, ווי עפענונגען צו קברים, וועגט פאַרוואַקסענע מיט מאָך און שימל. פאַר די ווענט האָט דאָ און דאָרט זיך באַוויזן אַ בלינדער שייך, אַ בעטלער אין טראַנטעס. זיי זענען געשטאַנען אומבאַוועגלעכע, פאַרגאַפטע ווי אויסטערלישע פיגורן.

לעבן אַ שטיינערנעם ברונים איז געזעסן אַ הונדערט־יאָריקער זקן, די פּיס זיינע פאַרלייגטע הינטער זיך. ער האָט געלאָסן געוויקלט קעפּלעך קנאָבל מיט גרינע פעפערלעך און רויע שטיקלעך טייג און געשלונגען דאָס מאכל מיט גרויס אַפּעטיט.

אַלע דריי האָבן אויסגעמיטן די נישעס, דעם שטיינערנעם ברונים און זענען פאַרבייגעגאַנגען אַ קליינעם ווייס-געקאַלעכטן מעטשעט, ווו אין פראָנט האָבן באָרוועסע בעטלערס זיך געלויזט. הינטער דעם מעטשעט האָבן זיך געשפּרייט ווייסע, טיפע זאַמדן. די לופט איז פול געווען מיט געזאַלצענע ווינטלעך. ברייטע, אויסגעגראָבענע רינשטאָקן, פאַרגאָסענע מיט עיפּוש האָבן זיך געקאַלערט ווי אָפּלויף-קאַנאַלן אַראָפּ צו די ים-ברעגן.

סאַלעם מיטביידע באַגלייטערס זענען געבליבן שטיין פאַר אַ גרוי צווייִ־שטאָקיק הויז מיט אויסגעשלאָגענע טירן און פענצטער. די ווענט

זענען געווען באדעקט מיט זשאַווער פון דער פייכטקייט און זאַלץ־לופט, וואָס האָט אייביק געבלאָזן פונעם ים. אין פראָנט האָט זיך געוואַלגערט ברוכווארג, פאַרראָסטע הוקעס, צעריסענע פאַנג־נעצן, אַנקערס פון צע־פאָרענע פישער־שיפלעך. און פון דעם ברייטן אויסגעהאַקטן טויער, וואָס האָט אויסגעקוקט ווי אַן עפענונג צו אַ הייל, האָבן זיך געטראָגן שווערע טוכלע ריחות.

— אָט זענען מיר! — האָט זכריה זיך אָנגערופן אָנווייזנדיק אויף דער חורבה — און טופיק־ביי, דער שטערן־טרעפער, וואַרט אויף אונדז אינעווייניק, אין דער פינצטער.

דער ערשטער איז אַריין דורכן טויער אפרים, הינטער אים — סאַ־לעם מיט זכריהן. אַלע דריי זענען געבליבן אין אַ געדיכטער פינצטערניש. סאַלעם האָט געוואָלט שפּרייזן פאָראויס. זכריה האָט אים צוריקגעהאַלטן.

— צוערשט טו אָן די קמיע...

און ווען דער אַראַבער האָט שוין נעהאַט אויפן האַרצן די גאָלדענע האַלבע לבנה מיט די דריי שטערן, וואָס האָבן אים געדאַרפט אָפּהיטן פון דעם נביאס גרימצאָרן און פון בייזע מזלות, האָט ער דערשפּירט, ווי אַ האַנט פירט אים. ער איז געהאַרכזאַם און געפּלעפט נאָכגעגאַנגען. און וואָס טיפער ער איז אַריין אין הויז, אַלץ געדיכטער איז געוואָרן דאָס פינצטערניש, אַלץ שווערער די ריחות. סאַלעם האָט געשפּירט ווי ער לאָזט זיך אַראָפּ, אַראָפּ, ווי איבער אויסגעלייגטע טרעפּ.

מיטאַמאָל האָט אויפגעלויכטן אַ קאַרגער שיין פון אַ קליין פאַר־קראַטעוועט פענצטערל. אין דעם בינטל ליכט, וואָס איז געפאַלן פאַר די פיס, האָט סאַלעם זיך אַרומגעזען, אַז זכריה איז פאַרשוווּנדן. לעבן אים גייט בלויז אפרים.

ער האָט געשוויגן, דער פּחד פאַר די פינצטערע, אומהיימלעכע ווענט און דער ווילן גיכער דורכצומאַכן די באַגעגעניש מיט דעם שטערן־טרעפער, האָט אים אָפּגעטעמפּט יעדן ווידערשטאַנד. ער איז איצט געווען בלינד און געהאָרכזאַם.

דאָס האָט אפרים אויסגענוצט. טאַפּנדיק אַליין אין דעם געדיכטן חושך, האָט ער דעם עפענדי געפירט דורך טירן און שוועלן. ער האָט גע־

זען, אז די שרעק זאָל פון אים נישט אָפּטרעטן. און ווען פון דער פינצ־טערניש האָט זיך ביסלעכווייז געגומען ארויסשיילן א העלקייט, האָבן זיי זיך שוין געפונען אין קיילעכדיקן צימער מיט א בלויע, אויסגעוועלבטע סטעליע.

— ווו בין איך? — האָט דער אראבער רייבנדיק די אויגן פון צו־פיל ליכט, א פרעג געטון.

— אין א זיכער אָרט — האָט אפרים אים בארואיקט — צווישן אָט די ווענט וועט טופיק־ביי, דער שטערן־טרעפער, דיך שיצן.

— און דער דריטער ווו איז? — האָט סאלעם געזוכט זכריהן.

— ער איז געגאַנגען צו ווייסן טון דעם שטערן־טרעפער.

סאלעם האָט נישט אָפּגעריסן די אויגן פון דעם צימער, וואָס האָט אויסגעקוקט ווי דער אויסגעהוילטער קופּאָל פון א מעטשעט. אין דער מיט סטעליע איז געווען א פענצטערל, דורך וואַנען ס'האָט ארייגעקוקט א שטיקל הימל. ארום דעם פענצטערל — א געמעל, ווו מוכאמעדס גלויביקע פירן א קריג קעגן די כופרים... פונעם געמעל האָט אראָפּגעהאָנגען א בינטל קרומע, אלטע שווערדן ווי רוביבער־וואפן... סאלעם האָט זיך אָנגעשטויסן אויף א ליימענעם קרוג פאַר נדבות. אוים פאַרכט פאַר דער הייליקייט פון אָרט האָט ער אריינגעוואָרפן אין דער קרוג מטבעות.

פלוצים האָט א גערויש זיך פאַרטראָגן פון דער הויך און ס'איז געוואָרן שטאָק־פינצטער, ווי עמיץ וואָלט פאַרלאָשן דאָס שטיקל הימל איבער דער סטעליע. דער אראבער האָט געטאַפּט ארום זיך, האָט געזוכט אפרימען און נישט געפונען, פון שרעק איז ער געפאַלן אויפן פנים, מיט געבעט צום נביא געוואָלט אָפּשטעלן דאָס גערויש. א פאַרבאָרגן טיף קול האָט זיך געהערט:

— ווער ביסטו דאָ, פרעמדער?

דער פרומער סאלעם איז געלעגן אויף די קניען. ער האָט געגאַפּט, גרייט געווען ווידעראמאָל הערן דאָס קול, צו דערזען א געשטאַלט, ווי די טיפע פאַרבאָרגענע שטים האָט איבערגעזאָגט.

— ווער ביסטו דאָ, פרעמדער? א מוסולמענער צי א כופר?

— א מוסולמענער! — האָט סאלעם געציטערט.

— אויב אַ מוסולמענער אַ מוכאַמעדס אַ קנעכט, טאָ וואָס טוסטו דאָ, אין דעם מאַרק פון זנות און פאַרברעכערינס?

— ביי אַללאַ! כ'בין געקומען זען די שטערן-טרעפּערס. כ'זוך ביי זיי דעם וועג צו מזל.

— איך בין דער שטערן-טרעפער. מיין קול הערסטו, אָבער מיין נע־שטאַלט וועסטו נישט זען, ווייל כ'בין אויסבאַהאַלטן פון דיר, פּונקט ווי דאָס מזל, נאָך וועלכן דו יאָגסט זיך, איז פאַרבאָרגן פון דיר... און וויים, גלויביקער, דו ביסט פאַרקראָכן אין פאַלשע פּלעצער. דרייסט זיך ארום צווישן ליגנערס און אומגלויביקע. דו זוכסט נישט קיין מזל, נאָר זינד.

דאָס קול איז שטיל געבליבן און נאָך אַ ווײַלע ווידער זיך געלאָזט הערן:

— דער נביא פאַרטראַגט נישט, אַ מאַכמעדאַנער זאָל זיך יאָגן נאָך דער ליבע פון אַן אומגלויביקער... ווו זוכסטו דיין מזל? ביי דער מאָסקאָ־בישער טאָכטער? דו, אַ פרומער מוסולמענער? נישט אַנדערש, אַ קללה איז אין דיר אריין... סמאל דער שטן אליין האָט דיין נשמה באַהערשט...

סאַלעם האָט זיך געטונקען אין זיבן שווייסן. הענט און פיס האָבן ביי אים זיך געטרייסלט. און כאָטש ארום איז געווען אַ גערדיכטע פינצ־טערניש, האָט ער פונדעסטוועגן געקענט שווערן, אַז ער זעט איבער זיך די שוואַרצע פליגלען און די ציגענע פיס פון סמאַלן.

ער האָט האַסטיק גענומען זיך בוקן און תפילה טון, זיכער זייענ־דיק, אַז ער ליגט מיטן פּנים צו מערב-זייט, ווו עס שטייט די הייליקע שטאָט מעקא.

דאָס פאַרבאָרגענע קול האָט הילכיקער געדונערט:

— גיי צוריק אין דאָרף אריין! אַנטלויף פון די זינדיקע פאַרגעניגנס אין שטאָט! טרעט אָפּ פון דער אומגלויביקער טאָכטער, פון דער „מאָס־קאָביע״... אַז נישט — וועסטו נישט ווערט זיין צו פאַרזוכן די פּעטע פּרוכט פון דעם נביאס ווייַנגאָרטן און נאָך דיין טויט וועט דיין גוף נישט געטרעטן ווערן פון מוכאַמעדס רייטוואָגן... די געבאָטן פון קאָראַן וועלן

זיך אָן דיר נוקם זיין, דער צאָרן פון אַללאַ וועט דיך פּאַרטיליקן און דיין קערפּער וועט אויפגעלייזט ווערן אין דעם פייער פון דער לבנה!...

דער אַראַבער איז געלעגן אַ פאַרחלשטער, מיט פאַרהאַקטע אויגן. אין אַ ווײַלע אַרום איז צוריק ליכטיק געוואָרן — דאָס שטיקל הימל האָט ווידער אויפגעהעלט איבער דער סטעליע. אַרום כאַלעמען, פון ביי־דע זייטן זענען געשטאַנען אפרים מיט זכריהן און פיבערדיק אים געמונ־טערט. אפרים האָט געגאָסן פון אַ ליימענער קרוג וואַסער אויף סאַלעמס פנים. ער האָט געקראַצט די פּיאַטעס פון זיינע באָרוועסע פיס און גע־שמייכלט צו זכריהן, וואָס האָט זיך געהאַט פאַרשטעלט פאַר דעם אומ־געזעענעם כשוף־מאַכער, האָט אַנגעיאָגט אויף סאַלעמען טויט־שרעק און אַזוי קונציק אָפּגעשפּילט דעם שפּיל פון טייוול...

קאפיטל צוואנציק.

אַ דור פון געראַנגל און צוזאַמענשטויס

דער גאַנצער לאַגער פון דעם ארבעטס-לעגיאָן, דעם גדוד-העבודה — אין תל-זבולון, וואָס האָט זיך געשפּרייט זיבן מייל הינטער חיפה, איז נאָך געווען פאַרזונקען אין שלאָף, ווען בנימין האָט זיך איבערגעוועקט און איז אַ באַרועסער ארויס פון זיין געצעלט. ס'איז געווען פאַרטאָג. די קיל-קייט, וואָס האָט געבלאָזן פון די טונקעלע געפּאַקטע וואָלקנס, האָט אָנ-געזאָגט אויף שטורעם און רעגן. פון מזרח-זייט האָבן זיך דורכגעבראָכן פלאַמען, וואָס האָבן געלויכטן ווי קאַלטער קופּער. דער מאָרגנשטערן האָט זיך געצונדן. בנימין האָט זיך אויסגעצויגן פון שלאָף. די מידקייט האָט געבראָכן די ביינער. ער האָט געוואָרפן אַ בליק פאַראויס, איבערן טאָל. צענדליקער ברעזענטענע געצעלטן ווי פּאַלאַטקעס פון אַ מיליטערישן לאַגער זענען געווען צעלייגט צופוסנס די הויבע פעלזן-בערג. אינעווייניק אין די געצעלטן האָבן די גדודניקעס פון תל-זבולון גערוט. זיי האָבן זיך געפונען צוויי קילאָמעטער פון דער שטיינהאַקעריי.

אַ נישט-דערשלאָפענער האָט בנימין זיך אַ טאַפּ געטון ביי די סור-צע לייוונטענע הויזן, וווּ אין דער הינטער-קעשענע איז געלעגן אַ בריוו פון דער היים. די נייעס, אַז דער פאָטער קומט היינט צופאָרן קיין תל-זבולון, האָט אים אַראָפּגעטריבן פון בעטל אין רעכטן באַגינען.

צום ווינציקסטנס האָט ער זיך געריכט אויף דעם וויזיט איצט. ער, דער פאָטער, האָט דאָך קיינמאָל נישט באַנומען טיף דעם מיין פון חלו-ציזם. שוין זיינע ערשטע שריט, נאָכן אַראָפּגיין פון שיף זענען געווען

נישט קיין געלונגענע, זיינע אונטערנעמונגען — אומגעלומפּערטע. אַלץ איז צוגעגאַנגען שווער, לעפּיש. פון פאַרלוירנקייט האָט דער פּאַטער נישט געוווּסט אַנצונעמען די יסורים ווי די פייער־פּראָבע פאַר יעדן אייגוואַנדערער. ער, בנימין, האָט גלייך גענומען אויף זיך די יסורים פון גוף און די יסורים פון נפש. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַ היים און איז געגאַנגען וווינען אין אַ מדבר. אפילו אין דער הפקרות, וואָס רינגלט אים אַרום צווישן אַט די פעלדזן, איז דאָ עול און צוגעבונדנקייט. נישט דאָס אויסטון זיך פון פליכטן, נאָר דאָס אַנטלויפן פון די תענוגים פון דער וועלט, האַלט אים געבונדן צו אָט דער מחנה.

פאַר די עטלעכע חדשים, וואָס ער געפינט זיך אין דעם אַרבעטס־לעגיאָן דאָ, הינטער חיפה, האָט ער זיך איינגעלעבט מיט די פעלדזן און מיט דעם סטעפּ. די אויסטערלישקייט פון אָנהויב איז איצט געוואָרן אַלטעגלעכקייט. די הויכע פּורפּורענע פעלדזן־וועגט ווערן טאָג־איין, טאָג־אויס צעשמעטערט אויף ברוך־שטיקער, ווערן געטעשעט און פּאָלירט אין פּירעקיקע גראַניט־שטיינער. שטיינער צו בויען הייזער און פאַבריקן, שטיינער צו פּלאַסטערן שאָסייען און וועגן. ,

יעדן פרימאָרגן וועקט ער זיך צוזאַמען מיט דער מחנה. ער מאַרשירט צו דער שטיינהאַקעריי מיט דעם אָנגעשאַרפטן געצייג. און די הילכיקע דינאַמיט־אויפרייסן פון די נאַקעטסטע גראַניט־פעלדזן הויבן זיך אָן מיט דעם זעלבן ריטם, ווי די האַמער־קלעפּ פון די גדודניקעס, וואָס טעשן די שטיינער.

בנימין איז נישט זיכער געווען, צי דער פּאַטער קומט אַהער אויס נייגעריקייט, צי דער חשק אָנצוקוקן נייע ווינקלען, אויסשפּירן נייע פּאָזיציעס ברענגט אים היינט אַהער. אויב יאָ — איז ער צופרידן. שוין צייט פאַר אים אָנצוקוקן דאָס ארץ־ישראל, אויסער די מויערן פון יפו. ער, בנימין, וועט אפילו ביי דער ערשטער געלעגנהייט אָפּצאָלן מיט אַ וויזיט אַהיים. אויב אָבער דעם פּאַטערס באַזוך האָט אַן אַנדערן מיין, ער וויל פּרובירן אים צוריקשלעפּן קיין תל־אביב, איז דאָס אַן אַרויסגעוואָרפענע נסיעה. ער, בנימין, וועט נישט פאַרלאָזן די פּאָזיציע.

מיט אַזאַ באַשלוס איז בנימין צוריק אַריין אין זיין געצעלט. ער

האָט אַרויפגעוואָרפן אויף זיך דאָס העמדל, פאַרשנורט דעם גאַרטל און אָנגעשוכט די סאַנדאַלן. ווען ער איז שוין געשטאַנען אין איינגעוואַשענער, האָט ער האַסטיק געטון אַ צי אַראָפּ די קאָלדרע פון זיין שכנס בעטל, וואָס איז געשטאַנען קעגנאיבער זיינס.

— צבי, כ׳גיי היינט נישט אַרויס אין דער שטיינהאַקעריי.

צבי, אַ קנאַכיקער יונג, פאַרקרימט און פאַרזויערט, וואָס מען האָט אים איבערגעריסן דעם שלאָף, האָט זיך פויל אויפגעזעצט און אָוועקגע־שאַרט די ברוינע קודלעס האָר פון זיינע אויגן.

— קראַנק?

— אַ גאַסט — האָט בנימין אים געוויזן דעם בריוו — דער טאַטע. ער איז שוין פון נעכטן אָן אין חיפה.

— מען זוכט דיך! — איז צבי ריידנדיק אַראָפּ פונעם בעטל און אויפגעזוכט זיינע סאַנדאַלן — כ׳וועט זיך מיט דיר, אַז זיין קומען אַהער מיינט אַן איינלאַדונג קיין תל־אביב.

— כ׳האָב פון אָנהויב אויך אַזוי געטראַכט, צבי, אָבער דער פאַר־דאַכט איז פאַלש. קענסט נישט מיין פאָטער.

— כ׳נעם אים נישט פאַר אומגוט, וואָס ער וויל דיך צוריק אין דער היים. אַ טאַטע! — האָט צבי ווייטער גערעדט דאָס זייניקע.

— נישט מיין טאַטע, צבי, ער איז אַ פּיאָנער, ער קען ברענגען קרבנות. מיין טאַטע איז אין פּוילן געווען רייך. ער האָט געהאַט האָב און גאָב. אָבער נאָך דעם ערשטן צוזאַמענשטויס מיט אַ פּוילישן אַנטי־סעמיט, האָט ער אָפּגעמאַכט צו פאַרלאָזן פּוילן, דאָס לאַנד פון זיינע זיי־דעס און צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. ער האָט אַלץ געלאָזט הינטער זיך — האָט בנימין זיך צערעדט מיט היץ. — ער האָט חרוב געמאַכט אַ פאַר־מעגן, האָט צעבראָכן אַ פאַמיליע, אַ היים און מיט אימפּעט געלאָפן אַהער, כדי ערשט דאָ פּאַגראַמירט און אויסגערויבט צו ווערן. און די יסורים האָבן אים נישט פאַרביטערט. ער האָט זיי צוגענומען ווי אַ פאַרדינטע שטראָף, אָן פּראָטעסט... קענסט אים נישט, מיין טאַטע. ער איז משלנו, אַן אונדזעריקער!

צבי האט אויפגעכאפט בנימינס רייד מיט א בליק, וואס פארדעכ־טיקט, וואס איז אומבאשטימט. ער האט געפרעגט.

— און דו, בנימין, גלויבסט דא, אין „גדוד" לאנג צו בלייבן?

— כ'מאך נישט קיין פלענער אויף יארן, צבי. אבער איצט איז מיר גוט. כ'בין אן עדות פון דעם ווידערגעבורט פון מיין דור. כ'קוק זיך צו צו דער אויפלעבונג פון א חרוב לאנד. אן אלט קראנק פאלק וואכט צוריק אויף. א פארוואָרלאָזטע ערד ווערט איבערגעגראבן. וואס נאך האב איך געקענט דערווארטן? איז דען אונדזערע טאטעס אדער זיידעס בייגע־שטאנען אזא זכות? ניין! בלויז אונדז איז עס בייגעשטאנען...

— איך האב אויך אזוי גערעדט, בנימין. ס'איז געווען אין די ערש־טע יארן פון התלהבות. היינט בין איך אבער אויסגעשעפט... נאך דער התלהבות קומט א ניכטערקייט א הארטע, א גרויזאמע, וואס נעגלט דיך צו צו דער ערד... און פארגעס נישט, בנימין, נאך עטלעכע יאר האקן שטיינער, ווערט מען אפגעשוואכט. די אנשטרענגונג איז גרויס. ס'ווירקט אויפן הארץ, ס'גרייפט אן די לונגען. און אזוי ווייט לוינט דאס נישט. כ'מיין, אפילו אוים גרויסער ליבע צו ארץ־ישראל לוינט נישט צו ווערן א קריפל...

— דו טרייבסט איבער, צבי.

— גלויבסט נישט? פרעג די עלטערע פועלים, די ותיקים, די וועלכע האבן זיך שוין אויסגעוואלגערט אין די קאלאניעס, און אין די קבוצים א גאנץ לעבן.

און וואס מיינסטו האלט אונדז דא איצט צו צום ארט? די ליבע צו די פעלדזן? דער הונגער צו די אראבישע פיטעס? א ליגן! דאס וואס מען טראגט דעם באמעט, מען איז איינגעשפאנט — דאס בינדט אונדז... אבער דער ווילן זיך ארויסצורייסן פון דעם העק איז ביי יעדן איינעם גלייך...

בנימין האט נישט געענטפערט און איז ארוים פון געצעלט. ער האט זייער חשק געהאט אויסצוזידלען זיין שכן. דאס אבער וואס צבי, אן על־טערער אויסגעפראצעוועטער פועל איז קראנק, האט אים צוריקגעהאלטן. ער האט גוט געקענט צבין, דעם אפיקורס, אפילו געוווסט, אז פונקט ווי

ער איז קארג אויף א שבת פארן לאנד, אזוי קען ער אבער ווארפן טענות און אפשטעל... בנימין איז זיכער געווען, אז זיין פארביטערונג קומט גי-בער פון מידקייט, איידער פון אנטוישונג. דאס וואס ער האט אריבער א יאר זיך געוואלגערט אין עמק אין זומפן, צוויי מאל זיך אנגעשטעקט מיט מאלאריע, האט אים נאך מער דערשלאגן. דערפאר יעדעס מאל, ווען עס האט זיך פארקנופט מיט אים א וכוח, האט בנימין אפגעהאקט אין מיטן און איז ארויס פון געצעלט.

ס'איז שוין געווען ליכטיק. די זון וואס האט דא און דארט זיך גע-ריסן דורך די געפאקטע כמארעס האט אויף א ווײַלע א שיין געטון נישט בלויז אויף די הויכע פעלזיקע בערג, נאר אויך אויף דער פלאכער גרא-ניט־ערד. די אויפגעשלאגענע ברעזענטענע געצעלטן האבן אינעם באגי-נען־ווינט אויסגעקוקט ווי שטייפע, אנגעצויגענע שיף־זעגלען.

דער לאגער האט זיך געוועקט.

פון די אפענע פאלאטקעס האבן גענומען ארויסקריכן האלב־אנגע-טוענע בחורים ווער מיט א האנטוך איבערן אקסל, ווער מיט אן איינגע-זייפט פנים פארן ראזירן. אפגעברענטע מיידלעך מיט פויערישע טיכלעך אויף די קעפ זענען אנגעקומען פון די הינטערשטע געצעלטן מיט קאנען בריענדיקע קאווע און ווײַס געבעקס. ס'איז געווארן לעבעדיקער. פון אלע זייטן זענען אנגעלאפן חברה און אונטערגעשטעלט זייערע בלעכענע טעפ-לעך. מען האט געזופט די הייסע קאווע שטייענדיקערהייט, אין גאאייל. באלד האבן הינטערן לאגער זיך גרופירט פארטיעס. כמעט אלע זענען געווען באוואפנט מיט האמערס, מיט דליטעס. אויך מיידלעך אין היל-צערנע באדאקעס האבן געטראגן געצייג, גרייט מיטצוגיין אין דער שטיינ-האקעריי. מען האט בלויז געווארט אויף א באפעל, אז די פארטיעס זאלן זיך לאזן אין א ריטמישן מארש.

א הויכער, פלייציקער יונג מיט א בלאנדער באָרד וואס וואקסט אין האלדז אריין, איז געקומען בנימינען אנטקעגן. דאס איז געווען אליעזר, דער ראש פון דעם לאגער. ער האט אים געפרעגט.

— נעמסט היינט חופש? (1).

(1) אורלויב.

— כ'מוז. איך האָב אַ גאַסט.
— גוט. לאָז דיך בלויז נישט איבעררעדן.
— וואָס מיינסטו, אליעזר?
— זאָלסט נישט דעזערטירן...

אליעזר איז אוועק מיט אַ שמייכל. בנימין האָט דעם שמייכל אויפ־געכאַפּט, און ווי אַנדערש איז זיין, אליעזרס, צוק מיט די ליפּן געווען פון צבים. אין צבים יעדן קער איז פאַראַן ביטול, גרינגשעצונג און אין אליע־זרס שמייכל איז פאַראַן צוטרוי, גלויבן, אַז ער, בנימין, וועט בייקומען שוואַכקייטן און ספקות, ער וועט בלייבן אַ בראַווער סאָלדאַט.

בנימין האָט נאָכגעקוקט אליעזרן און געזען ווי ער שטעלט זיך אין פראָנט פון די מושטירטע פאַרטיעס. ער גיט אַ האַנט־צייכן און די מחנה נעמט אים נאָכפאָלגן מיט ריטמישע שפּרייזן.

בנימין איז צוריק אַריין אין זיין געצעלט אַן אויפגעהייטערטער.

***

אין האַלבן טאָג האָט בנימין אויפגענומען דעם פאָטער אין זיין פּאַ־לאַטקע. די באַגעגעניש איז דורך אַן באַזונדערער אויפרעגונג. אויב פון לייב קאַרפּס אויגן האָבן זיך געגאָסן טרערן, האָט אָבער בנימין נישט גע־וואָלט אַרויסווייזן קיין צערודערונג. די דיסציפּלין אין דעם לאַגער, וואָס פאַרטראָגט נישט קיין בענקעניש, קיין משפּחה־סענטימענטן, האָט אונ־טערדריקט אין בנימינען יעדעס געפיל פון ווייכהאַרציקייט. דערצו האָט ער זיך נאָך באַמיט אַרויסצווייזן וואָס מער האַרטקייט, וואָס מער מענ־לעכקייט ביים צוזאַמענטרעפן. פונדעסטוועגן, אַז פאָטער און זון האָבן זיך אַרומגענומען האָט ביי בנימינען די שטייפקייט זיך געבראָכן. ער האָט באַמערקט דעם פאָטערס פאַרעלטערטקייט און זיך נישט געקענט צוריקהאַלטן פון צו לאָזן פאַלן:

— ביסט גרוי געוואָרן, טאַטע.

— און דו בנימין, דו וואַקסט! — האָט לייב באַטראַכט זיין זונס אָפּגעברענטע הענט און אַקסלען — דו וואַקסט מיך אַריבער.

נאָכן ערשטן איבעררשמועס, האָט דער זון אוועקגעפירט דעם פאָטער

אין דער אַרבעטער־קיך, וואָס האָט זיך געפונען הינטער דעם לאַגער אין טאָל, כדי דאָרט איבערצוכאַפּן אַ מאָלצייט.

ביים עסן האָט לייב גענומען דערציילן פון דער היים. בנימין האָט ווייניק זיך אויסגעפרעגט. און וואָס ווייניקער ער האָט זיך געפרעגט, אַלץ מער האָט לייב דערציילט, וועגן זיך, וועגן די פאַרלאָפענע חדשים אין רחובות, וועגן דעם צוזאַמענטרעף מיט עפראַנען און די פּלענער אויף ווייטער.

דעם פאָטערס פּלענער זענען פאַר בנימינען געווען אַן איבעררא־שונג. פון צופרידנקייט, וואָס דער פאָטער גייט זיך איצט ארויסקאַפּען פון די חובות און וועט זיך פאַרנעמען מיט בוי־אַרבעט, איז ער געוואָרן גאָר אויפגערוימט. ער איז זיכער געווען, אַז אין תוך שטימט מיט אים דער פאָטער איין. זיי זענען ביידע פון איין טייג געקנאָטן. איז ער, דער פאָ־טער, געדעכט געווען, ווען ער האָט היינט, אין באַגינען פאַרגעשטעלט פאַר צבין זיין פאָטער ווי אַ פּיאָנער, וואָס קען ברענגען קרבנות. סיי אים, סיי דעם פאָטער טרייבט איין אומרו, איין גלויבן. די ליבע צום לאַנד דער־ווייטערט דעם ווילן נאָך פערזענלעכע פאַרלאַנגען, איז גובר דאָס יאָגע־ניש צו אַ באַקוועם לעבן. אויפגעהייטערטע זענען ביידע ארויס פון דער אַרבעטער־קיך און געבליבן שטיין אויף אַ שמאָלן, אויסגעהאַקטן וועג. בנימין האָט זיך אָנגערופן:

— קום, טאַטע, ווילסט זיך דורכשפּאַנען אַ צוויי קילאָמעטער? וועסט אָנקוקן אונדזער שטיינהאַקעריי.

— בלויז די שטיינהאַקעריי? כ׳וויל טאַקע אָנקוקן די גאַנצע מחנה ביי דער אַרבעט, ביים רוען. כ׳זאָל נאָכן אַהיים קומען באַרואיקן די מאַ־מע. זי באַוויינט דאָך דיך, אַז דו לעבסט ווי אַ ציגיינער...

אין דער שטיינהאַקעריי איז די אַרבעט געגאַנגען אויף דער גאַנצער פּאַרע. צענדליקער צעיאַכמערטע בחורים און מיידלעך מיט אָפּגעברענטע נאַקענס זענען געזעסן, ווי איינגעוואַקסענע איבער שפּיציקע גראַניט־פּליטעס און שווערע ברוכשטיקער. טייל האָבן די ברוכשטיקער מיט גרוי־סע האַמערס געשפּאָלטן אויף פּערטלען אויף אכטלען. אַנדערע האָבן מיט די פאַרשפּיצטע דלוטעס געפאָרעמט פּירעקיקע שטיינער. דער דינער

גרויער שטויב, ווי ליים-אָפּפאַל, איז געפאַלן איבער זייערע אָפּגעדעקטע קניען און הענט. נישט ווייט פון דער שטיינהאַקעריי זענען געשטאַנען לאַנגע, הילצערנע באַראַקן. דאָס זענען געווען די סקלאַדעס, ווו ווענגער געשפּאַנט אין שווערע פערד האָבן צוגעפירט די פאַרטיקע פּאָלירטע שטיינער.

און פון דער הויך, ווו רויטע גראַניט-בערג האָבן זיך געקייטלט, האָט פון צייט צו צייט אויפגעריסן אַ קנאַלעריי, ווי אַ ווולקאַן־אויסברוך. דאָס האָבן די רייטערס מיט דינאַמיט געקרישלט די מעכטיקע פעלדזן.

בנימין האָט פאַרגעשטעלט דעם פאָטער פאַר די גרודניקעס. לייב האָט געדריקט הענט, אויפגעכאַפּט נעמען. ער איז אַרומגעקראָכן אין יעדן ווינקל. ער האָט אָנגעקוואָלן פון דעם יונגוואַרג, וואָס נעמט דעם עול אַזוי לייכט. מען צעשמעטערט בערג מיט אַזאַ מונטערקייט, מען שפּאַלט פעלדזן מיט אַ שמייכל. און די פרייד פון שאַפן ליגט אויסגעגאָסן אויף אַלעמענס פּנימער.

לייב האָט באַמערקט, ווי צופוסנס פון אַ פעלדז-באַרג זענען געזעסן דריי אַראַבער, די פיס פאַרלייגט אונטער זיך, מיט ווייסע קאָפּ-טיכער און בנעימותדיק געטעשעט שטיינער. פון אָנהויב האָט ער נישט באַנומען, ווי קומער אהער ישמעאלים אויף אַ פרעמדן יאַריד? ווען ער האָט זיך אָבער צו זיי דערנענטערט, געזען ווי זיי טוען זייער אַרבעט זאָרגפעלטיק, מיט גרויס קענטעניש, האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז דאָס זענען אַלטע, געניטע בעלי־מלאכות. זיי ווייסן ווי אויסצוטעשן אַ שטיין, ווי אָפּצופּאָלירן אַ גראַניט־פּליטע.

דאָ האָט אָבער אַ געוויקסיק מיידל מיט אַ רויט קאָפּ-טיכל, פאַר־קנופּט ביז אונטערן האַלדז, באַגעגנט לייבן מיט אַ שמייכל, וואָס איז געווען פול מיט אָנצוהערעניש. זי האָט אָנגעוויזן אויף די אַראַבישע שטיינהאַקערס:

— דאָס איז אונדזער חרפּה!

— זיי קאָנקורירן מיט אונדז — האָט אַ בחור, וואָס איז אויסגע־וואַקסן הינטער איר צוגעגעבן.

— נישט בחינם זענען די פּרייזן אויפן מאַרק אַזוי געפאַלן.

— וואָס דאַרפֿן זיי, די ישמעאלים? — האָט דאָס מיידל זיך צע־לאַכט — אַ פּיטע? אַ קנאַבל-קעפּל? קאָטלעטן פֿון אַרבעס?

דאָס רעדל האָט זיך צעלאַכט.

ס'איז איילנדיק אָנגעקומען אליעזר, דער ראש פֿון דער מחנה. ער איז געווען איצט העכער און קנאַביקער. זיינע קודלעס האָר צעשויבערט פֿון ווינט, די בלאָנדע באָרד וואָס וואַקסט טיף אין האַלדז אַריין — האָבן אים צוגעגעבן דעם אויסזען פֿון אַ הייליקן. ער האָט זיך געשטעלט הינ־טער דער מיידלס אַקסלען און גערעדט מיט פֿאָרוואורף:

— ביסט אַ שלעכטע וועג־ווייזערין, דבורה. מיט אַזאַ אַרומפֿירן געסט קענסטו פֿאַרטרייבן נישט בלויז דעם טוריסט, נאָר אויך דעם איי־גענעם... און בנימינס פֿאָטער איז אַן אייגענער. אָט די אַראַבישע שטיינ־האַקערס — האָט ער גערעדט צו לייבן — זיי זענען אונדזערע אינסטרוק־טאָרן. מיר, די גדודניקעס, זענען געווען ביז איצט נישט נאָר ווייט פֿון דער שוואַרצער רוי-ערד, נאָר אויך פֿון ווילדן שטייניקן באָדן. וואָס פֿאַרא ווידערשפּרוך! מיר האָבן געריסן קייטן. קומענדיק אַהער האָבן מיר רע־וואָלטירט קעגן טויזנטער יאָרן עבֿודות. מיר האָבן געבראַכן אַן אַלטן וועלט-סדר, אָבער די מלאָכה פֿון ברעכן פּשוטע שטיינער האָבן מיר פֿאַר־זען... און זיי, די וואַנדערער, די הייל־איינוווינער האָבן באַצייטנס אָנגע־הויבן שפּאַלטן פֿעלדזן-בערג. בוויענדיק וועגט פֿאַר זייערע שוץ-הייזער און הייף, האָבן זיי זיך אויסגעלערנט פֿאָרעמען ציגל פֿון גראַניט. דאָס איז אַן אַלט אַראַביש פֿאַך. עס שטאַמט נאָך פֿון הגרס צייטן... און מיר קענען זיך ביי זיי לערנען.

מיט דער גאַסטפֿריינטלעכקייט פֿון אַ מכניס-אורח האָט אליעזר גענומען לייבן פֿאַר אַן אָרעם און אים געפֿירט צווישן די דורכגעהאַקטע בערג, ווו אינעווייניק אין דער טיף האָבן זיך געצויגן לאַנגע היילן ווי טונעלן. ער האָט אים אָנגעוויזן אויף די נעסטן און נאָרעס, וואָס זענען יאָרנלאַנג געווען אַ מקום-מקלט פֿאַר וואַנדערער און וועג־רויבער. ער האָט דערציילט, אַז עטלעכע מייל הינטער די קייטן מיט בערג, שפּרייטן זיך ווייטע טאָלן און אָפּגעמעקטע ישובֿים, וואָס די זאַמדן פֿון יאָרטויזנ־טער האָבן צוגעדעקט. ביידע זענען אַרויפֿגעקראָכן אויף אַ הויכע קופּע

שטיינער און געקוקט איבער דער געגנט ארום, ווי ווייט דאס אויג האט געקענט דערגרייכן. עס האט זיך געצויגן א הארטע, שטייניקע ערד. און צווישן דער שטייניקייט האט דא און דארט ארויסגעשפראצט אן איינזאמע פאלמע, א חרוב אראביש הייזל. א שמאל טייכל, ווי א האלב-אויסגעטריקנטער קאנאל, האט געריזלט צווישן די פעלדרן, אפטיילנדיק די בערג פון דעם פלאך-לאנד. אין א טאל זענען געלעגן צעווארפן א פאר אראבישע דערפער, זייערע ליימיקע שטיבלעך איינגעזונקענע ווי קברים.

לייב קארפ האט זיך ארומגעזען, אז ער שטייט צופוסנס פון שטיין-בערג, וואס רינגלען ארום חיפה פון צפון און קעגנאיבער פון דרום ציען זיך דער כרמל, די בערג פון אפרים, די בערג פון גלבוע. פארגעסענע בילדער האבן אויפגעוואכט. תנ"ך-בלעטער האבן זיך אויפגעמישט. צופוסנס פון כרמל, אויפן וועג צו גליל, ליגט די טאל, וווּ מען האט פארצייטנס פארמשפט צום טויט די כהנים פון בעל. ווייטער, איבערן פלאכלאנד, האט גדעון מיט זיינע דריי הונדערט קריגס-מענטשן באזיגט די מדינים. די בערג פון גלבוע האבן געטרונקען דאס בלוט פון דעם קעניג שאול און זיין זון יהונתן. ווען זיי האט שפעטער דער טראנספאלגער און פיטן דוד געזונגען זיין קלאג-ליד: „ווי אזוי זענען געפאלן גבורים? בערג פון גלבוע! קיין טוי און קיין רעגן זאל אויף אייך נישט פאלן!"...

א ווארעמקייט איז אין לייבן אויפגעגאנגען. ער האט דערטאפט הינטער זיך פעדים וואס בינדן און שנורן אים צו דעם באדן, אויף וועלכן ער טרעט איצט.

ער האט זיך אראפגעלאזט פון דעם בערגל שטיינער. אליעזר, דער ראש פון דער מחנה, איז מער נעבן אים נישט געווען.

עס האט אנגעיאגט א בייסיקער ווינט, וואס האט זיך צעפייפט און נעשמיסן מיט אזא גבורה, אז עס האט לייבן געהויבן פון ארט. באלד האט געקראכט איין דונער נאכן אנדערן און שווערע טראפנס רעגן, ווי שטיקער האגל, האבן גענומען פאלן מיט א כליאפעריי.

לייב האט זיך באהאלטן אין פעלדז-שפאלט. אין געציילטע מינוטן זענען פון די קופעס שטיינער פארשוואונדן אלע שטיינהאקערס. זיי האבן זיך פארשטעקט אין די נארעס, איןביידלעך און געווארט, דער רעגן זאל אריבער.

פון הינטער אַ פעלדז האָט זיך באַוויזן בנימין. אין איין בליק האָט לייב זיך דערמאָנט אָן דער היים — דערמאָנט זיך דעם צוועק פון זיין קומען. לייב האָט אַ ווײַלע נתחדיק באַטראַכט דעם זון און דערנאָך זיך אָנגערופן:

— ווייסטו, וואָס עס האָט מיך געבראַכט אַהער, בנימין?

— די נייגעריקייט אָנצוקוקן די מחנה.

— נישט בלויז דאָס — האָט לייב זיך פאַרענטפערט — כ׳וויל, בנימין, זאָלסט צוריק קומען אַהיים.

— וועגן דעם האָב איך הייַנט זיך געקריגט מיט אַ חבר, טאַטע. כ׳האָב זיך איינגעשטעלט פאַר דיר, כ׳האָב אויפגעוויזן, אַז דו ביסט נישט אַזאַ בעל־תכלית.

— די היים דאַרף דיך איצט, בנימין.

— אַז איך האָב געקענט פאַר חדשים לאַנגע מקריב זיין אַ היים, אויפהערן בענקען נאָך אייגענע, מעג די היים פאַרגעסן אויף אַ צייט אָן מיר.

בנימינס איינגעשפאַרטקייט, זיין גיכער אָפּזאָג האָט לייבן שטאַרק פאַרוווּנדערט. הייסט עס, דעם באַשלוס׳ נישט צוריק צו פאָרן האָט ער שוין פון פריער געהאַט גרייט. נישט אַזוי דאָס קעגנשטעלן זיך האָט אים איצט איבערראַשט, ווי זיין אַנטשלאָסנקייט, זיין עקשנותדיקער ווילן נישט אויסצופאָלגן. און לייב האָט איצט — פונקט ווי פריער דער זון — באַשטעטיקט, אַז ביידע, טאַטע און זון, זענען פון איין טייג געקנאָטן. עס איז דאָ ענלעכקייט אין זייערע שטרעבונגען, ענלעכקייט אין זייערע האַנדלונגען. אָט ערשט מיט מינוטן צוריק איז ער, לייב אַליין, גרייט געווען זיך צו קלאַמערן אָן דעם באָדן, זיך איינוואָרצלען אויף אָט דער ערד, וואָס איז אַמאָל געווען אַ וועג פאַר וואַנדערנדיקע פעלקער־קאַראַוואַנען. טאָ מיט וואָס איז בנימין אומגערעכט, ווען ער וויל נישט פאַרלאָזן די קייטן מיט בערג, וואָס דערציילן יעדע שעה אין מעת־לעת וועגן יידישע באַפרייאונגס־מלחמות און אויפשטאַנדן, וואָס דערציילן וועגן ברק בן אבינועם, וואָס האָט דערשלאָגן דעם קעניג פון כנען, וועגן דער גבורה יעל, וואָס האָט פאַרנאַרט און געטויט סיסרהן.

אַ שווייגנדיקער האָט לייב באַטראַכט דעם זון. ער האָט אים באַ-

טראכט מיט געדולד, און איינגעגעסנקייט. און ווען דאס שווייגן איז גע־וואָרן איבערדריסיק, ס'איז געוואָרן א לאסט פאר ביידן, דעמאָלט האָט ער זיך דערנענטערט צו אים און געפרעגט:

— ביז ווען רעכנסטו דאָ צו בלייבן?

— ביז צו א יאָר, טאטע. אפשר ביז פינף יאָר. ביז דו טאטע וועסט זיך צוגעוווינען צום געדאנק, אז איך באלאנג צו א דור, וואָס ווייסט נישט פון קיין רו, א דור וואָס ווייסט בלויז פון געראנגל און צוזאמענשטויס... פארשטיי מיך, טאטע. פון דעם טאָג אָן, ווען ארץ־ישראל האָט אויפגע־הערט צו זיין א וווייטער חלום און איז געוואָרן אן אמת — דער אמת פון א גאַנץ פאָלק — פון דעם טאָג אָן האָבן מיר גענומען אויף זיך דעם עול אויסצולייזן אָט די ערד מיט קרבנות, מיט יסורים און מיט בלוט... נישט מיר יונגוואַרג, טאטע, קענען זיין היים־זיצערס. עס רופט אונדז דער פארלאָזענער עמק און עס רופט אונדז דער באדראָטער גליל. יעדער בחור פון ישראל דארף ווערן א באוואָפנטער פארטיידיקער. מיר מוזן זיין צעוואָרפן איבער אלע ווינקלען. אין שטאָט און אין דאָרף, ביים בנין און אויפן פעלד. מיר דארפן זיצן אויף אלע שייד־וועגן, היטן אלע פּאָזיציעס, אנטקעגנגיין די געפארן וואָס לויערן און אָפּוואַרטן נייע דעראָבערונגען... אָט פארוואָס מיר אנטלויפן פון די היימען, אָט פארוואָס, טאטע, כ'קען נישט פאָרן צוריק.

בנימין איז ארויס פון דעם פעלדזן-שפּאלט. לייב האָט אים נאָכ־געקוקט. דער רעגן האָט אויפגעהערט און קאלטע שטראלן זון האָבן זיך געבראָכן דורך די פונאנדערגעשאַרטע כמארעס, באלויכטנדיק די שפיצן פעלדזן. לייב האָט געזען ווי בנימין שפּרינגט איבער די קופּעס שטיינער, ער איילט צו פארכאַפּן אן אָרט אין דער שטיינהאַקעריי.

א פייף האָט דורכגעשניטן די לופט.

פון די דערבייאיקע ביידלעך, פון די נאָרעס, האָבן זיך גענומען ארויסשיילן בחורים און מיידלעך מיט האמערס און דלוטעס. פריידיקע האָבן זיי זיך צוריקגעזעצט איבער די בערגלעך שטיינער און א ריטמיש געקלאַפּעריי, ווי דאָס פויקן איבער באראבאנען, האָט אויפגעהילכט אי־בערן טאָל, וואָס איז געלעגן צופוסנס די פעלדזן־בערג.

קאפיטל איין און צוואנציק.

ארעמע שטרעקעס לאַנד

ווי נאָר לייב קארפ איז צוריק געקומען קיין תל-אביב, נאָכן דורכ־פאַל וואָס ער האָט געהאט ביים וועלן צוריקבריינגען בנימינען, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אַ נייער צרה.

אלישבע איז אוועק פון הויז.

דעם זעלבן טאָג ווען לייב האָט פארבראכט מיט דעם זון אין תל־זבולון, האָט אלישבע, אַ געטריבענע פון איינזאמקייט, אַן אויפגעבראכ־טע פארפאַקט אַ וואליזע מיט זאכן און איז אוועקגעפאָרן אין גליל. גע־טון האָט זי דאָס נישט בלויז אויף אַ רוף פון אירס אַ שיף-שוועסטער, וואָס האָט זיך געהאט באַזעצט אין כפר-גלעדי, נאָר אויך ווייל זי איז געווען אָנגעשטעקט מיט אַ שטאַרקן ווילן עמיצן אָפּצוטון, עמיצן צו ער־גערן. וועמען — האָט זי אַליין זיך נישט געקענט קלאָר מאכן. אפשר זיך? אפשר אפרימען? די עלטערן? אָבער דער ווילן איז פון איר נישט אָפּגעטרעטן. אין איר צעשטרייטקייט האָט זי אפילו פארגעסן אין אפרימס אָנזאָג, אַז אין טעג פון לאַנגווייליקייט זאָל זי אַריבערפאָרן קיין ירו־שלים. זי האָט נישט געקענט אַריבערטראָגן די אויפטרייסלונג, די צערוד־דערונג, וואָס איז געקומען אין הויז, נאָכדעם ווי סיי בנימין, סיי אפרים זענען זיך צעפאָרן. דער גאנצער אָנגעזאמלטער כעס, די אָנגעלאָדענע פארביטערטקייט, וואָס האָט זיך געשווימט, געראָיעט דורך חדשים, האָט איצט געמוזט אויסברעכן אין אַ טאַט, וואָס זאָל זי אַליין איבערראַשן, איבעראַנדערשן און זי טרייבן אויף נייע וועגן.

עס האָט נישט געהאָלפן דער מאַמעס געבעט, איר וואָרענונג — אלי־שבע האָט איר באַשלוס נישט געבראָכן.

ליב, איבערטרעטנדיק די שוועל פון הויז, איז אריינגעפאַלן אין אַן אומעט. געמישטע געפילן האָבן אים געשטויסן. פון איין זייט אַן ערגער־ניש וואָס צוליב דעם פעלן פון די קינדער אין הויז וועט ער זיין גע־שטערט פון זיינע פּלענער און אונטערנעמונגען. און פון דער צווייטער זייט איז ער געווען צופרידן, וואָס זיין זון האָט פאַר אים ארויסגעוויזן אַזויפיל ווידערשטאַנד, עקשנות און אַנטשלאָסנקייט — אייגנשאַפטן וועלכע ער, לייב, האָט אַמווינציקסטן זיך געריכט צו טרעפן ביי דעם זי־בעצן־יאָריקן בנימין.

איצט, נאָך אלישבעס אָפּפאָר אין גליל, איז לייב קאַרפּ זיכער גע־ווען, אַז אין הויז וועט זיין תשעה־באב. רחל וועט אויפסניי קלאָגן אויף איר איינזאַמקייט. פון ווייטיק וועט זי זיך פארביטערן דאָס אייגענע לעבן, זי וועט זיך ערגערן, אויסלאָזן אירע טענות צו ארץ־ישראל. אָבער דאָס־מאָל האָט לייב זיך גענאַרט. נישט נאָר האָט ער רחלען נישט געטראָפן קיין פאַרביטערטע, נאָר פארקערט, זי איז געווען בארואיקט, ניכטער, ווי זי וואָלט שוין לאַנג ביי זיך אָפּגעמאַכט שלום צו מאַכן מיט יעדע אַנשי־קעניש און אומגעריכטע צרה. רחל האָט דערציילט וועגן אלישבעס אַנט־לויפן פון הויז געלאַסן, ווי וועגן אַ פאַרפאַל, וואָס איז אומפאַרמיידלעך. דערנאָך האָט זי צוגעגעבן מיט אַ זיפץ:

— אויב די קינדער זענען מער נישט אָנגעוויזן אויף אונדז, לייב, קענען מיר אויך אויסקומען אָן זיי. מסתמא האָבן מיר אַזוי פאַרדינט...

⁂

לייב קאַרפּ האָט האַסטיק זיך גענומען אויסצופירן זיינע פּלענער. דער חשק צו האַנדלונגען, צו מעשים, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט ביים אַראָפּגיין פון שיף און וואָס האָט צוליב די נאָכאַנאַנדיקע דורכפאַלן זיי־נע שוין געהאַט איינגעדרימלט אין אים — דער זעלבער חשק האָט איצט זיך ווידער געוועקט. ער איז געוואָרן רירעוודיקער, אומרואיקער, אָנגע־שטעקט מיט אַפּעטיטן, באַוואָפנט מיט פאַרלאַנגען. און אונטערגעשטויסן

פון רחלען, איז ער גרייט געווען אַריבערצושפּרייזן שטערונגען, איבער-צוהיפּן פּאַרצווימונגען, אבי צו דערלאַנגען דאָס וואָס האָט איצט פאַר אים זיך אַרויסגעוויזן ווי אַ גרויס דערגרייכונג — די דערגרייכונג פון דעראָבערן באָדן און בויען אַ פּליטים־שטאָט.

דריי וואָכן שפּעטער האָט לייב קאַרפּ שוין געהאַט געעפנט אַ שפּייז-קראָם. לייכט איז דאָס אים נישט אָנגעקומען. די יונגע תל־אביב איז דע-מאָלט געווען כמעט ליידיק פון געשעפטן, פון געוועלבער. וואָס מען האָט נאָר געדאַרפט איינקויפן — פון קליידונג ביז בוי-מאַטעריאַלן — האָט מען געמוזט אַראָפּפאָרן קיין יפו. די תל-אביבער שטאָט-טאַטעס, אירע גרינדער, וואָס האָבן ביים לייגן דעם גרונטשטיין פון דער שטאָט, באַ-שטאַנען אז די שטילע דאָרפישע גאַסן זאָלן נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין האַנדלס-באַזאַרן, האָבן מיט יאָרן שפּעטער אַליין נישט געוואָלט ברעכן זייער צוזאָג. ערשט נאָך די אומרוען אין יפו, ווען יידן זענען אַנטלאָפן פון די געמישטע קוואַרטאַלן, איז די שטאָט־פאַרוואַלטונג געוואָרן נאָכ-גיביקער. איינצלנע קאָנצעסיעס צו עפענען דאָ אַ קראָם, דאָרט אַ קראָם זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן. לייב קאַרפּן, ווי אַ געליטענעם פון די גע-שעענישן, איז געלונגען צו קריגן אַזאַ קאָנצעסיע.

נישט האָבנדיק די קינדער צו הילף, האָט לייב אַליין די ערשטע צייט זיך איינגעשפּאַנט אין דער אַרבעט. זיין חשבון איז געווען, אַז נאָכדעם, ווי דאָס געשעפט וועט זיך איינפירן, וועט ער עס לאָזן אויף רחלס הענט. דערצו וועט ער נאָך אָנשטעלן אַ מענטש, ער אַליין זאָל קענען בלייבן פריי, ער זאָל קענען צונויפרופן די יפוער נשרפים און האָבן גענוג צייט אויסצוקוקן די ווייסטע געגנטן, וואָס שפּרייטן זיך אַרום תל-אביב, דער-נאָך קויפן אַ שטח באָדן און אויסבויען אַ נייע שטאָט פאַר די, וואָס זע-נען פון זייער אַלטער שטאָט יפו אַנטלאָפן.

פון טאָג צו טאָג האָט די קראָם, וואָס איז געשטאַנען אויף דער נחלת־בנימין־גאַס, אַלץ מער זיך איינגעאַרבעט. רחל האָט שוין געזאָרגט, אַז ווען אַ מענטש שטעלט אַריין אַ פוס, זאָל ער בלייבן אַ געשוווירענער קונה. דער איבערגאַנג פון אַ מאַרק-שטעלע צו אַ פּראָנטאָווע געוועלב, האָט אויף איר געווירקט אַזוי אויפהייטערנדיק, אַז זי האָט זיך דער-

שפירט ווירדיקער. די איינרייסערין אין איר האָט ווידעראַמאָל אויפגע־לעבט. דערצו האָט זי דאָך שטענדיק געהאַלטן פון פירן האַנדל נישט פאַר־שטעקט אין אַ העק, נאָר אין אַ הויפּט-גאַס, ווו סחורה איז נישט קיין באַוול און קונים וואַרפן זיך אין די אויגן. „אַן אָפענע טיר, אַ לאָדן — ברענגען קיינמאָל נישט קיין שאָדן"...

***

נאָך אַ חודש האָט לייב קאַרפּ שוין געהאַט אַרום זיך אַ קאָמיטעט פון פינף יידן, געוועזענע יפּוער איינוווינער. די פינף יידן האָבן אָנגע-הויבן אַ פיבערדיקע בוי־אַקציע. זיי האָבן טאָג און נאַכט זיך געהיצט, געוואָלט פונקט ווי לייב וואָס גיכער אויסגעפינען דעם פּאַסיקן באָדן און דערנאָך איינקאַסירן ביי די נשרפים די ערשטע איינצאָלונגען פאַר דעם קויף און זיך שטעלן בויען אַ נייע פּליטים-שטאָט. לייבס הויז איז איצט געוואָרן אַ קהל־שטוב. באַראַטונגען און זיצונגען זענען פאָרגעקומען יעדן איבערטאָג. פּלענער זענען גיך אויפגעבויט געוואָרן און גיך אָפּגעווישט געוואָרן. ער, לייב אַליין, איז געטריבן געוואָרן ווי פון אַ פיבער. דאָס פּלאַנען, דאָס גרייטן זיך, די גאַנצע קהל־אַרבעט האָט אים צייטווייליק אַרויסגענומען פון די טעגלעכע זאָרגן און פּליכטן. אָבער ווי שטאַרק ער איז געווען פאַרנומען מיט די קהלשע פּלענער, האָט ער דאָך געפונען צייט אַ העלף צו טון רחלען אַ פּאָר שעה אין מעת־לעת. ביי טאָג האָט ער אויס-געפּאַקט די אָפּגעליפערטע סחורה, צעשטעלט אַלץ אויף פּאָליצעס, גע-זאָרגט אַז קיין אַרטיקל זאָל נישט פעלן, אַז זיין נייער אָנגעשטעלטער זאָל זיין צוגעלאָזן צו די קונים. און ביינאַכט נאָכן פאַרמאַכן דאָס געווע־לב, ווען ער האָט זיך געשטעלט איבערציילן דעם פּדיון, האָט ער אַרויסגעקליבן פון דעם לייזעכץ אַלע זילבערנע מטבעות, ספּעציעל די צען פּיאַסטער-שטיקער, וואָס זענען געווען גרויס ווי די רוסישע צאַרסקע ריבלס און זיי באַהאַלטן אין אַ שפּאָר־קאַסע. דאָס האָט ער געזאַמלט פאַר דעם טאָג, ווען ער וועט דאַרפן מאַכן די ערשטע איינצאָלונג פאַר זיין חלק באָדן.

אָבער דער טאָג איז נישט געקומען אַזוי גיך, ווי קאַרפּ האָט אים

דערוואַרט. די שוועריקייטן זענען באַשטאַנען אין דעם, וואָס די געווע־זענע יפֿוער איינוווינער האָבן זיך נישט געאייניקט וועגן דער געגנט, ווו דעם נייעם ישוב אויסצובויען. טייל האָבן געוואָלט זיך באַזעצן הינטער ירושלים. טייל האָבן געזוכט באָדן אַרום חיפה. און צווישן די פּינף קאָ־מיטעט-יידן זענען געווען חלוקי־דעות. נאָכדעם ווי עס זענען פאַריבער עטלעכע וואָכן און מען איז צו קיין טאָלק נישט דערגאַנגען, האָט לייב זיך דערמאָנט אָן עפּראַנס עצה, אַז ער זאָל זיך באַראַטן וועגן יעדן באָדן-קויף מיט דעם „שייך אל יאהוד” — יהושע נפחאן, וואָס איז אַן אַלטער געניטער לאַנד־עקספּערט. ער האָט טאַקע גלייך אויסגעקליבן איינעם פון די קאָמיטעט-יידן, וואָס זאָל מיט אים מיטפאָרן צו יהושע נפחאן. דער אויסדערוועלטער איז געווען יעקב כנעני, דער יפוער טאַקער, לייבס גע־וועזענער שכן פון דער פּאָסט-גאַס.

יעקב כנעני איז געווען אַ יורד, פונקט ווי לייב קאַרפּ. ער איז אויך אַנטלאָפן פון יפו דעם ערשטן טאָג פון די אומרוען. כאָטש די אַראַבישע אָנפאַלער האָבן זיין ווערקשטעל — אַ טאַקעריי — נישט באַוויזן אויסצור־ראַבירן, איז ער אָבער מיט זיין משפחה געבליבן הויל און אָרעם, ווייל גלייך נאָכן אַריבערפּעקלען זיך קיין תל־אביב, האָט ער פאַרלוירן די פּרנסה. כנעני איז געווען אַ פלינקער בעל-מלאכה. ער האָט אויסגעאַרבעט הילצערנע פּיס צו די אַראַבישע שטרוי-בענקלעך. אַלץ וואָס זיינע צען פינ־גער האָבן אויסגעפּראַצעוועט, האָט ער פאַרקויפט צו די מאַכמעדאַנישע בעלי מלאכות, די שטרוי-פלעכטערס. נאָכדעם ווי דאָס אומגליק איז גע־קומען, האָט ער זיך אָנגעהאַנגען אויף ביידע הענט צוויי קוישן מיט פּרוכטן און איז געגאַנגען האַנדלען פון טיר צו טיר, אַ הויכער, מיט אַ זויים איידל פּנים, מיט אַ שוואַרצער זיידענער באָרד און מיט אַ געשלי־פענעם תנ”ך־העברעאיש אין מויל, האָט ער גיכער דערמאָנט אַ ספרדישן רב, איידער אַן אשכנזישן בעל־מלאכה. זיין אויסזען, זיין צונג האָבן טאַ־קע אויסגענומען ביי די תל־אביבער איינוווינער און מען האָט אים גערן אונטערגעשטיצט.

יעקב כנעני האָט זיך אָבער נישט באַנוגנט מיט חיי-שעה. עס האָט אים נישט באַפרידיקט דאָס, וואָס ער אַליין האָט זיך צוריק געשטעלט

אויף די פיס. ער האט אויך אין זינען געהאט דעם צער פון דער גאנצער אומה. ער איז געווען א שטרענגער מאנער ביי דער ענגלישער מאכט. ער האט געהאלטן, אז די באלפור־דעקלאראציע איז נישט בלויז א הבטחה פון אן ענגלישן מיניסטער, נאר א התחייבות פון דער גאנצער בריטישער אימפעריע. ער האט געהאט אויפן קאפ יעדע עוולה, וואס די ירושלימער אדמיניסטראציע איז באגאנגען זינט דער אקופאציע פון ארץ־ישראל. א פעדאנט אין פאליטיק, אן אויפמערקזאמער לייענער פון דער פרעסע, האט ער נישט דורכגעלאזט אין די צייטונגען קיין איין דעבאטע, וואס איז פארגעקומען אין ענגלישן פארלאמענט. ווי א נוקם ונוטר, וואס גרייט זיך אויף דעם טאג פון דין, האט ער געענוי געדענקט דעם נאמען פון יעדן לארד, וואס איז געווען קעגן א יידיש ארץ־ישראל, פון יעדן קאלא־ניאל־באאמטן, אן אינטריגאנט, וואס איז אפן ארויסגעטראטן קעגן דער אויסשפרייטונג פונעם יידישן ישוב.

לייב קארפ איז צופרידן געווען, וואס דער חורבן אין יפו האט זיי ביידן, אים און כנעניו, צונויפגעפירט. צווישן אזויפיל רואינירטע, אי־בערגעשראקענע און פארלוירענע יידן איז גוט געווען צו טרעפן איינעם וואס האט נישט אנגעווירן דעם בטחון, וואס קען זען זאכן ווייטער פון זיין איינענער נאז און דער עיקר, וואס ווייסט ווען צו שטרייטן און ווען צו מאנען. דורך זייער צוזאמענארבעט האבן ביידע שטארק זיך דערנענ־טערט. און ווען לייב האט דערמאנט דעם באדן־אויסלייזער יהושע נפחא, האט כנעני זיך נישט געקווענקלט, באלד מסכים געווען אויף דער בא־ראטונג און צומארגנס האבן זיי זיך געלאזט פארן קיין רחובות.

***

ביידע האבן געוואלט אויפן וועג דורכפארן די וויסטע געגנטן אין יהודה — געוואלט אנקוקן די זאמדיקע שטרעקעס באדן, וואס שפרייטן זיך ארום די זייטיקע שאסייען הינטער רחובות. זיי האבן געדונגען אן אראבישן קאטש, וואס האט זיי געפירט דורך אפענע און פארוואקסענע אומוועגן, דורך אראבישע דערפער, וואס זענען געווען פארזייט אין די טאלן ווי אלטע איינגעפאלענע בית־עלמינס.

ווען זיי זענען פאַרבייגעפאָרן די ערשטע חרובע וויינגערטנער צווישן געדיכטע זומפּן, האָט כנעני, זיכער און היימיש צווישן די מזרח־לאַנד־שאַפטן — געטוישט זיין זיץ־אָרט מיט דעם אַראַבישן אָנטרייבער. ער האָט אַליין אַ נעם געטון די לייצעס אין די הענט און אַריינגעדרייט אויף זייטיקע סטעזשקעס.

ליימיקע בערגלעך און וואַסער־גריבער האָבן זיך געצויגן אַרום און אַרום. זעלטן־ווו האָט זיך אַרויסגעזען אַ רייף פעלד, אַ גרינע לאַנקע. צווישן די בערגלעך האָבן אַרויסגעשטאַרצט אָפּגעשונדענע דעכער פון בלינדע, נידעריקע הייזלעך. און דאָ, ווו עס האָט זיך יאָ געשפּרייט אַ שטיקל טרוקענע פּאַלכאַ־ערד, איז זי געווען באַדעקט מיט בעדואינער־געצעלטן.

אַ סטאַדע מידע שאָף האָט געצויגן דורך אַ טאָליקער סטעזשקע. דער פּאַסטוך אַ באַוואַקסענער איז געגאַנגען פאָראויס פאַר דער סטאַדע. ער האָט געהאַלטן די רעכטע האַנטפלאַך איבער די אויגן, געזוכט אַרום און אַרום אַ גראָז־פלאַך פאַר פּאַשע, ווי עס זוכט אַ וואַנדערער אין מדבר אַ וואַסער־קוואַל.

פאַר אַ מאָכיקער וואַנט האָט געקניט אַן עלטערער אַראַבער. ער האָט פאַרהאַקט די אויגן, אָן אויפהער זיך געהוידעט ווי אַ קעמל און אויסגע־זונגען דאָס מאָרגן־געבעט צו אַללאַ. אַ כאָפּטע נאַקעטע אַראַבישע יינגלעך האָבן געטאָפּטשעט אין אַ געדיכטמיער בלאָטע. זיי האָבן זיך אונטערגעטונקען ביז צו די העלדזער און מיט קוויטשערייען זיך געקוויקט אין דער צואה.

לייב קאַרפּ האָט נעגאַפט מיט אויפגעריסענע אויגן אַרום זיך. אַזוי־נע אָרעמע שטרעקעס ערד האָט ער נאָך אין לאַנד ביז איצט נישט גע־טראָפן. פון דער גאַנצער געגנט אַרום האָט געשריען פאַרוואָרלאָזיקייט און אומקום.

כנעני האָט באַטראַכט דעם פאַרחידושטן לייב קאַרפּ און אים אַ צי געטון פאַר אַן אַרבל:

— דאָס איז בלויז אין יהודה, און ווייסט איר, ווי עס קוקט אויס דער נגב? די געגנט פון בית־שאָן? סדום ועמורה האָט נאָכן אונטערגיין ערגער נישט געקענט אויסזען...

כנעני האָט מיט אַ האַנט־פּאַך אָנגעוויזן אויף די ברייטע פּלאַכן מיט זומפּן און „וואַדיס"[1], וואָס האָבן זיך געוויקלט אויף בײדע זייטן וועג און געזאָגט:

— איר זעט אָט די אָרעמע שטרעקעס לאַנד אַרום? דאָס איז אונ־דזער ירושה. ווען די ענגלענדער האָבן געוווּנען די לעצטע שלאַכט איבער די טערקן, האָבן זיי געטראָפן גאַנצע פּלאַכן פּאַרוואַרלאָזטע ערד, וואָס האָט צו קיינעם נישט באַלאַנגט. די ערד איז נישט צוריקגעגעבן געוואָרן צו די ייִדן, וואָס האָבן אַ זכות דערויף. די ערד איז נישט איינגעטיילט געוואָרן אויף גלייך צווישן בײדע טיילן באַפעלקערונג. מען האָט זי אוועק־געשאָנקען די פּוילע פּעלאַכן, וואָס פּויזען איבער דעם געשאָנקענעם אייגנ־טום, ווי בייזע וואָרנעס איבער מתים... און ווייסט איר, ווער דאָס האָט געטון? דער נציב, דער ייִדישער נציב!

— נישטאָ וואָס אים מקנא צו זיין, דעם נציב — האָט לייב קאַרפּ געענטפערט — אַ שווערער אמט פאַר אַ ייִד, דערצו פאַר אַ וואָרעמען ייִד, צו הערשן איבערן לאַנד און אויפצוהאַלטן שלום צווישן ייִדן און אַראַבער.

— אַ שווערער אמט? דאָס וואָלט איך נישט געזאָגט! — האָט כנעני זיך ברייט צעלאַכט — אַ וואַרעמער ייִד רופט איר אים? דאָס לאָזט זיך אייך שטרייטן. די צרה מיט אונדזער נציב איז, וואָס אין אים קומט פאַר אַ „ויתרוצצו"... ווי אַ ייִד, אַן אָנהענגער פון אַ ייִדיש ארץ־ישראל, ווערט ער זיך שטילערהייט קעגן די גזירות, וואָס די געזעצגעבער אין לאָנדאָן גיבן אַרויס פאַרן ישוב. און ווי אַן ענגלישער באַאַמטער, וואָס הערשט דאָ, אין נאָמען פון דעם בריטישן קאָלאָניאַל־מיניסטעריום, היט ער זיך אויס, נישט געכאַפּט צו ווערן אין פרײַנטשאַפט צו די ייִדן... און ער פאַרגיטיקט די אַראַבער מיט אָפּשטעלן די ייִדישע איינוואַנדערונג, מיט אוועקשענקען זיי שטרעקעס לאַנד... אַ בריטישער אימפּעריאַליסט פון איין זייט און אַ ייִד, אַ ציוניסט פון דער צווייטער זייט: דערפון איז דער ריס אין זיין נשמה.

כנעני האָט פעסטער געצויגן די לייצעס. דאָס פערד האָט אַ ריס

---

1) ערד־שפּאַלטן.

נעמון די קאַטש און גענומען לויפן בארג־אראָפּ, איבער דער בלאָטיקער סטעזשקע.

לייב קארפּ האָט געקוקט אויף זיין באַגלייטער און געטראַכט, אויב ס'איז אמת דער פּאַרדאַכט, אַז דער נציב, ווי אַ ייד, ווי אַן ענגלענדער ראַנגלט זיך אַ מיט זיך, אַ מיט די מאַכטהאָבער איבער אים — דע־מאָלט ווערט ער דאָך צעקלעמט צווישן צער און פליכט. ער מוז אויספירן די צוזאָגן צו ירושלים און די פליכטן צו לאָנדאָן. און דער ענגלענדער אין אים איז תמיד גובר. דער בריטישער מונדיר, ווי אַ פּאַנצער, פאַר־דעקט זיין יידישע הויט...

אַ שטיק אין נאָכמיטיק זענען זיי אריינגעפאָרן אין רחובות און זיך אָפּגעשטעלט פאַר יהושע נפחאס הויף.

קאפיטל צוויי און צוואנציק

יהושע נפחא — דער שייך פון די יידן

יהושע נפחא איז יענעם טאָג נישט גרייט געווען אויפצונעמען קיין געסט. ער האָט זיך געאיילט. א הויכער, א מוסקולירטער, זיין שמשון־הגיבור־באָרד ביז צום גארטל און די בלאָנד־גרויע לאָקן איבער די אטלע־טישע אקסלען — אזוי איז ער געשטאנען אינמיטן הויף און אנגעזאָטלט זיין רויט־געפלעקטן מויל־אייזל. אנגעטון איז ער געווען אין א פּאָר רייַ־טער־הויזן מיט א פארגארטלטער בלוזע. איבער דעם לינקן אָרעם פאַר־וואָרפן א ווייסע אבאיע — א צייכן, אז ער יאָגט זיך אָפּצופאָרן אין די נאָענטע אראבישע דערפער, צו מאכן א נייעם באָדן־קויף.

ווען לייב קארפ מיט כנענין זענען אומגעריכט אריין אין הויף, האָט יהושע נפחא אן אומגעדולדיקער זיי אריינגעפירט אין זיין ביוראָ — א ליכטיק צימער, ווו די פיר ווענט זענען געווען באהאנגען מיט מאפּעס און לאנד־קארטעס פון אלע טיילן ארץ־ישראל. אין די ווינקלען זענען גע־שטאנען גרויסע ערדענע טעפּ מיט יונגע עקאליפּטוס ביימער און פּאלמעס. איבער דעם ברייטן שרייבטיש, וואָס האָט פארנומען כמעט א האלבן צי־מער זענען נעבן די שטויסן מיט פּאפּירן און טינטערס געווען אויסגע־שטעלט שקאָרמיצן און זעקלעך ערד פון פארשידענע געגנטן אין לאנד: רויטער פייכטער זאמד פון נגב, העלער גאָלדענער מדבר־שטויב פון יהודה, שווארצע, פעטע זריעה־ערד פון דעם אויבערשטן גליל.

דאָס צימער איז געווען פול מיט ערד־ריחות.

נפחא אליין איז איילנדיק נאָכגעגאנגען די אריינגעקומענע. ער האָט

אַרויסגעלייגט פון האַנט זיין ווייסע אַבאַיע און האַסטיק זיך צוגעזעצט אויף אַ שטרוי-געפלאָכטענעם בענקל. זיין שטרענג פּנים, איינגעראַמט אין באָרד און לאָקן, האָט זיך געקנייטשט מיט שווערע גרימאַסן, ווי מען וואָלט אים צוריקגעהאַלטן פון אַ וויכטיקער רייזע. נישט קוקנדיק אויף זיי־נע געסט, האָט ער גערעדט מיט אַ געבייזער:

— איר גזלט מיין צייט, יידן. איך איַל זיך. כ׳דאַרף צורייטן אין דאָרף יאַדזשור אָנקוקן אַ שטח באָדן. די יאַדזשורער אַראַבער — מוזט איר וויסן — זענען פּונקט ווי די לאַנד־באַזיצער פון חומש, ווי די בני־חת... מען דאַרף מיט זיי גיך אָפּשליסן דעם קויף, איידער זיי קריגן חרטה.

— אויך מיר זענען געקומען אַהער צוליב אַ שטח באָדן — האָט לייב קאַרפּ דער ערשטער זיך אָנגערופן. — עס האַנדלט זיך וועגן קויפן ערד פאַר די אַנטלאָפענע יפּוער יידן. מיר בויען אַ נייעם קוואַרטאַל פאַר די פּליטים, אַ פּליטים־שטאָט...

— אַן ערד־קויף? — האָט יהושע נפּחא האַסטיק זיך אויפגעשטעלט פון זיין שטרוי־בענקל און אויסגעשטרעקט צו זיינע געסט אַ וואַרעמע האַנט — מזל־טוב. צוויי מאָל מזל־טוב! דאָס דאַרף מען מיר אָנזאָגן, ווי נאָר מען באַווייזט זיך אין מיין טיר, צופיל מעקלערס, ווינט־בלאָזערס און שפּעקולאַנטן דרייען זיך דאָ אין מיין הויף, אַז כ׳זאָל קענען זיין פריי פון פאַרדאַכטן... אָבער באָדן פאַרן כלל איז עפּעס אַנדערש. און ס׳איז אַ חוב אויסצוקויפן באָדן. עס איז אַ געבאָט אויסצולייזן לאַנד. יעדער איַל זאַמד, יעדע גרודע ערד, וואָס פאַלט אַריין צו אונדז, איז ווי דאָס דעראָבערן צו־ריק לאַנג־פאַרלוירענע שטרעקעס. ווער עס גייט אַרום צווישן אונדז און הערט נישט דאָס שטומע, פאַרבענקטע רופן פון דער ערד, וואָס לעכצט נאָך אויסלייזונג — דער איז אַ גר און אַ פרעמדער אין דעם לאַנד...

ער האָט זיך אויסגעדרייט צו ביידע לאַנד־זוכערס:

— און וווּ ווילט איר בויען אייער פּליטים־שטאָט? הינטער תל־אביב, צי ערגעץ אין צפון־געגנט פון לאַנד.

— דאָס איז נאָך נישט באַשלאָסן — האָט לייב קאַרפּ געענטפערט — ווען מען זאָל קריגן אַ פּאַסיקן שטיק באָדן, אַ פרוכטבאַרן, מעג עס זיין אין אויבער־גליל. מיר ווילן פלאַנצן אַ גאָרטן־שטעטל. דער עיקר, די

ערד זאָל נישט זיין פאַרוואָרפן, נאָענט צו א יידישן פונקט... מיר ווילן זיך טאָקע אָן עצה האַלטן.

יהושע נפחא האָט אַרויסגעשלעפּט פון דער הויזן־קעשענע א ביי־נערנע פּייקע. ער האָט זי אָנגעשטאָפּט מיט טאַבאַק און אָנגעצונדן. צווישן איין רעדל רויך און דעם צווייטן האָט ער געשטעלט ברייטע שפּרייזן אי־בערן צימער, הא אָפּשטעלנדיק זיך ביי איין וואַנט, דאָ ביי א צווייטער. און ווען ער איז מיד געוואָרן פון אַרומשפּאַנען, האָט ער צוגערופן זיינע געסט און פיבערדיק געטייטלט מיט זיין ווייז־פינגער אויף די לאַנד־קאַר־טעס ווי אויף סטראַטעגישע מלחמה־פּלענער:

— יהודה איז אונדזער. אין גליל באַפעסטיקן מיר זיך. דעם עמק האַלטן מיר ביים איינגעמען... אָט דאָ, אויף דער ערד, דאַרפט איר, יידן, אַרויפגיין. דער גאַנצער וויסטער באָדן באַלאַנגט צו סירישע עפענדים. זיי רופן זייער אייגן פאַרמעגן „דער טאָל פון טויט" און הייסן זיך פונדעסט־וועגן באַצאָלן מיט גאָלד פאַר יעדן שטיק זומפּ... און ביי אונדז איילט מען זיך נישט. מען דאַרף באַפאַלן אָט די ערד ווי א היישעריק. מען דאַרף אויסרויכערן די זומפּן, אויפשלאָגן די קוואַלן און צוריק פאַרוואַנדלען דעם פאַרסמטן טאָל אין א רייכן תבואה־קאַמער פאַרן לאַנד.

לייב קארפּ האָט אַן אויפגעהייטערטער געקוקט אויף נפחאן און איז צופרידן געווען, וואָס דער פריערדיקער געבייזער איז אַוועק. און זיין קול, זיין האַלטונג איז איצט געוואָרן צוגעלאָזענער, פון דעם ברוינעם גע־קאַרבטן פּנים האָבן אַרויסגעקוקט א פּאָר יונגע, בלויע אויגן, ווי פלאַמען, ווי פאַקלען, וואָס וואַרפן ליכט־שטראָמען, וואָס גייען פאַראויס פאַר דער מחנה און האַלטן אין איין אַנטפּלעקן פרוכטבאַרע שטחים, דאָרט ווו עס שפּרייטן זיך זומפּיקע שטרעקעס און פאַרוואָרלאָזטע לאַנד־שטיקער.

***

יהושע נפחא איז געקומען קיין ארץ־ישראל מיט די בילו"צעס — אין די אכציקער יאָרן פונעם פאַריקן יאָרהונדערט. ער האָט געאַרבעט אין די וויינגערטנער פון ראשון־לציון, שפּעטער אין גדרה. און ווען ער האָט דערשפּירט אין זיך א הונגער נאָך ערד־אויסלייזונג, האָט ער פאַרלאָזט

דעם אַקער און די מויל־אייזלען און מיט באַגייסטערונג גענומען אויף זיך די שליחות פון גאולת־הקרקע.

ער איז דורכגעריטן דאָס מדבר־לאַנד פון מצרים ביז סיריע. ער האָט זיך דערוואָרבן דאָס אַראַבישע לשון, געלערנט די לאַנד־מנהגים. גע־ריטן איז ער שטענדיק באַגלייט פון אַ סוויטע שומרים. אויף זיינע נס ע.ת איבער די ברייטע מדבר־פלאַכן האָט ער אָפט מלחמה געהאַלטן מיט בעַ־דואינער־שבטים און רויבער־באַנדעס, וואָס האָבן געלויערט אין הייל.ן. צו־ליב זיינע גבורות האָבן די אַראַבער אים גערופן „שייך אל יאהוד" — דער שייך פון די יידן.

נפחא האָט געאָטעמט מיט די ריחות פון זריעה־ערד. ער האָט דער־שמעקט די קללה פון יעדן זומפּ, אַזוי ווי עס דערשמעקט דער גערטנער די קראַפּיווע צווישן די פלאַנצן. אַלע האָבן געוווּסט, אַז נפחא איז אַ רי־זיקאַנט. ער שטעלט איין אין קאָן זיין וואָרט, זיין נאָמען און די נעמען פון עסקנים אין ישוב. אָפט שליסט ער אָפּ גרויסע באָדן־קניות, נישט וויסנדיק פריער, ווו ער וועט נעמען די געלט־קוועלע. און ווען עס רוקט אָן די צייט פון צאָלן, איילט ער קיין ירושלים. ער יאָגט זיך נאָך די פירער פו:עם נאַציאָנאַל־פאָנד. ער שטורעמט פעסטונגען, ער קלאַפּט אין די טישן פון אַלע קאָנצעלאַריעס — ביז דאָס געלט ווערט באַזאָרגט.

באַטש יהושע נפחא איז געווען דער מאַן פון מעשים, פון פּראַקטישע האַנדלונגען, האָט ער אָבער אָפט גערעדט מיט דער שפּראַך פון אַ טרוימער, אַ בעל־חלומות, וואָס גלויבט, אַז אין דעם קאַרגן, באַשרענקטן לעבן פון יעדן ארץ־ישראל־ייד שטעקט אַן איבערערדישע מיסיע... זיין, נפחאס מיסיע, איז אויסצולייזן ערד, וואָס מער ערד, ערד פאַר אַ פאַרקנעכטעט פאָלק, וואָס ברעכט פענטעס, וואָס שפּרייזט דורך פייער־זיילן און רייסט זיך צו גאולה.

צייטנווייז איז ער געווען אָנגעהויכט מיט דער אמונה פון אַ מיס־טיקער, ספּעציעל אין צייטן פון בהלה, פון אומרועןָ, ווען די אָנשטרענ־גונגען פון ישוב, די אָנשטרענגונגען פון צוויי דורות פּיאָנערן און מאַר־טירער האָבן אויסגעזען צו זיין אַ דורכפאַל, אַ פאַרשפּילטער חלום. און די האָפענונג אויף פולער יידישער תקומה — אויסזיכטלאָז.

יהושע נפחא איז איבערגעקומען די דמשקער טורמע, ווו די טער־קישע מאכט האט אים פארשפארט. ער איז איבערגעקומען נגישות, פאר־פאלגונגען אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען דער קויף פון באדן איז איננאנצן פארווערט געווארן. אבער ווען דער טערק איז געשלאגן און פאר־טריבן געווארן פון לאנד, האט ער זיך דערשלאגן צו א שפאגל־נייעם איינפאל. ער האט געפלאנט אויסצולייזן שטרעקעס באדן אין מעסאפא־טאמיע און אזויערנאך דערנענטערן די אויסשפרייטונג פון ארץ־ישראל איבער ביידע זייטן ירדן.

*
**

יהושע נפחא איז אוועק פון דער וואנט־מאפע. ער איז צוגעגאנגען צום פענצטער און געקוקט דורך דער שויב, גלייך ער וואלט אויף עמיצן זיך געריכט. פון אומגעדולד, וואס קיינער באווייזט זיך נישט, האט ער ווידער געשפאנט ארויף און אראפ און ווי נאך אן איבערגעריסענעם שמועס געזעדט ליארמענדיק:

— זוכט נישט קיין ערד גלייך אונטער דער נאז... פארפלייצט נישט אלע תל־אביב. מען דארף זיך צעשפרייטן איבערן לאנד. גאנץ ארץ־ישראל באלאנגט צו אונדז. ס'איז אונדזער אייגענע שולד, וואס דריי פערטל פון אונדזער באדן איז קראנק און ברענגט נישט קיין פרוכטן. און עס וועט זיין אונדזער שכר, אז מען וועט דעם באדן אויסהיילן. נישטא קיין זומ־פיקע ערד און ריינע ערד. א מאמע האט ליב אלע קינדער אירע, אפילו די קריפלס...

כנעני, וואס האט ביז איצט געשוויגן, איז נענטער צוגעגאנגען צו נפחאן און מיט א פארזיכטיקייט, וואס קומט מער אויס דרך־ארץ צום באלעבאס, איידער אויס אייגענער באשיידנקייט, האט ער געפרעגט:

— איז דאס נישט קיין סכנה, אז פליטים, וואס זענען ערשט אנט־לאפן פון חורבן און פייער, זאלן גיין גרינדן א נייעם פונקט ווידעראמאל אויף א ווייטער, פארווארפענער ערד?

— און אז ס'איז א סכנה, איז וואס? אין צייטן פון געפאר זענען מיר אין ערגעץ נישט זיכער. די גאנצע אומגעגנט פון תל־אביב, דער

שרון, דרום יהודה, ווערט א געפאקטער יידישער ישוב. פונדעסטוועגן, אז עס וועלן אויסברעכן מהומות, וועלן די דאָרטיקע יידן, וואָס זענען דער רוב אין יענעם טייל לאַנד, פאַרוואַנדלט ווערן אין פּליטים. זיי וועלן לויפן איבער אַלע וועגן... אין טבריה איז דער רוב איינוווינער יידן און אין צייטן פון מהומות יאָגט מען זיי פון די הייזער, פון די שולן, מען טרייבט זיי פון אַלט-שטאָט... אין ירושלים זענען דריי פערטל פון דער באַפעלקערונג יידן און אין טעג פון אומרועו ווערן די גאַסן פון דער אייביקער שטאָט פאַרוואַנדלט אין נעסטן פון רוצחים... פאַרוואָס? פרעגט מען, פאַרוואָס? ווייל דאָס איז דער היסטאָרישער גזר, דאָס איז די שטראָף, ווי לאַנג מיר וועלן האָבן אַ לופטיקן הימל איבער די קעפּ און נישט קיין אחיזה, קיין אַנהאַלט אויף דעם באָדן וואָס איז פון אונדז איבערגעוואַלד צוגענומען געוואָרן...

פון יענער זייט פענצטער האָט זיך געהערט אַ קלאַפּעריי פון פערדישע פּאָדקאָוועס. נפּחא האָט זיך ארומגעזען, אַז דאָס זענען אָנגעקומען די צוויי מאַכמעדאַנער, די שילוחים פון דאָרף יאַדזשור. איידער ער האָט באַוויזן ארויסצובעטן זיינע לאַנד-זוכערס, האָט די טיר זיך געעפנט און עס זענען אריינגעקומען צוויי מיטל-יאָריקע אראבער אין געשטרייפטע זשופּעצעס מיט סאַמעטענע בערדלעך ארום די העלדזער, אַזוי ווי ביי קאָרטן-מלכים.

זיי האָבן זיך גענויגט און געשטרעקט ביינערדיקע, ברוינע הענט:

— סאַלום אַלייקום, שייך אַל יאַהוד!(1).

— אַלייקום! אַלייקום! (2) — האָט נפּחא אויפגענומען די שילוחים מיט כבוד — און ווי איז געוועזן דער וועג, גיבורים מיינע? אָנגעטראָפן רויבערס?

— אויף אונדזערע וועגן וואַנדערן נישט קיין רויבערס, שייך, מען איז זיכער און באַשיצט, ווי אין דעם נביאס געצעלטן. און וואָס פירן מיר דען מיט זיך? — האָבן די אראבער זיך געמאַכט לעקעשעוואַטע — צירונג? גאָלד? מיר זענען בלויז אָרעמע לאַנד-באַזיצערס.

---

1) שלום עליכם, שייך פון יידן! 2) עליכם! עליכם!

נפחא האָט צעפּלאָכטן זיין באָרד מיט די פינגער און זיך צעשמייכלט צו די אַראַבער:

— אין די יונגע יאָרן, ווען איך בין געווען אַ וועכטער אין גדרה, פלעגן מיך אָפט באַפאַלן רויבער פון אַרום באר-טוביה. דאָס זענען געווען די קינדער פונעם שבט אל כּאַביר. זיי האָבן געטראָגן ביקסן און האָבן פאַרלאַנגט געלד. פאַרוואָס? — האָב איך געפרעגט. פאַר דורכרייטן אונדזערע פעלדער — האָבן זיי געענטפערט... די היינטיקע אַראַבער פון באר־טוביהער געגנט, וואָס זענען געקנופּט און געפלאָכטן מיט יענעם שבט פון אל כּאַביר, האָבן געמאַכט אַ שפּאַן ווייטער. זיי טראָגן נישט קיין ביקסן און זיי וואַנדערן נישט איבער די וועגן. זיי זיצן אין געצעלטן, רויכערן נאַרגילעס און פאַרלאַנגען אויך געלד. „פאַרוואָס?" — פרעג איך ווידער. און זיי ענטפערן: „ווייל אונדזערע זיידעס האָבן געהאַט שכל צו מאַכן פאַר אייגנס אָט די פאַרוואַרלאָזטע ערד"...

די צוויי אַראַבער האָבן זיך צעלאַכט מיט הכנעה און צושטימונג. פון גרויס הנאה האָבן זייערע אויגן זיך צעגליט. די פּנימער האָבן זיך געקאַרבט, זיך פאַרגאַנגען אין העוויות, גרייט געווען אַפילו צו שווערן ביים קאָפּ פון דערוויש: „דער גאַסט־ביטער און דער קויפער זענען שטענדיק גערעכט".

אַלע זענען אַרויס אין הויף צו די פערד. סיי לייב קאַרפּ, סיי כּנעני זענען זיי נאָכגעגאַנגען. נפחא האָט פאַרוואָרפן איבער די אַקסלען זיין ווייסע אַבאַיע און אָננעמענדיק זיין מויל-אייזל פאַרן צוים, האָט ער זיך געווענדט צו די אַראַבער:

— מיר רייטן?

— געוויס! האָט איינער פון די שלוחים זיך אָנגערופן — אָבער, זוען מיר וועלן אויפן וועג, פאַרביירייטן דאָס דאָרף זאַרפאַ, וועט מען זיך דאָרט אָפּשטעלן און אַריינגיין אין דעם מוכטאַרס הויז. וועסט זיך נישט אָפּזאָגן, שייך אל יאהוד? מען וועט דאַרפן פאַרגלייכן אַ קריגעריי. עס איז אַ מחלוקת אין דער משפּחה...

— וואָס פאַרא מחלוקת?

— טאַקע וועגן דער ערד, וואָס מיר גייען אָנקוקן. דער זעלבער מוכ־

טאר, וואס האט א קעבס־ווייב, א טאכטער פונעם שייך, פון אונדזער שבט, טענהט, אז צוליב דער קרובהשאפט איז ער אויך א יורש צו דעם באדן. ביים לעבן פון אללא! ער וויל א חלק פון דער ירושה. אז נישט — שווערט ער ביים נביא — וועט ער צוריק אפשיקן דאס קעבס־ווייב וואס הויזט שוין מיט אים א פופצן יאר. דער שייך פון אונדזער שבט, הוסיין אל אמיני, וויל נישט געבן קיין חלק פון זיין באדן און וויל אויך נישט צוריקנעמען זיין טאכטער, דאס קעבס־ווייב. ער זאגט, אז אלט־געווארענע ווייבער זענען ווי אלטע פערד. מען טאר זיי נישט ארויסווארפן, נאכדעם ווי מען האט פון זיי נוצן געהאט א האלבן לעבן...

— און וואס זאגט איר, גבורים? ווער איז גערעכט? — האט נפחא געלאכט.

— מיר האלטן מיט אונדזער שבט. אין די רעגירונגס־ביכער שטייט פארשריבן, אז דער שייך הוסיין אל אמיני איז דער איינציקער יורש אין זיין משפחה. און דער קאראן דערלויבט נישט, אז א קעבס־ווייב זאל צוריקגיין אין איר פאטערס הויז. דערצו איז זי יונגערהייט געווען נישט פארכטיק, אויסגעלאסן. זי איז געקומען צו איר מאן דורך די וועגן פון שאנד...

יהושע נפחא האט שווייגנדיק זיך געזעצט אויף זיין מויל־אייזל. ביידע אראבישע שילוחים זענען מיט א האסטיקן שפרונג אריין אין די זאטלען. נפחא האט זיך אויסגעדרייט צו זיינע באזוכערס און אנגעוויזן אויף די אראבער:

— איר זעט אט די באגלייטער מיינע? נישט בלויז פאר איך מיט זיי פארהאנדלען באדן, נאר כ'בין אויך צווישן די ערד־יורשים א בורר, א ראטגעבער און מוסר־זאגער.

ער האט זיך געזעגנט מיט א ברייטן האנט־דרוק:

— שלום! ווו איר זאלט נישט גיין קויפן דעם באדן — זייט מצליח און פארגעסט נישט, די ארץ־ישראל־ערד איז אזוי לאנג פרוכטלאז, ביז זי ווערט נישט באטרעטן. און ווען איר וועט האבן געלייגט דעם ווינקלשטיין אין אייער פליטים־שטאט, קומט מיך זען, שלום!

ביידע יפוער יידן האָבן נאָכגעקוקט די אָפּרייטנדיקע אראבער, וואָס האָבן ווי צוויי לייב־וועכטער באַגלייט יהושע נפחאָן, דעם גאָלד־לאָקיקן שייך אל יאהוד. לייב קארפּן איז געווען פאַרדעכטיק די מעשה וועגן דער ירושה. דער אומצוטרוי צום מדבר־מענטש, וואָס האָט געשטאַמט נאָך פון די יפוער אומרוען — האָט זיך ווידער אין אים געוועקט. ס׳איז אים איינגעפאַלן, אַז הינטער די אראבערס חניפה־רייד שטעקט פאַרפירעריש־קייט און דער געדאַנק, אַז דאָס גייט מען אפשר נפחאָן פאַרנאַרן, פאַר־שלעפּן, האָט אין אים אַרויסגערופן אַן אַ שיעור מוראס און פאַרדאַכטן.

די רייטערס האָבן זיך אוועקגעלאָזט אין אַ גאַלאָפּ איבער דעם ברייטן, אויסגעפּלאַסטערטן שאָסיי.

דריטער טייל

קאפיטל דריי און צוואנציק

אַ הויז פון פעלדזן

צוויי יאָר זענען אריבער.

דער שטילשטאַנד, וואָס האָט גלייך נאָך די יפּוער אומרועך ארומ־גענומען דאָס לאַנד און אָפּגעשטעלט די בוי־ארבעט, אָפּגעשטעלט דעם שטראָם פון נייע עולים — דער שטילשטאַנד איז געבראָכן געוואָרן. אַ גרויסע איינוואַנדערונג האָט זיך ווידער אָנגעהויבן. די האַפנס פון חיפה און פון יפו זענען כמעט יעדן טאָג באַלאַגערט געווען פון געפּאַקטע שיפן, וואָס זענען אָנגעשווימען פון פאַרשידענע לענדער. יידן האָבן געשטראָמט פון רומעניע, פון ליטע, פון רוסלאַנד און צומייסטן פון פוילן. די בוי־באַוועגונג איז געוואָרן האסטיקער, אימפּעטיקער. נישט בלויז תל־אביב איז געוואַקסן איבער נאַכט נאָר אויך חיפה, ירושלים האָבן צוגעקראָגן נייע קוואַרטאַלן, נייע פאַרשטעט.

די פוילישע יידן, וואָס האָבן געליטן נגישות אין דעם באַפרייטן פוילן און נישט געקענט אויסהאַלטן די לאַסט פון גזירות, די לאַסט פון הויכע שטייערן, האָבן אויספּאַרקויפט זייערע פאַרמעגנס, ליקווידירט זייערע געשעפטן, זייערע הייזער און דאָס געראַטעוועטע — צי ס'איז געווען אין מזומנים, צי אין סחורות — געבראַכט קיין ארץ־ישראל. דערפון האָט דאָס לאַנד אויפגעלעבט. נעבן דעם הייזער־געבוי האָבן זיך אויך דאָ און דאָרט געעפנט גרויסע וואַרשטאַטן. אַרטיקלען און סחורות, וואָס מען האָט ביז איצט אויסשליסלעך אריבערגעבראַכט פון דער אַנדערער זייט ים, האָבן מיטאַמאָל זיך באַוויזן אויפן ארץ־ישראל־מאַרק מיט דעם זיגל

פון אײגענער לאַנד־אויסאַרבעטונג. מיט דער צייט זענען די װאַרשטאַטן אויסגעוואַקסן אין פאַבריקן. אַ זאַקן־פאַבריק. אַ לעדער־גאַרבעריי. אַן אַלו־מיניום־גיסעריי. נישט קיין הויכע, הימל־שטאַרצענדיקע קוימענס האָבן זיך געריסן איבער די דעכער פון תל־אביב, אָבער דריי פיר־שטאָקיקע, רויט־ציגלדיקע געביידעס, אײנגעשפּאַנט מיט מאַשינען, האָבן טאָג און נאַכט געהודשעט און אַרויסגעוואָרפן לייוונט, געשיר, זייד, לעדער, טוכ־וואַרג. די סחורות, וואָס זענען פון אָנהויב געווען אויסגערעכנט בלויז פאַר דעם אײגענעם געברויך, האָבן איצט געקריגן אַן אָפּזאַץ אין די שכני־שע לענדער, אין סיריע, אין מעסאָפּאָטאַמיע און עגיפּטן. ביי די פאַברי־קאַנטן זענען געוואַקסן די אַפּעטיטן. צוזאַמען מיט די אַפּעטיטן — די פּראָפיטן. מען האָט צוגעשטעלט נאָך דינאַמאָ־מאַשינען, פאַרגרעסערט די מאַטאָר־קראַפט און געאַרבעט דריי שיכטן אַ מעת־לעת. מען האָט צוגעע־בויט סחורה־סקלאַדעס, ווו מען האָט אָנגעשטאָפּט פּראָדוקציע אויף לאַ־גער.

און די שטילע תל־אביב, וואָס איז פון אָנהויב באַשטימט געווען צו ווערן אַ גאַרטן־שטאָט, האָט פלינק זיך גענומען פאַרוואַנדלען אין אַ רוי־שיקן האַנדלס־אָרט, און אַן אינדוסטרי־צענטער.

און ווי גיך עס האָט זיך געבויט די אינדוסטרי און ס'איז געוואַקסן דער האַנדל, אַזוי גיך האָט זיך אויך אַנטוויקלט דער מסחר מיט פּלעצער. דער באָדן איז געשטיגן. ערד איז געוואָרן מיט גאָלד צוגלייך. די זאַמדי־קע בערג הינטער תל־אביב, וואָס זענען פריער געווען אַ וויין־אָרט פאַר שאָקאַלן און דורכוואַנדערנדיקע בעדואינער — די בערג זענען איצט גע־וואָרן אָפּגעשטאָכן און אויסגעפּלאַסטערט אויף גאַסן. די פּוילישע יידן, וואָס האָבן אויסגעוואַנדערט פון פּוילן צוליב די אַנטיסעמיטישע גזירות און פאַרפאָלגונגען און באַטראַכט ארץ־ישראל נישט ווי אַ צייטווייליק זיץ־אָרט, נאָר ווי אַ לאַנד פאַר ישיבת־קבע, האָבן זיך דאָ גענומען איינ־פונדעווען. פאַר דעם געקויפטן באָדן האָבן זיי געצאָלט אין טאָג אריין און אויסגעבויט אַ נייע טייל שטאָט, וואָס מען האָט אַ נאָמען געגעבן „לב תל־אביב" — דאָס האַרץ פון תל־אביב. יענע גרויסע נישט־געצוימטע איינוואַנדערונג, וואָס איז פאַררעכנט געוואָרן אין ישוב פאַר דער פער־

טער עליה, האָט מען אויך גערופן מיט א שפּאָט־נאָמען „עלית-גראַבסקי..."
— גראַבסקיס איינוואַנדערונג, אויפן נאָמען פון דעם דעמאָלסדיקן פּוי־לישן פּרעמיער-מיניסטער גראַבסקי, וואָס האָט שווער געמאַכט דאָס לעבן פון די יידן אין פּוילן מיט נגישות און גזירות.

און פּונקט ווי יעדעס לאַנד, וואָס לעבט פּלוצים איבער א טעמפּאָ־דיקע אַנטוויקלונג, פּלייצט מיט שפע און ברענגט ארויס אויף דער אויבערפלאַך הייפלעך גייציקע פאַרשוינען, ארויפגעאַרבעטע שפעקולאַנטן, לייכטע פּראָפיטן-מאַכערס און היציקע ריזיקאַנטן, אזוי איז אויך ארץ־ישראל פול געוואָרן מיט פלינקע, רירעוודיקע באָדן־הענדלער, וואָס האָבן נישט פאַרזוימט קיין געלעגנהייט, קיין שאַנס.

די עסקנים, די פירער פון ישוב האָבן זיך ארומגעזען, אז מען איז נישט ריין פון דער פּלאָג. זיי זענען געווען אָבער אָנמעכטיק אָט די פּלאָג אויסצובּרענען. די באָדן-שפּעקולאַנטן האָבן נישט געהאַלטן צו לאַנג די געקויפטע ערד־שטחים. איבער נאַכט זענען די פּלעצער איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט. בלויז מיט האַנט-געלט האָט מען איבערגענומען טויזנטער דונאַמען איבער אַלע טיילן פון לאַנד. די טראַנזאַקציעס זענען געווען אזוי אָפט, די פּראָפיטן אזוי גרויס, אז דאָס האָט אויפגעריסן די אויגן און די אַפּעטיטן פון די אַראַבישע לאַנד־באַזיצער, וואָס האָבן פאַרטאָפּלט און פאַרדרייפאַכט די פּרייזן פון זייערע וויסטע ערד-שטרע־קעס.

נישט בלויז האָבן די אַראַבישע באָדן-סוחרים גענאָסן פון דער שפע, נאָר אויך די אָרימע דאָרפישע פעלאַכן. וואָס מער שיפן מיט יידן האָבן געאַנקערט אין די האַפנס, אַלץ מער גרינצייג, פּרוכטן, עופות האָט מען פאַרברויכט אין די שטעט. דאָס גרינצייג און דער פּראָוויאַנט פון די יידישע קאָלאָניעס האָבן נישט געקלעקט פאַר דער פאַרגרעסערטער באַפעלקערונג, די הינער־צוכט — אוודאי נישט. און די פעלאַכן האָבן דאָס אַלץ באַזאָרגט פון זייערע דערפער. זיי האָבן פאַרצווייגט דעם האַנדל, פאַרגרעסערט דעם אָפּזאַץ איבער אַלע ווינקלען פון דעם נייעם ישוב.

*

ווי א ווינציקער געניסער, ווי איינער וואָס האָט אויך באַקומען זיין קליינעם חלק פון דער ברייטער שפע, האָט לייב קאַרפ שוין באַזיצט זיין שטיק באָדן אין צפון־זייט פון תל־אביב. די נייע פליטים־שטאָט, וואָס מען האָט געפּלאַנט אויפצושטעלן הינטער ירושלים, אָדער אין דער געגנט פון חיפה, איז צום סוף, נאָך לאַנגע וואַקלענישן באַשטימט געוואָרן געבויט צו ווערן אין תל־אביב. נישט לייכט איז דאָס אָנגעקומען. דער קויף פון דעם באָדן, דאָס פאַרצעלירן די פּלעצער, די שוועריקייטן ביים איבערפירן די ערד אויפן נאָמען פון די נייע איינגנטימער — דאָס אַלץ האָט זיך געצויגן אַריבער א יאָר מיט א האַלב. פונקט צו די צוויי יאָר איז לייב קאַרפ געווען דער באַזיצער פון א האַלבן דונאַם באָדן. אַזעלכע באַזיצער ווי ער זענען געווען אַרום הונדערט און פופציק, אַלע אַנטרונענע יידן פון יפו. זיי האָבן זיך גערופן „מחוסרי־דירות" — דירהלאָזע מענטשן. מיט יסורים האָבן די פּליטים זיך איינגעשאַפט אָט די שטיקלעך ערד. מען האָט געשפּאָרט פונעם ביסן, מען האָט פאַרקויפט מטלטלין, מען האָט פאַרזעצט א קישן, אבי צו קענען איינצאָלן אויף א פּלאַץ. נישט אַלע זענען גרייט געווען איצט זיך צו שטעלן בויען אייגענע דירות, אָבער יעדער האָט זיך געשפּיגלט אין זיין פּלעצל, ווי ער וואָלט איינגעהאַנדלט אויף אייביק אַן אומדערשאַצטן אבן־טוב.

אַז די גוטע צייטן זענען אָנגעקומען, האָט לייב קאַרפ גלייך באַשלאָסן צו בויען א הויז. ער האָט מיט גאַרנישט ריזיקירט. אַלע שאַנסן זענען געווען אויף זיין זייט, דאָס ווייב רחל האָט נישט אָפּגערעדט. פאַרקערט, זי אַליין איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון א ווילדן אַפּעטיט צו בויען. צוזאַמען מיט דער וווקס פון דער שטאָט איז אויך געוואַקסן דער האַנדל אין איר שפּייז־קראָם. רחל האָט דערשנאַפּט, אַז נייע געשעפטן עפענען זיך אין יעדן ראָג און גענומען זיך שרעקן פאַר קאָנקורענץ. כדי זיך צו באַוואָרענען קעגן דעם, האָט זי איינגעהאַנדלט נייע פאַרגלאָזטע שאַפעס, א נייעם בופעט, אריינגעשטעלט ברייטע שוי־פענצטער. נישט בלויז האָט דער רעמאָנט אריינגעצויגן מער קונים און פאַרגרעסערט דאָס לייזונג, נאָר רחל איז זיכער געווען, אַז דאָס געשעפט וועט קענען דעקן אַלע חובות, וואָס דאָס בויען א הויז וועט פאָדערן. דער פּלאַץ איז גע־

ווען אפגעצאלט. צוויי הונדערט אפגעשפארטע פונט האט לייב קארפ אויך געהאט ליגן. עס האט בלויז געפעלט די ריזיקע זיך צו שטעלן גראבן דעם פונדאמענט.

און די ריזיקע האט לייב קארפ געהאט. גלייך נאך די גרויסע רעגנס, וואס שטעלן זיך אפ געווענלעך ארום פורים-צייט, האט ער גע־לאזט רופן דעם שטאט-ארכיטעקט און באשטעלט א פלאן פאר אן איינ־שטאקיקן בנין. ער האט געשיקט נאך א בוי-אונטערנעמער, נאך מויע־רערס און ליפעראנטן פון בוי־מאטעריאלן. א וואך שפעטער האט מען דעם פלאץ ארומגעצוימט מיט א הילצערנעם פארקאן. פעסלעך צעמענט זענען אפגעלאדנט געווארן. מוליארעס האבן געלאשן קאלך און א פאר געניטע תימנער בעלי־מלאכות האבן אנגעהויבן אויסארבעטן צעמענטע־נע ציגל.

יעדן טאג האט לייב קארפ זיך געפונען אויף זיין פלאץ. ער האט אנגעקוקט, קוקנדיק ווי די שיכטן ציגל וואקסן. די צוויי תימנער בעלי־מלאכות האבן פלינק און געשיקט געשטאפט דעם צעמענט אין פיר־עקיקע אייזערנע פארמען, ארויסגעפרעסט ציגל און דערנאך זיי סאר־טירט אויף ברעטלעך. לייב קארפ אליין האט יעדן פארנאכט מיט א גו־מענע קישקע באוואסערט די ציגל. ער האט געשפירט א געוואלדיקן פאר־גניגן אין אט דער באשעפטיקונג. זון און ווינט האבן די ציגל דורכ־געבאקן, אויסגעטריקנט. און אט — מען קען שוין שטעלן א וואנט, ארויפציען א מויער!

לייב קארפ איז געווען פארנומען מיטן נאכציילן די קעמלען, וואס האבן געפירט טעגלעך פון יענער זייט טייך ירקון קוישן מיט זשוויר. ער איז געווען פארנומען מיטן נאכציילן די אייזלען, וואס האבן אנגעטראגן פונעם ברעג ים פעטן זאמד. ער האט נאכגערעכנט די צאל וועגענער, וואס האבן אפגעלאדן פעסלעך צעמענט. און אז דער לאגער פון בוי-מאט־עריאלן איז שוין געווען גרויס, האט ער באשטימט א טאג, ווען צו לייגן דעם ווינקלשטיין פאר דעם בנין.

ער האט דעם טאג געוואלט פארוואנדלען אין א יום-טוב. נישט בלויז האט ער איינגעלאדן לאנדסלייט, שכנים — די באזיצער פון די

אַרומיקע פּלעצער, זיי זאָלן קומען בייווּינען די שמחה, נאָר ער האָט אויך דורך בריוו גערופן ביידע קינדער. פון דער טאָכטער אלישבע, וואָס איז געזעסן אין דאָרף כפר־גלעדי, איז קיין ענטפער נישט געקומען. דער זון בנימין האָט געלאָזט וויסן, אַז דאָס לעבן אין דעם אַרבעטס-באַטאַליאָן איז ווי דאָס לעבן פון אַ זעלנער. דער גדודניק אַליין קען זיך נישט באַפרייען ווען ער וויל, נאָר ווען די פליכט דערלויבט... לייבס נשמה-נפש איז געווען גרוים. ער האָט געזען אין דעם דערווייטערן זיך פון די קינדער — אָפּגעפרעמדקייט. זייער זיצן מײלן־ווייט פון דער היים, דאָס נישט לאָזן הערן פון זיך, אפילו אין דעם טאָג פון דער דערוואַרבענער פרייד, האָט אויף אים אָנגעטריבן אַן אומעט. דורך די לעצטע צוויי יאָר האָט ער בנימינען ווייניק געזען, דורכגעשריבן זיך — נאָך ווייניקער. און אלישבע? ווי אין וואַסער אַריין! זינט זי איז אַוועק פון הויז, האָבן אַלע פעדים געפּלאַצט. אַלע בענקשאַפטן אויסגערונען. קיין זאַך האָט זי נישט געבונדן מיט דער היים. לייב קאַרפּ האָט געוואָלט טראַכטן, אַז איר, דער צאַרטער, אָפּגעהיטענער אלישבע מוז זיין גוט אין דער פרעמד, מוז זיין גוט אין דער וועלט, וווּ חלומות ווערן וואָר. אַנדערש וואָלט דאָך זי געצויגן צוריק אַהיים, ווי עס ציט צוריק אַ פאַרבלאָנדזשעטן פויגל צו זיין נעסט.

פונדעסטוועגן, ווי זיכער און רואיק ער איז געווען מיט דעם זון, מיט זיינע איינגעקשנטע באַשלוסן, האָט אָבער אלישבעס גורל אים געשראָקן. און ער האָט אָפּגעמאַכט, ווי באַלד ער וועט פּאַרטיק ווערן מיטן לייגן דעם ווינקלשטיין, וועט ער אַהינפאָרן קיין כפר-גלעדי — אויספאָרשן, די טאָכטער זאָל קומען צוריק.

ער האָט דעם טאָג פון לייגן דעם ווינקלשטיין נישט אָפּגעשטופּט. אין אַ דינסטיק, פּונקט צוויי וואָכן פאַר פּסח, האָבן צענדליקער לאָפּעטעס שוין געגראָבן דעם פונדאַמענט. אַ הייפל געסט און לאַנדסלייט זענען זיך צונויפגעקומען. סטאָלאַרעס האָבן געזעגט ברעטער — אַרייַנגעפּאַקט טאַבאַרעס פאַר דעם בעטאָן. טישן מיט וויין, מיט געבעקס און קוישן מיט פּאָמעראַנצן זענען געווען אויסגעשטעלט אויפן פּלאַץ. רחל, אַן אויסגעשטראַלצטע, אַ צעפלאַמטע ווי אויף אַ היימישער חתונה,

האָט געטיילט כבוד צו די געסט און צו די אַרבעטער. די מאַנסבילן האָבן זיך אָנגעווינטשן כּל־טוב. ווייבער האָבן זיך צעקושט און זיך פאַר־גינען צו זען איינע ביי דער אַנדערער בלויז שמחות.

צווישן די געסט האָט צומיינסטן געטומלט דער לאַנדסמאַן אַנשל פעלדשטיין מיט זיין ווייב. פעלדשטיין, אונטער ווענעמס דאַך לייב קאַרפ האָט נאָכן אויסברוך פון די אומרועו, דעם ערשטן נאַכט־לעגער געקריגן, האָט איצט זיך געקהלט ווי אַ מחותן. ער האָט אַרומגעהאַוועט פון איין לאַנדסמאַן צום אַנדערן. ער האָט אָנגעוויזן אויף די שיכטן ציגל, אויף די פעסלעך צעמענט, אויף די אַרבעטער, וואָס האָבן גע־גראָבן דעם פונדאַמענט און אויסגערופן:

— אויב אַזוינס האָט געקענט פּאַסירן, ווען אַ יידישע מלוכה אויףביידע זייטן ירדן אויך פּאַסירן!

פעלדשטיינס ווייב האָט אָפּגעשטעלט די צעפלאַמטע רחל און אין איר אַריינגערעדט:

— נו, באַלעבאָסטע, אַז מען לעבט, דערלעבט מען! כ׳האָב עס מיט פיר יאָר צוריק, נאָכן יפוער אומגליק געזאָגט: רחל, אַ וועלט גייט נישט אונטער!

— מיין מעמד דעמאָלט איז נישט געווען וואָס מקנא צו זיין — האָט רחל סיי פון גליק, סיי פון פאַרלעגנהייט זיך פאַרענטפערט פאַר די לאַנדסלייט.

— די צייט פאַרהיילט אַלץ! — האָט איינער פון די געסט זיך אָנגערופן.

— בעסער געווען צו קומען אַהער דעמאָלט און צו פאַרלירן, כּדי איצט צוריק צו געווינען מיט פּראָצענט! — האָט אַ צווייטער אַריינגע־וואָרפן.

לייב קאַרפ האָט אוועקגעלייגט אינמיטן פּלאַץ אַ פירעקיק ברעט. ער האָט אַרויפגעשאָטן אויפן ברעט אַ פּאָר לאָפּעטעס צעמענט און דאָס דורכגעמישט מיט זשוויר און מיט זאַמד. עמיץ האָט אונטערגעטראָגן די גומענע קישקע צו באַוואַסערן די ציגל, און גענומען איצט שפּריצן אויפן בערגל צעמענט. לייב האָט דעם צעמענט געמישט פלינק, האַסטיק

מיט אימפעט. און ווען דער בעטאָן איז געווען פאַרטיק, האָט ער אָנגע־שעפּט א פולע לאָפּעטע און עס א וואָרף געטון אין אַן אָפענער, שמאָלער גרוב.

— מזל־טוב! — האָבן אויסגעשריגן עטלעכע קולות.

— אין א גוטער שעה! — האָט דער עולם אונטערגעכאַפּט.

— פון אָט דער לאָפּעטע בעטאָן זאָל אויסוואַקסן א זיכערע היים — האָט פעלדשטיין הויך גערופן.

— אַ דריי שטאָקיקע געביידע! — האָבן שטימען זיך געלאָזט הערן.

— א פינף־שטאָקיקע!

רחל האָט נאָכגעטון איר מאַן. דערנאָך האָט זי איבערגעגעבן די לאָפּעטע די לאַנדסלייט. איינער נאָך דעם אנדערן האָט געפונען פאַר א זכיה אריינצוּוואַרפן אין גרוב אריין א הויפן בעטאָן. לייב איז געווען באַרוישט. ער האָט אַרויסגעכאַפּט פון דער קעשענע אַ פולע האַנט מיט זילבערנע מטבעות און זיי א שאָט געטון איבער דעם גרוב. דאָס איז געווען א טייל פון יענע אָנגעזאַמלטע זילבערנע מטבעות — די צען פיאַסטער־שטיקער — פאַר וועלכע ער האָט אויף א פּלאַץ איינגעצאָלט, בוי-מאַטעריאַלן געקויפט, מויערערס און בעלי מלאכות געדונגען.

די אַרבעטער, וואָס זענען געשטאַנען גרייט מיט דעם געצייג אין די הענט איבער פריש־אָנגעמישטע הויפנס בעטאָן, האָבן איצט האַסטיק פאַרשאָטן די גריבער, דערנאָך גענומען אָנשטאָפּן מיט הילצערנע האַ-מערס און ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט, ווי די טאַבאַרעס זענען געווען פול מיט בעטאָן.

לייב קאַרפּ האָט מיטאַמאָל זיך אַרומגעזען, אַז צווישן דעם עולם, וואָס באַשטייט פון לאַנדסלייט, פון נאָענטע און אפילו פון שכנים פון די אַרומיקע פּלעצער, פעלט איינער, א נאָענטער — יעקב כנעני. ווו איז ער איצט? כנעני האָט דאָך געהאַט א האַנט אין דעם אַלעמען. ער האָט פאַרהאַנדלט דעם באָדן מיט די אַראַבישע באָדן-באַזיצער, געוועקט די יפּוער יידן נישט צו פאַרזאַמען דעם קויף. ער, וואָס האָט געהאַט אויפן קאָפּ יעדע עולה פון דער ענגלישער מאַנדאַטן־רעגירונג און נישט אויפ־געהערט צו מאָנען אַ חוב פון דער בריטישער אימפּעריע, ער האָט זיך

מיטאַמאָל דערשראָקן פאַר דעם טומל, וואָס איז באַפאַלן תּל־אביב. ער האָט נישט פאַרטראָגן דעם האַנדל, דעם קאָך, טענהענדיק אַז עס וואַקסט אַ בבֿל־שטאָט און אַפּגעמאַכט זיך אַריבערצופּעקלען אין דאָרף. דעם ערשטן קונה, וואָס איז אונטערגעקומען, האָט ער פאַרקויפט זיין חלק באַדן, דערנאָך גענומען זיין משפּחה און זיך באַזעצט אין דער שטילער אָפּגעלעגענער קאָלאָניע מרחביה.

לייב קאַרפּ האָט אים איצט געזוכט. ער האָט געוואָלט אָנשטעקן אים מיט זיין שמחה, געוואָלט אים איבערגעבן, אַז ער איז פול מיט פרייד, אַז ער בענטשט די שעה פון זיין איבערטרעטן דעם באָדן.

ער האָט זיך נישט געכאַפּט, פאַרוואָס גראָד איצט האָט ער זיך פאַרטראַכט וועגן כּנעגין און נישט געהאַט אין זכרון די קינדער. לייבס זון, זיין טאָכטער האָבן דאָך דורך פיר און צוואַנציק שעה אין מעת לעת באַזאָרגט זיין געמיט, פול געמאַכט זיין יעדע צעל און יעדעס קעמערל. און כאָטש זייער אָפּזאָג צו קומען צום יום־טוב האָט אים געערגערט, האָט ער פונדעסטוועגן איצט, מיט אַלע קוואַלן פון זיין באַגייסטערונג זיך געוועררט קעגן אומעט. ער האָט נישט צוגעלאָזט צו זיך קיין שאָטן פון טרויער.

דער עולם האָט פאַרטרונקען מיט קעלישקעס שנאַפּס און פאַרביסן מיט זיס געבעקס. רחל האָט שוין געזאָרגט, אַז די טישן זאָלן ווערן אָפּגערוימט. און ווען דער שנאַפּס האָט זיך אויסגעלאָזט, זענען אויסגעוואַקסן פלעשער וויין פון די ראשון־לציונער קעלטערס. רויטער גערדיכ־טער מושקאַט, ווייסער שוימיקער פאָרטאָ, שערי־בראַנדי. קיין זאַך האָט די שפּאָרזאַמע, אויסגערעכנטע רחל איצט נישט געקאַרגט. פאַר יעדער פּאַרציע כּבֿוד, וואָס זי האָט צוגעטיילט, האָט זי צוריק באַקומען בענטש־ווערטער, ווינטשעוואַניעס און גוטע צוזאָגן.

און אינמיטן פונעם טומל, אין דעם געדיכטן געפּילדער פון די לחיימס און די קלינגערייַ פון די קעלישקעס, האָט לייב קאַרפּ מיטאַמאָל אָוועקגעשפּרייזט לענגאויס דעם פּאַרקאַן, וואָס האָט אַרומגעצוימט דעם בוי־פּלאַץ. ער איז געווען באַרוישט און פול מיט פּלענער, ער האָט באַ־

טראַכט דעם גרויסן, פּירעקיקן זאַמדיקן באָדן. ער האָט באַטראַכט די צעלייגטע בוי־מאַטעריאַלן, די אָנגעוואָרפענע געצייג פון די מויערערס און איז זיכער געווען, אַז איצט, נאָך אַלע שטרויכלונגען און וואַנדלונגען, בויט ער פאַר זיך אַן אייגענע היים. נישט קיין געצעלט פון לייוונט וועט דאָס זיין, נישט קיין סוכה פון ברעטער, נאָר אַ פעלדזן-פעסט הויז, אַ בנין געקלעפּט פון ציגל און בעטאָן.

קאפּיטל פיר און צוואנציק.

ירושלים די שטאָט פון קברים און פילדערנדיקע קוואַרטאַלן

זיין גאַנצע פרייע צייט איז לייב קארפּ געווען באַשעפטיקט אויפן בוי־פּלאַץ. דאָס הויז איז איצט געווען דער לייכט־טורעם, ארום וועלכן אַלע זיינע זאָרגן, מוראס און קווענקלענישן זענען צעשמאָלצן געוואָרן, אויסגערונען. אויך אַלע אַנדערע פאַרלאַנגען זענען איצט געווען איבער־ריק און נישט געהאַט קיין באַדייטונג. מיט יעדן טאָג האָבן די שיכטן ציגל זיך געהויבן העכער. דאָס בויען איז צוגעגאַנגען מיט אַזאַ אימ־פּעט, אַז סיי ער, סיי רחל האָבן זיך נישט געכאַפּט ווי גיך די ווענט זענען אויסגעוואַקסן, ווי גיך טירן און פענצטער זענען געוואָרן איינ־געראַמט און אַט — מען האַלט שוין ביים גיסן דעם גאַרטל צום דאַך.

אַז מען האָט געהאַלטן ביים דאַך, איז שוין געווען צוויי טעג פאַר פּסח. לייב האָט געפונען אַ געלעגנהייט אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם אויף אי־בער יום־טוב. דער שטאָט־אַרכיטעקט האָט איינגעפּאַקט די פּלענער, די מויערערס האָבן אוועקגעלייגט די קעלניעס. אין דער אַרבעט איז גע־וואָרן אַן איבעררייס אויף אַכט טעג צייט.

פונקט דעם זעלבן טאָג איז אָנגעקומען אַ בריוו פון בנימינען. אין דעם בריוו איז געשטאַנען, אַז אין די חול־המועד־טעג וועט ער מיט אַ גאַנצע כּנופיא „גדודניקעס" פאַרברענגען אין ירושלים. און אויב ער, דער טאַטע, וויל אויך אַמאָל אָנקוקן די יום־טובדיקע ירושלים, די ירו־שלים של מעלה, מעג ער זיך פאַרגינען אַריינצוכאַפּן זיך אין דער הייליי־

קער שטאָט, נישט בלויז אויף חול-המועד, נאָר אפילו אויף דער ערש־טער סדר־נאַכט. ער וועט דאָרט געפינען זיבעציק פאַרשידענע אומות. ער וועט גיין איבער אָפּגעשלאָסענע גאַסן און פאַררינגלטע קוואַרטאַלן. אינעם געפּילדער פון די מזרח-הייף וועט ער טרעפן יידן פון די פאַר־לוירענע שבטים און פון פאַרגעסענע עדהס. אַלע קאָלירן און אַלע פאַרבן. געשטרייפטע זשופּיצעס און ווייסע סוטאַנעס. געלע טורבאַנען און רויטע טאַרבושן. אַלע נדחי-ישראל האָבן געפונען אַ מקום־מקלט אין דער אייביקער שטאָט. און כדי זיי צו באַגעגענען, דאַרף מען אַהינ־צו עולה־רגל זיין אין פסח, אין דעם יום-טוב פון באַפרייאונג.

לייב קאַרפּן האָט דער בריוו צענומען. די נייעס האָט אים אַריינ־געשפּילט אין די הענט אַליין. נישט בלויז האָט בנימינס עצה געוועקט אין אים ווינטשונגען און בענקשאַפטן. נאָר ער האָט שוין פון לאַנג זיך געקליבן צוזאַמען מיט רחלען אָפּצושטעלן אַ ברייטן באַזוך אין ירו־שלים.

לייב האָט געזען ירושלים. דורך די עטלעכע יאָר האָט ער נישט איינמאָל זיך דאָרט אַריינגעכאַפּט. ער האָט אָבער די שטאָט נישט גע־קענט. די פאָר וויזיטן זענען געווען בחפזונדיקע, אויף איין פוס. צי די נסיעה איז אויסגעקומען צוליב געשעפט, צי צוליב אָנקוקן באָדן — ער האָט זיך תמיד געאיילט ביים אַריינפאָרן און ער איז תמיד געווען פלינק צום אַרויספאָרן. אוים מאַנגל אין צייט האָט ער קיין איין מאָל נישט באַוויזן אַריינצושפּאַנען אין די אָפּגעלעגענע, געדרייטע געסלעך פון אַלט־שטאָט, אויפצוכאַפּן דעם געליאַרם, אָנצוקוקן דאָס פּילדערנדיקע לעבן פון די מזרח-ברידער. איצט וועט ער פאָקן צוויי האָזן מיט איין שאָס. ער וועט פּראַווען דעם סדר אין ירושלים און ער וועט נאָך עטלעכע יאָר פון נישט זעען זיך ווידעראַמאָל פאַרברענגען מיט זיין זון.

ביי לייבן האָט דער פּלאַן געשטימט. אָבער נישט ביי רחלען. פאַר איר, דער אויסגערעכנטער, וואָס האָט נישט ליב געהאַט צו מאַכן קיין איבערגעאיילטן שריט, איז דאָס פאָרן קיין ירושלים אום פסח געווען אַ לוקסוס־רייזע. דערצו, אַז זי האָט זיך שוין דערשלאָגן צו אַ זיכערע פּרנסה, האָט זי עס איצט נישט געוואָלט פאַרנאַכלעסיקן. זי וועט נישט

אַפּשליסן דאָס געשעפט אויף זיבן טעג צייט און זיצן אין ירושלים. קאָנ־
קורענטן אין גאַס פעלן נישט. זיי קוקן נאָר אויס די געלעגנהייט אָפּצו־
שלאָגן קונים.

רחל איז באַשטאַנען צו בלייבן אין תל־אביב און האַלטן אָפּן די
שפּייז־קראָם אום חול־המועד. לייבן איז נישט געלונגען דעם ווייב אײַ־
נצורעדן. עס איז געבליבן, אַז זי זאָל פּראַווען יום־טוב אין תל־
אביב און זיין צום סדר ביים לאַנדסמאַן אַנשל פעלדשטיין. און לייב
זועט פאָרן קיין ירושלים. ער וועט נישט פאַרזאַמען די באַגעגעניש מיט
דעם זון.

ערב פּסח אינדערפרי איז לייב קאַרפּ שוין געשטאַנען אין דעם האָ־
טעל „בן־הדור", אַ שטיינערנער, פּאַרריסענער בנין, וואָס האָט זיך
אַרויסגעהויבן אינמיטן פונעם קוואַרטאַל „זכרון משה", אין דער נעדיכ־
טעניש פון ירושלים. צום האַלבן טאָג האָט בנימין געהאַט אויפגעזוכט
דעם פאָטער. דער זון איז נישט געווען אַליין, ער איז געקומען אין האָ־
טעל אַריין מיטן גאַנצן געבינטל „גדודניקעס". אַלע זענען געגאַנגען אין
שווערע, באַנעגלטע שיך, און קורצע קאַקי־הויזן און אויף די קעפּ אינ־
דישע פּראָפּן־היט, וואָס עס טראָגן די ענגלישע זעלנער אין די מזרח־
לענדער.

לייב קאַרפּ האָט זיי אַלעמען איינגעלאַדן צום טיש. דער מיטאָג
איז געווען רייך. אין דער אַנוועזנהייט פון דעם יונגן, פרייליכן עולם
האָט לייב פאַרגעסן דעם טעם פון קאַרגשאַפט. יעדעס מאָל, דורכן לעצ־
טן יאָר, ווען ער איז געווען אויסער דער היים, אָן דער אויפזיכט פונעם
ווייב, האָט ער זיך נישט געפילט אָרעם און איז נישט געווען שטרענג־
אויסגערעכנט אויף אַ פּרוטה. אויך איצט האָט ער געוויזן זיין ברייטע
האַנט. דער געדעקטער טיש איז געווען פול מיט געשמאַקע מאכלים, מיט
עכטע ראשונער ווייַנען. נאָך די ערשטע גלעזלעך, ווען די געמיטער האָבן
זיך צעוואַרעמט, האָבן טאַטע און זון זיך דערציילט איינער דעם אַנ־
דערן וועגן די פאַרגאַנגענע עטלעכע יאָר. אויב ביי לייב קאַרפּן איז דער
וועג געווען פאַרזייט מיט שטרויכלונגען און זיגזאַגן, איז אָבער ביי בני־
מינען דער גאַנג געווען איין באַרג־אַרויף, איין דערהויבונגס־שטעג. קיין

שפור פון צווייפל, וואָס זאָל אָפּשוואַכן דעם גרויסן גלויבן אין דעם :ווי-דערגעבורט פון ארץ־ישראל.

אין דעם פּאַטערס אויגן האָט דער זון איצט אויסגעקוקט העכער, קנאָכיקער. זיין גאַנץ געשטעל — מענלעכער. פאַר דער קורצער צייט איז די פאַרענדערונג געווען אומגעהויער. ארום בנימינס פּנים האָט גע־שפּראָצט א האַרטער קין. איבער דער אויבערשטער ליפּ — א בלאָנד שנירל וואָנצעס און אין די אָנגעלאָדענע אויגן א באַגער, א ווילן איינ-צונעמען שטחים.

די גאַנצע רייפקייט פון א בחור, וואָס גייט איבער פון יינגליש־קייט צו מענלעכקייט, איז געווען שטאַרק קענטיק אויף בנימינען. די רייפקייט האָט זיך אָנגעזען אין זיין האַלטונג, אין זיין פּיבערדיקער ניט-געצווימטקייט און אין זיינע היציקע רייסערייען מיט די ארומיקע ביים טיש.

לייב קאַרפּן איז אייגן געוואָרן בנימינס שטרייטן. זיין שטענדיקער חשק צו ווערטער־געפּעכט. ער האָט רעכטנגעפערטיקט דעם זונס אַנטש-לאָסנקייט, זיין זיכערקייט, וואָס ער איז ווייט פון בלאָנדזשעניש און פאַרלוירנקייט. בנימין איז דער ערשטער צווימען־ברעכער אין דער מש־פּחה. ער איז איינער פון אַן אויפגעוואַכטן דור אויף אויפגעוואַכטער ערד. און ווען לייב האָט זיך דערמאָנט אָן די וואַקלענישן און בלאָנ-דזשענדיקע גענג, וואָס האָבן אים באַגלייט מיט דרייסיק יאָר צוריק, ווען ער איז א יונגערמאַן געווען — איז אין אים אויפגעגאַנגען חרטה און קנאה.

ער האָט געוואָלט איצט אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם יאָך פון אומער־טיקע דעראינערונגען, געוואָלט פריי זיין פון דער משא פאַרוואָרפן צו זיך אליין. געקומען איז ער היינט קיין ירושלים ווי א טוריסט, א מונ-טערער, אַן אויפגערוימטער, ווייליק אָנצוקוקן נייע קוואַרטאַלן, דורכצו־שפּרייזן מערק. ער איז טאַקע גרייט געווען גלייך זיך א לאָז צו טון אויף א שפּאַציר איבער דער שטאָט און זיך געווענדט צו בנימינען:

— ווו וועלן מיר אָפּריכטן דעם סדר?

— ביי די ספרדים.

— ביי וועמען?

— ביי די מאראקאנער יידן. דאס וועט דיר געפעלן, טאטע. זיי זענען אויסטערלישע יידן, די מאראקאנער. זיי קוקן אויס ווי געצנדינער און פירן א לעבן פון מאמינים.

— וועט מען אונדז צו זיי אריינלאזן?

— מיר וועלן קומען ווי אומגעבעטענע אורחים — האט בנימין געלאכט — מען וועט אריינשפאנען אין זייער קווארטאל. דאס וועט אבער זיין ביינאכט. איצט, טאטע, לאמיר זיך דורכשפאצירן איבער ירושלים. ווילסט אנקוקן די אלטשטאט?

***

לייב קארפ, וואס האט זיך געריסן אנצוקוקן אלט־ירושלים, האט מיט נישט ווייניקער ניינעריקייט געוואלט דורכשפאנען דאס נייע ירו־שלים. ער האט געוואלט דורכגיין די ווייסע קווארטאלן, וואס האבן, ווי קליינע פאלאצן זיך געצויגן איבער די מויערן, רוממה, תלפיות, רחביה — קופעס געשניצטע הייזער, שווערע, נישט־דערענדיקטע גראניט־בני־נים, וואס זענען געווען צעווארפן איבער דעם אומענדלעכן ברוינעם, שטייניקן באדן, ארום דער אלטער שטאט־חומה.

באגלייט פונעם זון און פון דעם גאנצן געבינטל גדודניקעס, איז לייב קארפ ארויס פון האטעל. זיי זענען צוגעקומען צום „רוסישן פלאץ". פון א שיטערן גארטן, צווישן גראז־בייטן, האט זיך ארויסגעהויבן א צעפלינלטע צערקווע מיט ברייטע קופאלן, די קופערנע צלמים, וואס האבן זיך ארויסגעשניטן פון די קופאלן, האבן געקרייצט דעם הימל, דערמאנענדיק די דורכגייער, אז אין מיטלפונקט פון ירושלים שטעקט א נעסט פון פראוואסלאווגע.

זיי זענען ארויס אויף א ברייטן אפענעם וועג. די יפוער גאס, וואס שניידט ירושלים אין צווייען, האט געפירט צום טויער פון אלטשטאט. צוקומענדיק צו א שייד־וועג, וווּ ס'האבן זיך געקרייצט ליימיקע סטעזש־קעס, האט לייב אויף א ווײַלע זיך אפגעשטעלט. די זון האט געפלייצט און געצונדן די אפענע פלאכן. פון איין זייט האט זיך ארויסגעהויבן

דער מגדל־דוד, ווי א צעטורעמטע פעסטונג און פון דער אנדערער זייט אן אויסגעוועלבטע וואנט־עפענונג דורך וואגען מען טרעפט זיך באַרג־אַראָפּ צו דער אַלטשטאָט.

זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט איבער די פלאַכע טרעפּ. זיי האָבן געטרעטן איבער די שמאָלע שטיין־געפלאַסטערטע געסלעך, פאַרבייגענאַנגען געוועלבטע טויערן און טונקעלע נישעס.

דאָרט וווּ מויערן האָבן זיך געקייטלט אין מויערן, וווּ ווענט האָבן געקלעטערט איבער ווענט און דאָס פּאַכען פון טליתים, סוטאַנעס און אַבאַיעס האָט אַרויסגעפלאַטערט פון יעדער שפּאַרע — דאָרט האָט לייב דערזען די געפּאַלענע ירושלים.

צווישן קברים, צווישן חורבות, וווּ עס האָבן געפירט ברודער־מלחמות יהודאישע אריסטאָקראַטן מיט זעלאָטן. צווישן אויסגעהאַקטע פעלדזן, וווּ די חשמונאים האָבן געברענט דעם שונאס געצנדינערישע מזבחות. אין היילן, וווּ גבורים זענען געפאַלן פון טיטוסעס חיילות — דאָרט האָט לייב דערשפּירט די קדושה פון אָרט, דעם אייביקן טרויער פון גאָטס שטאָט.

א דורכגענומענער, א פּאָרכטיקער, דאָס האַרץ פלאַטערנדיק, די אָדערן צעוואָרעמט, איז ער אַריין אין די טיפע עפענונגען פון אַלט־שטאָט.

*****

ס'איז שוין געווען טונקל, ווען לייב מיטן זון זענען צוריק אַרויסגעקומען. די גרודניקעס, די איבעריקע באַגלייטער, זענען זיך צעגאַנגען, ווער צו א קרוב אויפן סדר, ווער אין דער אַרבעטער־קיך. ביי לייבן איז דאָס האַרץ געווען איבערגעלאָדן. פון צופיל פרייד, פון צופיל גליקזעליקייט און צופיל דערפילטע בענקענישן, האָט ער איצט זיך דערשפּירט מיד. ער איז אָבער נישט געווען אויסגעשעפּט. ס'איז געווען די מידקייט וואָס קומט פון איבערפלוס און גליק. דאָס שפּרייזן איבער די פאַרוויקלטע יידישע געסלעך, דאָס שפּאַנען איבער די ענגע אַראַבישע קוואַרטאַלן האָט שווער געמאַכט די פיס. אָבער אין קאָפּ איז אויפגעגאַנגען

א העלקייט. די ראיה איז געווען דורכזיכטיק, גרייט צו פארוואנדלען בשוּף אין אַלטעגלעבקייט, אויסדורכטעניש — אין וואָר.

דעם גאַנצן וועג אויף צוריק איז לייב געווען אַזוי צערודערט פון דעם, וואָס ער האָט געזען, אַז ער האָט געשוויגן און נישט איבערגע-רעדט מיט בנימינען. אויך דער געדאַנק, אַז ער גייט באַלד אָפּריכטן דעם סדר ביי די מאַראָקאַנער יידן, האָט אים געמונטערט, אים גרייט געמאַכט פאַר נייע איבעראַשונגען.

די לעצטע זון־שטראַלן, וואָס זענען געהאַנגען איבער די טורעמס פון מגדל־דוד, זענען איינציקווייז אויסגערונען. דאָס טאָג-ליכט האָט זיך געווישט. און שאַרפע ווינטלעך, וואָס לויפן אַן פון די אָפענע טאָלן, האָבן געבלאָזן איבער די שטיינערנע ווענט און צעוואָרפענע אַרקאַדן און געקילט די געפּלאָסטערטע טראָטואַרן פון דער לאַנגער יפוער נאָס.

צוקומענדיק צו דער פּאָסט-געביידע, ווו גאַסן קרייצן זיך און שלענג־לען זיך אַריין אין די יידישע קוואַרטאַלן, האָט לייב אַריינגעדרייט אין דער ריכטונג פון זכרון-משה. דאָס האָט ער איצט געוואָלט אַריין צו זיך אין האָטעל, ווו ער וועט באַוויַיזן צו כאַפּן אַן אָפּרו, זיך אָרומוואַשן, זיך איבערטון און דערנאָך זיך לאָזן צו דעם אויסטערלישן סדר.

אָבער איידער ער האָט אַזוי גייענדיק פאַרקערעוועט רעכטס, האָט בנימין פּלוצים אים אַ כאַפּ געטון פאַר אַ האַנט און אָנגעוויזן.

— טאַטע זע!

לייב האָט זיך אומגעקוקט.

אַ געוויקסיק מיידל אין אַ בלויער פעלערינע, אויפן קאָפּ — אַ ברייט־ראַנדיקער הוט מיט אַ פּאַווע-פעדער איז אָנגעקומען פון דער יפוער נאָס. לייב איז געווען צעטומלט. ער האָט זיינע אויגן נישט גע־גלויבט. איז עס יאָ, צי איז עס נישט זיין טאָכטער?

— אלישבע!

אַ פריידיקער אויפגעשריי, דערנאָך אַ האסטיק אָקעגנלויפן און אלישבע האָט זיך געקלאַמערט אין דעם פאָטערס אָרעמס.

— טאַטעשי!

די פרייד איז געווען גרעסער פון דער איבעראַשונג. לייב האָט

אויף אַ ווײַלע פֿאַרגעסן אַלע עולמס. ער האָט געקושט די טאָכטער, גע־קוקט איר אין די אויגן, באַטראַכט אירע קליידער און דערנאָך האָט ער צוגערופֿן דעם זון:

— בנימין, האָסטו זיך געריכט אויף דעם?

בנימין, וואָס איז געשטאַנען אָפּגערוקט, האָט זיך איצט דערנענ־טערט. ברודער און שוועסטער האָבן זיך אָנגעקוקט ווי ווײַטע קרובים. אַ ווײַלע זענען זיי געשטאַנען צעטומלטע, אַ ווײַלע זיך געקווענקלט, דער־נאָך האָבן זיי זיך צעקושט.

לייב האָט זיך געדרייט אַרום דער טאָכטער, ווי אין אַ קרייז. ער האָט געשפּירט ווי דאָס האַרץ הייבט זיך, ס'קלאַפּט גיכער. נאָט אַליין האָט אים געשיקט קיין ירושלים און אים צונויפֿגעפֿירט מיט ביידע קינ־דער. און פֿאַרוואָס פֿעלט דאָ איצט רחל?

ער האָט אַלישבען אָנגענומען פֿאַר ביידע אַקסלען, לאַנג און צערט־לעך זי אָנגעקוקט און מיט אײַנגעהאַלטענעם פֿאַרוואָרף אַ פֿרעג געטון:

— פֿאַרוואָס האָסטו דאָס געטון, אַלישבע?

— כ'האָב דיך געוואָלט איבערראַשן, טאַטע — האָט זי געלאַכט.

— און ווען דו טרעפֿסט מיך נישט אויף דער גאַס?

— כ'בין סײַ ווי געגאַנגען צום האָטעל. כ'האָב זיך נאָכגעפֿרעגט אויף דיר. גאַנץ ירושלים ווייסט, אַז די תּל־אָביבער אַרויפֿגעאַרבעטע באַ־לעבאַטים שטייען אײַן אין האָטעל „בן־הדור".

לייב קאָרפּ האָט זיך באַלד אַרומגעזען, אַז די טאָכטער ווייסט ווענן אים מער וויפֿיל ער האָט דערוואַרט. אויף טאַטע־מאַמעס בריוו האָט זי מאָקע נישט געענטפֿערט. אָבער געקומען קיין ירושלים איז זי יאָ. געקומען אומגעריכט, אומדערוואַרט, ווי אָפּצוטון אַ שפּיצל. האָט זי טאַקע געמיינט אים, לייבן, איבערצוראַשן?

זיי זענען אַרײַנגעגאַנגען אין האָטעל.

צו לייבס פֿרייד איז קיין שיעור נישט געווען. וויפֿיל פֿראַגן עס האָבן זיך געזאַמלט אויף דער צונג, אַזויפֿיל ענטפֿערס האָט ער דערוואַרט צו קריגן פֿון אַלישבען. די אויפֿגעוואַכטע נײַגעריקייט, די פֿאָטערלעכע אי־בערגעגעבנקייט, דער אינטערעס צו וויסן דעם גורל פֿון זײַן קינד — האָט

פון אים איצט זיך אויסגעלאָדן. ס׳איז אים שווער געווען צו גלויבן, אַז אלישבע האָט די לעצטע צוויי יאָר פאַרבראַכט אין אַ דאָרף. איר אויסער־לעכער אויסזען, איר קליידונג און איר האַלטונג — פון אַלץ האָט אַראָפּ־געשריגן די שטאָט. אפילו איר אויסגעצערטלטקייט און געפלעגטקייט האָט עדות געזאָגט דערויף. פונדעסטוועגן אַז ער האָט זיך צוגעהערט צו אירע רייד, צו איר געלעכטער, צו איר נישט געצוימטער פרייד, וואָס האָט אָנגעשטעקט פיי אים, סיי בנימינען, האָט לייב דערשפּירט, אַז הינטער דער פרייד — שפּאַרט אַ זאָרג, אַן ערנסטקייט צום לעבן אַרום, צו דער אויפגאַבע, וואָס זי, אַ יונגע פּיאָנערין, האָט אויף זיך גענומען. אין ארץ-ישראל טראָגן דעם עול אַלע, דער דאָרפס־מענטש, דער קבוצניק, דער שטאָט-איינוווינער. און זי, אלישבע, אַ קינד פון שטאָט, געוווינט צו רח־בות, צו באַקוועמלעכקייט, ווייסט ווי גרויס ס׳איז די אָפּערוויליקייט ביים איבערגיין אויף לאַנד, אויף רויען באָדן.

זיין שטאָלץ מיט בנימינען, זיין איבערנעמען זיך מיט זיין זעלבסט-שטענדיקייט, האָט לייב קאַרפּ איצט טיילווייז אויך אַריבערגעטראָגן אויף דער טאָכטער. ער איז זיכער געווען, אַז ער קען אירע פּלענער, ער ווייסט צוליב וואָס, זי איז געקומען קיין ירושלים. מיט דער פאַרזיכטיקייט פון אַ זייטיקן מענטש, וואָס וויל נישט אַרויסווייזן קיין נייגעריקייט צו פרעמדע עסקים, האָט ער געלאָסן געלאָזט פאַלן:

— ביסט געקומען זען אפרימען?

אלישבע האָט אַ ציטער געטון. זי האָט באַלד נישט געענטפערט. אי־רע שיינע, צוגעברוינטע באַקן האָבן אָנגעטון אַ לייכטע רויטקייט. אַרום די דינע מויל־ווינקלען האָט זיך פאַרצויגן אַ גרימאַס. זי האָט צונויפגע־לייגט די שמאָלע ליפּן ווי אַ פייפל, דערנאָך אויסשפּירעריש געקוקט דאָ אויפן ברודער, דאָרט אויפן פאָטער און האַסטיק אַ זאָג געטון:

— מיט אפרימען איז אַלץ אויס!

— ווייצלסט זיך, אלישבע?

— כ׳בין ערנסט, טאַטע. שוין אַריבער אַ יאָר ווי כ׳האָב אים נישט געזען.

לייב, וואָס איז אַלץ זיכער געווען, אַז אלישבע טרייבט שפּאַס, האָט

מער נישט איבערגעפרעגט. ער האָט געטראַכט, אַז אלישבע פאַרבאַהאַלט עפּעס. זי קען נישט רעדן אָפן אין בנימינס קעגנוואַרט און ער האָט גע-וואָלט אויסמיידן אַ ווייטערדיקן פּיינלעכן שמועס. נישט אַזוי אלישבע. זי האָט גאָרנישט געוואָלט אויסמיידן. פאַרקערט, זי האָט שטאַרק חשק געהאַט אַלץ אָפן אַרויסצוברענגען. זי האָט געגומען דערציילן ווען זיך אָן אָפּשטעל, געגומען דערציילן ווענן איר לעבן דורך די פאַרגאַנגענע צוויי יאָר, פאַרענטפערט זיך, פאַרוואָס זי האָט איבערגעריסן מיט אפרי-מען און רעכטגעפערטיקט איר האַנדלונג.

אלישבע האָט נישט געוואָלט קיין איינגעבעטענע ליבע. זי האָט נישט געוואָלט קיין געשאָנקענע צערטלעכקייטן. זי, געוווינט שטענדיק צו אויפ-מערקזאַמקייט, צו וואַכזאַמקייט, האָט געמאָנט וואָס איר קומט און גע-מאָנט אין אַ פולער מאָס. און ווען זי איז געזעסן די ערשטע פיר חדשים אין גליל, איז אפרים געבליבן אין ירושלים. אַ פאַרטועגער, אַ פאַרשלאָ-סענער אין זיך. דערנאָך האָט מען אים איבערגעשיקט קיין עבר־הירדן, ווו ער האַלט אָן זיין רעגירונגס־שטעלע. און פון דאָרט האָט ער איינגאַנצן אויפגעהערט צו קומען כדי זי צו זען. בלויז בריוולעך האָט ער געשריבן. און ווען עס איז אַריבער אַ יאָר און ער האָט נישט געפונען פאַר נויטיק זיך פאַר איר צו ווייזן, דעמאָלט האָט אלישבע, ווי אַ יונגע פרוי, הונ-געריק נאָך פרייד, הונגעריק נאָך צערטלעכקייטן, נאָך ליבע, מיטאַמאָל איינגעזען, אַז זי איז געגאַרט, אַז זי איז ביי אפרימען געווען אַ צופע-ליקער פאַנג, אַ פאַרבייגייענדיקער צייט־פאַרטרייב. די אַנטוישונג איז געווען גרויס. זי האָט באַשלאָסן איבערצורייסן און זי האָט טאַקע איבער-געריסן — נישט געלאָזט פון זיך הערן.

זי האָט געשעפּט באַרואיקונג אין די ווילדע, שטומע בערג, וואָס האָבן זיך געקייטלט אַרום כפר־גלעדי. זי האָט געפונען פאַרגעסנקייט אין דער אַרבעט אַרום דעם קבוץ־הויף. נאָך צוויי חדשים האָט זיך באַוויזן אבנר. ער איז געווען אַ יונגער וועג־ווייזער. אַ הויכער, אַן אומרואיקער, פול מיט ברען, פול מיט הונגער אין זיינע קאָכיקע אויגן. ער איז אָנגע-קומען ווי אַ שטורעם. ער האָט אויפגעבראָכן אַ טיר אין איר פאַרשלאָ-סענער וועלט. אלישבע, וואָס האָט געשטילט אירע בענקשאַפטן אויף די

איינזאמע שפאצירן אין די גלילער לבנה-נעכט, איז אנגעשטעקט געווארן פון זיין אומרו. זי האט זיך אנגעשלאסן אן די טוריסטן-גרופן. מיט אן אויפגעמישטן תנ״ך אין האנט איז זי מיטגעגאנגען אויף אלע פלעצער, אויסגעפונען פארצייטיקע ערטער, וואס דערציילן פון רום, פון יידישער גבורה.

זי אליין איז געווארן באוועגלעכער, מונטערער, איינזעענדיק אז שווערע איבערלעבונגען דערשלאגן נישט, נאר וועקן אויף, מאכן די פרוי דערפארענער, לעבנס-רייפער און גענוג שטארק ארויסצושטעלן א ווידער-שטאנד. עס האט אלישבען געצווינגן צו אבנרן, ווי עס ציט א שמעטער-לינג צום פלאם. און ווען דער פלאם האט זיך עטוואס געזעצט — אבנר האט באמערקט אלישבען און האט זיך פארהאלטן פאר איר — האט זי פאר אים פארטרויט אלע אירע פארלאנגען, אלע אירע שטימונגען. קיין זאך נישט אויסבאהאלטן, ווי זי וואלט אים שוין געקענט יארן. אבנר, א קינד פון דעם אויפגעוואכטן גליל, אנגעלאדן מיט בארג-גבורה, אנגע-לאדן מיט מדבר-זון, האט געהאט פאר אלישבען נישט בלויז א וואך אויער, נאר אויך א וואך הארץ. זייערע קורצע באגעגענישן זענען געווארן אפטער. פון די באגעגענישן זענען געווארן לאנגע שפאצירן און אלישבע פארקאכט, פארליבט ביז איבער די אויערן, האט געפונען א זין, פארוואס זי איז אנטלאפן פון דער היים.

לייב האט אויסגעהערט די טאכטער מיט דעם געדולד פון א פאטער, וואס קען אלץ דערווארטן און קען אלץ מוחל זיין. די גאנצע צייט פון איר דערציילן, האט ער נישט געמאכט קיין פארוווּרף, נישט איבערגע-ריסן אירע רייד. וואס עס האט אים יא געוווּנדערט, איז די האסטיקייט, מיט וועלכער אלישבע האט געביטן אירע געננ. ביי וועמען האט זי דאס געלערנט? האט זי, ווי איר ברודער בנימין, איבערגענומען די אנטשלאסנ-קייט, די איינשטעלערישקייט פון דער מאמען?

לייב קארפ האט געלאזט זיצן אלישבען מיט בנימינען. אליין איז ער אריין אין א זייטיקן צימער, ווו ער האט איילנדיק זיך גענומען איבער-טון און זיך גרייטן צום סדר ביי די מאראקאנער יידן.

קאפיטל פינף און צוואנציק

די סדר-נאַכט ביי די מאַראָקאַנער יידן

דער סדר ביי די מאראָקאנער יידן איז געווען צוגעגרייט ברייט, פארשווענדעריש, מיט אַ זאַטער מאַלצייט. אין דעם חכמס הויז, אַ גרויסע הילצערנע שטוב מיט אַ שינדל־דאַך, זענען געווען אויסגעשטעלט צוויי לאַנגע טישן ווי אַ דלת, געדעקט מיט קאַלירטע טישטוכער. אויף די טישן — קופּקעס אָנגעבראָכענע מצות, טעלערס מיט מרור, טעלערס מיט כרפּס. און צווישן די טעלערס זענען געשטאַנען כוסות מיט וויין, געקוועטשט פון טונקעלע מושקאַט־טרויבן. די מאכלים זענען געווען צעלייגט מיט אַ ברייטער האַנט. צוויי טיפע שיסלען מיט פיש אויף ביידע זייטן טיש. אין איין שיסל צעשניטענע קאַרפּן, אין דער צווייטער — פּלאַטשיקע איינגעזויערטע הערינג... אויסערדעם טעפּ מיט געבראָטן קאַלבס־פלייש, פון וואַנען געפעפערטע, באַטעמטע ריחות האָבן זיך געטראָגן איבער די שכנותדיקע הייף.

ווי נאָר אַן אביון אין ירושלים, אַן אַלמן צי אַ גרוש אָן אַ משפחה־טיש, אַן עגונה, וואָס האָט נישט ווו אַ ברכה צו מאַכן איבער אַ כזית — האָבן אַלע זיך פאַרקליבן ביים חכם צום ערשטן סדר. אויף וויין האָט געגעבן דער כולל. פלייש און פיש האָט מען צונויפגעזאַמלט ביי די פּאָר גבירים. און די געזויערטע און געפּעפּערטע שפּייזן זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מעדני־מלך.

פון אויבן־אָן איז געזעסן דער מאַראָקאַנער „חכם“, אַ הויכער זקן אין אַ ברוינעם טורבאַן. זיין באָרד צעוואַשן, די פּיאות ביז צו די אַקסלען

צעפלאָכטן. אויפן ברוינעם קיטל פון פאַרנט איז געווען אויסגענייט מיט רויטן פאָדעם אַ פירעקיקע פיגור, ענלעך צום אפוד. אַרום זיין גע־קאַרבטן האַלדז — אַ קראַגן מיט גאָלדענע פראַנזן, ווי אַן עטרה. דער חכם האָט געהאַלטן אינמיטן אַנגיסן פון אַ ליימענער קרוג די צווייטע כוסות. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן, און געזאָגט מיט יראה, אָן איבעררייס די הגדה פון אויסנווייניק און פון מאָל צו מאָל געכאַפּט אַ בליק אויף די מסובים.

די מסובים אַרום טיש, די מאַנסביילן, זענען געווען אָנגעטון אין ווייַסע קיטלען, אויף די קעפּ שקאַרמיצן, ווי גלחישע קאַפּושאָנען. די שווערע בערד מיט די פּאות האָבן זיך געוויגט איבער די טעלערס און די גליצנ־דיקע אויגן האָבן אַרויסגעלייענט די נסים פון די פאַרמעטענע הגדהס, וואָס זענען געלעגן צעוויקלטע ווי מגילות.

די ווייבער אין ווייסע אויסגעהאַפּטענע פּאַלדן־קליידער. זייערע הענט באַלאָדן און באַהאָנגען מיט ביליקע צירונג, מיט קאָפּ־טיכער אַראָפּגערוקט ביז צו די ברעמען, זענען געזעסן אין אַ רייע הינטער די מאַנסבילן. זיי האָבן נישט מיטגעזאָגט נאָר באַגלייט יעדן פּסוק מיט אַ קאָפּ־שאָקל און מיט אַ שטערן־צוקן. די עלטערע און פרומערע צווישן זיי, זענען נאָכגעקר־מען דעם חכם און מיטגעזונגען דאָ און דאָרט האַלבע פּסוקים.

ווען לייב קאַרפּ מיט זיין זון און טאָכטער זענען אַריינגעקומען, האָט מען שוין געהאַלטן ביי „כהא לחמא״. קיינער פון די מסובים האָט זיך אויף זיי נישט אומגעקוקט, די מאַראָקאַנער וואָס זענען געוווינט געווען, אַז פרעמדע נייגעריקע יידן — אורחים, טוריסטן — זאָלן באַזוכן סיי זייערע שמחות, סיי זייערע לוויהס, האָבן אויך איצט נישט אָפּגעריסן די אויגן פון די הגדהס. דער חשק צו האָרכן נאָכאַנאַנד, צו האָרכן אָן אויפהער וועגן דעם נס פון יציאת מצרים, האָט אַלעמען צוגענעגלט צו די זיצ־ערטער.

די אַריינגעקומענע זענען לאַנג נישט געבליבן ביי דער טיר. באַלד האָט זיך באַוויזן אַ סאַרווערין. זי האָט ווי אַ פריינטלעכע גאַסט־ביטערין צוגעפירט די אורחים צום טיש, אויף גיך לײדיק געמאַכט דריי פּלעצער ביים אויבן־אָן נעבן דעם חכם. און ווען די געסט זענען שוין געזעסן באַ־

קוועם, בהרהבהדיק, זענען פאַר זיי אויפֿן טיש אויסגעוואַקסן קופּקעס מצה און מרור, קווישיקלעך מיט גרינס, אייער אין קאַלירטע שאַלן.

ס'איז געוואָרן פּאַרכטיק־ שטיל. אַלע האָבן געהויבן די אויגן צום חכם. איינער פֿון די מסובים, מיט אַ העלער באָרד, וואָס איז געווען גע־ שפּאָלטן אין צוויי חלקים, האָט זיך אונטערגעהויבן פֿון אָרט. ער האָט אַ ווײַלע זיך צעשאָקלט, דערנאָך פֿאַרהאַקט די אויגן און זיך צעזונגען מיט אַ וויינענדיקן ניגון:

— הייליקער חכם! גערעכטער דין! אין פּראָסטע ווערטער זאָג אונדז, ווי אַזוי איז געווען דאָס לעבן פֿון אונדזערע אבות אין מצרים?

דער חכם האָט זיך אויפֿגעשטעלט. מיט די שוואַכע אויגן האָט ער אַרומגענומען אַלע מאכלים אויפֿן טיש. ער האָט צוגערוקט צו זיך די מצות, דעם מרור, אַ קרוג ווײַן. ער האָט געפֿירט מיט דער האַנט פֿון איין זאַך אויף דער צווייטער און געענטפֿערט מיט אַ שטילן, טרויעריקן קול:

— ווי די מצה אַזוי האַרט, ווי דער מרור אַזוי ביטער, ווי דער ווײַן אַזוי בלוטיק איז געווען דאָס לעבן פֿון די אבות אין מצרים.

צוויי ווייבער האָבן אַרײַנגעטראָגן קרוגן מיט וואַסער און האַנטיכער. לייב האָט געזען ווי די מסובים גיסן דאָס וואַסער איבער די הענט, ווישן זיך ניך אָפּ אין די האַנטיכער און ער האָט זיי אויך אַזוי נאָכגעטון.

דער חכם האָט אַראָפּגענומען פֿון טיש אַ שיסל מיט פֿיש. ער האָט די שיסל געהויבן איבער זײַן אייגענעם קאָפּ, דערנאָך גענומען לויפֿן מיט דראָבנע טריט, לענגאויס די טישן אַרום די בייזיצערס און שטיל גע־ וויספּערט:

— אַזוי און אַזוי איז עס געווען! אין איילעניש זענען מיר אַרויס פֿון מצרים.

די מאַנסבילן האָבן אים נאָכגעטון, זיי האָבן געהויבן די ליידיקע טעלערס, איטלעכער איבער זײַן אייגענעם קאָפּ. זיי האָבן גענומען שפּאַ־ נען ווי ביי הקפות אַרום טיש, געמאַכט אַ ראָד איינמאָל, אַ צווייט מאָל און געפֿילדערט:

— אין איילעניש זענען מיר אַרויס פֿון מצרים.

ביים עסן, ביי די חלקים פֿיש האָבן די מאַנסבילן אָוועקגעשאַרט פֿון

זיך די צעוויקלטע הגדהס מיט די כוסות. די מיילער האָבן ביי זיי גע־גאָוועסם. פון די אויגן, פון די ליפּן האָט געשפּריצט מיט תאוה פון אויס־געהונגערטע קבצנים וואָס האָבן שוין חדשים נישט אָנגעזען קיין געקאָכטן מאכל, קיין געבראָטן שטיק קאַלבס־פלייש. אַלע האָבן געקייעט אויף די באַק־ציינער און געשטאָפּט פולע מיילער מיט געבראָכענע מצות.

מיטאַמאָל האָט פון צווישן די בייזיצנדיקע זיך ארויסגעשטעלט א ווייב, געצירט און געפּוצט אין לויזע גלאָקן־קליידער. זי האָט זיך ארומ־געזען, אַז ס'האָט איצט אָנגערוקט די שעה, ווען מען מעג דעם חכם שטעלן קשיות. זי האָט זיך דערפאַר דערנענטערט צום אויבן־אָן און גענומען ליאַר־מען מיט א טענה:

— הייליקער חכם! פאַרוואָס און פאַרוועֶן האָט דער רשע פרעה באַ־פוילן אַלע געבוירענע זכרים צו וואַרפן אין וואַסער אריין און די נקבות צו לאָזן לעבן

דער חכם האָט אָפּגעשטופּט דעם טעלער. ער האָט אראָפּגערוקט דעם טורבאַן ביז צו די ברעמען און אָנשטעלנדיק די שוואַכע קורצזיכטיקע אויגן אויף דעם ווייב האָט ער געענטפערט:

— ווייל פרעה האָט געוווסט, אַז פון די זכרים קען ארויסקומען א משה, א לוחות־טרעגער, א באַפרייער פון זיינע שקלאַפן.

אלישבע האָט שטיפעריש באַטראַכט דעם אויסטערלישן פּסח־טיש און זיך איבערגעשמייכלט מיט דעם פאָטער. ביי איר האָט דער סדר אויסגעזען ווי א פריילעכער שפּיל, וואָס אַמוזירט, פאַרווײַלט. זי האָט זיך נישט פאַרטראַכט ערנסט איבער די פירונגען פון אירע בייזיצערס. זי איז געווען גוט אויפגעלייגט און אַלץ גענומען אויבנאויפיק, שפּאַסיק, נישט פאַרשטייענדיק פאַרוואָס בנימין זיצט איצט נישט איין. די מנהגים ביי די טיש־מענטשן פאַרכאַפּן אים. דער אומרו שטויסט אים און זיין אָפּגע־ברענט מע־לעך פנים, וואָס האָט מיט א שעה צוריק געהאַט זאָרגלאָזי־קייט, איז איצט געווען ערנסט, דורכגענומען מיט התלהבות.

בנימינען האָט עס טאַקע געהויבן פון אָרט. איינס נאָך ס'אַנדערע האָט ער פאַרזוכט די שאַרפע מאכלים, וואָס די סאַרווערין האָט דער־לאַנגט. ער האָט געפונען טעם אין יעדער געפעפערטער שפייז. א פּאָר מאָל

האָט ער זיך איבערגעזעצט, וועלנדיק בעסער זיך איינקוקן אין די באַוועגונגען און העווית פון די אורחים אַרום טיש. זיינע אויגן, אויפגעלעבטע, האָבן דערטאַפּט דעם פּאַטערס שמייכל און אַלץ אין אים האָט שטום נעפרעגט: פונוואַנען נעמען זיך אַזוינע מנהגים?

די צופרידנקייט פון לייב קאַרפּן איז נישט אָפּגעטרעטן אַפילו, ווען דער זון האָט געמאָנט ביי אים אַן ענטפער. ער האָט פּונקט ווי זיין טאַטער נישט געוואָלט קאַליע מאַכן די אויפגעהייטערטע שטימונג. די פרייד פון די שיינענדיקע פּנימער אַרום, די זאַטקייט פון דעם רחבותדיקן טיש, האָט אים אָנגעשטעקט מיט מונטערקייט. ער האָט געבענטשט דעם איינפאַל, וואָס האָט אים געבראַכט אַהער. און אין דער שעה, ווען דער מענטש ווערט באַפאַלן פון חדוה, פון געהויבענער פרייד, וואָס איז דען דער אונטערשיד צי זיי, די מסובים, שטאַמען פון אַ ווייטן, פאַרשטויסענעם שבט, צי אַזוי האָט טאַקע אויסגעזען דער יום־טוב ביי די באַפרייטע שקלאַפן, ביים דור־המדבר?

ס'איז געוואָרן שטיל. קיינער האָט מער גאָרנישט געפרעגט. ס'האָט זיך געהערט אַ ציין־קנאַקעריי. מען האָט געשלונגען איין באַטעמטן נעריכט נאָכן צווייטן. צווישן די געריכטן האָט מען פאַרביסן מיט קנאָבל, מיט איילבירטן און פאַרטרונקען מיט ווייסן פייגן־וויין.

בעת די בייזיצערס זענען געווען פאַרנומען מיט דער אכילה, האָט דער מאַראָקאַנער חכם אָנגעבראָכן פאַרן עולם אפיקומן. די מאַנסבילן מיט די ווייבער האָבן אַרויסגעשלעפּט קאָלירטע שנופּ־טיכער און איטלעכער האָט איינגעוויקלט זיין חלק אפיקומן. דערנאָך פאַרשלייפט דעם שנופּטוך מיט אַ קנופּ, צו באַהאַלטן עס ווי אַ קמיע פאַר אַ בייזער שעה, פאַר אַן אָנקומענדיקער צרה.

דער שמש אין אַ ווייסן, יום־טובדיקן בורנוס, וועלכער האָט זיך נישט אַרויסגעזען ביז איצט ביים טיש, איז מיטאַמאָל אויסגעוואַקסן מיט אַ קאָפּ העכער צווישן די מסובים. ער האָט זיך אַרויפגעשטעלט אויף אַ בענקל, צוקאָפּנס דעם חכם. ער האָט זיך צעשאָקלט און אויסגערופן מיט אַ ניגון, ווי אַ צירונג־הענדלער אין דעם יפוער באַזאַר:

— דעם אפיקומן! דעם אפיקומן! היט אַזאַ מתנה! פאַרשטעקט עס

אין בויך-באַנד, צי אין פאַלדן־אַרבל. באַהאַלט עס איז אַ גרוב, צי אין אַ שטוב. אַלץ איינס, ס'איז אַ באַוואָרעניש פאַר אַ שטורעם אויפן ים און פאַר אַ שׂרפה אויף דער יבשה. ס'איז אַן אָפּשפּרעכעניש פאַר אַ מגפה און פאַר אַ מבול...

די מסובים האָבן אָנגעהאָנגען טאָרבעס מיט אַפּיקומן אויף די גאַרט־לען פון די קיטלען, ווי צידה לדרך. זיי האָבן זיך געשטעלט אין אַ שער־רענגע, איינער הינטער דעם צווייטן. זיי האָבן געבויגן די קעפּ און דער שמש האָט זיי מכבד געווען מיט לייכטע קלעפּ. די מסובים האָבן געהויבן די פיס. זיי האָבן פאַרקרימט די פּנימער, ווי פון גרויס ווייטיק, דערנאָך זיך נעיאָגט צו דער טיר, ווי געטריבענע שקלאַפן און געשריען:

— עבדים היינו! לפרעה במצרים, ויענונו בעבודה קשה...

אויפן עק טיש, נאָענט צו דער טיר האָט דער שמש אוועקגעשטעלט דעם כוס אליהו, גרויס ווי אַ בלומען־וואַזע. דער כוס — אַ גאָלדענער בע־כער, אויסגעזעצט מיט פּערלמוטערנע שטיינער, האָט אַריינגענומען אין זיך איין קרוג טונקעלן מושקאַט־ווײַן, אַ צווייטן קרוג, און ווען דער שמש האָט געהאַלטן אין אַריינגיסן אַ דריטן קרוג, איז דער ווייַן הייס און שווי־מיק איבערגעלאָפן איבערן קאַלירטן טישטוך.

דער חכם האָט אויפגעהויבן דעם פינגער און געזאָגט:

— אַזוי זאָלן איבערלויפן די ישועות און נחמות, וואָס אליהו הנביא וועט פאַר אונדז ברענגען...

נאָכן בענטשן האָט דער עולם גענומען זאָגן חד־גדיא. ביי די פּסוקים האָבן טייל געזונגען. טייל האָבן געוויינט, די קולות זענען זיך פאַרגאַנגען אַזוי הויך און אויסטערליש, ווי יללות. די ווייבער האָבן געגאָסן אין די טיכער אַריין טרערן, ווי אום יום־כּיפּור. ווען דער געפּילדער איז אַריבער, האָבן אַלע זיך אויפגעשטעלט פון די פּלעצער. אַן עלטערער מאָגראַביער האָט ברייט אויפגעפּראַלט די טיר. מען האָט זיך גערוקט צום דרויסן, אָבער קיינער איז נישט אַרויסגעגאַנגען. אַלע זענען געשטאַנען מיט פאַרכאַפּטע אָטעמס און געקוקט אויפן חכם.

— מיר וואַרטן אויף דער ברכה!

— אויף דער ישועה!

— אויף די בענטש־ווערטער!

דער חכם האָט זיך געהייסן דערלאַנגען אַ לעבעדיקן עוף. דער שמש האָט צוגעטראָגן אין איין האַנט אַ הון, ווייס און קלאָר ווי אַ טויב, אין דער צווייטער האַנט — אַ בלאַנקן חלף. ער האָט זיך צוגעבויגן:

— פּאַר אַ כשרער שחיטה, חכם!

דער מאַראָקאַנער חכם האָט זיך נעשטעלט אויף דער שוועל. ער האָט אַריינגעשטעקט דעם חלף אין דער שלייף פון טורבאַן, ווי אַ גזלן. ער האָט אויפגעזוכט ביי דער הון דעם ושט. מאַכנדיק די ברכה, האָט ער אויסגעצופּט אַ פּאָר פעדערן, אַ שניט געטון און קולות האָבן זיך געריסן:

— בסימן טוב און במזל טוב!

— דאָס עוף זאָל זיין אַ כפּרה און אַן אָפּלייזער!

— אַן אָפּיאָגעניש פאַר שדים און רוחות!

— עס זאָל ברענגען מזל ביזן צווייטן זמן שמחתנו!

***

איינער נאָכן אַנדערן האָט דער עולם זיך גענומען אַרויסשאַרן. צעפלאַמטע פון וויין, צעגאַרטלטע פון פרייד, האָבן זיי זיך געשטופּט צום דרויסן. טייל האָבן געהאַט פולע מיילער און נאָך געהאַלטן אינמיטן קייען. טייל האָבן אַרויסגייענדיק אַראָפּגעכאַפּט פון טיש נאַשוואַרג און גן־עדן־ניסלעך. איבער דעם געשאָכטענעם עוף איז געשטאַנען דער שמש אַ שיכורער און זיך געוואַקלט. ער האָט אַריינגעצויגן דאָס איבערגעבליבענע מושקאַט־וויין פון אַ ליימענער קרוג. אַ סאַרווערין מיט אַ געפלאָכטענעם קויש האָט אָפּגעוואַרט די אַרויסגייענדיקע מאַנסבילן און האָט איטלעכן מכבד געווען מיט טרוקענע פייגן און געצוקערטע טייטלען.

פאַר דער שוועל האָט לייב קאַרפּ זיך אָנגעשטויסן אויף אַ פעטן זקן, וואָס איז געזעסן אויף אַ פוס־בענקל. דער זקן האָט געהאַלטן אויף די קניען אַ בלעכן פענדל. ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון עם בוזים אַ זעקל מיט טערקישן טאַבאַק, בנעימות־דיק עס פונאַנדערגעשאָטן איבערן פענדל, דערנאָך עס גוט צעשפּרייט מיט אַ פינגער און אַריינגעצויגן דורך זיינע נאָזלעכער דעם שמעקעדיקן ריח. פון תענוג האָט ער דריי מאָל גענומען

ביסן און מכבד געווען די ארויסגייענדיקע. דערזעענדיק די אשכנזישע אור־חים, האָט ער געפונען פאר נייטיק זיי ארויסצובאַגלייטן. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און נאָכגייענדיק לייבן ביז צום הויף, האָט ער אין אים אריינגעקרעכצט:

— מיר ווערן ווינציקער... ביים סדר איז געזעסן אונדזער גאַנצע עדה... א דור גייט אונטער...

ער האָט א ווײַלע געשוויגן און נאָכגייענדיק א פּאָר שריט ווייטער האָט ער ווידער גערעדט:

— דאָס יונגוואַרג מישט זיך אויס מיט די ציונים... אונדזערע טעכ־טער דאַרפן וואָס מער געבוירן... א קו דאַרף געבן מילך און א ווייב — קינדער... איך האַלט אויך פון אויסמישן זיך מיט די אשכנזים. מען דאַרף אויפהאַלטן די שארית־ישראל. מען דאַרף ברענגען אויף דער וועלט נייע ישראלים, פרישע קליינע ישראלימלעך...

לייב, וואָס איז זיכער געווען, אז די מאַראָקאַנער יידן לעבן צופרידן, זיי בענטשן זייער ווין־שטאָט ירושלים, האָט איצט מיט חידוש אויפגענ־נומען דעם באַגלייטערס טענות. ער האָט אים געוואָלט אויספרעגן, וויפל משפחות זייער עדה ציילט, פון וואָס זיי ציען פרנסה, מיט וואָס באַשעפ־טיקט זיך דאָס יונגוואַרג. אָבער בנימין האָט אים א צי געטון פארן ארבל

— א:צוהערן גענעבן, אז נישט דער זקן איז דער קוואַל, פון וואַנען מען קען שעפּן פרטים.

זיי האָבן זיך געלאָזט צום טויער.

דאָ איז זיי אנטקעגנגעקומען א הויכער, אַנגעפּאַקטער פּארשוין. דער פּארשוין האָט געהאַט אויפן קאָפּ א רויטע פעסקע. צווישן זיינע ציין האָט געשטעקט א ליולקע פון עלפאַנטביין און אין דער רעכטער האַנט א גראָב בייטשל קרעלן.

א שווערער, אָן אָנגעפּאַמפּעטער, איז דער פרעמדער געבליבן שטיין פאר לייבן ווי א מויער, וואָס מען קען נישט אריבערגיין.

די עלפאַנטביינערנע ליולקע צווישן די ציין, דאָס בייטשל בורשטין־קרעלן איבער די פינגער האָבן לייבן א קלאַפּ געטון איבערן זכרון. ס׳האָט אים צוריקגעפירט קיין יפו, מיט פיר יאָר צוריק. ס׳האָט אים צוריקגעפירט

אויף דער פּאָסט־גאַס, אין זיין רעסטאָראַן אין יענעם טאָג, ווען ס'האָבן אויסגעבראָכן די אומרועןּ, ווען די אַראַבער האָבן אויסגעשאָכטן דעם בית־החלוץ. ער האָט זיך בעסער איינגעקוקט אין דעם פרעמדן. דאָס איז דאָך געווען ישראל חזן דער ספרדישער באָדן־מעקלער, וואָס האָט פון האַפן אָן נאָכגעיאָגט נייע אָנגעקומענע לאַנדסלייט, אָפּגערעדט זיי פון צו גיין אין עמק, אָנגעבאָטן באָדן הינטער יפו.

די באַגעגעניש דאָ ביים מאַראָקאַנער סדר האָט ביי לייבן אַרויסגערופן אי איבעראַשונג, אי פאַרלעגנהייט. ער האָט אויסגערופן:

— ישראל חזן?

— ווי ער גייט און שטייט. דער זעלבער פרענק! — האָט חזן זיך נעקלאַפּט אין האַרצן אַריין — געדענקסט מיך, אדון קאַרפּ? געדענקסט דעם „טאַרבוש“? — האָט ער אָנגעוויזן אויף זיין רויטער פעסקע — געדענקסט מיין רויטן קאָפּ? געדענקסט ווי כ'פלעג אַריינקומען אין דיין רעסטאָראַן? געדענקסט ווי כ'האָב געפּאַקט דיינע פּוילישע לאַנדסלייט, די משולחים, די דעלעגאַטן? ווי כ'האָב געוואָלט פאַר זיי איינהאַנדלען באָדן הינטער יפו? און ווען כ'האָב זיי אָנגערופן מרגלים, האָבן זיי אויפגעקאָכט. זיי זענען טאַקע אַנטלאָפן ווי די מרגלים... נישט אין עמק, נישט אין יהודה האָבן זיי אַריינגעבראָכט אַ צעבראָכענעם פּיאַסטער... אַ פּעטן ביין האָבן זיי געזוכט. נאָך דעם סיר־הבשר האָבן זיי צוריק געבענקט... איך קען זיי, די „דעלעגאַטן“, די גלות־משולחים! ישראל חזן קען זיי!

לייב קאַרפּ האָט נישט באַזומען, צוליב וואָס דער ספרדישער באָדן־מעקלער דערציילט אים דאָס אַלץ מיט אַזאַ אימפּעט איצט, אין דער סדר־נאַכט ביים טויער פון דעם מאַראָקאַנער הויף. און דער עיקר, האָט ער נישט באַנומען, פונוואַנען ער, ישראל חזן, איז מיטאַמאָל אויסגעוואַקסן. ער האָט אַ פרעג געטון:

— ווי קומט איר דאָ אַהער, חזן

— און ווו קום איך דען נישט? אויף אַ סדר און אויף שמחת בית־השואבה, אין אַ שפּאַניאָלער פּאַלאַץ און אין אַ מאַראָקאַנער סוכה, אומעטום קען מען מיך געפינען. כ'בין אַ וואַנדערנדיקער באָדן־סוחר. איינמאָל שטיי איך אין יפו, אַ צווייט מאָל אין צפת, אַ דריט מאָל אין עפולה.

אויף פסח בין איך עולה־רגל קיין ירושלים... איך זוך היינט די תּל־אביבער געסט אין די האָטעלן. און אַז כ׳געפין זיי נישט דאָרט, ווייס איך, אַז מען טרעפט זיי ביי די ספרדישע פסח־טישן... די אשכנזים האָבן ליב היינט צו טרינקען וויין מיט די „אויסטערלישע" יידן... ווי אַנדערש איז איצט אַלץ! און דו, אדון קאַרפּ, ביסט איצט אַ תּל־אביבער באַלעבאָס? האָסט גוט געטון. געדענקסט מיט פיר יאָר צוריק האָב איך דיר געלאָזן מיין אַד־רעס. כ׳האָב פאַראויסגעזען, אַז דו וועסט מיך אַמאָל דאַרפן. און דו דאַרפסט מיך טאַקע... אָבער אַז דו האָסט ביז היינט נישט געוואָלט מיך אָפּזוכן, האָב איך דיך יאָ געפונען...

— איך האָלט איצט נישט ביים קויפן קיין באָדן. — האָט לייב קאַרפּ זיך געכאַפּט צו וואָס דער מעקלער צילט.

— ישראל חזנען קען מען געברויכן נישט בלויז דעמאָלט, ווען מען דאַרף קויפן, נאָר אויך ווען מען האַלט ביים פאַרקויפן... — האָבן ביים רעדן אויף חזנס רויטן פּנים אויפגעלויכטן אַלע פינטעלעך מיט שפרינקע־לעך.

— וואָס מיינסטו?

דער מעקלער איז צוגעגאַנגען צו אים נאָענט, אַזוי נאָענט, אַז זיין שווערער פרייענדיקער אָטעם האָט געבלאָזן אויף לייבס פּנים. ער האָט נערעדט סאָפּענדיק, האַסטיק:

— האָסט זיך אָנגעליטן, לייב קאַרפּ. אין מיין לוח שטייט אַלץ פאַר־שריבן. ביסט אַרויס פון יפו באָרוועס און נאַקעט. קיינער האָט זיך אויף דיר נישט אומגעקוקט. מיט די בלויזע הענט האָסטו אָנגעהויבן זיך אַרויפ־אַרבעטן. האָסט זיך דערשלאָגן צו באָדן, צו אַ הויז. מיט שוויים, מיט בלוט איז דאָס אַלץ אָנגעקומען. אָבער דעם טעם פון פאַרדינען אַ לייכטע מטבע האָסטו נאָך נישט פאַרזוכט... ווילסטו מיר זאָגן, אַז ווען עס זאָל איצט אונטערקומען אַ קויפער, וואָס וועט אַזוי, אויף בלינד, דיר אַוועק־לייגן פינף, זעקס הונדערט פונט ריוח, וועסטו אים אַוועקטרייבן?

— דאָס הויז איז דאָך ערשט אינמיטן בויען!

— דאָס דאַרף דיך אָבער נישט אָפּהאַלטן פון פאַרקויפן. דער סוחר קען וואַרטן. וועסט אים געבן די געביידע פאַרטיקערהייט...

לייב האָט געוואָלט אָפּגעזעגענען דעם מעקלער, איבערהאָקן דעם געשעפטלעכן שמועס. און ער האָט זיך אָפּגערופן:

— ס'איז היינט יום־טוב, חזן!

— און מיינע רייד וועלן פאַר דיר זיין עונג יום־טוב — האָט דער באָדן־מעקלער זיך צעלאַכט ברייט, קיילעכדיק — טראַכט עס איבער, לייב. און אַז דו וועסט מיך דאַרפן, ווייסטו דאָך מיין אַדרעס. אויף דעם יפוער קעמל־מאַרק.

אויף דער גאַס האָט לייב קאַרפּ געשטעלט גיכע שפּרייזן. ס'איז נע־ווען נאָך האַלבער נאַכט. אַרום — אַ געדיכטע פינצטערניש, דאָס פינצ־טערניש וואָס הילט און דעקט די מויערן פון ירושלים. אויך בנימין מיט אלישבען האָבן אונטערגעאיילט אין גאַנג. איצט, ווען זיי זענען געווען איבערגעלאָדן מיט אַזויפיל איבעראַשונגען, מיט אַזויפיל זעאונגען, האָבן זיי געוואָלט וואָס גיכער אַרוים פון די ענגע, געוויקלטע געסלעך. גייענדיק דורך די טונקעלע ליקעס האָט בנימין דערציילט דעם פאָטער נישט בלויז וועגן די מאַראָקאַנער, נאָר אויך וועגן די שפּאַניאָלער, וועגן די בוכאַרער, וועגן די אָרפעלער יידן, וואָס וווינען געפּאַקט אין די שכנותדיקע קוואַר־טאַלן. אלישבע האָט נישט געקענט צוימען איר פרייד. אַ גאַנצן וועג האָט זי געשטיפט, געטומלט. יעדע ווייַלע אַרומגעהאַלדזט דעם פאָטער און נישט אויפגעהערט צו דערמאָנען:

— אַלע האָסטו געפונען אין ירושלים, טאַטע. דעם זון, די טאָכטער און אַפילו אַ קויפער אויפן הויז... גוט וואָס מיר האָבן זיך דאָ צונויפ־געטראָפן.... און גלייך חול־המועד פאָרן מיר קיין תל־אביב. יאָ, טאַטעשי? מיר פאָרן **אַהיים!**

קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק.

אין תל־אביב הוזשען מאַטאָרן און עס פּייפן מאַשינען

אין דער היים, ביי רחלען, האָבן די חול־המועד־טעג זיך מיט גאָר־נישט געהאַט געענדערט פון דעם ערשטן טאָג יום־טוב.

רחל, וואָס האָט אָפּגעוואַרט דאָס צוריקקומען פון איר מאַן און אויך געקריגן צוזאַמען מיט איםביידע קינדער, האָט זיך אַזוי איבערגענומען מיט די אומגעריכטע געסט, אַז זי האָט יענעם פרימאָרגן זיך געמאַכט פאַרגעסן צו עפענען דאָס שפּייז־געוועלב.

דאָס וואָס זי האָט נישט געקענט אויספירן מיט אירע שטילע ווינטשונגען און געבעט־ווערטער ביי גאָט, האָט לייב דערגרייכט מיט זיין רייזע קיין ירושלים. און זי האָט איצט זיין פאָרן נישט באַדויערט. רחל האָט געוווסט, אַז אויף לאַנג וועט איר נישט געלינגען די קינדער אויפצוהאַלטן אין תל־אביב. עס וועט זיי גיך צוריקציען צו זייערע נעסטן אָדער נעצעלטן. דערפאַר האָט זי געזוכט אירע אַלע אָפּגעשפּאָרטע שעהען פאַר זיי אָפּצוגעבן. מיט מוטערלעכער לייטזעליקייט, וואָס קען מוחל זיין עולהס און פאַרקוקן אומרעכטן, האָט זי ביידע קינדער געוואָלט איבעררעדן, איבערצייגן, אַז דער סוף פון אַלע וואַנדערונגען איז דער צוריקקער אהיים, דער דראַנג נאָך איינגעזעסנקייט און רו. און ווו דען נאָך קענען זיי געפינען מער רו, ווי אין דער איצטיקער היים, ווו אַלץ נעמט זיך אויספורעמען, אַלץ נעמט זיך איבערשטעלן און אַריינפּאַסן אין דעם שטראָמענדיקן לעבנס־גאַנג?

לייב קאַרפּ האָט געוווסט, אַז דאָס זענען אַרויסגעוואָרפענע רייד.

סיי אלישבע, סיי בנימין האָבן שוין אָפּגעקליבן זייערע אייגענע ווינקלען, זייערע שטיקלעך וועלטן. געקומען זענען זיי בלויז אויף געציילטע טעג. אי צוליב טון די עלטערן — אָפּפּטרן אַן עול — אי באַפרידיקן די אייגענע נייגעריקייט. דערפאַר האָט לייב באַשטאַנען נישט צו פאַרלירן קיין צייט. און ווען די ערשטע שעהען פון אָפּפרייען זיך זענען אַריבער, האָט ער אַרויסגעפירט זיינע געסט צום פלאַץ, צום הויז, וואָס איז געשטאַנען נישט פאַרענדיקט, אינמיטן בויען. אַנגעקוואָלן פון דעם פאַרמעגן האָט אלישבע מער ווי איר ברודער. לייב איז נישט צופרידן געווען בלויז מיט דער אנטציקונג, וואָס זיינע געסט האָבן אַרויסגעוויזן. ער האָט געוואָלט, זיי זאָלן אָפּשאַצן די ווערט פון זיין אויפטו, פונקט ווי ער, דער קאָפּ פון דער משפּחה, האָט עס אָפּגעשאַצט אין אַנבליק פון די פאַרגאַנגענע ביטערע צייטן. ער האָט געוואָלט זיי איבערצייגן, אַז זיין איצטיקע מערכה איז געקומען ווי אַ פאַרגיטיקונג פאַר די פּיין און יסורים, וואָס זיי אַלע צוזאַמען האָבן דורכגעמאַכט. די מונטערע אלישבע האָט איצט געהאַט אַ קוואַל פון באַגייסטערונג פאַרן פאָטער, וואָס האָט געהאַלטן אין איבערדערציילן און איבערדערמאָנען די צייט, ווען ס'האָבן אויף אים נאָכאַנאַנד אָנגערוקט קאַטאַסטראָפּעס און צרות. אלישבע האָט געהאַט גענוג פאַרשטענדעניש פאַרן פאָטער, וואָס האָט דערמאָנט די נעכט, ווען ער פלעגט פון דעם אָרעמען פדיון עקשנותדיק אַרויסקלייבן די צען-פיאַסטערדיקע זילבער-שטיקער, זאַמלען זיי, איינצאָלן אויף אַ פּלאַץ און איצט שטייען זיי אויף אַן אייגן שטיק באָדן, וווּ עס ציען זיך ווענט, עס הויבן זיך שטאָקן — אַ געביידע וואַקסט אויס.

דאָס אַלץ האָט געווירקט אויף אלישבען, אויף איר עמפּינדלעכקייט, אַז זי האָט מיט פאַרטרערטע אויגן נאָכגעפאָלגט דעם פאָטערס דערמאָנונגען. זי האָט אים באַוווּנדערט, וואָס ער איז אין שעהען פון זיין גרעסטער פאַרצווייפלונג נישט געפאַלן. זיין אויסגעהאַלטנקייט, זיין גלויבן, האָבן געפירט צו זיין איצטיקן אויפשטייג. און ער איז גערעכט. ס'איז דאָ מיט וואָס זיך איבערצונעמען.

נישט אַזוי האָט דאָס אַלץ אויפגענומען בנימין. פאַר אים זענען דעם פאָטערס שטרויכלינגען, זיינע צרות, דער גאַנצער יסורים-וועג געווען

מינדערוויכטיק. ס'איז געווען דער פּיין פון אַ יחיד. דערצו נאָך אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט. ער איז צו דעם פּאַטערס נאָכאַנאַנדיקן דער־מאָנען די פאַרלאָפענע פּאַסירונגען געווען אומגעדולדיק, קאַלט, אַפילו גרינגשעצנדיק. ער האָט געקוקט אויף דער מאַמעס שטוב, אויף די היי־מישע פּירונגען מיטן בליק פון אַ ווייטן קרוב, וואָס איז געקומען אָפּצאָלן אַן אַלטן משפּחה־וויזיט.

קיין גרויס עגמת־נפש האָט לייב דערפון נישט געהאַט. פון די באַ־גענעגנישן מיטן זון סיי אין תל־זבולון, סיי אין ירושלים, פון די וכוחים מיט אים האָט ער גיך אויפגעכאַפּט די ענדערונגען אין אים. ער האָט געקענט דעם שווייגנדיקן בנימין, געוווסט, אַז ער האָט זיין אייגענעם סוק, זיין אייגענעם איינשטעל, וואָס מען קען נישט בויגן. אַלץ וואָס לייב האָט איצט געוואָלט איז איינהאַלטן די געסט, ביז דאָס הויז וועט פאַרטיק ווערן, איינהאַלטן זיי ביז צום טאָג, ווען מען וועט פייערן דעם חנוכת־הבית. לייב האָט זיך אַרומגעזען, אַז בנימין ווערט אומעטיק. און כדי צו פאַרטרייבן די לאַנגווייליקייט פון דעם קיבוץ־מענטש, וואָס זעט אין תל־אביב בלויז וואָכעדיקייט, אַ שטאָט וואָס וואַקסט מיט ווונדער און דאָך פעלט אין איר די פרייד פון יצירה, אַ שטאָט וואָס איז געגרינדעט גע־וואָרן פון בעלי־חלומות און גייט איבער אין הענט פון פלינקע הענדלער און פּראַקטישע בעלי־תכלית, אַ שטאָט ווו ביימער ווערן אויסגעריסן, ווו דאָרפישע הייזער ווערן איינגעוואָרפן און אויף זייער אָרט וואַקסן אויס קוואַרטאַלן מיט קראָמען, גאַסן מיט שפּיל־פּלעצער — כדי צו פאַרטרייבן, אָט די אומעטיקע שטימונגען פון זיין זון, האָט לייב אים נישט געפירט איבער די ניי־געפּלאַסטערטע גאַסן, ווו דער אימפּעט פון הייזער־בוי האָט געררוישט מיט סוחרישן געליאַרם און מאַרק־געפּילדער. ער האָט אויסגע־מיטן די זאַמדיקע פּלעצער, ווו ס'האָבן זיך געריסן דריי־שטאָקיקע רויש־טאָוואַניעס. ער האָט אים געפירט אין די קליינע פאַבריקן, אין די ווערק־שטעלן, וואָס האָבן דעמאָלט געהאַלטן אין וואַקסן, ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן. ער האָט אים געוויזן לעדער־גאַרבערייען, אייזן־גיסערייען, וועבער־וואַר־שטאַטן — פּלעצער, ווו דער אימפּעט פון שאַפן הערט זיך אין דעם גרילץ פון די מאָטאָרן, אין דעם פייף פון די מאַשינען. דאָס האָט אויף

בנימינען אַזוי געווירקט, אַז ער איז געבליבן אויף נאָך אַ פּאָר וואָכן. די פיבערדיקע אינעווייניקסטע אַרבעט האָט געוועקט זיין נייגעריקייט. די האַמער־קלעפּ, די שטאָל־בויערערס האָבן אים דערמאָנט אין זיין אייגענער שטיינהאַקעריי. אין דער פּאַרטוענקייט פון מענטשן, וואָס זענען באַשעפטיקט ביי דינאַמאָס, ביי הויב־מאַשינען און רוטש־קעסלען, האָט ער געזען זיין און דויערהאַפטיקייט. אַלדאָס איבעריקע איז פאַר אים געווען ישוים, האַנדל־וואַנדל, אַ געטרייע נאָכמאַכונג פון דעם פּאַריאַכטן לעבן אין די ווייטע גלות־שטעט.

רחל האָט קרום געקוקט אויף לייבן, וואָס שטייט פאַר דעם זון שטענדיק אין דער פּאָזע פון אַן איבערבעטער און אַ נאָכגעבער. ווי אַ מאַמע, האָט זי געטראַכט — באַלאַנגט דאָס צערטלען אַ קינד, דאָס פּאַרזען עולהס, צו איר. און אויב זי זעט איין, אַז מען דאַרף איצט אָנווענדן אויף בנימינען אַ האַרב וואָרט, דאַרף לייב, ווי אַ מאַנסביל, ווי אַ טאַטע, אַרויסווייזן מער שטרענגקייט. ער דאַרף אָנווייזן חסרונות, מוסרן, שטראָפן מיט רייד.

אָבער לייב קאַרפּ איז געווען פּאַרטון איבערן קאָפּ מיטן הויז. די אַרבעט האָט זיך געהאַלטן ביים פאַרענדיקן. די בעלי־מלאכות האָבן שוין אויסגעפּאַרטיקט די לעצטע אינעווייניקסטע איינריכטונגען. לייב האָט נישט געהאַט קיין טאָג און קיין נאַכט. ער איז אַליין אַרומגעלאָפן איבער די פאַבריקן, אָפּצוזוכן די טייערסטע באַלאַטן אויף צו דעקן די פּאָדלאָגעס. צו די טירן וואָס זענען געמאַכט געוואָרן פון דעם בעסטן מאַהאָגעןהאָלץ — האָט ער באַשטעלט ספּעציעלע מעבל־סטאָליאַרעס. ער האָט אויך באַשטעלט גלעזערנע קלאַמקעס און ניקעלנע שלעסער. ביי די מאַלאַרעס האָט ער אַליין אָפּגעקליבן די פּאַסיקע פאַרבן אין די צימערן. אין דעם ברייטן צעפּליגלטן טרעפּן הויז זענען די ווענט געוואָרן באַלייגט מיט מאַרמאָר־פּלאַטן. די שטיגן באַדעקט מיט רייכע, קאָלירטע מאָזאַאיק. קיינע קאָסטן זענען נישט געווען צו טייער. און וואָס נענטער די אויספּאַרטיקונגען זענען געקומען צום סוף, אַלץ פאַרשווונדערישער איז ער געוואָרן מיט די אויסגאַבן. ער האָט פאַר אַלץ געצאָלט אויפן אָרט, טייל־מאָל געצאָלט אין פאַראויס און דעמאָלט, ווען עס האָט אויסגעפעלט

מזומנים, האט ער צונעבארגט, געמאכט אנלייעס, אויסגעשטעלט וועקס־לען. דער קרעדיט אין דער היפאטעקן־באנק איז געווען אפן. און די האנט האט געחתמעט.

פונקט דריי וואכן נאך פסח איז דאס הויז פארטיק געווארן. און ווען רחל האט באשלאסן צו פארוואנדלען דעם געפלאנטן חנוכת־הבית אין א קליינער משפחה־שמחה, איז גראד דעמאלט אנגעקומען פון פוילן, פון דער שטאט אזארקאוו, לייבס א קרוב, מנחם לענטשיץ. געקומען איז דער קרוב אין יפוער האפן אומגעריכטערהיים. ער האט נישט געלאזט וויסן פריער דורך בריוו וועגן זיין ארויספאר. דער קרוב, לייבס געשוועסטער־קינד מיט א ווייב, אן קינדער, איז געווען אן אפגעהיטענער חסידישער ייד. ער האט געטראגן חסידישע מלבושים, א ברייטע, געקרייזלטע בארד מיט פאות. פון פאך איז ער געווען א וועבער. באלד נאך דער חתונה האט ער א שטיק צייט געהאט געארבעט אין די לאדזשער פאבריקן. יעדעס יאר, א פאר חדשים פאר ראש־השנה, פלעגט לייב קארפ דערהאלטן פון אים א צען־זייטיקן בריוו, געשריבן מיט א געציקלטן כתב, אנגעשטאפט מיט מליצות און מיט מאמרי־חז"ל און דאס לעצטע זייטל פון יעדן בריוו האט זיך תמיד געענדיקט מיט א הייסער בקשה, לייב זאל אים למען השם שיקן אויף סוכות א רייפן ארץ־ישראל־אתרוג מיט א גרויסן פיטום, ער זאל האבן מיט וואס זיך צו ווייזן פאר די אזארקאווער באלע־באטים אין שול...

לייב האט יעדעס יאר פינקטלעך צוליב געטון זיין פארלאנג און כאטש ער האט נישט באנומען, פארוואס דער קרוב האט אים אפגעטון אזא שפיצל, געקומען אזוי ראפטום, אן צו לאזן וויסן פריער — האט ער פונדעסטוועגן אים אויפגענומען, ווי עס נעמט אויף אן אלטער, איינגע־זעסענער תושב א נייעם איינוואנדערער.

דעם קרובס אנקומען האט דערווייל געשטערט לייבס באלדיקע פלענער. ער האט צוליב דעם אפגעלייגט דעם טאג פון חנוכת־הבית, אפגע־לייגט דאס איבערקלייבן זיך אין דעם איינענעם הויז, דאס איינקויפן נייע מעבל. דאס ערשטע איז אויף אים געלעגן דער חוב צו העלפן איינארדע־נען דעם אריבערגעקומענעם קרוב.

לייב קארפ האט נישט פארגעסן די גרינגשעצונג, דעם חוזק, וואס ער, דער קרוב, דער חסיד, האט ארויסגעוויזן מיט יארן צוריק, דעמאלט ווען ער, לייב, האט מקריב געווען א פארמעגן, צעבראכן א הויז און מיט דער משפחה זיך געפאקט אין וועג אריין. לייב האט גוט געדענקט די שטעכווערטלעך, מיט וועלכע דער קרוב, מנחם לענטשיץ, האט אים באַגלייט אויף זיין רייזע. דערפאר האט לייב איצט, אין שעהען פון מונטערקייט, און אויפגערוימטער געפרווט נקמה נעמען אין זיין קרוב מיט א שארפן קיבעץ:

— נו, ר' מנחם לענטשיץ, האסט זיך פארקוקט אויף די ציוניסטן? נישט געקענט זיך דערווארטן ביז דער רבונו של עולם וועט איינשפאנען זיינע פערד און וואגן און אריבערפירן אלע חסידים קיין ארץ-ישראל?

דער קרוב, מנחם לענטשיץ, האט א פארשעמטער אראפגעשלונגען די חוזק-רייד, ווי ביטערע פילן. ער איז זיכער געווען, אז ער פארדינט עס אין א פולער מאס און ער האט נישט אונטערגענומען זיך אפילו צו פארענטפערן פאר די אמאליקע שטעכווערטלעך און שטרייטונגען, וואס ער האט געהאט אריינגעציילט אין לייבן.

*
* *

אין יענער צייט האבן אנגעהויבן צו קומען אין לאנד אריין פון גאנץ פוילן חסידים אין די טויזנטער. די חסידים, צומיינסטן פארמעגלעכע סוחרים, געוועזענע טיש-זיצערס ביים גערער רבין, ביים בעלזער רבין, ביים אלעקסאנדרער, וואס האבן יארן נאכאנאנד מבטל געמאכט דעם ציוניזם, געפירט זייער האנדל אויף א ברייטן שניט און נישט געוואלט הערן פון אריבערפירן טיילווייז זייערע פארמעגנס קיין ארץ-ישראל, האבן מיטאמאל געבראכן דעם באיקאט אויף דער שיבת-ציון-באוועגונג.

דער ערשטער, וואס האט מתיר געווען דאס פארן קיין ארץ-ישראל, איז געווען דער גערער רבי. ער איז אליין געפארן אהין, דורכגעשניטן דעם ישוב פון איין עק לאנד ביז צום אנדערן, אנגעקויפט באדן און הייזער אין יפו און צוריקקומענדיק קיין פוילן, האט ער געלאזט וויסן זיינע צאן

קדשים, אז דער קץ רוקט אָן, אז נישט נאָר מעג מען, נאָר עס איז אַ חוב צו גיין קיין ארץ-ישראל. באַלד נאָכדעם האָבן מחנות חסידים ליק-ווידירט זייערע פארמעגנס, איינגעשפּאַנט האָק און פּאַק, און מיט פרייד זיך אריבערגעפעקלט קיין ארץ־ישראל. דעם רבינס נאָכפאָלגער האָבן אויסגעטייטשט, אז ווי באַלד דער גערער הייסט פאָרן און דערצו האָט ער נאָך אינוועסטירט זיין אייגן קאַפּיטאַל, איז אַ סימן, אז די זאַך האָט אַ קיום. די איבעריקע רביים אין פּוילן האָבן נאָכגעטון דעם גערער און צענדליקער אָנגעפּאַקטע שיפן האָבן וואָך־איין וואָך־אויס, געפירט צו די יפוער ברעגעס טויזנטער חסידים פון אַלע טיילן פּוילן. געשטויסן צו דער אויסוואַנדערונג האָבן אויך די גזירות פון דער דעמאָלטיקער פּוילישער רעגירונג, די שווערע שטייערן אויף יידישע פאַבריקאַנטן און סוחרים.

די מערסטע טייל פון די אריבערגעקומענע חסידים האָבן דאָ נישט באַנייט דעם האנדל. איינמאָל איבערגעריסן מיטן מסחר, האָבן זיי נישט געוואָלט מער צו דעם זיך אומקערן. זיי האָבן געקויפט נחלאות, פּרדסים, שטיקער פּלאַנץ־באָדן. מיטן פּסוק „איש תחת גפנו ותחת תאנתו" אויף די ליפּן, האָבן זיי באַארבעט אייגענע פעלדער, האָבן געפלאַנצט פּרדסים און פאַרזייעט כרמים.

***

צופוסנס דעם כרמל־באַרג הינטער חיפה, ווו די ערשטע טאָליקע וועגן הויבן אָן לויפן אין עמק אריין, איז געלעגן נחלת־יעקב, אַ יונגע קאָ-לאָניע, געגרינדעט פון דעם יאַבלאָנער רבין מיט זיינע חסידים. הינטער יפו איז אויסגעוואַקסן אַ צווייטע קאָלאָניע בני-ברק, ווו צענדליקער אַרי־בערגעקומענע חסידישע משפחות האָבן געפירט אַ לעבן ווי לאַנדווירטן. דעם נאָמען בני־ברק האָט די קאָלאָניע געטראָגן אַלס אַ זכר פאַר די הגדה-העלדן רבי אליעזר און רבי יהושע און רבי עקיבא און רבי טרפון, וואָס זענען פאַרצייטנס אויף דעם זעלבן באָדן, ווי ס'שטייט געשריבן: אין בני־ברק אין אַ סדר־נאַכט געזעסן אָנגעלענט און ביז זון-אויפגאַנג זיך דערציילט די נסים פון יציאת־מצרים...

לייב קאַרפּ האָט געטראַכט צו באַזעצן זיין קרוב מנחם לענטשיץ אין

איינער פון די חסידישע קאַלאַניעס. דאָס מאָגערע קאַפּיטאַל, וואָס דער קרוב האָט צונויפגעשטעלט אין פּוילן פאַר די פאַר פאַרקויפטע וועב־שטולן, פאַר דעם ביסל באַלעבאַטישקייט וואָלט געקענט קלעקן צו קויפן צוויי דונאם באָדן, אויפשטעלן אַ הילצערנעם באַראַק און איינריכטן אַ שטיקל ווירטשאַפט.

*
**

דערווייל האָט זיין קרוב מיטן ווייב ענג געמאַכט לייב קאַרפּס הויז. און כדי די לאַסט פון אָפּגעבן זיך מיט די אָנגעקומענע זאָל נישט פאַלן אויף דער מאַמען, האָט אלישבע צייטווייליק איבערגענומען די אויפזיכט איבער דעם הויז. מיט דער געטריישאַפט פון אַן איבערגעגעבענער טאָכ־טער האָט זי געפירט די שטוב-ווירטשאַפט, ווי אַ טיכטיקע באַלעבאָס־טע. זי האָט באַזאָרגט מיט אַלדאָס נויטיקע — חוץ די אייגענע משפחה — אויך די געסט, אין די פרייע שעהען אַרויסגעהאָלפן דער מאַמען אין נעשעפט. זי האָט אָפּגעלייגט דאָס צוריקפאָרן קיין כפר-גלעדי פון איין וואָך אויף דער צווייטער, זיכער זייענדיק אַז היינט-מאָרגן וועט אבנר, אַן אומ־געדולדיקער, איר נאָכפאָרן און זיך באַווייזן אין דער טיר. און ס'איז גוט, ער זאָל זיך באַווייזן. דער חשק צו ווערן פאַרפאַלגט פון אַ מאַנס־ביליש אויג, וואָס וואַכט איבער איר, וואָס שיצט זי — איז אין איר גע־וואַקסן. אבנר האָט זי ליב, שטאַרק ליב. ער וועט זיך אַריינרייסן אין הויז, ווי אַ מדבר־וואַנדערער, ביי וועמען מען האָט עפּעס צוגענומען און צו לאַנג פאַרהאַלטן. ער וועט זי מיט חוצפה אַרויסנעמען פון דאַנען און דע־מאָלט? דעמאָלט וועט זי, אלישבע, פאַרשפּאָרן אָנצוגעבן תירוצים, פאַר־שפּאָרן זיך צו באַנוצן מיט אויסריידן. זי וועט גיך פאַרפּאַקן אירע וואַ־ליזעס, מיט פרייד צוריקפאָרן קיין כפר־גלעדי. און דאָס מאָל ווער ווייסט אויף ווי לאַנג?

און בעת אלישבע האָט אויסגעפּלאַנט אירע ווייטערדיקע גענג, האָט זי דערווייל זיך אויסגעהיטן נישט צו באַגעגענען אין תל־אביב אפרימס עלטערן. דער געדאַנק זיך צו טרעפן אויג אויף אויג מיט דעם אַלטן פעלד־שטיין האָט זי אַריינגעטריבן אין אַן אומרו, דער אומרו פאַר אַ בעל־חוב, וואָס קען יעדע ווײַלע אָנקומען.

זי האָט איצט נאָך שטאַרקער באַרעכטיקט איר איבערדרייס מיט אפרימען, ווייל פֿאַרדאַכטן און פֿאַרוואָרפֿן האָבן זי געטאַטשעט, גענאָגט. און גענאָגט מיט רעכט, מיט געשרייען מיט מאָנונגען. אפרים איז אַוועק אויף זיין נייעם פּאָסטן אין עבר־הירדן אָן איר צושטימונג. פֿון אַזאַ גרינג־שעצונג האָט זי געליטן. אירע מיידלשע פּרעטענזיעס און איינרעדענישן, וואָס האָבן געזוכט אומעטום אויפֿמערקזאַמקייט, זענען געווען באַליי־דיקט. די שטיפֿערקע, די באַהאַלטענע חוצפּהניצע איז אַרויס, האָט פּראָ־טעסטירט און אַלץ אין איר האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון דעם מאַן, וואָס האָט אַרויסגעוויזן צו איר, אין טעג פֿון איינזאַמקייט, גלייכגילטיקייט און גרינגשעצונג.

בנימין איז געווען קאַלט צו אַלץ וואָס איז פֿאָרגעקומען אין הויז. אַן אומגעדולדיקער און אומרואיקער, וואָס אין גדוד־העבודה־לאַגער וואַרט מען אויף אים, האָט ער זיך געמאַכט פֿאַרוואָרפֿן, וואָס שוין וואָכן ווי ער זיצט אויף קעסט ביי די עלטערן. יעדן טאָג, האָט ער זיך געגרייט אָפּצו־פֿאָרן און יעדן טאָג האָט דער פֿאָטער אים פֿאַרהאַלטן, בעטנדיק אים. ער זאָל אים נישט לאָזן אין פֿאַרלעגנהייט, איבערוואַרטן ביז דער קרוב וועט אַרויפֿשטעלן אַ פֿוס אויף זיין באָדן. בנימין האָט צוליב געטון דעם פֿאָ־טער און געוואַרט. דער באָדן־קויף פֿאַר מנחם לענטשיץ איז צוגעגאַנגעז ניך. און אַ וואָך פֿאַר שבועות, ווען דער קרוב האָט זיך באַזעצט אויף זיינע צוויי און אַ האַלב דונאַם ערד און האָט אויפֿגעשטעלט אַ הילצער־נעם באַראַק, האָט איינגעריכט אַ שטיקל לאַנדווירטשאַפֿט — גראָד יע־נעם טאָג האָט אומגעריכט אין הויז ווידעראַמאָל זיך באַוויזן דער באָדן־מעקלער ישראל חזן.

בנימין האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דער פֿאָטער וועט איצט דעם מעקלער אַרויסטרייבן, זיין פּרצוף נישט וועלן אָנקוקן. אָבער ווען לייב קאַרפּ האָט, אין זיין פֿאַרטועניקייט, דעם מעקלער נישט אַוועקגעשיקט, נאָר פֿאַרקערט, געפֿונען צייט זיך צוצוהערן צו זיינע מיושבדיקע עצות, צו זיין זיסן האָ־ניק־לשון, האָט בנימין זיך אָנגעכאַפּט אָן דער געלעגנהייט און אַ ברוגזער, אין איילעניש פֿאַרלאָזט תל־אביב.

קאַפּיטל זיבן און צוואַנציק.

פונעם אַרבעטס-לעגיאָן אַרויס — אויף וואַנדער-וועגן

בלויז דרייסיק טעג האָט בנימין נאָכן צוריקקומען זיך אויפגעהאַלטן אין דעם גדוד־העבודה. דער לאַגער, ווו ער האָט אַריבער פיר יאָר צייט אויסגעפּולט זיינע טעג מיט פּראַצע און חלום, ווו ער איז געוואַקסן און געדייעט, ווו ער האָט געליטן ספקות און געשעפּט גלויבן — דער לאַגער האָט איצט זיך אָנגעהויבן צו צעפאַלן. נישט בלויז די שטרייטיקייטן, די חילוקי־דעות, וואָס זענען אָפּט אויסגעבראָכן אינעם אַרבעטס-באַטאַליאָן, נאָר אויך דער עול פון חובות. די לאַסט פון די שטייגנדיקע דעפיציטן האָט דערנענטערט דעם טאָג פון צוזאַמענברוך.

דער לאַגער וואָס האָט געפירט אַ קאָמונע און געמוזט קאָנקורירן מיט דעם לוין פון שטאָט־אַרבעטער איז שטענדיק געווען אין דוחק. די האַרעוואַניע פון אַריבער הונדערט פּאַר הענט האָט געקלעקט בלויז אויף איבערצוקומען דעם טאָג, די פאַרדינסטן זענען געווען פון האַנט צו מויל.

צו פאַרגרעסערן דעם אינוועטאַר מיט געצייג, די שטיינהאַקעריי מיט שלייף־מכשירים, צו באַזאָרגן אַ גדודניק מיט אַ שוך, מיט אַ בגד — האָט מען שטענדיק געמוזט אָנקומען צו באַנק־אַנלייעס און צו פּריוואַטן קרעדיט. און ווען אין לאַנד איז געוואָרן אַ האָסע, אַ קאָך, עס האָט אויסגעפּעלט הענט אין די שטעט, אין די קאָלאָניעס, האָט דער קרעדיט אַנשטאָט גרעסער צו ווערן — זיך אָפּגעשטעלט. די הלוואות זענען געצוימט געוואָרן. און דער אַרבעטס-באַטאַליאָן האָט זיך געטרונקען אין חובות.

דערצו זענען טייל גדודניקעס אנגעשטעקט געווארן מיט ספקות און אנטוישונגען. די ספקות האבן גענאגט, געפייניקט און פראטעסטירט קעגן א לעבן פון גזירות. דער ווילן צו געניסן פון דער אויפלעבונג ארום, דער חשק צו קריגן א חלק אין דער זאטקייט פונעם לאנד — האט זיך קעגנגעשטעלט דער אנגענומענער דאגמע פון גיין קעגן שטראם. מען האט געוואלט אנטרינען פון דער אייגענער ארעמקייט, ווען אקעגן האט דאס לעבן געלאקט מיט שפע און באקוועמלעכקייט. בלויז די אויסגעפרוווטע, די שטארקע, ביי וועמען די גבורה פון קענען זיך אפזאגן פון די תענוגים פון לעבן האט זיך נישט געלאשן, בלויז זיי זענען געבליבן אין דעם לאגער. בלויז זיי האבן ווייטער געוואלט שפינען די לעגענדע פון א מחנה חנינא בן דוכאס...

בנימין האט זיך אנגעשלאסן אן די געבליבענע. מיט זיין עקשנות און מיט זיין הארטנעקיקייט האט ער זיך גוט ארייגעפאסט אין דער קליינער מחנה פון אסקעטן, וואס האבן נישט געוואלט פארלאזן די פעלדזן-בערג, דאס ארט פון זייער פארווארצלונג. זייער באשלוס איז אבער געבליבן א הוילער ווונטש. אן אן ארבעטס-לעגיאן, וואס זאל וועלן זיך איינשפאנען פאר א קלענערן לוין, וואס זאל זיך באנוגענען מיט אן ארעמען מאלצייט, מיט א געצעלט אין מדבר — אן אזא לעגיאן האט דער לאגער נישט געקענט בלייבן. דערצו זענען די צווייפלער נישט גרייט געווען אויף לאנגע אמפערייען. טייל האבן אין איילעניש זיך אנגעשלאסן אין די ארומיקע, איינגעפונדעוועטע קיבוצים, טייל זענען זיך צעלאפן איבער די שטעט, וווּ זיי זענען אנגעקומען אין די פאבריקן און ביי הייזער־בוי.

פאר בנימינען איז די אנטוישונג געווען גרויס. ער איז אבער נישט געווען דערשלאגן. מיט דער אנטשלאסנקייט פון איינעם, וואס ווייסט אז אין באדויערונג ליגט נישט קיין טרייסט, קיין הילף אודאי נישט, האט ער גיך אנגעהויבן זוכן פאר זיך אן אויסוועג. ער האט גענומען אין חשבון אלע ווייטע מעגלעכקייטן און אומבאשטימטע אויסזיכטן, נאר נישט די פשוטע אויסזיכט פון אומקערן זיך אהיים. דער בלויזער איינפאל האט אים געמאכט טרויעריק. דער געדאנק, אז דעם פאטערס טירן שטייען

אָפּן, ווארטן אויף אים, האָט ביי אים צוגענומען די זעלבסטשטענדיקייט, די זיכערקייט צו שפּאַנען אַליין דאָרטן, וווּ ווענן קרייצן זיך און קולות רופן נישט.

לאַנג האָט בנימין זיך נישט געקווענקלט, לאַנג נישט געפּלאַנט. די ווענן, פאַרדרייטע וואָס האָבן זיך געוויקלט צופוסנס די חיפהער בערג, האָבן איצט געלאָקט. ער איז אָנגעשטעקט געוואָרן מיט אַ וואַנדער-לוסט. דער באַגער צו שפּרייזן איבער דעם רווישיקן ישוב, ווי איבער אַ טומל-דיקן מזרח־באַזאַר, האָט פאַרטריבן יעדע באַוואָרעניש און אויסרעכענונג פאַר שפּעטער. אין אַ פאַרוואָלקנטן פרימאָרגן האָט ער אַן אַנטשלאָכענער, מיט אַ רוק־זאַק איבער די אַקסלען זיך געלאָזט איבער דעם שמאָלן שאָ-סיי, וואָס האָט געפירט צו די אויפגעקומענע יונגע ישובים ביי די חי־פהער ים־ברעגן.

***

ער איז אָנגעקומען אין קרית-חניאל, אַ נייער קוואַרטאַל, וואָס האָט זיך געשפּרייט אויף אַ ברייט־אויסגעשטרעקטער זאַמד־פּלאַך. דער קוואַר־טאַל האָט איצט געהאַלטן אין רעכטן ברען פון בויען. די ווייסע פּירעקיקע הייזער, די קעסטלעך, צעשטעלטע אין שורות, זענען געווען פאַרגאָסן פון זון־ליכט. איבער טייל הייזער האָבן באַלאַטן-לייגערס געלייגט רויטן קאַרמיט אויף די דעכער. איבער טייל האָבן פאַרבערס געקאַלעכט די ווענט. כּטאַליאַרעס האָבן אַריינגעזעצט טירן און פענצטער. די אַרבעט איז אָנגעגאַנגען מיט אימפּעט. די תמוז-היץ האָט געשרפהט. און קעגנ־איבער פון ים זענען אָנגעלאָפן שוימיקע, שפּריצנדיקע כוואַליעס, וואָס האָבן מיט אַ פּאַטשערייַ זיך געריסן צו די שוועלן פון די הייזער.

בנימין האָט באַטראַכט דעם קאָך אַרום און אויסגעפונען, אַז או־מעטום אין שאָטן פון די שטאָט-מויערן ליאַרעמט און פילדערט די בוי־באַוועגונג. האַרטע, פאַרמאָזאָליעטע הענט יאָגן זיך מיט דער פלינקייט פון מאָטאָרן. די מורא נישט צו בלייבן הינטערשטעליק וועקט באַהאַל־טענע כוחות און מאַכט האַסטיקער רינען די גבורה אין די מוסקולן. איצט, ווען ער האָט מער נישט געשפּירט דעם באָדן, די פעלדזן-שטייניקע ערד

הינטער זיינע פיס, איז ער גרייט געווען זיך אנצושליסן אן אט דער ארבעטער־פארטיע. די פריערדיקע גרינגשעצונג צו אלץ וואס איז ווייט פון נזירישע ערד־פראצע און פון הארעוואניע אויף שטייניקע בערג, אט די גרינגשעצונג איז איצט אוועק. ער האט נישט געזוכט פאר זיך קיין פריווילעגיע. ער איז גרייט געווען זיך אריינצופאסן, ווי א זעלנער אין דער רייע, ווי א ציגל אין דער וואנט. צו דעם איז נייטיק געווען הכנעה און געהארכזאמקייט. דאס אפזאגן זיך פון אמביציעס און פארלאנגען. אין זיין אנטשלאסנקייט אנצוהאלטן די זעלבסטשטענדיקייט, אין זיין ווילן נאכצוגיין ווייטע, אומבאקאנטע רופן, איז בנימין גרייט געווען איצט א סך נאכצוגעבן.

ער האט זיך דערנענטערט צו דער שוועל פונעם ערשטן הייזל. ער האט געוואלט אפזוכן דעם אויפזעער, כדי אים צו פרעגן וועגן ארבעט, ווי קעגנאיבער, פון א זאמד־בארג, האבן זיך פארטראגן מיטאמאל גע־שרייען. בנימין האט זיך אויסגעדרייט אין דער זייט, פון וואנען דאס געפילדער איז געקומען. א הייפל מענער, ווייבער און קליינוואָרג האט ארומגערינגלט א לאנגען, הילצערנעם באראק אויפן שפיץ בארג. אין פראנט פונעם באראק איז געשטאנען אן עלטערער ייד, אין די בלויזע הויזן, אן א העמד. מאכנדיק קולות, פאכענדיק מיט די הענט, האט ער גערופן צו זיך דעם אנלויף.

א נייגעריקער האט בנימין געמאכט גיכע שפרייזן. גייענדיק האבן זיינע שווערע באנעגלטע שיך געזונקען אין טיפן זאמד. ער האט גע־קלעטערט בארג־ארויף. און ווען ער איז צוגעקומען צום באראק, האט דער עלטערער ייד קוים זיך ארויסגעזען פון צווישן דעם אנלויף. ער האט געגוואלדעוועט:

— זיי ווילן נישט אראפ פון מיין פלאץ!

— ווער וויל נישט אראפ? — האט עמיצער פון הייפל געפרעגט.

— די קאצאפן! די קאווקאזער! — האט דער ייד אנגעוויזן אויף די באראק־שכנים, וואס האבן פארחידושטע ארויסגעגאפט, ווער דורך א פענצטער, ווער דורך א טיר — מיט פיר יאר צוריק, אין קריזיס האבן זיי

אָפּגעדונגען דעם פּלאַץ, זיי האָבן באַצאָלט דערפאַר אַ שיבוש... איצט, אין דעם ברען, קען איך פון זיי נישט פּטור ווערן.

— פאַרוואָס זאָלט איר וועלן פון זיי פּטור ווערן? — האָט בנימין זיך אַריינגעמישט.

— כ׳וויל בויען! — האָט דער ייד זיך צעשריען — פיר יאָר שטייט דער פּלאַץ ליידיק און וואָס האָב איך פון דעם אָפּגעשפּאָרט? אַ קדחת אין אַ קליין טעפּל! אַנדערע האָבן געמסחרט, רייך געוואָרן. און איך? כ׳שטיי מיט געבונדענע הענט און קוק ווי די קאַצאַפּן פּלאַדיען זיך אויף מיין באָדן...

און כדי אַרויסצווייזן פאַרן הייפל אַרום זיין באַלעבאַטישע מאַכט, האָט ער זיך אויסגעדרייט, האַסטיק אויפגעפּראַלט די טיר פון באַראַק און אַריינגעשריען:

— כ׳גיב אייך דריי טעג צייט אַראָפּצונעמען דעם באַראַק!

דאָ איז דורך דער אָפענער טיר אַרויסגעקומען אַ וווקסיקער פאַרשוין אין אַ פּאָר שטיוול. דער קאָפּ איז געווען צעשויבערט, זיין שווערע געדיכטע באָרד — צעטיילט און זיין לויזע ווייסע בלוזע פאַרגאַרטלט אַריבער די הויזן. ער האָט ווילעריש זיך געשטעלט אַקעגן דעם פּלאַץ־אייגנטימער.

— מיר רירן זיך נישט פון דאַנען!

— מיר בלייבן דאָ! — איז אַ צווייטער קאַווקאַזער, אַ יונג אַ ביינער־ברעכער מיט אַ שפּיל־האַרמאָניע איןביידע הענט נאָכגעקומען.

— יידן, איר זייט עדות! — זיי רירן זיך נישט! — האָט דער באָדן־אייגנטימער געגוואַלדעוועט צום עולם, זעענדיק ווי פון אינעווייניק קלייבן זיך אַרויס נאָך עטלעכע מענטשן און פון שרעק האָט ער גענומען רופן דאָס איינענע ווייב — יוכבד, וווּ שטעקסטו?

— הייב נישט אָן מיט זיי. דאָס זענען קאָזאַקן! — האָט דאָס ווייב דורכשטופּנדיק זיך דורכן עולם, געשריען צו מאַן.

— וואָס זענען זיי?

— מעסער־שטעכערס!

— מיר זענען רוסישע מענטשן! מיט אונדז קענסטו נישט טרייבן

קיין פוילע שטיק! — האָט דער וווקסיקער מאַן מיט דער געדיכטער באָרד אָנגעשרויפט אַ פויסט.

דער באָדן־אייגנטימער האָט געזען, אַז ער איז ארויסגעריננלט פון דער גרויסער משפחה קאַווקאַזער, וואָס זענען איצט גרייט מיט די בייזע בליקן, מיט די שטומע טענות אים דורכן. ער האָט זיך גערוקט הינטער־ווייַלעכץ. בנימין האָט אים פאַרהאַלטן. ער האָט געפרעגט:

— און אַז די שכנים וועלן אראָפּ פון דעם פּלאַץ, וועט איר גלייך זיך שטעלן בויען?

— דאָס איז מיין זאַך! —האָט דער ייד בייז אָפּגעמאָסטן בנימינען

— כ׳קען דעם באָדן פאַרקויפן אויך. דערויף בין איך באַלעבאָס.

— אראָפּצוּוואַרפן שכנים זענט איר אַ באַלעבאָס? — האָט בנימין אים נישט אָפּגעלאָזט.

— אַ חרפּה! האָט עמיץ פון עולם אויסגעשריען.

— אַ שאַנדע! — האָבן זיך געהערט קולות.

— אין ארץ־ישראל וועט איין ייד דעם אַנדערן נישט טרייבן!

— מען וועט נישט דערלאָזן!

דער טומל איז געוואָרן גרעסער. פונעם רעדל האָט זיך פלינק ארויס־גערוקט אַ טונקל־הויטיקער בחור מיט געדיכטע קענדזשערעס האָר. אַ ווייַלע האָט ער באַטראַכט בנימינען און דעם אויפגערעגטן עולם. ער האָט מיט פאַרדאַכט אָפּגעמאָסטן צוערשט דעם שטח פון דעם ברייטן זאַמד־באַרג, דערנאָך דעם באָדן־אייגנטימער און זיך אַ פּאַטש געטון אין די הענט אריין.

— דאָס איז דאָך קרן־קימת־ערד!

— אוודאי קרן־קימת־באָדן! — האָבן קולות אונטערגעהאָלפן.

— און קרן־קימת־באָדן ווילט איר פאַרקויפן? איר ווילט שפּעקו־לירן? — איז בנימין אַ דערצאָרנטער נישט אָפּגעטרעטן.

— ווילסט אָפּנאַרן אַ וועלט? — האָט דער באַראַק־איינוווינער, דער קאַווקאַזער מיט דער שווערער באָרד איצט געקראָגן מער מוט.

— איך וויל אָפּנאַרן? — האָט דער באָדן־אייגנטימער זיך גענומען פאַרענטפערן — דו קאַצאַפּ איינער! ווען דו ביסט געזעסן ביי פּאָניען

איבער דעם טאָפּ חזיר, איבער דעם „שאַשליק״, בין איך דאָ פאַרשוואַרצט געוואָרן...

— און ס'איז אונדז טאַקע דעמאָלט בעסער געווען! — האָט דאָס ווייב אַרויסגעהאַלפן.

— וועמען איז בעסער געווען? — האָט בנימין געפרעגט.

— אונדז! — האָט דער באַלעבאָס זיך געקלאַפּט אין האַרצן אַריין — מען האָט דעמאָלט געלעבט בשלום מיט די אַראַבער.

— א ליגן! — האָבן קולות אויפּסניי זיך גענומען טראָגן.

— א ווילדע העזה!

— פאַרוועט אים אַזוי צו רעדן!

דער באַלעבאָס, וואָס האָט געזוכט א שפּאַרע זיך אַרויסצודרייען פונעם עולם, האָט הינטערווייַלעכץ געכאַפּט איין כמאַל נאָכן צווייטן.

פון אַלע זייטן האָבן זיך געהויבן איבער אים פויסטן.

**
*

בנימין האָט פלינק זיך געלאָזט אַוועק פונעם זאַמד־באַרג. ער האָט זיך גישט געערגערט פאַר די קלעפּ, וואָס דער אויפגעהעצטער עולם טיילט איין דעם באַדן־אייגנטימער. ער האָט זיי אפילו גיט געפּרוווט אָפּשטעלן. דאָס איז די טאַט און דאָס איז די שטראָף. איבערן לאַנד הערשט א זאַט־קייט. יעדע אויפלעבונג ברענגט מיט אירע איבלען. און אויף דער אויבערפלאַך ראַיען זיך שטענדיק שוימאַרטיקע ברואים. די שפע וואָס איז באַשטימט געווען צו זיין א בענטשונג פאַרן לאַנד, איז אויך געוואָרן א קוואַל פאַר אויסנוצערס און פלינקע פּראָפיט־זוכערס. און וואָס פאַרא באַטרעף האָט די פּראַצע פון יענע, וואָס רייסן אוים בערג, וואָס פאַר־שיטן טאָלן, ווען איבער דער אויסגעגלייכטער ערד שטעלן זיך דערנאָך גאָלד־גרעבערס, וועמענס אייגנציקער פאַרלאַנג איז גייציקייט און אייגנ־נוצן?

מיט אַזוינע געדאַנקען האָט בנימין זיך צוריק דערנענטערט צו קרית־נחליאל. די זון האָט געגליט. ער איז געגאַנגען געבויגן. דער אָנגע־שטאָפּטער רוקזאַק איבער די פּלייצעס האָט געשוועהט. ווענדיק זיך

שיצן פון דער חמימה, האָט ער אַרומגעבונדן דעם פאַרשוויצטן האַלדז מיט זיין נאָז-טיכל.

שוין שפּרייזנדיק אונטן, איבער דעם שמאָלן, ברוקירטן שאָסיי, וואָס האָט געפירט צו די פאַרבויטע גאַסן, האָט ער דערהערט הינטער זיך טריט, וואָס יאָגן אים אָן. ער האָט זיך אומגעקוקט. אַ ברוין-אַליוון-הויטיק מיידל, אַ בויגעוודיקע, אין אַן אָפּגעמאָסטן רויט-געפּינטלט קליידל, איז געבליבן שטיין פאַר אים אָן אָטעם. זי האָט אַ ווײַלע געקוקט אויף אים אומבאַוועגלעך, מיט אַ האַסטיק האַרץ-קלאַפּעניש.

בנימין האָט באַטראַכט דאָס אַליוון-הויטיקע מיידל. ער האָט געזען ווי איר רייפע, איינגעשניטענע פיגור איז אויסגעבויגן. די פּיס — צעגומען. זי שטייט אין אַ פּאָזע, ווי זי וואָלט נישט דערלאָפן. דער אויסגעטאַקטער בוזים הויבט זיך ריטמיש, צאַפּלט. שטום, אָן אויסצורעדן אַ וואָרט, האָט זי אויף אים געקוקט, לאַנג און שטיפעריש געקוקט. דאָס טונקעלע איילבירטן-פּנים איז געווען פול מיט באַהאַלטענע צוזאָגן. דאָס קליינע מויל האָט געצוקט און געמאַכט גרימאַסן, ווי עס וואָלט גרייט געווען אויסצופּלוידערן סודות.

איידער בנימין האָט באַוויזן עפּעס צו פרעגן, האָט דאָס מיידל קאָקעטיש פאַרלייגט ביידע הענט אויף אירע היפּטן. אין אירע טיפע ברוינע אויגן איז געווען אַ רייץ, אַ ווייטע פרייד, וואָס טראָגט מיט זיך געפאַר. זי האָט זיך אָנגערופן.

— כ'בין צופרידן, וואָס דו האָסט זיך אָנגענומען פאַר אונדז.

— דאָס וווינט דיין משפּחה אין דעם באַראַק?

— יאָ, כ'בין אַ קאַווקאַזער מיידל. איך אַרבעט דאָרט קגענאיבער, אין די נייע הייזער. כ'בין אַ באַלאַטעס-לייגערין. ווילסט וויסן מיין נאָמען? הדסה!

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן. דערנאָך האָט זי נייגעריק באַטראַכט בנימינען, זיין קליידונג, זיין שווערן רוקזאַק איבער די געבויגענע פּלייצעס און לאַכנדיק, אַ פרעג געטון.

— דו, קומסט פון אַ קבוצה?

בנימינען איז געפעלן געוואָרן דער מיידלס דרייסטקייט און ער האָט געענטפערט.

— ניין. כ'בין אַ נודניק. כ'קום פון תל-זבולון. כ'האָב פאַרלאָזט דעם לאַגער.

— זוכסט אַרבעט?

— פונוואַנען ווייסטו? — האָט בנימין צוריק אַריינגעלאָכט אין אירע אויגן.

— ווילסט מיט מיר מיטגיין קיין קרית-נחליאל?

— וואָס וועל איך דאָרט טון?

— דער אויפזעער זוכט נייע הענט. עס פעלן אַרבעטער ביים מישן דעם בעטאָן. עס פעלן אויך קאַלך-מישערס, טאַבאַרעס-זעגערס. פון חיפה באַווייזן זיך מער נישט קיין פּועלים, קום מיט מיר. קום צום אויפזעער!

זי האָט געשיקטערהייט זיך אַ לאָז געטון פאָראויס מיט דער זיכער-קייט פון אַ שטיפערקע וואָס ווייסט, אַז מען קען איר נישט אָפּזאָגן. אירע טריט אינעם ווייכן זאמד זענען געווען לייכטע, שווימענדיקע, ווי זי וואָלט זיך געוויגט אין אַ טאַנץ. און וואָס גיכער זי האָט זיך דערנענטערט צו די נידעריקע ווייסע הייזער — אַלץ פלינקער האָבן אירע הויכע געטאָקטע פיס אונטערגעשפּאַנט.

בנימין איז אַ צערודערטער איר נאָכגעגאַנגען.

קאפיטל אכט און צוואנציק

עס רופן די אוצרות פון עמק...

לייב קארפ האט אין זיין נייעם הויז זיך נישט אריינגעקליבן. דאס שטיק באדן, וואס איז געקויפט געווארן מיט דעם לעצטן אפגעשפארטן זילבער־געלט, דער פונדאמענט, וואס איז געגאסן געווארן פון שטיין און בעטאן, די ציגל־ווענט, וואס מען האט מיט שוויים און פראצע ארויפגע־צויגן — דאס אלץ איז אוועקגעגעבן געווארן פאר דעם פראפיט פון עט־לעכע הונדערט פונט. דאס געיעג נאך א פלינקן פארדינסט האט ביי לייבן פארטריבן די לאנג־דערוווארטע הנאה פון וועלן וווינען אונטער אן איי־גענעם דאך, אפילו אויף א קורצער צייט. לייב האט אין זיין בנין צומאל נישט איבערגענעכטיקט, קיין אייגענע רייכע וווינונג נישט אויסגעשטאט, קיין טייערע מעבל נישט איינגעקויפט.

גלייך נאכדעם ווי דער ספרדישער מעקלער ישראל חזן האט זיך באַ־וויזן, האבן אנדערע פארמיטלערס, ערשט־אנגעלאפענע פוילישע מעקלערס, ליטוואקעס מיט געהאקטע צינגלעך, באלאגערט זיינע טירן. ווי נאר זיי האבן דערשנאפט א נייעם קויפער, האט מען אים געשלעפט צו לייב קארפס געביידע. און ס'איז געווען מיט וואס פאר דעם קויפער זיך אי־בערצוגעמען. די קויפערס האט מען געפירט איבער די רייך־אויסגעפאר־טיקטע וווינונגען. מען האט זיי געוויזן די לוקסוס־איינריכטונגען. דער אנגעבאטענער פרייז איז געווען א הויכער. איין מעקלער האט געוואלט איבערשטייגן דעם צווייטן.

לייבן האט גענומען שווינדלען אין קאפ. אויף אזא גליק האט ער זיך נישט גערעכנט. ער האט אליין זיך ארומגעזען, אז ער האט ביז איצט

אונטערגעשאַצט די ווערט פון זיין פאַרמעגן. און אויב דאָס איז דער שכר, האָט ער נישט געהאַט וואָס זיך צו קווענקלען פריער. ער האָט געמעגט זיך שטעלן בויען נאָך מיט א יאָר צוריק.

אז רחל האָט געזען, ווי מען שלאָגט אָפּ די שוועלן פון הויז, נאָך איידער די לאָקאטאָרן האָבן זיך אריינגעצויגן, האָט זי געמאַכט דעם אָנשטעל, אז זי האַלט נישט ביים פאַרקויפן. דער פלינקער געשעפטלעכער חוש האָט איר אונטערגעזאָגט, אז מען דאַרף זיך לאָזן מיט די מעקלערס דינגען, אַרויפציען א געשוואָלענעם פּרייז. אויב נישט — לוינט נישט דער פאַרקויף. איבערן לאַנד איז א האָסע, ווו נאָר א שטיקל נחלה, רייסט מען עס פון די הענט. תל־אביב וואַקסט, שפּרייט זיך אויס אין דער לענג און אין דער ברייט. הייזער, פּלעצער, פּרדסים — אַלץ ווערט געוווגן מיט גאָלד. און דאָ וועט זי זיך גאָר שפּיגלען אין די ציגל. אויב פאַר איר איז באַשטימט געווען איבערצוקומען אומגליקן, ליידן, דאַרף זי אויך איצט, אין דער באַשערטער שעה, קענען געניסן פון דער שפע. און וואָס גיכער זי וועט אָפּשעפּן פון דער סמעטענע, אַלץ פעטער וועט איר חלק זיין.

רחל האָט זיך נישט פאַרלאָזט, לייב זאָל פאַרהאַנדלען מיט די מעקלערס. זי האָט אַליין געלאָזט רופן די סוחרים, געווען אומגעדולדיק און זיך באַוואָרנט פאַרן מאַן:

— לייב, אז מען וועט געבן דעם געבאָטענעם פּרייז, זאָלסטו אָפּשרייבן דאָס הויז.

— לאָז זיך איבערלייגן, — רחל — איז לייב, געלאַסענער פאַרן ווייב, נישט גרייט געווען צו פאַרטאַכלעווען דאָס הויז אויף דער הייסער מינוט.

— נישטאָ וואָס איבערצולייגן זיך, לייב. פיר טויזנט פונט איז א סומע. העכער שפּעקולירן קען מען נישט. צייט אויסצוגלייכן די ביינער...

צוערשט איז געקומען ישראל חזן. ער האָט געפירט מיט זיך א קויפער פון מצרים. דער קויפער האָט אויסגעזען ווי א יעוונוך. א נידעריקער, א באַלייבטער, מיט א טרוקן פאַרמעט־פּנים, ווו אַרום קין איז נישט געווען קיין זכר פון א האָר שפּראָץ. ער איז געגאַנגען אין א פּאָר ווייסע, געפּרעסטע הויזן, א בלייען ראָק מיט שטרייפן און אויפן קאָפּ א רויטע פעסקע. ס'איז געווען די פולע קליידונג פון א „לעוואַנטינער“, א

מזרח־פּראַנס. מיט זיין גאַרגלדיקן אַראַבישן לשון, מיט זיינע היציקע תנו־עות, האָט ער גיכער דערמאָנט אַ מאַכמעדאַנישן עפענדי, איידער אַ גע־לאַסענעם ספּרדישן עושר. ער איז אָבער געווען אַן אַנגעשטאָפּטער נגיד. אַ באַזיצער פון הייזער און נחלאות אין קאַירע. חזן האָט אים פאַרגע־שטעלט מיט דרך־ארץ:

— דאָס איז אַ באַראָן, אליהו רינה, בחיי! אַ יידישער באַראָן פון מצרים. ער איז אָנגעפּאַקט מיט געלט ווי אַ מילגרוים מיט קערנער. בחיי! ער קען אויסקויפן גאַנץ ארץ־ישראל!

— כ׳קען קיין איין גאָס אין ארץ־ישראל אויך נישט אויסקויפן!

— האָט דער באַראָן עניוותדיק אָפּגעשטריטן — מאַכסט מיר אַ שם פאַר אַ נגיד? און אויב מיט די שבחים מיינסטו מיך אויסצוצאַפּן, האָסטו אַ טעות. קענסט צאַפּן פון אַן אויסגעקוועטשטן לאַגל?

כ׳בין ווי אַ געלעכערטע קאָקאָס־נוס... אהער געבראַכט האָב איך בלויז אַ פּאָר אלפים. דאָס גאַנצע מזומנים שטעקט אין מצרים, אין דער וואַטע־פּראָדוקציע.

— ווען דו פאָלגסט מיך, באַראָן, שלעפּסט ארויס דיין געלט פון ישמעאלס מדינה און שטעקסט עס אריין איצט דאָ, אין הייזער, אין פּלע־צער, אין פּרדסים... דיין פאַרמעגן וואָלט געוואָרן כפל־כפלים!

— כ׳וויל נישט כפל־כפלים! — האָט ביים באַראָן דאָס פאַרמעט־פּנים זיך געקנייטשט — און פון ווען אָן הייסט מצרים ישמעאלס מדינה? ס׳איז ישראלס מדינה! משה איז דאָרט אַ געבירטיקער... אין צוואַנציק יאָר ארום וועט ארץ־ישראל זיך אויסשפּרייטן אריבער דעם טייך ני־לוס. עס וועט איינשלינגען די פּיראַמידן, דעם ליביער מדבר... און דע־מאָלט וועלן מיר, עגיפּטישע יידן, זיצן ביי דער אַנדערער זייט גרעניץ פון ארץ־ישראל...

דעם באַראָנס לומדות און נביאות האָבן אויפן מעקלער אָנגעיאָגט אי פרייד, אי שרעק... פרייד, וואָס דער סוחר האָט אַזאַ בטחון אין ארץ־ישראל. שרעק, וואָס צוליב ארץ־ישראלס אומגעהויערן וואַקסן, קען ער נאָך חלילה חרטה האָבן פון מאַכן איצט דעם קויף. דער הויכער צע־וואַקסענער ישראל חזן האָט זיך דערנענטערט צו דעם נידעריקן אליהו

רינה און אַריבערבויגנדיק זיך איבער אים איינגערוימט אין זיין אויער:

— פונדעסטוועגן, באַראָן, האַלט איך זיך ביי דאָס מייניקע. מען דאַרף וואָס מער געלט אַריינגראָבן... די אַלעקסאַנדריער ספרדים האָבן קלוג געטון...

מיט דעם וואָס זיי האָבן אַנגעקויפט באָדן אין דער שטאָט עפולה?

— האָט דער באַראָן געפרעגט.

— יאָ.

— און אַנגעשטאָפּט די אַראַבער מיט געלד?

— יאָ.

— און מיינסט צו זאָגן, אַז זיי זענען געווען גערעכט? — האָט דער מצרישער סוחר געצאַרנט.

— גערעכט אויך! — האָט דער מעקלער באַשטעטיקט — אַז מען פּאַקט אַ לאָם מיט געדיכטער וואָל, מעג מען זי שערן...

דער עגיפּטישער סוחר האָט פלינק זיך אָוועקגערוקט פונעם מעקלער, ווי פון אַ חבר־דעה. פון כעס האָט ער זיך געפּליאַסקעט איבער די אייגענע, גלאַטע, טרוקענע באַקן. באַלד איז ער צוריקגעקומען און אַ גע־שריי געטון חזנען גלייך אין פּנים אַריין:

— ביסט אַ שעפּס!

מער האָט דער באָדן-מעקלער נישט געדאַרפט. דעם באַראָנס כעס האָט אים געקאָסט דאָס מעקלער-געלט, וואָס ער האָט זיך גערעכנט צו פאַרדינען. דער עגיפּטישער סוחר איז אַנטלאָפן פון דעם הויז, ווי מען אַנטלויפט פון אַ שרפה. ער האָט זיך נישט געלאָזט איבערבעטן, נישט געוואָלט אפילו אַריינשמעקן אינעווייניק, אין די רייכע ווינונגען און שאַצן זייער ווערט. ער האָט געשריגן, אַז מען וויל אים אַריינגנאַרן. אויב די תל־אביבער זוכן לעמער כדי צו שערן זייער וואָל — האָט ער נישט וואָס צו טון דאָ. נישט בחינם האָבן אים די „אפּיקורסים" אין מצרים געוואָרנט, אַז ארץ־ישראל איז אַ לאַנד, וווּ מען באַגראָבט אוצרות... די אַראַבער נעמען צו דאָס געלט פאַר דער ערד און די אשכנזים פאַר ציגל־ווענט. נישט אים וועט מען אָפּשינדן. נישט זיינע קעשענעס וועט מען אויסליידיקן...

לייב קאַרפּ, וואָס האָט נאָכגעקוקט דעם אַנטלויפנדיקן סוחר, איז געבליבן אַ צעטומלטער. דער היציקער בראָן האָט איצט אויסגעקוקט ווי אַ פּורים־שפּילער. רחל האָט אויסגעלאָזט אירע וויסטע חלומות צו ביידן, סיי צום באָדן־מעקלער, סיי צום קויפער, געשיקט זיי צו אַלדי גו־טע יאָר און פאַרהאַקט הינטער זיי די טיר.

ישראל חזן איז אָבער נישט אָפּגעטרעטן. צוויי טעג שפּעטער האָט ער געבראַכט נייע סוחרים פון פּוילן. די פּוילישע סוחרים זענען ביים פאַרהאַנדלען געווען געלאַסענע, מיושבדיקע, דערפאַר אויך צוריקגעהאַל־טענע, ווען ס׳איז געקומען צו באַוווּנדערן די תל־אביבער מציאות, די ווייסע אויפגעטורעמטע הייזער, די אויסגעשניטענע ווינקל־פּלעצער, וואָס זענען געווען צעלייגט איבער דער נייער שטאָט ווי אויסגעגראָבענע גאָלד־מינעס. די סוחרים זענען געקומען אָנגעשטאָפּטע מיט פּוילישע זלאָטעס. און אויסצובייטן די נידעריקע פּוילישע וואַליוטע אויף ענגלי־שע פונטן האָט געשמעקט מיט גוואַלדיקער עשירות, מיט נישט דער־גרייכבאַרע אוצרות. דערצו האָבן זיי דערשנאַפּט, אַז די געבאָטענע פּרייזן אויף הייזער זענען איצט אויפגעשרויפטע, איבערגעטריבענע. געדולדי־קע, מעסיקע האָבן זיי זיך געלאָזט פירן איבער לייבס געביידע. זיי האָבן זיך געהויבן איבער דעם לוקסוס־איינגעריכטן טרעפּן־הויז, דורכשפּאַצירט די רייך־אויסגעשטאַטע וווינונגען, אויסגעהערט דעם מעקלערס שבחים. און ווען לייב קאַרפּ האָט באַגלייטנדיק זיי זיך געגומען אויספרעגן, וואָס הערט זיך אין פּוילן? ווי איז די לאַגע פון דעם יידישן מיטלשטאַנד? צי קלייבן זיך יידישע סוחרים פאָרן קיין ארץ־ישראל? דעמאָלט האָבן די סוחרים, קילע און קאַרגע אויף ווערטער מיט איינגנוציקער אויסגערעכנט־קייט געלאָזט פאַלן:

— אַזוי לאַנג ווי דער ייד אין פּוילן עסט נאָך זיין חלק קאַרפּן־פיש און די פּולקע געזונט, וועט ער קיין ארץ־ישראל נישט פאָרן. ניין, ער וועט זיך נישט רירן...

די אָנצוהערעניש האָט ביי לייבן אַרויסגעשלאָגן דאָס איינרעדעניש, אַז די געקומענע זענען קויפערס. העכסטנס זענען דאָס געדולדיקע אויס־שפּירערס, וואָס שנאַפּן, וואָס זענען גרייט אָפּצוּוואַרטן יעדע מינדער־

ווערטיקע מציאה, אָבער נישט קיין באַלדיקע קויפּערס, וואָס ציילן אוים טויזנטער מיט אַ קנאַק. און פּונקט ווי לייב האָט פריער, בשעתן בויען, נישט געוואָלט הערן פון אויסבייטן די געביידע אויף מזומנים, אַזוי האָט איצט זיך געוועקט אין אים דער דראַנג נאָך פלינקער עשירות. און רחל האָט, ווי אַ שטרענגער וועכטער, געמאָנט ביים מאַן פּראַקטישקייט, אָפּע־נע אויגן, נישט צו פאַרזאַמען די פּאַסיקע געלעגנהייט, וואָס וועט אים אויפריכטן — בענטשן מיט רחבות. ווי הונגעריקע וואָס פאַרזוכן פּלו־צים דעם טעם פון זאַטקייט, אַזוי האָבן ביידע איצט געוואָלט וואָס מער געניסן פון דעם איבערפלוס אין לאַנד, וואָס מער אָפּשוימען פון דער שפע.

די מעקלערס האָבן זיך געביטן. די סוחרים האָבן זיך געטוישט. זיי זענען געקומען און געגאַנגען, ווי אויף אַ יאַריד. טיף אין זומער, אין הייסן חודש אָב, האָט זיך באַוויזן דער לאַנג־געזוכטער סוחר, אַ לאַנד־באַזיצער פון רומעניע. ער האָט דאָס הויז געקויפט אויפן קוק, אָן דינ־געניש. דער סוחר האָט אויסגעציילט און לייב קאַרפּ האָט איינקאַסירט די געבאָטענע פינף טויזנט פונט. דאָס איבערשרייבן אין די רעגירונגס־ביכער איז צוגעגאַנגען גיך. אַלע האָבן זיך געאיילט, די רעגירונגס־באַ־אַמטע אין „טאַבו", די מעקלערס, די קויפּערס און אין עטלעכע טעג אַרום איז דאָס הויז געווען איבערגעפירט אויפן נאָמען פון דעם נייעם באַזיצער. ביים איבערשרייבן האָט לייב, ווי יעדער פאַרקויפער, געמוזט אָפּצאָלן די באַנק־חובות, די היפּאָטעק־הלואה. און ווען ער איז שוין גע־ווען באַפרייט פון די מעקלערס, סוחרים און אויסקוקערס, האָט ער מיט־אַמאָל זיך אַרומגעזען, אַז ער איז אויך פריי פון דעם טומל, פון דער לאַסט, פון די אַרויפגעצוואונגענע טעגלעכע פליכטן, וואָס דאָס הויז האָט אויף אים געהאַט אַרויפגעלייגט.

אָבער אָנשטאָט די שטילקייט זאָל פּאַר אים זיין איצט אַ דער־לייכטערונג, אַן אָפּרו, איז דאָס גאָר פּאַר אים געווען אַ משא. צופיל הו־זשעריי, צופיל קאָכעניש איז געווען אַרום אים, אַז ער זאָל קענען פאַר־דייען די רו. די יונגע ווייסע שטאָט האָט זיך אויסגעברייטערט צו צפון ביים ים־פּאַס, וווּ ס'האָט שטיל זיך אַריינגעגאָסן דער שמאָלער טייך

ירקון, צו דרום, ווו ס'האָבן זיך געצווינגן זאמד-בערג צווישן יפו און ראָ־שון לציון. גאסן, קוואַרטאַלן, האַלבע מויערן, גאַנצע מויערן, ארויפגע־טורעמטע דעכער, פאַלירטע מארמאָר־זיילן און תל-אביב — א קנופּ קאָ־לירטע שנור-בענדער איז געווען צעוואָרפן אויף מיילן־ווייט.

צוויי וואָכן נאָך דער הויז־טראַנזאַקציע, האָבן די תל-אביבער מעק־לערס ווידער באַזייט זייערע וויזיטן ביי לייבן. זיי זענען נישט געקומען מיט דער פריער־דיקער פלינקייט פון מלאכי־חבלה. זיי האָבן זיך באוויזן הינטערווייַלעכץ. כלומרשט פארבייגייענדיק, אַפטרעטנדיק און כלאחר־יד געשנאַפּט די לופט און געמאָסטן, צי עס האַלט ביי א נייעם קויף... רחל, וואָס האָט אָפּגעמאַכט א צייט נישט צו רירן די אָפּגעלייגטע סומע, האָט אָפּגעוואָרפן יעדן אָנבאָט. די מעקלערס האָבן געטראַכט, אַז זי האָט פּעפּער אין דער נאָז און ארייַנגערעדט אין לייבן — אויפגעוויזן, אַז קאַ־פּיטאַל איז נישט קיין שטיין, וואָס זאָל ליגן. קאַפּיטאַל דאַרף ארבעטן, דאַרף זיך פארטאָפּלען און פאַרדרייפאַכן. ישראל חזן, וואָס איז דורכגע־פאַלן ביים ערשטן משא ומתן, איז געקומען זוכן א פארגיטיקונג, א גע־לעגנהייט צו פארריבטן זיין אָנזען ביי א צווייטער קניה. זיין הייסע צונג — די צונג פון א געבראָטענעם ליטוואַק — האָט זיך פונאַנדערגעבונדן און געלאָזט הערן:

— היינטיקע צייטן לאָזט מען נישט ליגן קיין געלט אין די בענק, לייב.

די ווערטער האָבן געטראָפן אויף טויבע אויערן. דריי טעג שפּעטער איז ער ווידער געקומען. הינטער דער טיר האָט גערווישט דער קאַך פון דער וואַקסנדיקער שטאָט. עס האָבן זיך געטראָגן האַמער־קלעפּ פון די דערבייאיקע געבייַדעס. שווערע קעסלען אויף רעדער האָבן געגאָסן קאָ־כיקן אַספאַלט אויף די נייַע געשניצטע גאסן. ראָל־מאַשינען מיט וואַלצן האָבן כאָרכלענדיק געפרעסט דעם אַספאַלט. א גרילצנדיק פייפערייַ האָט דורכגעשניטן די לופט. ישראל חזן האָט אויפגעפראַלט די פענצטער, די טירן, עס זאָל וואָס מער געפילדער זיך אַרייַנשאַרן דורך די עפענונגען. ער האָט אָנגעוויזן אויפן געליאַרם, וואָס האָט זיך געריסן פון אַרום און אַרום און אויסגעשריגן:

— וואָס ליגסטו מיט פאַרלייגטע הענט, אַשכנזישער שעפּס? ס'פעלט דען אוים באָדן? ס'פעלן אוים ציגל? מ'קריגט נישט קיין בעלי־מלאכות?

— כ'האָב צייט, חזן. כ'האָב גענוג צייט. אין תל־אביב וועט נישט אַזוי אייביק קאָכן. ס'איז אַלץ צופיל אָנגעבלאָזן. ס'וועט אַמאָל פּלאַצן. פונדעסטוועגן זאָג איך דיר צו, אַז ווען כ'וועל באַשליסן עפּעס צו קויפן, וועל איך נאָך דיר שיקן.

— יעדער טאָג, וואָס גייט אַוועק, איז פאַרלוירן געלט, לייב. רעד דאָס איבער מיט דיין ווייב, רעד דאָס איבער מיט דיינע קינדער. דו ביסט אויפן רייט־קעמל, טאָ שפּרינג נישט אַראָפּ... און אַז דו וועסט אַפילו זיין פאַרענגט אין געלט, איז דאָס אויך נישט קיין אָפּהאַלט. דער קרעדיט איז אָפן. די היפּאָטעק־באַנק בעט זיך, מען זאָל באָרגן געלט.

די נאָכאַנאַנדיקע וויזיטן פון די מעקלערס, דאָס צושטיין פון די עצה־געבערס און פאַרמיטלערס, וואָס זוכן אָפּצושווימען אַ פעט פאַר־דינסטל, האָט לייבן געטריבן צו פאַרטראַכטן זיך, צו ישוב־הדעת. קיין גרויס חשק צו צעפירן די הענט האָט ער נישט געהאַט. טיף אין אים האָט גענאָגט אַ פאַרדאַכט, אַז אַלץ וועט קראַכן, ס'וועט פונאַנדערפאַלן ווי אַ קאָרטן־שטיבל. צופיל שפּעקולירט מען מיט די פּלעצער, צופיל זעצט מען אויף דעם פלינקן הייזער־בוי. עס פעלט דעם ישוב דער גרויסער דראַנג נאָך ערד־באַהעפטונג. עס פעלט אַ געזונטע פאַרצווייגטע אינ־דוסטריע, וואָס קען גאַראַנטירן דעם שטאָט־מענטש. פונדעסטוועגן האָט דער פּראַקטישער חוש אויסצונוצן וואָס מער פאַר זיך, איידער ס'ווערט צו שפּעט, זיך צעפלאַקערט. דער אַפּעטיט צו געניסן פון דעם שפּעדיקן היינט, האָט ביי אים אָפּגעטריבן די זאָרג און באַוואָרעניש פאַרן מאָרגן.

און לייב האָט אָנגעהויבן נאָכצוגעבן זיינע אויפגעוועקטע פאַרלאַנ־גען מיט דעם אימפּעט פון איינעם, וואָס האָט פריער פאַרשפּעטיקט אַלע געלעגנהייטן. ער האָט זיך נישט געגוויטיקט אין רחלס אויפמונטערנדיקע עצות. ער האָט איינגעשטימט צו אירע אָנווייזונגען, נאָך איידער זי האָט זיי פאַר אים קלאָר געמאַכט. רחל האָט באַמערקט, אַז איר מאַן איז אָנגע־שטעקט מיט ברען און עקשנות איינצולייגן וועלטן. פון אָנהויב האָט זי נאָכגעפאָלגט זיינע פּלענער מיט דער געשפּאַנטקייט, ווי מען פאָלגט נאָך

אן אויסגעוואקסן בחורל, איידער ער מאכט זיינע ערשטע, זעלבסטשטענ־דיקע טריט, באלד אבער איינגעזען, אז ער קען אפטון זאכן אויף איי־גענער האנט, ער דארף נישט איר אויפזיכט.

לייב האט מער נישט געזאגט פון זיך די מעקלערס. ער האט גע־האט אן אפן אויער פאר יעדן פארשלאג און פלאן. און פונקט ווי ער האט פריער געווייכט פון די ווילד־פרעמדע פארמיטלער, פון די כיטרע חונפים, וואס האבן זיך געגייט בייטלען אויף פלינקע פארדינסטן, אזוי פארקערט, איז ער איצט געווען אויפמערקזאם צו יעדער אנצוהערעניש זייערער. מער האבן די פארמיטלערס נישט באדארפט. זיי האבן אפגע־שלאגן די שוועלן. צומיינסטן האט זיך געזאכמערט דער היציקער ישראל חזן. אוים מורא, מען זאל ווידעראמאל נישט אויסכאפן ביי אים דעם משא ומתן, האט ער זיך געדרייט ארום דעם הויז ווי א לייב-וועכטער. ער האט נישט צוגעלאזט קיין זייטיקן מעקלער, געקריגט זיך מיט די אנ־געלאפענע עצה־געבערס און איינמאל, אין א שפעטער אוונט־שעה, ווען ער האט געפאקט לייבן אויג אויף אויג, האט ער אים אריינגעפירט אין שטוב און אין אים אריינגערעדט:

— עמק איז א טאל. און עפולה איז דארט א שטאט אין טאל. א שטאט איז דארט? אן אלעקסאנדריער באזאר! א גרוב מיט איידל שטיי־נער... עס בויען זיך דארט פאבריקן, עס עפענען זיך קראמען. תל־אביב איז שוין איבערגעפאקט. ס׳ווערט דא ענג ווי אויפן בשמים־מארק אין באגדאד... מען דארף זיך לאזן צום עמק, אדון לייב, אוצרות קען מען שעפן אין יענע זאמדן...

— האסט דאך שטענדיק אפגערעדט פון עמק! — האט לייב קארפ זיך אנגערופן.

— מיט זיבן יאר צוריק, מיט צען יאר צוריק האב איך אפגערעדט. און ס׳איז געווען פון וואס אפצורעדן! דער עמק איז געווען א מדבר, א סגויל פון טויטע זומפן. טאקע אן ארץ אוכלת יושביה... אבער היינט, ווען אין תל־אביב קויפט מען שוין באדן אויפן אייל, מען מעסט די ערד מיט אן עס-לעפל און דארט אין טאל גראבט מען נאך, ברוך השם, די זאמדן מיט לאפעטעס... היינט דארף מען גיין צום עמק!

ליִיב קאַרפּ איז צום עמק נישט געגאַנגען, אפילו זיך נישט געלאָזט אהינצו אויסשפּירן. נישט צוליב דעם האָט ער אוועקגעגעבן אַ פּאַרמעגן, כדי ווידעראַמאָל, ווי אַ פּיאָנער צו וואַנדערן איבער אַן אומפּרוכטבאַרער בראשית־ערד. אַ פּיאָנער דאַרף זיין גרייט אויף קרבנות, דורכמאַכן היבוט־הקבר, אויסשטיין ענויים. און ער, ליִיב, איז זיינס שוין אָפּגעקומען... ער איז באַשטאַנען צו בלייבן אין תל־אביב. פון די אויסגערעכנטע פּלענער, וואָס די מעקלערס האָבן אים אונטערגעטראָגן אָפּצוקויפן אין ראשון לציון אַ טאַבאַק־פּלאַנטאַציע, פאַרפלאַנצן אַ פּרדס, אָדער איבערצונעמען אַ פּאָר וויי:גערטנער — פון די אַלע פּלענער האָט ליִיב קאַרפּ זיך אָפּגעזאָגט און באַשלאָסן ווידעראַמאָל אויפצובויען אַ הויז. אין זיין פלינקן באַשלוס האָט ער פאַרגעסן, אז דער באָדן אין שטאָט איז געשטיגן, אז מען מעסט יעדן שפּאַן מיט אוצרות, אז אַ מאָגער „פּלעצל", וואָס ליגט צוויי מייל אַוועק פון זיין ערשט הויז, ווערט איצט נעשאַצט פינף מאָל אַזויפיל, ווי מיט אַ יאָר צוריק. ליִיב קאַרפּ האָט דאָס פאַרגעסן. דער מעקלער האָט דאָס אָבער געדענקט. און וויפיל ער האָט נישט געאַרבעט איבערצורעדן ליִיבן, ער זאָל זיך אַרויסלאָזן זוכן נייע דעראָבערונגען, איז ער דורכגעפאַלן. ליִיב קאַרפּ איז באַשטאַנען נישט צו רירן זיך פון שטאָט.

צוויי וואָכן שפּעטער האָט ישראל חזן אונטערגעטראָגן ליִיבן אַ מציאה. אכט הונדערט מעטער באָדן ביים טייך ירקון, אַן אויסגערונדיקט ווינקל־פּלעצל, וואָס שניידט זיך אריין אין דריי גאַסן. חזן האָט דערציילט, אז דער באַזיצער, מוסא אל נאַדזשיב, איז דער רייכער עפענדי, דער מוכּטאַר פונעם דאָרף סאַפּאַניא הינטער יפו. ער פאַרלאַנגט פופצן הונדערט פונט, ער קען אָבער נאָך איבערציען אַ שמיץ, ווייל יפוער מעקלערס שלאָגן אָפּ די טירן. ישראל חזן האָט ליִיבן געגעבן זיבן טעג צייט איבערצוטראַכטן.

ליִיב קאַרפּ האָט אַזוי לאַנג נישט געוואַרט. אויפן דריטן טאָג האָט ער געשיקט רופן דעם מעקלער. ער האָט אַריינגעשטופּט צו זיך אין טייסטער אַריין דריי הונדערט פונט אין מזומנים און געזאָגט.

— וועסט מיך פירן צום מוכּטאַר פונעם דאָרף סאַפּאַניא.

קאפּיטל ניין און צוואַנציק

צו גאַסט ביי די וועכטער פון מדבר

אין דעם הויז פונעם עפענדי מוסא אל נאדזשיב, ווו לייב קארפּמיטן מעקלער זענען ארום האַלבן טאָג אָנגעקומען, איז געווען זייער טו־מלדיק. עס זענען צוגעגאַנגען פייערלעכע צוגרייטונגען. דער ברייטער, ארומגעמויערטער הויף איז געווען פול מיט געסט פון די ארומיקע דער־פער. בכבודיקע שייכן און פראָסטע פעלאכן, וואָס זענען געקומען ביי־זווינען אַן אראַבישע „פאַנטאַזיע"*). יענעם טאָג האָט דער עפענדי, אלס דער באַזיצער און דער מוכטאַר פון דאָרף סאפאַגיע, זיך געגרייט צו שלי־סן פרידן צווישן צוויי צעקריגטע משפחות, וואָס האָבן אריבער אַ יאָר צייט געפירט צווישן זיך געשלעגן, געמאַכט איבערפאַלן איינע אויף די אנדערע, כדי צו קריגן בלוט־אויסלייזונג.

דאָס געיעג נאָך בלוט־אויסלייזונג אין דעם דאָרף איז געקומען צו־ליב אַ רציחה. אַן עלטערער טויבער פאַסטוך, מאַכמעד אַלי, האָט פאַר־נאַרט די יינגסטע בתולה פון סאפאַגיא אין שייער אריין און זי מאַנס געווען. אַ טאָג שפּעטער, האָט דער ברודער פון דער פאַרפירטער בתולה, יוגוס קאַזים, אָפּגעוואַרט דעם טויבן פאַסטוך, ווען ער האָט געפיטערט אין די בערג און אים דערהרגעט. די זקנים, די קרובים פון דעם דער־הרגעטן, האָבן זיך געלאָזט צום דערוויש נאָך גערעכטיקייט. אָבער ווען דער דערוויש האָט דעם אַנטלאָפענעם מערדער נישט געקענט געפינען,

---

*) שפּאַס — יום־טוב, פייערונג.

זענען זיי געגאַנגען קיין יפו און געקלאַפּט אין די טויערן פון די געריכטן. די יונגע אַראַבער האָבן געלאַכט פון די זקנים. דער באַגער נאָך בלוט־אויסלייזונג, וואָס רינט אין די אָדערן פון אַלע מאַכמעדס זין, האָט זיי געשטעלט אויף די פיס. זיי האָבן זיך געיאָגט נאָך נקמה. אין די טעג האָבן זיי געלויערט אַרום די היימישע פּלויטן און אין די נעכט האָבן זיי געוואַכט אויף די וועגן. זיי האָבן יונגע קאַזימען געזוכט אויף די יפוער מערק, צווישן די שיפער־פישלעך, אין האַפן און אַפילו אין די יידישע קאָלאָניעס. דערצאָרנטע, וואָס דער מערדער קומט זיי נישט אונטער דער האַנט, האָבן זיי מכבד געווען מיט מעסער־שטעך, דאָ אַ ברודערן־זון, וואָס זיי האָבן באַגעגנט אין וועג. דאָרט אַ ווייטן קרוב. די באַפאַלענע האָבן געענטפערט מיט אונטערצינדן פעלדער און שייערן. די בלוטיקע געשלעגן האָבן נישט אויפגעהערט, אַריינשלעפנדיק אין די אַנפאַלן שכני־שע דערפער. די שנאה האָט זיך שטאַרקער צעפלאַקערט.

סוף יאָר האָבן די נכבדים פון דאָרף זיך געווענדט צום עפענדי, דעם מוכטאַר פון סאַפאַניאַ מיט אַ פאָדערונג.

— שטעל איין פרידן אין דאָרף. ביי אַללאַ אוןביים נביא! קויף אויס די זינד און פאַרמייד די בלוט־פאַרגיסונג צווישן די פרומע משפּחות.

דער עפענדי מוסא אל נאַדזשיב האָט מיט כבוד גענומען אויף זיך די שליחות.

***

לייב קאַרפּ מיט זיין באָדן־מעקלער האָבן באַלד נישט געקענט צו־קומען צום עפענדי, כדי צו פאַרהאַנדלען וועגן דעם באָדן־קויף. דער הויף איז געווען באַלאַגערט מיט פעלאַכן פון די אַרומיקע דערפער. זיי האָבן פאַרשפּאַרט דעם טויער־אַריינגאַנג. אויסגעפּוצטע אין זייערע פאַרביקע אַבאַיעס און פלאַטערנדיקע קאָפּ־טיכער, האָבן זיי זיך געגרייט צו דער אויסטערלישער „פאַנטאַזיע", ווי צו אַ הייליקן שווערדן־טאַנץ אַרום פייער.

ישראל חזן, געניט אין קריכן דורך אַראַבישע הינטער־טירן, האָט געטיילט מטבעות צו צוויי טויער־וועכטערס, וואָס האָבן אים אַריינגע־

פירט דורך א זייטיקן געדרייטן אריינגאנג. באלד האט א טונקעלע טיר זיך אויפגעריגלט. א יעוגוף האט פונאנדערגערוקט א שווערע פארהאנג, אויסגעהעקלט פון קאלירטע פאטשערקעס. דער רייכער עפענדי, דער רודף־שלום, מוסא אל נאדזשיב, א קנאכיקער און מאגערער האט אויפגענו־מען די געסט אין זיין אפרו־צימער מיט גאסטפריינטלעכקייט.

— טרעט אריבער, טרעט אריבער — האט ער גערעדט פלינק און בשעתן ווארפן די ווערטער זיך געאיילט — ביי אללא! כ'בין היינט פאר־נומען מיט שליסן א בונד פון פרידן צווישן צוויי משפחות. איר וועט מוזן איבערוואַרטן. דער נביא זאגט, אז די מצוה פון איינשטעלן שלום איז גרעסער ווי דאס ציילן טויזנטער.

ישראל חזן האט א ווינק געטון צו לייב קארפן און אין דעם ווינק איז געווען אנצוהערעניש, אז דער עפענדי שאצט איבער די אייגענע פרומקייט. ווען מען זאל פאר אים לייגן אויף איין וואגשאל א זעקל נאלד און אויף דער אנדערער שאל — א בינטל מצוות, וועט דער גאמ־פארכטיקער עפענדי דעם נסיון נישטביישטיין.

לייב קארפ האט געשמייכלט. דעם מעקלערס שטומע אויסטיי־טשונג איז אים געפעלן. ס'איז אים איינגעפאלן, אז דעם עפענדיס איי־לעניש איז א געשיקטער אנשטעל, א תירוץ ארויפצושרויפן דעם פרייז אויף זיין באדן.

מוסא אל נאדזשיב האט אונטערגעהויבן זיין געשטרייפטן כאלאט, הינטער וועלכן ס'האבן אפערגעבלאנקט א פאר ווייסע פאלע־הויזן. מיט די פיס פארלייגט הינטער זיך, האט ער זיך צוגעזעצט אויף א רויטן, סא־מעטענעם דיוואן. ער האט אנגעוויזן די געסט אויף צוויי געפלאכטענע פיס־בענקלעך און אויסציענדיק מיט חשיבות די דינע קנויט־וואנצעס זיינע, האט ער זיך א פאטש געטון אין די הענט אריין.

עס איז אריינגעקומען א באדינער מיט כיבוד: א שטוים פאפיראסן אויף א מעשענער טאץ, א פענדל טערקישע קאווע מיט קליינע פארצע־לאיענע שאלן.

דער עפענדי האט גיך צוגערוקט צו זיך א בייכיקע נארגילע, אליין

איינגעטונקען די ליפּן אין דער בריענדיקער קאַווע און געלאַכט צו לייבן מיט א מויל אויסגעזעגטע ציין:

— דו ביסט דער קויפער? האָסט געזען דעם באָדן?

— געזען. ס'איז אין עק שטאָט — האָט ישראל חזן געענטפערט פאַר לייבן, גרייט צו נישט צו מאַכן די פאַרגעשלאָגענע מציאה.

— ס'קאָסט אַכצן הונדערט פונט — איז דער עפענדי נישט געוועז אין דער שטימונג צו לאָזן מינערן די ווערט פון זיין באָדן.

— ס'איז געשטיגן? — האָט לייב געפרעגט.

— ביים לעבן פון אללא! — האָט דער עפענדי זיך גענומען היצן — מיר מוסולמענער נעמען דען געלט פאַר דער ווערט פון באָדן? דער נביא איז אַז עדות! מיר נעמען געלט פאַר היטן דעם באָדן דורך הונדערטער יאָרן. די ערד, וואָס ליגט צעוואָרפן איבער תל־אביב, האָבן דאָך נאָך באַזיצט מיינע עלטער-זיידעס...

— און דיינע עלטער-זיידעס וואָלטן די ערד ביליקער נישט פאַרקויפט — האָט ישראל חזן, ווי א געבראָטענער טערק, געזשמורעט מיט זיינע אויגן צום אראַבער — מיר ווייסן דאָך, ווי אַזוי זיי זענען געוואָרן די באַזיצער. דיין זיידע, א בעדואינער, איז אָנגעקומען אין דער מדבר מיט זיין קעמל, מיט זיין אייזל און מיט זיינע ווייבער. נאָכדעם ווי ער האָט אָנגעשלאָגן זיין געצעלט, איז ער ארויפגעקראָכן אויפן העכסטן זאַמד־באַרג. ער האָט באַטראַכט די ערד אַרום אים, ווי ווייט דאָס אויג האָט געקענט כאַפּן און ער האָט באַשטימט: „אָט די ערד אַרום מיר, אָט דער מדבר איז מיין!" און עס איז געוואָרן זיינס.

דער עפענדי האָט ווייסט געשמייכלט און אין זיין שמייכל איז געווען דער אויפדויער און גרעדולד פון א מזרח־מענטש, וואָס קען צו יעדער צייט אויפנעמען א ווערטער־מלחמה. ער האָט גערעדט היציק:

— מיין זיידע איז אָבער אויך געוואָרן דער וועכטער פון דער מדבר. ביים לעבן פון די הייליקע דערווישן! ער האָט געהיטן די ערד דורך סכנות. ער האָט געהיטן די ערד אין היץ און אין קעלט. ער איז אַנטקעגנגעגאַנגען וואַנדערנדיקע וועג־רויבערס. ער האָט פאַרטריבן ווילדע אי־בערפאַלערס. דער נביא אַליין איז אים נאָכגעגאַנגען. פאַר די ווינטן האָט

ער אים געשיצט אין היילן און פאר דער זון אין געצעלטן... אזוי איז אוועק זיין לעבן. די ערד איז איבערגעגאנגען צו זיינע קינדער, דערנאך צו זיינע קינדס־קינדער. זעקס דורות זענען באגלייט געווען פון געפארן... און כ׳שווער ביי אללא! אז עס איז מיר איצט באשערט אוועקצוגעבן א חלק פון דער ערד, ווייל איך דערפאר גאלד! פאר באוואכן דריי הונדערט יאר דעם מדבר — ווייל איך גאלד!

דער עפענדי האט האסטיק זיך אויפגעשטעלט. ער איז צוגעגאנגען צו דער וואנט, וואס איז געווען באהאנגען מיט אלערליי אלטע, מאכמע־דאגישע וואפן. ביקסן מיט קופערנע רערן, שווערדן אין פערלמוטערנע שיידן. ער האט זיך אנגעטון אויפן האלדז א גרויסע מעשענע קייט מיט א קמיע, ארום דעם בויך-באנד אן אויסגעקרימטן קינדזשאל און ארויס־גייענדיק אנטשלאכן געזאגט:

— דאס דארף ווארט אויף מיר.

***

דאס דארף האט אויף דעם עפענדי געווארט. דער אראבישער המון, וואס האט אנגעפילט קאפ אויף קאפ דעם הויף, האט רעכטגעפערטיקט די האנדלונג פונעם עפענדי, וועלכער האט אין גרוים איילעניש נישט גע־קענט ארויסווייזן זיינע געסט די געהעריקע מאס אריעטאלישע גאסט־פריינטלעכקייט. לייב קארפ מיטן מעקלער זענען אויך ארוים דורך א זייטיקער טיר. לייבן האבן דעם עפענדים היציקע רייד עטוואס צעטומלט. זיין פריערדיקער פארדאכט און די מורא, אז ער וועט ארויפשרויפן דעם פרייז, האט זיך באשטעטיקט, און די מורא, אז דער באדן־קויף איז נישט דורכפירבאר, האט אים געטריבן צו פארלאזן דעם הויף און נישט פאר־לירן קיין צייט. ישראל חזן, וואס האט דערשנאפט לייבס מורא און זיין צערודערטקייט אין זיינע האסטיקע שפרייזן, האט אים בארואיקט.

— אייל זיך נישט, לייב, וועסט פון דעם וויזיט א סך געווינען.

— ווייל דו גלויבסט, אז כ׳וועל דאס געבאטענע צאלן?

— וועסט צאלן, לייב, וועסט גלייך צאלן!

דעם מעקלערס גוטהייסונג איז געווען אזוי פעסט, גלייך ער וואלט

גישט געגעבן קיין עצה, נאָר אַ באַפעל. לייב קאַרפּ איז נישט גרייט גע־וועזן אָנצונעמען דעם באַשלוס. אין זיין צעטומלטקייט האָט ער איצט גע־וואָלט וואָס גיכער אַרויס פון דעם הויף, נישט נאָכהערן דעם מעקלער וואָס רעדט יידיש ווי אַ נעבראָכענער ליטוואַק און טראַכט אַראַביש ווי אַ פּי־פּיקער טערק.

ער האָט זיך געשטופּט צווישן די דאָרפישע אַראַבער, זוכנדיק אַ וועג אַרויס. אַלע דורכגענג זענען געווען פאַרשפּאַרט. דער פרומער המון איז געשטאַנען צונויפגעפּרעסט, גאָטפּאָרכטיק און פייערלעך געוואַרט, אַז דאָס שליסן דעם שלום-בונד זאָל זיך שוין אָנהויבן.

מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט דאָס פּויקן אויף אַ באַראַבאַן. דער המון האָט זיך צוזאַמענגעדריקט און זיך געשטויסן נענטער צו דער פּאַ־ראַד־טיר פונעם עפענדים הויז. אַלע האָבן געגאַפט צום אַריינגאַנג. דער עפענדי, אויסגעצירט ווי אַ סולטאַן, איז געזעסן אויף אַ הויכן אויסגעבעטן שטול. פון ביידע זייטן שטול זענען געשטאַנען די עלטסטע פון די צע־קריגטע משפּחות, צוויי בכבודיקע שייכן מיט געלאָקטע בערד. איינער, האַסאַן קאַזים אַל איזי, האָט גערעדט פאַר דער געשענדעטער בתולה. דער צווייטער, כאַליל אבו זאַהאַרי, האָט געטענהט פאַר דעם דערהרגעטן פאַסטוך.

דער עפענדי מוסא אַל נאַדזשיב, אַ פּאָרכטיקער, אַ שטרענגער, ווי דער שלום פון אַלע זיינע דאָרפס-ברידער וואָלט זיך געוויגט אויף מש־קולת, האָט זיך געווענדעט צום שייך, וואָס האָט געמאָנט גערעכטיקייט פאַר דער משפּחה פון דעם דערהרגעטן:

— שייך כאַליל אבו זאַהאַרי! די עלטסטע און חשובסטע פון דער משפּחה האַסאַן קאַזים אַל איזי זענען געקומען צו דיר בעטן פאַרגעבונג פאַר דעם פאַרגאָסענעם בלוט. וואָס פאַרלאַנגסטו, שייך? מיט וואָס קען מען אויסקויפן די זינד, טייערער?

— כ'פאַרלאַנג טויזנט פונט, עפענדי — האָט שייך כאַליל אבו זאַ־האַרי געענטפערט מיט פאַרגלאָצטע אויגן.

— דיינע רייד זענען פאַר אונדז הייליק — האָט דער עפענדי גע־זאָגט. ס'איז אַ ווײַלע געוואָרן שטיל. באַלד האָט זיך ווידער געהערט

דאָס פּויקן אויפֿן באַראַבאַן. מיט זײַנע פֿלינקע, וואַכע אויגן האָט דער עפּענדי אַרומגענומען דעם פּרומען, שווײַגנדיקן המון וואָס האָט באַלאַ־גערט דעם הויף און ער האָט ווײַטער גערעדט:

— זאָג אונדז, שייך. אין כּבוד פֿון די אַלע נכבדים וואָס זענען גע־קומען דיך הײַנט זען, ביסטו גרייט עפּעס אַראָפּצולאָזן פֿון דער געבאָ־טענער סומע?

— פֿופֿציק פּונט! — האָט דער שייך געענטפֿערט.

— און אין כּבוד פֿון די צוויי יידישע געסט, וואָס זענען אומגע־ריכט געקומען אַזש פֿון תּל־אָבֿיבֿ?

— הונדערט פּונט!

— און אין כּבוד פֿון די פּאָליציי־לײַט וואָס באַוואַכן אונדזער דאָרף?

— הונדערט פּונט.

— און אין כּבוד פֿון די פּרומע, וואָס טוען אָפּ מצוות יעדע שעה און יעדע רגע פֿון אונדזערע זינדיקע טעג?

— הונדערט און פֿופֿציק פּונט.

— און אין כּבוד פֿון אַללאַ, וואָס פֿאַרהיט אונדז פֿון צער און טויט, פֿון ערד־ציטערניש און פֿאַרפֿלייצונג?

— צוויי הונדערט פּונט.

— און אין כּבוד פֿון דעם נביא, וואָס באַשיצט אונדז פֿון היישע־ריק, פֿון מגפֿות און פֿון הונגער?

— צוויי הונדערט פּונט.

דער עפּענדי אַ ווינק געטון צום שייך האַסאַן קאַזים אַל איזי, וואָס איז ביז איצט געשטאַנען אַ געבויגענער, דערנאָך האָט ער פֿון זײַן נאַרטל אַרויסגעשלעפּט אַ זײַדענעם קאָפּ־טוך, אַרומגעבונדן דערמיט דעם שייכס האַלדז און אויסגעשלייפֿט דריי קנופּן. דריי געוויקסיקע אַראַבער האָבן צוגעפֿירט דעם שייך צום צווייטן צד, צו כאַליל אַבו זאַהאַרי, וואָס האָט געמאָנט אויסלייז־געלט.

דעם עפּענדים קול האָט זיך ווידעראַמאָל געהערט:

— ביים לעבן פֿון אַללאַ און זײַן נביא! אַט שטייט פֿאַר דיר דער שולדיקער. זײַן לעבן וואַרט אויף דײַן אורטייל. דאָס זײַדענע טוך —

פּעסט פֿאַרצווייגן אַרום זיין האַלדז. אויב דו פֿאַרלאַנגסט נקמה — וואַרג אים! אויב דו באַגערסט רציחה — שיס אים! אויב דו גלוסט נאָך פֿריש בלוט — שטעך אים!

— כ'פֿאַרלאַנג בלויז אויסלייז־געלט — האָט דער אַלטער שייך אונטערטעניק געזאָגט.

— אויב דו פֿאַרלאַנגסט בלויז אויסלייז־געלט, זאָג אונדז, דערבאַ־רעמדיקער, פֿאַרן באַפֿרייען דעם ערשטן קנופּ, וויפֿיל וועסטו אַראָפּלאָזן פֿון דער געבאָטענער סומע?

— צען פּונט.

— און פֿאַרן צווייטן קנופּ?

— צען פּונט.

— און פֿאַרן דריטן?

— צען פּונט.

דער אַלטער שייך, דער אָנקלעגער, האָט לויז געמאַכט די קנופּן. אויס דאַנקבאַרקייט איז דער אָנגעקלאָגטער געפֿאַלן אויף זיין האַלדז.ביידע שייכן האָבן זיך צעקושט. דער עפּענדי האָט מיט אַ פֿען אין האַנט אויסגערעכנט די איבערגעבליבענע סומע. און ווען ער האָט געלאָזט וויסן, אַז דאָס אויסלייז־געלט באַטרעפֿט איצט הונדערט און זיבעציק פּונט, האָט דער שולדיקער אַרויסגענומען פֿונעם בויך־באַנד אַ פּעקל פּאַ־פּירן־געלט און פּלינק באַצאָלט דעם חוב.

מיטאַמאָל איז אַ טשאַטע פֿאַרשלייערטע אַראַבערקעס, קלאָג־ווייבער, וואָס באַווייזן זיך אויף מאַכמעדאַנישע חתונות און לוויות, אויס־געוואַקסן אין דעם פֿאַראַד־אַריינגאַנג פֿון עפּענדיס הויז. זיי האָבן אַלע אינאיינעם אַרויסגעלאָזט אַן אויסטערלישן קוויטשעריי — אַ צייכן, אַז די שמחה הויבט זיך אָן. דער המון האָט ווייגנדיק זיך, גערוקט זיך הינטערווייַלעכיז צו די ווענט. מען האָט זיך אויסגעזעצט אין געבראָ־כענע רעדער ווי האַלבע לבנות. פֿון אַלע טירן האָבן זיך אַרויסגעשאָטן אַראַבישע שמשים. סאַרווערס, טראָגנדיק שיסלען מיט רייז, פּאַנען מיט שעפּסן־פֿלייש, קוישן מיט געבראָטענע פּאַפּשויעס. די באַגייסטערטע מענגע האָט מער צוליב מצוה, ווי צוליב הונגער צעכאַפּט די מאכלים.

עטלעכע זקנים פון דעם עפענדים הויז־מענטשן זענען אונטערגעקומען ווי פריינטלעכע גאסט־ביטערס און געטיילט דעם עולם פון געפלאכטע־נע טעלערס אראפ נאשווארג. פון א געצוקערטן טייטל, א פייג, געטונקען אין האניק — ביז א געפעפערטן איילבירט. דאס תאוהדיקע עסן, דאס געשמאקע קייען איז באגלייט געווען פון גוואלדן, פון בענטש־ווערטער און שבועות.

נאכן ערשטן איבערבייס האט דער עפענדי זיך געשטעלט אינמיטן פון א ראד. ער האט ארויסגעצויגן פון א גארטל דעם שטילעט, אים אויסגעשטרעקט צום הימל און גערעדט צו די פרומע, צו די פארכטיקע.

— טייערע ברידער! צוויי גוטע מוסולמענער זענען דא אויף דער וועלט. דער סלחן, דער פארגעבער, וואס איז יענעם מוחל די זינד און דער צוגעבער וואס איז זיך מודה, אז ער איז די זינד באגאנגען. אט דיביידע טייערע מידות האט אללא ליב. און די סעודה אונדזערע איז פול מיט פרידן און מיט בענטשונג. זאל אללא געבן, עס זאל הערשן שלום נישט בלויז צווישן איין גלויביקן און צווייטן, נאר אויך צווישן אונדז, מוסולמענער און די יאהודישע שכנים!

**
*

אינמיטן נעדרענג האט לייב קארפ הינטערווייליקע דערפילט, ווי עמיץ טרייסלט אים ביי די אקסלען. ער האט זיך אויסגעדרייט. פאר אים איז געשטאנען ישראל חזן, א צעיאכמעטער. זיין רויט, שיינענדיק פנים אפגעשאטן מיט שפרינקעלעך ווי מיט מאן. לעבן אים — אן אראבישער סארוועך מיט א קופערנער פאן אנגעלייגט מיט שעפסן־פלייש און רייז. ביים מעקלער האט די סלינע געגאווערט, ווען ער האט איבערגערעדט לייבן: — ס'וועט גארנישט העלפן. וועסט מוזן טועם זיין.

איידער קארפ האט באטראכט דעם סארוועך, איידער ער האט א שמעק געטון צום געבראטענעם שעפסן־פלייש, האט ער שוין געהאט זיין חלק אפגעשטעקט. די מאכלים האבן געקיצלט די נאזלעכער. ישראל חזן, מיט דער האנט אויפן הארצן, האט פארזיכערט: — פאר כשר גאראנטיר איך. מאכמעדאנער עסן נישט קיין טריף!

ביידע האָבן נעקייעט די דערלאַנגטע פּאָרציעס ווי אויסגעהונגער־טע. זיי האָבן פאַרביסן מיט געבאַקענע פּאַפּשויעס. חזן, וואָס האָט נישט ווייניקער זיך פּאַסמאַקעוועט מיט שעפּסן־פלייש און מיט דעם רייז ווי לייב, האָט גיך נאָכגעשלונגען געפּעפּערטע איילבירטן ווי פּילן. זיין אַפּעטיט איז נישט געווען צו צוימען. ער האָט געגעסן און גערעדט:

— באַלד נאָכן איבערבייס, אדון קאַרפּ, צאָל איין די פּאָר מאות... אַ שאָד וואָס מאַכמעדאַנער טרינקען נישט קיין בראָנפן. ווען מען קען דעם עפּענדי מאַכן בגילופין...

— וואָלט ער זיך געלאָזט דינגען? — האָט לייב געפרעגט.

— צו שפּעט איצט עפּעס אָפּצודינגען, קאַרפּ, צו שפּעט! בעסער צייל אים אויס די מזומנים און מיט כבוד!

אָבער קאַרפּ האָט זיך נישט געאיילט. פאַר אים איז געבליבן נאָכצוטראַכטן, איידער ער באַשליסט עפּעס. דעם מעקלערס גרייטקייט אָפּצופּטרן דעם קויף אויף איין פוס האָט אים גערופן צו פאָרזיכטיקייט. ישראל חזן שאַצט איבער די ווערט פון דעם באָדן, ער איילט זיך איבערצוקומען דעם משא ומתן, ווייל ער וויל פלינק אָפּשוימען זיין חלק. און דאָס האָט לייבן געפירט צו ישוב־הדעת. דער אָנזאָג, אַז געלט האָט דעמאָלט אַ ווערט, ווען מען גיט עס אויס, האָט אים געטריבן דווקא נאָכצוגעבן דעם עפּענדי. די באַוואָרעניש פאַרן מאָרגן האָט אים צוריקגעהאַלטן. און דאָס קווענקלעניש וואָלט נאָך לאַנג געדויערט, ווען נישט דאָס, וואָס פאַר דעם עפּענדיס הויז איז מיטאַמאָל צוגעפאָרן אַן אַראַבישער דיליזשאַנס און פון דאָרט זענען אַרויסגעשטיגן צוויי תל־אביבער מעקלערס.

אַ שעה שפּעטער האָט לייב קאַרפּ פאַרלאָזט דאָס דאָרף מיט אַ באָדן־קאָנטראַקט אין טאַש. ער איז געפאָרן צוריק קיין תל־אביב. נעבן אים, אינעם אַראַבישן דיליזשאַנס, איז געזעסן ישראל חזן אַן **אויפגעהייטערטער**. דאָס מזל האָט אים אַריינגעשפּילט. די צוויי מעקלערס, די ביטערע קאָנקורענטן זיינע, האָבן זיך דאָס מאָל פאַר אים באַוויזן ווי מלאכים. לייב אַליין האָט אויפן אָנבליק פון די שילוחים מער נישט געצענערט. ער האָט באַלד צוגעקלאַפּט, אויסגעציילט דריי הונדערט פונט האַנט־געלט און גענומען פון דעם עפּענדי אַ שבועה און אַ חתימה.

***

ס'איז שוין געווען פארנאכט, ווען דער דיליזשאנס איז אריינגעפארן אין די יפוער גאסן. קארפ, אי צערודערט, אי אויפגעלייגט, וואס דער באדן־קויף איז פאראיבער, האט זיך איצט געאיילט אהיים, געוואלט וואס גיכער איבערגעבן רחלען די נייעס. דער אומגעדולד צו זען פארטיק א צווייט הויז איז אים געוואקסן צוזאמען מיט דעם אומגעדולד — אן אפעטיט נאך נייע פארדינסטן. ער האט געגלויבט, אז דאס בויען וועט איצט לאנג נישט נעמען. א חודש, צוויי און די נעבײדע וועט זיין ארויס־געקלאפט. די אנגעקליבענע דערפארונג, די אנגעזאמלטע קענטענישן, וועלן אים העלפן אויסמיידן שוין־באגאנגענע פעלערן, וועלן אים העלפן א סך שפארן, א סך געווינען.

וואס טיפער דער דיליזשאנס איז אריין אין די געדיכטע, קרומע יפוער ליקעס, אלץ טונקעלער איז געווארן, ווי מען וואלט נישט געפארן איבער געסלעך, נאר איבער פינצטערע גרובן. אפגעשליסענע אראבער זענען געזעסן אויף שטיינערנע שוועלן און געקוקט ווי דער טאג לעשט זיך. דא און דארט איז פאר א טויער געלעגן א זקן אויף די קניען מיטן פנים צו מערב און אויסגעדאווענט די אוונט־תפילה.

מיטאמאל האבן די שטילע געסלעך אויפגעציטערט פון א געבראז־געריי, ווי מען וואלט געבראכן גלאז. דער דיליזשאנס האט פארקערעוועט רעכטס. פאר א ראג, לעבן א הויכן לאמפ־סלופ איז געשטאנען א הייפל מאכמעדאנער באוואפנט מיט שטעקנעס און געליארעמט. אויפן שפיץ סלופ האט זיך געדראפעט א בארוועסער אראבער און מיט א צייניקן שטעקן צעהאקט די נייע עלעקטרישע לאמפ, וואס איז נאר־וואס געווארן אויפגעהאנגען צו באלויכטן דאס געסל.

דאס הייפל אונטן האט געגוואלדעוועט, געמונטערט דעם בארוועסן יונג אויפן שפיץ סלופ און געשריגן:

— ביים נביא! צעהאק עס אויף פיצלעך!

— לאז נישט איבער קיין שערבל, מוסטאפא!

— איצט קום ארונטער.

— לאמיר גיין ברעכן די לאמפן אין די אנדערע גאסן!

דער אנלויף האט זיך געיאגט, ווי צו א הייליקער מלחמה. איידער

דער דיליזשאַנס האָט באַוויזן פאַרבייצופאָרן דעם לאָמפּן־סלופּ, האָט פון דעם נאָענטסטן געסל ווידער זיך געהערט אַ געבראַזגערייִ. דער קלימפּער פון גלאָז האָט זיך געטראָגן פון אַלע זייטן, גלייך ווי דער געדיכטער אַראָבישער קוואַרטאַל וואָלט געוואָרן פול מיט געבראָכענע שויבן.

— וואָס איז דאָס? — האָט לייב קאַרפּ אַן איבערגעשראָקענער זיך געהויבן פון זיין זיץ־אָרט, וועלנדיק אַרויסקוקן צו דער גאַס.

— גאָרנישט — האָט ישׂראל חזן, אַליין אומרואיק, צונישט געמאַכט לייבס שרעק — אַ פּאָר אַראַבער מאַכן זיך פריילעך. זיי צעהאַקן די נייע עלעקטרישע לאָמפּן.

— וואָס, זיי ווילן נישט די גאַסן־באַלייכטונג?

— זיי דאַרפן עס נישט! די עלעקטרי איז אַ יידישע אונטערנעמונג, ישׂראלס אַ זאַך. און ישמעאל וויל בעסער לעבן מיט דער אַלטער אייל־קנויט... גוט אַזוי! ווען דער חכם רוטענבערג פרעגט מיך, הייס איך אים נישט אַריינטראָגן קיין ליכט אין זייערע הייזער, ווען זיי ווילן בלייבן יושבי חושך וצלמות...

דער דיליזשאַנס־אָנטרייבער, אַן עלטערער מאַכמעדאַנער, וואָס האָט ביז איצט איינגעשפּאַרט געשוויגן, האָט מיטאמאָל זיך אויסגעדרייט צו זיינע פּאַסאַזשירן און גערעדט מיט צאָרן:

— ביים לעבן פון אַללאַ! דער „שבאב"*) העצט ווידער די פרומע. דאָס פאָלק וויל שלום. דאָס פאָלק וויל ליכט. אונדזער שטאָט פאָדערט קאָלירטע לאָמפּן און פאַרווייַלונג, פּונקט אַזוי ווי תל־אביב... און זיי לאָזן נישט. אַזוינע פאַרשאָלטענע אומגליוביקע!

לייב קאַרפּן איז באַפאַלן אַן אומעט אויפן אָנבליק פון די צעהאַקטע לאָמפּן. די פריערדיקע מונטערקייט, וואָס ער פאָרט אַהיים מיט אַ באָדן־קאָנטראַקט אין טאַש, איז פאַרשוווּנדן און אַ שרעק האָט אין אים זיך געוועקט. די זעלבע שרעק, ווי מיט פינף יאָר צוריק, ווען פאַרדעכטיקטע באַוועגונגען אין די יפוער גאַסן האָבן אָנגעזאָגט מהומות און שחיטות. לייב האָט גוט געדענקט דעם טאָג, ווען זיין הויז איז אויסגערויבט גע־

*) פעבל.

וואָרן, ווען זיינע קינדער זענען געבליבן באָרוועסע און נאַקעטע. די בלוי־זע דערמאָנונג האָט אָנגעיאָגט אַ יאוש. וואָס ווייטער דער דיליזשאַנס איז פאַרבייגעפאָרן די ענגע יפוער געסלעך, אַלץ שטאַרקער האָט אים דורכגענומען אַ דערשלאָגנקייט און חרטה. אַ חרטה, וואָס ער האָט נאָר וואָס אָריינגעבראָקט אין באָדן זיין געלט, איצט, ווען די טעג ווערן ווידער אַזוינע אומזיכערע.

די באַרואיקונג איז געקומען ערשט דעמאָלט, ווען דער דיליזשאַנס איז אַרויס אויף דער בוסטרוס־גאַס, פאַרבייגעלאָפן די דזשעמאַל־פּאַשאַ־אַלייע און זיך גענומען טראָגן איבערן אָפענעם שאָסיי, וואָס גרעניצט די שטאָט יפו פון די יידישע קאָלאָניעס. דער אָנטרייבער, ווי ער וואָלט וואָס גיכער געוואָלט דערגרעכטערן זיינע פּאַסאַזשירן צו תל־אביב, האָט אַ הויב געטון די בייטש און די פערד האָבן געצונדן מיט זייערע פּאָדקאָוועס דעם ברוק. לייב האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט, ווי ער וואָלט אַרויס פון טיפע, פאַרדרייטע גראָטן, ער איז אָבער נישט געווען מער אויפגעהייטערט.

ער איז געווען אַזוי אַריינגעטון אין זיינע געדאַנקען, אַזוי פאַרנומען מיט זיינע אייגענע אויסרעכענונגען, באַוואָרענישן און מוראס, אַז ער האָט זיך נישט צוגעהערט צום רוף, וואָס האָט טיף אין אים זיך געוועקט און דערמאָנט, אַז ווען ס'קומט ווידעראַמאָל אַ שעה פון נסיון פאַרן לאַנד, דאַרף ער, ווי יעדער תושב זיך שטעלן אין די טויערן פון שטאָט און ווי אַ פאַרטיידיקער, ווי אַ מויער־וועכטער שיצן יעדעס הויז, יעדע גאַס און יעדן קוואַרטאַל.

קאפיטל דרייסיק.

די וואַרזאַגערין ביי מגדל

אויף דעם שמאָלן געדרייטן שאָסיי, וואָס האָט זיך געצויגן הינטער דער שטילער, גלילער קאָלאָניע מגדל, האָט איצט איילענדיק געשפּאַנט אלישבע. איינגעהילט אין איר בלויער פּעלערינע, אויף די פיס — סאַנדאַלן, איז זי געגאַנגען מיט פלינקע האַסטיקע טריט. זי האָט אומגעדולדיק געוואָרפן די בליקן דאָ אַרויף צו די אויפגעטורעמטע בערג, דאָ אַראָפּ, אין די איינגעפאַלענע טאָלן, ווו ענגע, אויסגעטרעטענע סטעזשקעס האָבן זיך געוויקלט. אין אירע האַסטיקע שפּרייזן איז געווען אַ צערודערטקייט, אַ שפּאַנונג, ווי זי וואָלט עמיצן אויסגעקוקט, עמיצן אָפּגעוואַרט, כאָטש קיינער אַרום האָט זיך נישט באַוויזן.

עס איז געווען די שעה פון זון־פאַרגאַנג. די לעצטע קילע שטראַלן האָבן געצונדן פּורפּור אויף די רויטלעכע בערג. אַ דינער גאָלדענער שטויב האָט באַדעקט דעם שאָסיי, וואָס איז געלעגן אויסגעהאַקט צווישן די פעלדזן. איר פּנים איז געווען צעפלאַמט. די צעלאָזענע קאַשטאַן־האָר זענען זיך צעפלויגן אינעם שניידנדיקן ווינט, וואָס האָט געשמיסן אַנטקעגן פּונעם צפתער וועג.

אַ ווײַלע האָט זי זיך אָפּגעשטעלט אַ דערשעפּטע. זי האָט אומבאַוועגלעך זיך איינגעהערט צו יעדן שאָרך, וואָס קומט פון די שטילע וועגעלעך אַרום. זי האָט אַ בליק געטון הינטערוויילעכץ, צום טאָל־אַראָפּלאָז, ווו פון ווייטן האָט זיך געשפּיגלט דער כנרת. אונטער די לעצטע קילע זון־שטראַלן האָבן די פאַרגליווערטע ים־וואסערן זיך געמיניעט, געביטן

קאַלירן, דאָ אויף גאָלדיק־רויט, דאָ אויף גרינלעך־מאַט. אלישבע האָט טי־פער אָפּגעאָטעמט. זי האָט איינגעזאַפּט אַלע קאָלירן, אַלע ריחות פונעם אַרום. דער שוואַכער שיין פון דעם צאַנקענדיקן טאָג האָט אויפגעלויכטן איר הייס פּנים, אירע צעבלאָזענע האָר און געוועקט דעם אומעט וואָס טליעט אויף אין איר ביי יעדן זון־פאַרגאַנג.

אלישבע האָט אויסגעקוקט אבנרן.

שוין דעם ניינטן טאָג ווי ער ווייזט זיך נישט אין מגדל. זינט ער האָט אוועקגעפירט די לעצטע גרופּע טוריסטן צו ווייזן זיי די היילן און קברים פון מירון, איז ער פאַרפאַלן געוואָרן. פון אָנהויב האָט אלישבע רעכט־געפּערטיקט זיין פאַרשווינדן ווערן. זי האָט דאָס צוגעשריבן צו איי־נעם פון זיינע פלינקע איינפאַלן, צו אַ האַסטיקן באַשלוס אוועקצוואַנ־דערן איינער אַליין אין די בערג אויף אַ פּאָר טעג, זיך אָפּזונדערן פון מענטשן. מסתמא האָט ער אַנטפּלעקט אַן אַלטע היול פון בר־כוכבאס צייטן, אָדער אַ שטיינער־וואַנט, וואָס דערציילט פון די טבריהער מור־דים. זיין ליבע צו אויסגראָבונגען, צו מצבות, האָט צייטנווייז פאַרטריבן זיין וואַכזאַמקייט צו איר. אלישבע האָט אָפט פאַרשטאַנען און אָפט מוחל געווען. אויך דאָס מאָל האָט זי פאַרטיידיקט זיין אַנטרינען ווערן. אָבער אַז עס זענען אַוועק טעג, האָט אַ פאַרדאַכט, וואָס ברענגט מיט זיך די מורא פאַרראַטן צו ווערן, אין איר זיך געוועקט. דער פאַרדאַכט האָט איר נישט געלאָזט בלייבן אין באַהעלטעניש, נאָר געטריבן זי אַרויס אויף די וועגן, אויף די שליאַכן אַנטקעגן צו גיין דעם, וועמענס פּירוש־נעז האָבן אַריינגעטראָגן אין איר לעבן אַזויפיל אינהאַלט, אַזויפיל אַנ־דערשקייט. אלישבע האָט נישט אויסגעמיטן צו באַמערקן אבנרס אייגנ־ליבע, זיין פאַרטועקייט מיט זיך אַליין, און דאָ איז איר יעדער טאָג נישט געווען קיין פולער, קיין פאַרענדיקטער, אויב אבנר האָט ביז זון־אונטערגאַנג זיך נישט באַוויזן אין איר טיר. צוליב אים האָט זי פאַר־לאָזט דאָס לעבעדיקע דאָרף כפר־גלעדי און זיך באַזעצט אין דעם שטילן מגדל. צוליב אים האָט זי זיך אָפּגעזאָגט פון זיידענע קליידער, פון שיך אויף הויכע אָפּצאַסן און אָנגעטון אַ פּראָסטע, לייוונטענע בלוזע מיט אַ גאַרטל, אַ פּאָר הילצערנע סאַנדאַלן. זי האָט צוזאַמען מיט אים געפירט

די טוריסטן־גרופּעס צו די היסטאָרישע פּלעצער און מערקווירדיקייטן פון לאַנד כנען. מיט דעם אויפגעמישטן תנ״ך אין האַנט, מיט אַ וואָך אויער צו זיינע פּאַרטייטשונגען, אַזוי האָט זי, ווי אַ געהאָרכזאַמע שי־לערין אומעטום אבנרן באַגלייט.

***

אבנר איז געבוירן געוואָרן אין אויבער־גליל. ווי נאָר ער איז אויף דער וועלט געקומען, איז ער שוין געוועזן אַ יתום פון זיין טאַטן. פינף יאָר שפּעטער איז זיין מוטער, וועמענס קערפּער איז געווען דורכגעפּרעסן פון כראָנישער טראָפּישער מאַלאַריע, געשטאָרבן. ער איז דערצויגן גע־וואָרן אין כפר־ילדים, אין עמק יזרעאל. צו אַכצן יאָר, ווען ער איז געוואָרן מינדיק, איז ער צוריקגעגאַנגען קיין גליל, אין די סטעפּעס, וווּ ער איז אויסגעהאָדעוועט געוואָרן און איינגעזויגן די שיינקייט און ווילדסייט פונעם צפון. ער האָט ליב געקראָגן די פעלדזיקע בערג און לאַנד־פלאַכן, וואָס האָבן זיך געטונקען אין ווילדע סעדער און מאַנדל־גערטנער.

פול מיט התלהבות פאַר די געשיכטעס פון תנ״ך און פאַר די לאַנד־שאַפטן אין דעם לאַנד פון תנ״ך, האָט אבנרן געצויגן צו ווערן אַ וועג־ווייזער. אליין צו וואַנדערן און צו פירן אַנדערע איבער די שטרעקעס, וווּ עס ציען זיך היילן און פעסטונגען פון דעם אַלטן לאַנד כנען.

ער איז אָנגעקומען אין דער אַרכעאָלאָגישער אָפּטיילונג, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט אויסגראָבן די חורבות פון פאַר דער בר־כוכבא־אויפ־שטאַנד. מיט זיין פלייסיקייט און התמדה האָט ער פלינק זיך דערוואָרבן פאַרשונגס־וויסן. צוויי יאָר שפּעטער איז ער געווען אַ גוטער פּאַלעסטי־נאָגראַף.

אבנר איז געווען געוואַגט. סכנות האָבן אים נישט אָפּגעהאַלטן פון זיינע מאַרשן איבער די געדרייטע און פאַרוויקלטע שטעגן. אין דער גרעס־טער געפאַר, בשעת אַן איבערפאַל אין וועג, האָט ער, געיאָגט פון פיינט־לעכע קוילן, זיך געזעצט אויף זיין פערד און געאיילט צו דער נאָענטס־טער פּאָליציי־סטאַנציע, אָנצוזאָגן וועגן דעם אָנפאַל. ער האָט אָבער אליין אויך זיך געקענט ספּראַווען מיט די אָנפאַלער. דאָס געפיל פון נקמה איז

ביי אים תמיד געווען גרעסער, ווי די באַדייטונג פונעם פאַרברעכן. ער איז געווען האַרט, קאַלט און אָפטמאָל גרויזאַם צו זיינע איבערפאַלער און אין דער זעלבער צייט עמפּינדלעך צו יעדן בעל-חי, פול מיט רחמנות אַפילו צו אַ וואָרעם אונטער זיינע פיס.

עס איז אין אים שטענדיק געווען אַ ויתרוצו פון האַרטנעקיקייט — צום מדבר אָנפאַלער — און ווייכהאַרציקייט — צום אומשולדיקן דורכרייטנדיקן פּעלאַך — ער האָט געקענט דערשלאָגן צום טויט אַ בע־דואינער, וואָס האָט אויף אים געטשאַטעוועט פון אַ נאָרע אַרויס און באַלד דערנאָך זיך גענומען צייט צו ראַטעווען אַ פאַרוווּנדעטן, קראַנקן שמעטערלינג.

מיט די זעלבע קעגנגעזעצטע נאַטור-אייגנשאַפטן האָט ער אויך זיך באַצויגן צו דער פאַרליבטער אלישבען. אַליין פאַרליבט ביז איבער די אויערן, האָט ער געקאָנט אַרויסווייזן אַ פאַרקאַכטקייט מיט פלאַם, מיט פייער און אַ צווייט מאָל אַ גלייכגילטיקייט אַ נאַכלעסיקייט ביז צו פאַר־געסן זי.

***

אלישבעס טעג וואָלטן ווייטער געווען פול מיט פרייד. קיין ענדערונג וואָלט אין איר וועלט נישט פאָרגעקומען, ווען נישט אבנרס לעצטער אויספלוג קיין מירון. אַן אַמעריקאַנער טוריסט אין צפת, באַגייסטערט פון אבנרס קענטענישן אין אַלט-ארץ-ישראל, האָט אים גערופן צו זיך און אים אָנגעבאָטן, ער זאָל באַקענען זיין פאַרגויאישטע טאָכטער מיט דער ביבל און זי לערנען העברעאיש. דער טוריסט איז צוליב דעם ווילן געווען צו בלייבן נאָך זעקס חדשים אין לאַנד. אבנר, צופרידן וואָס ער קען פאַראינטערעסירן אַן אָפּגעפרעמדטע יידישע טאָכטער מיט דעם מקור, מיטן תנ״ך, האָט גערן אָנגענומען דעם אָנבאָט. ער האָט זיך גע־לאָזט מיט איר אויף לאַנגע שפּאַצירן אין די בערג. די שילערין האָט גע־פונען אין אבנרן אַ לערער. אבנר אין דער שילערין — אַ ליבע... אַזוי האָט מען איבערגעגעבן אין גאַנץ מגדל. ביידע צינגער האָבן זיך פונאַנ־דערגעבונדן. מאַטלערס און פּלאַטקע-מאַכעריגס האָבן לייכט געפונען

אָפּענע אויערן און אַנטדעקט ביי אבנרן אַן אַפּעטיט צו דער אַמעריקאַנע־רינס עשירות. פנינה, וואָס האָט צוזאַמען מיט אַלישבען געאַרבעט ביים טאַבאַק־פלאַנצן, די פלינקסטע רכילות־טרייבערין אין דאָרף, האָט די נייעס צעטראָגן פון הויז צו הויז. אַלישבע האָט אויפגענומען די קלאַנגען ווי אַ נישט פאַרגינערייַ, ווי אַ מלחמה־וואָפן פון אַ קאָנקורענטקע, נישט צוגעהערט זיך צו די אַרומיקע שושקערייען. זי האָט פאַרשווינגן אַנצוהערענישן, יעדן פאַרטאָג געקומען אין די טאַבאַק־פלאַנטאַציעס און שטום געוואַרט, אַז אבנר זאָל זיך באַווייזן.

איצט, אינעם אַנבליק פון דעם צאַנקענדיקן טאָג, איז דער אומעט געוואָרן גרעסער. דאָס בענקעניש האָט געטריבן דעם פאַרדרוס. ער האָט זי דאָך ליב! — האָט זי נעכאַוועט טיף אין זיך די זיכערקייט. „אָהבתי את הנערה" — כ'האָב ליב געקראָגן דאָס מיידל! — האָט ער אָפט זיך באַרימט פאַר זיינע חברים, די וועג־ווייזער. און זי? זי האָט פאַרזען עולהס און אומרעכטן. זיין גבורה האָט פאַרכאַפּט. זיין אומגעצוימטקייט האָט אינטריגירט און אין זיין ווילדקייט איז פאַראַן אַזויפיל שיינקייט! און ווו איז ער איצט, דער הפקר־בחור? ווו איז ער, דער ווילדער באַרג־יונג?

* * *

ס'האָט זיך דערטראָגן אַ טויב קלינגעריי, שטיל און איינטאָניק. אַלישבע האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ. אַ קליינער קאַראַוואַן פון פיר קעמלען האָט לאַנגזאַם געצויגן אַרויף פונעם טאָל. פאַרביישפּרייזנדיק פאַר אַלישבען, האָט דער קאַראַוואַן זיך אָפּגעשטעלט. דער ערשטער קעמל האָט אַנידערגעקניט. אַז אַראַבישע זקנה, געוויקלט אין טראַנטעס איז אַראָפּגעקראָכן פונעם זאָטל. זי איז געווען געצירט מיט אַ שווערן נאָז־באַנד פון קופּערנע מטבעות. אויף די הענט־געלענקן מעשענע בראַסלעטן. זי איז נאָענט צוגעקומען צו אַלישבען, שאַרף איר אַריינגעקוקט אין די אויגן אַריין און פון איר פאַרקנייטשט מויל האָבן זיך געשאָטן הייסע ווערטער.

— וואָס גייסטו אַליין אויף די וועגן, איינזאַמע נשמה? וואָס פאַר־

אומערט אזוי דיין הארץ? דערצייל, שיינע טאָכטער! א פארליבעניש? אַן אַפּנאַרעניש? א יאַנגעניש נאָך נקמה? פאַרטרוי זיך פאר זאריפען. כ׳קען אַלץ אראָפּליִיענען פון דיין ליכטיק לייב... פאר צוויי פיאַסטער קען איך עפענען די אויגן פון פאַרליבטע, כ׳קען צוריקברענגען דעם זכרון פון פאַר־בלאָנדזשעטע...ביים נביא! פאר צוויי פיאַסטער...

— ביסט א קאָרטן־וואַרפערין? — האָט אלישבע, עטוואָס אויפגע־הייטערט פון די אומגעריכטע דורכגייער, געפרעגט.

— כ׳גלויב נישט אין קאָרטן־וואַרפעריי, אויג מיינס — האָט די זקנה רעדנדיק, זיך נעבוקט און געבויגן — ס׳איז א פארבלענדעניש... א פרומע מוסולמענערין טוט לייענען פון די אָדערן. כ׳קען אויך אראָפּלייע־נען פון די שטערן, פון דער זון... זאָל איך רעדן פאר דיר, ליכטיק קינד? ווילסט וויסן דיין גורל, טאָכטער שיינע?

אלישבע האָט א ווײַלע מונטער באַטראַכט די טרעפּערקע, וואָס איז געשטאַנען צופוסנס דעם קעמל. זי האָט באַטראַכט אירע קליידער, איר צירונג, וואָס איז געווען פאַלש, ווי אירע ווערטער און דאָך האָט איר עפּעס געצויגן צו אָט דער פאַרשלייערטער זקנה. א פאַרלאַנג צו ווערן אָפּגענאַרט און פאַרשפּילט, א ווילן צו בלייבן פאַרוויגט פון צוויבער־ווערטער, אין אָט דער פאַרנאַכט־שעה, האָט זיך געוועקט אין איר. די ניינעריקייט אויסצוגעפינען די פּאַסירונגען פון די קומענדיקע טעג, דער באַנגער אַריינצוקוקן אין דער אייגענער צוקונפט, כאָטש זי וועט פון דעם מויל פון דער טרעפּערקע אַרויסקומען אַן אויסגעדאַכטע, א פאַרהווילענע — האָט אלישבען אונטערגעטיאָגט זיך צו לאָזן פאַרזאָגן, טרעפן. זי האָט דערלאַנגט דער וואַרזאָגערין צוויי געלעכערטע מטבעות און אויסשטרעקנ־דיק א ווייסע האַנט־דלאָניע באַפוילן:

— לייען!

די זקנה האָט פאַרהאַקט די אויגן און דריי מאָל געקושט די ערד, דערנאָך האָט זי, אָפּזאָגנדיק א פרומען שפּרוך, אַריינגעכאַפּט אלישבעס שמאָלע האַנט אין אירע שוואַרצע דלאָניעס און געפּליסטערט:

— דו וואַנדערסט אויף די וועגן, ליכטיק קינד, ווייל דו זוכסט דעם, וועמען דו האָסט מורא צו פאַרלירן... זוך אים נישט צו לאַנג, אויג מיינס.

ער וועט צוריקקומען. דעם דערוויש ציט שטענדיק צוריק צום הויז פון אַללאַ און דעם פויגל — צום גאַסט. ער וועט קומען פול מיט זינד און פול מיט פייער. און דו לאָז דיך נישט פאַרצערן פון זיין פלאַם...

— וואָס פאַרא פלאַם? — האָט אלישבע שטיפעריש געפרעגט.

— דער פלאַם פון ליבע! — האָט די אַלטע וואַרזאַגערין פליסטערנ־דיק געהיימנישפול געבויערט אַ פינגער אין דער לופט — דער פלאַם וואָס ברענט און פאַרברענט די געליבטע אויף אַש... היט זיך פאַר דעם פלאַם, ווייל דאָס גליק וועט ווידעראמאָל אַנטלויפן פון דיר, ווי ס'אַנט־לויפט דער רייט-קעמל פאַר אַ הייסן מדבר-ווינט... נישט גיך וועט דער געליבטער דאָסמאָל זיך באַווייזן פאַר דיין טיר. דיין קערפער וועט אויס־גיין פון הונגער, דיין נשמה — פון געוויין און דו, אויג מיינס, וועסט דאַרפן פאַרגעסן אָן דיין געליבטן... אין זיין יאַגעניש איבער טאָלן און בערג וועט אפשר דערווייל אַן אַנדערער זיך שטעלן אין דיין וועג. זי וועט וועלן גנבענען זיין האַרץ. אָבער דו טרויער נישט... דער אָרעמער פאַרלירט אַ ביליקן האַלדז-באַגד און געפינט אַ קאָסטבאַרן איידלשטיין... סוף זומער וועט ער ווידער צוריקקומען, קרוין מיינס... נאָענטע בלוט־שטרייטן און די מורא פאַר דיין לעבן וועלן אים צוריקרופן. ער וועט היטן דיין צוקאָפּנס. ער וועט וואַכן איבער דיר, ווי עס וואַכט אַ יעוונוך איבער אַ האַרעם-ווייב. ער וועט דאָסמאָל ווידער זיין פול מיט פייער און פול מיט זינד. און דו, אויג מיינס, לאָז דיך נישט פאַרצערן פון זיין פלאַם...

די וואַרזאָגערין האָט לאַנגזאַם זיך אויפגעהויבן פון דער ערד, ווי נאָך אַן אָפּגעטועגער תפילה און איז שווייגנדיק אַרויפגעקראָכן אויף דעם קניענדיקן קעמל. די האַלדז-גלעקער פון די קעמלען האָבן איינטאָניק זיך צעקלונגען און דער קאַראַוואַן האָט אָפּגעצויגן. אלישבע איז געבליבן שטיין אַן אויסגעהוילטע. ווי איבערגעוועקט פון אַ חלום. אַ חלום איז דאָס געווען? אַ ווילדע בשורה! אַ בייזע נביאות! פון אָנהייב האָבן דער וואַרזאָגערינס ווערטער געגלעט, דערנאָך האָבן זיי געשראָקן, וויי געטון. וואָס מיינט זי, אַז אַן אַנדערע וועט זיך שטעלן אין וועג? זאָל דאָס זיין אבנרס שילערין. די אַמעריקאַנערין? און וואָס הייסט אַ בלוט־שטרייט

וועט אבנרן צוריקברענגען? ווארנט זי, אז עס וועלן אויסברעכן אומרוען? אראבישע איבערפאלן אויפן ישוב? אין איר צערודערטקייט און אויפגעוואכטער שרעק האט אלישבע געהאלטן אין איין ארײנטײטשן אין די נאר-וואס געהערטע ווערטער זין און באדייטונג. זי האט זייער געוואלט אויסגעפינען דעם מיין פון יעדן שפרוך. און כאטש זי האט צוליב באַרואיקונג זיך באמיט צו נעמען די ווארזאגערין לייכט, אויבנאויפיק, ווי מען נעמט אויף דאס פלאפלעריי פון א ציגיינערין, האט פונדעסטוועגן עפעס איר געבריט, געשראקן און באשטעטיקט דעם פארדאכט, אז איר אייגענע וועלט איז אויסגעשטעלט צו געפארן. עס רוקן אן אומגעריכטע, שווערע פאסירונגען.

ס'איז געווארן טונקעלער. אויסגייענדיקע פלעמלעך זון האבן נאך געברענט פונדערווייטנס, אויף די נאקנס פון צפתער מויערן. דער שארפער ווינט האט זיך האסטיקער צעשפרייט, האט אנגעטראגן קעלט און געוויגט אלישבען אויפן אפענעם וועג, ווי עס וויגט דער שטורעם א יונגן וואלד־בוים.

***

מיטן אויפגאנג פון די שטערן האט זי זיך אומגעקערט צום דארף מגדל. דאס שמאלע זאמדיקע וועגל, וואס האט געפירט אין דער קאלאניע אריין, איז געווען פארפלאכטן פון ביידע זייטן מיט געדיכטע בושעס. פלי־פליגעלעך האבן דא און דארט געצונדן פייערלעך אין דער פינצטערניש. אלישבע איז געגאנגען א גלייכגילטיקע. זי האט געציילט דעם ריטם פון די אייגענע טריט. זי איז וואך געווען צו יעדן בלעטער-שארך, צו יעדן פייף פונעם אנלויפנדיקן ווינט, ווי אירע אויערן האבן מיטאמאל אויפגעכאפט א ווייט שטיל געזאנג. דאס געזאנג איז געווארן נענטער. זי האט זיך איינגעהארכט. די טענער זענען איר געווען באקאנט. מען זינגט זיי אין די שטילע ווינקלען אין גליל, מען זינגט זיי אין שעהען פון טרויער, ווען דאס הארץ בענקט, גייט אוים פון צער:

רחל עמדה על יד העין,
היא לבדה ואיש אין.
היא לבדה, היא לבדה,
היא לבדה, היא וכדה — — —

צי דערפאַר וואָס דאָס געזאַנג איז געקומען נענטער און נענטער. צי דערפאַר וואָס די טענער האָבן אַריינגעטראָגן פרייד — אלישבע איז אויפגעטרייסלט געוואָרן פון איבערראַשונג. צוערשט איז דאָס געווען אַן אויסדראַכטעניש, דערנאָך אַ זיכערקייט, וואָס האָט אונטערגעזאָגט, אַז דאָס איז אבנר, וואָס דערנענטערט זיך מיט געזאַנג אויף די ליפּן. עס איז ער, וואָס שפּרייזט באַרג־אַרויף צום טויער פון מגדל.

— אלישבע!

אלישבע האָט אויפגעכאַפּט אַ האַסטיק לויפן הינטער זיך. זי האָט דערשפּירט, ווי אַ פּאָר שטאַרקע הענט — מאַנסבילישע הענט — פאַר־מאַכן איר די אויגן. דער אָנגעלאָדענער צאָרן איז אויסגערונען. פונעם כעס איז געבליבן אַ גלייכגילטיקייט. זי האָט אָבער אין דער רגע געוואָלט דערשטיקן די פרייד פון דער באַגעגעניש און זיך צעשריען:

— לאָז אָפּ! לאָז אָפּ!

די הענט האָבן זי נישט אָפּגעלאָזט. מיט דער געניטקייט פון אַ מאַן, וואָס קען ברעכן יעדן ווייבערישן ווידערשטאַנד, האָט דער אָנגעלאָפּענער פרעמדער נאָך שטאַרקער געקוועטשט זיינע קנאַכיקע פינגער אויף אירע פאַרמאַכטע אויגן. אירע אַקסלען האָט ער צוגעדריקט צו זיך און זיין פּנים איינגענורעט אין אירע ווייכע, צעשויבערטע האָר, אַז עס האָט איר אַזש אָטעם פאַרפּעלט.

— שטאַרק געבענקט?

— לאָז אָפּ! כ'וועל נישט רעדן מיט דיר, אויב דו וועסט מיך נישט פריי לאָזן.

מיט אַ האַסטיקער אָנשטרענגונג, וואָס קומט בלויז אין אַ רגע פון איבערגעלאָדענעם כעס, האָט אלישבע זיך אַ צי געטון פאַראויס און לויז געוואָרן פון די הענט, וואָס האָבן זי געקלאַמערט ווי פּענטעס. זי האָט זיך אויסגעדרייט. אַ געפיל געמישט מיט פרייד און פאַרביטערונג האָט זי דורכגענומען. זי האָט זיך געטרייסלט, געוואָלט זיך באַרואיקן און גע־לאָזט פאַלן אַ פאַרוואורף:

— אַזוי באַגריסט מען זיך?

פאַר איר איז געשטאַנען אבנר. הויך, גבורהדיק און טונקל. פול מיט

אימפעט ווי א לויפנדיק רייט-פערד, וואס מען שטעלט אפ אינמיטן גאַ־לאָפּ. ער האָט געטראָגן הויכע געלע שטיוול, אין האנט האָט ער געהאַלטן א רענצל. אויף די אַקסלען פאַרוואָרפן א לעדערנעם רעקל. ער האָט גע־קוקט אויף איר עטלעכע רגעס פאַרעקשנט, מיט באַגער און אין זיינע שוואַרצע אויגן אַזאַ מאָנען, גלייך נישט ער וואָלט געווען פאַרשולדיקט נאָר זי, אלישבע, וואָס דאַרף זיך פאַרענטפערן, אָפּגעבן רעכענונג, פאַר־וואָס זי ווענדט אָן איצט אַזוי כיטרע איר ווייבערישן וואָפן. אלישבע האָט אויסגעהאַלטן דעם בליק. פאַר איר איז געשטאַנען דער, נאָך וועמען זי האָט זיך יעדע שעה און טאָג געיאָגט. אַלץ וואָס זי האָט איצט פאַר־לאַנגט איז, ער זאָל זיך אַנטשולדיקן, בעטן פאַרגעבונג. אלישבע איז נישט גרייט געווען אויף א לאַנגן ווידערשטאַנד, נישט גרייט געווען אויף שפּי־לעריי: אָבער דער איינגעבוירענער שטאָלץ, די שטענדיקע פּריווילעגיע, אַז מען דאַרף איר אין אַלץ נאָכגעבן, האָט איצט ביי איר געמאָנט אויס־דויער און כוח אים בייצוקומען.

די מלחמה פון בליקן האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. דער ערשטער האָט נאָכגעגעבן אבנר. זיין האַלטונג צו אלישבען, די האַלטונג פון א דערוואַקסענעם צו א צעפּיעשטשעטע קינד, האָט אים אָנגערעדט, אַז מען מוז אלישבען שטענדיק איינגעמען, שטענדיק איבערבעטן, אפילו ווען מען דאַרף אָנגעבן א תירוץ פאַר ניין טעג נישט ווייזן זיך, פאַר זיין אומגע־ריכטן צוריקקומען.

זי האָט געשפּאַנט פאַראויס א ברוגזע. אבנר האָט איר נאָכגעאיילט און זי לייכט אָנגענומען פאַר דער האַנט:

— ביסט מיר אָקעגנגעגאַנגען!

— ס'איז מיר אפילו נישט איינגעפאַלן! — האָט זי נישט אויסגע־דרייט דעם קאָפּ אין זיין זייט.

— וואָס דען טוסטו אַזוי שפּעט אויפן שאָסיי?

— כ'האָב באַגעגנט אָן אַראַבישע וואַרזאָגערין.

— און זי האָט פאַר דיר נביאות געזאָגט?

— יאָ.

— ביסט געבליבן די זעלבע תל־אביבערין. אַ שטאַטישע טרוימערין מיט אביסל היץ אין קאָפּ.

— די וואַרזאַגערין האָט מיך אָפּגעשראָקן — האָט אלישבע ווייטער גערעדט, נישט קוקנדיק אין זיין זייט — זי האָט דערציילט וועגן אַן אָנקומענדיקן בלוט־שטרייט...

— פלאַפלערייען — האָט אבנר צוגישט געמאַכט דער טרעפּערקעס נביאות — אויף אַלע וועגן דרייען זיך פאַרשלייערטע אראַבערקעס, וואָס טוען פאַרזאָגן שפּעטערדיקע פּאַסירונגען. כ׳ווייס, די בעדואינער אַרום ווערן אומרואיק... זייי פאַרטראַגן נישט אוגדזערע נייע פּונקטן אין גליל. יעדע פאַר יאָר ברעכן אויס געשלעגן צווישן די וועכטער און די דורכוואַנדערנדיקע אַראַבער... דאָס פאַראויסצוזען דאַרף מען נישט זיין קיין וואַרזאָגערין. דיין טרעפּערקע איז אַ דורכגעטריבענע מכשפה. זי גיט סימנים, ווייל זי ווייסט גוט, וואָס עס טוט זיך אין די אַראַבישע געצעלטן.

— איך וויל דאָ אין מגדל נישט בלייבן! — האָט אלישבע אַנטשלאָסן אַ זאָג געטון.

— ווי לאַנג אבנר איז נעבן דיר, דאַרפסטו נישט מורא האָבן. אפילו ווען עס ברעכן אויס אומרוען.

—אַ קנאַפּע טרייסט! און דו ווינסט דאָך גאָר אין צפת. ביסט פאַרנומען מיט דער אַמעריקאַנערין!

— ביסט אייפערזיכטיק?

— אויף אַ האָר נישט! מיינעטוועגן קענסטו אינגאַנצן בלייבן אין צפת... אז ס׳וועט קומען אַן איבערפאַל, וועל איך געפינען שוץ.

— כ׳זע, די רכילות־גלאָקן אין מגדל האָבן זיך שוין צעקלונגען! — האָט אבנר ביטער אַ שמייכל געטון — די לשון־הרע־מיילער זענען לויז געוואָרן. ווער זענען די נייעס־צושטעלער אין דאָרף? די טאַבאַק־שניידערינס?

אלישבע האָט געשוויגן. זי האָט גיכער געשטעלט אירע טריט. אין דער טונקלקייט האָבן פאַר אירע אויגן זיך געצונדן און געלאָשן גליפייערלעך. צוקומענדיק צום שיידוועג, וווּ עס צעלויפן זיך די סטעזשקעס איבער דער קאָלאָניע, האָט זי אַ ווײַלע זיך פאַרהאַלטן, נישט קענענדיק

זיך אַנטשליסן, צי זי זאָל אָפּגעזעגענען אבנרן, צי ווייטער אים לאָזן נאָכ־גיין. זי האָט זייער געוואָלט די אָנגעצויגנקייט זאָל נאָכלאָזן, מורא האָבנ־דיק, אַז מיט יעדן וואָרט אירן פאַרשאַרפט זי דעם ברוגז. און זי וויל דאָך נישט פאַרטרייבן אבנרן, נאָכדעם ווי זי האָט אים צוריקגעפונען. אָבער דאַרף נאָר בייטן דעם טאָן, רעדן ווייכערע רייד, זיך פאַרענטפערן און אַלע עוולות, ווי טריבע חלומות, וועלן פאַרגעסן ווערן.

אבנר האָט זי אָנגענומען פאַר אַ האַנט. ער האָט נישט באַגאַנגט קיין ווידערשטאַנד און זיך צערעדט:

— דו, אלישבע, גלויבסט טאַקע, אַז צוליב דער אַמעריקאַנערין בין איך געזעסן ניין טעג אין צפת? פאַרשעמסט מיך, אלישבע! איך בין אַ וועגנווייזער. זי — אַ טוריסטקע, אַ גאַסט אין לאַנד. זי האָט זייער גע־וואָלט אָנקוקן די חורבות און נעסטן פון די אויפשטענדלער אין גליל. זי האָט, ווי יעדער באַגייסטערטער באַזוכער, געוואָלט דורכגיין אַ פּאָר לע־בעדיקע קאַפּיטלעך תנ"ך... זי איז געקומען קיין ארץ-ישראל פון אַ ווייט פרעמד לאַנד — פּונקט ווי עס איז אַמאָל געקומען רות פון לאַנד מואב...

— און זי האָט געזוכט אַ בועז, וואָס זאָל זי צוטוליען... — האָט אלישבע האַסטיק אַריינגעוואָרפן.

דער איינפאַל איז אבנרן געפעלן. פונוואַנען נעמט זיך עס צו אלי־שבען? ער האָט אָבער נישט פאַרטראַגן די אָנצוהערעניש, וואָס זי שליי־דערט אים צו. מיט אַלע באַוואָרענישן פון אַ פאַרדעכטיקטן מאַן, וואָס וויל פון זיך אַראָפּוואַרפן יעדן חשד, יעדן אומצוטרוי, האָט דער שטאַר־קער אבנר זיך איצט פאַרטיידיקט. ער האָט איר פאַרזיכערט, אַז ער גייט נישט מער צוריק קיין צפת, אַז ער האָט אָפּגעזאָגט איר פאָטער, דעם אַמעריקאַנער — זיין אָנבאָט אים מיטצונעמען אויף אַ צייט קיין ניו־יאָרק. און אָפּגעזאָגט האָט ער, נישט ווייל ער, אבנר, האָט אין דעם אָנ־באָט געזען אַ נעץ, ווו מען וויל אים פאַרנאַרן, קונציק אַריינקריגן פאַר אַן איידעם, נאָר ווייל ער וויל נישט פאַרלאָזן גליל, ער וויל נישט פאַר־לאָזן אלישבען. ער האַלט די באַגעגעניש אין צפת פאַר פאַרענדיקט.

אַזוי באַרואיקנדיק אלישבען האָט ער צוריק געוועקט אין איר צור־טרוי. ער האָט אויפגעראַיעט אין איר איינגעדרימלטע בענקעניש. גייענ־

דיק איבער דעם הויפּט-וועג פון מגדל, וואָס איז איצט געווען איינגע־הילט אין אַן אויסגעשטערנטן, גראַנאַטענעם הימל, האָט ער געערדט אַן אָפּשטעל. אלישבע האָט זיך איינגעהאָרכט. א צופרידענער פון איר שטי־לער צושטימונג, האָט ער גענומען וויקלען פאַר איר זיינע פּלענער. ער וועט אָננעמען דעם פאָרשלאָג פון דער ירושלימער אוניווערזיטעט, ער וועט אַריינטרעטן אין דער אַרכעאָלאָגישער אָפּטיילונג און זיך פאַרנעמען מיט אַרומגראָבן די דריטע חומה, וואָס מען האָט ערשט נישט לאַנג צו־ריק אַנטדעקט אויסער דער אַלטשטאָט. שפּעטער, ווינטער־צייט, וועט ער זי מיטנעמען אויף אַן אויספלוג קיין עגיפּטן. זי וועט קלעטערן איבער די פּיראַמידן, זי וועט זיך שיפלען איבערן טייך ניל, באַזוכן די טעמפּלען פון לוקסאָר...

אלישבע איז צופרידן געווען, וואָס ביים אויסרעכענען זיינע פּלע־נער, האָט ער אויך באַשטימט א פּלאַץ אין איר וועלטל, ווו זי וועט קע־נען אויפנעמען זאַכן און פאַסירונגען. מיט אָט דער צופרידנקייט, וואָס האָט אַרויסגעשטראַלט פון איר גאַנץ געמיט און זי צוגעגרייט צו נייע דערוואַרטונגען, איז זי, באַגלייט פון אבנרן, צוגעקומען צו א ווייס הייזל, אַרומגערינגלט מיט א פאַרצוימטן גאָרטן.

אין דעם הייזל האָט אלישבע געוווינט. א קליינע לאַמטערנע האָט שוואַך באַלויכטן דעם אַריינגאַנג. פון יענער זייט פאַרקאַן איז אַנטקעגנ־געקומען א געבוייגענער מאַן מיט אַן אָנגעצונדענע פּייקע אין מויל. אין דער פינצטער האָט אלישבע דערקענט דעם באַלעבאָס, אדון צפוני. דער באַלעבאָס האָט געמאַכט עטלעכע שווערע טריט נענטער און זיך באַ־גריסט:

— שלום, אלישבע, דו האָסט א גאַסט.

— ווער?

— גיי אַריין. וועסט אים אָנקוקן.

א ניינעריקע, מיט פלינקע טריט, האָט אלישבע זיך געטראָגן דורך דעם קליינעם גערטנדל צו דער הויז-טרעפּ, מיטשלעפּנדיק נאָך זיך אבנרן.

קאפּיטל איין און דרייסיק

#ביים שיין פון ברענענדיקע פעלדער

אין דעם קליינעם אויפגערוימטן צימער, וואָס איז געווען באַהאַנגען מיט שטיקלעך קאָלירטע טעפּיכער און וואַנט־בלומען, האָט אויף אלישבען געוואַרט יעקב כנעני. דאָס איז געווען דער יפוער טאָקער, וואָס האָט מיט זעקס יאָר צוריק צוזאַמען מיט איר פאָטער איינגעקויפט באָדן פאַר די אַנטלאָפענע יידן. שפּעטער, ווען תל־אביב האָט אויפגעלעבט, ס'איז געוואָרן א האַסע, א האַסטיקע בוי־באַוועגונג, א געליאַרם, האָט ער פאַרלאָזט דעם שטאָטישן טומל און זיך באַזעצט אין עמק.

אלישבע האָט כנענין דערקענט אויפן ערשטן קוק, כאָטש ער איז איצט געווען שטאַרק געעלטערט. דאָס ווייסע איידעלע פּנים געקאַרבט און פאַרברוינט. די שוואַרצע זיידענע באָרד דורכגעפלאָכטן מיט גרויע קניפּלעך. אָנגעטון איז ער געווען ווי א קאָלאָניע־איינוואוינער, אין א פּאָר פאַרשטויבטע קאַקי־הויזן, אויף די אַקסלען אָנגעהאַנגען אַן אויסגעריבענע, לעדערנע קורטקע.

אלישבע האָט עטלעכע רגעס געקוקט אויף דעם גאַסט און הינטער דער פאַרוואונדערונג און נייגעריקייט האָט זיך געוועקט אַן אומרואיקייט. דאָס האַרץ האָט איר אָנגעזאָגט, אַז דער גאַסט ברענגט נישט קיין גוטס. כנעני האָט זי לאַנג נישט געלאָזט שטיין אַן איבעררעאשטע. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין זיץ־אָרט און אָנגעהויבן:

— זאָג דעם אמת. האָסט זיך געריכט אויף אזא גאַסט? ניין. אָבער דערקענען דערקענסטו מיך? גוט! וועל איך דיך לאַנג נישט אויפהאַלטן. מיין דאַזיין איז א משפּחה־וויזיט. כ'קום וועגן דיין טאַטן.

— וואס האט פאסירט? — האט אלישבע פול מיט פארדאכט א קוק געטון צוערשט אויף אבנרן, דערנאך אויף כנענין.

— כ'ברענג דיר חלילה קיין שלעכטע בשורה נישט — האט כנעני געלאכן גערעדט — כ'האב דיין טאטן נישט געזען דורך זעקס יאר. זינט איך האב פארלאזט תל-אביב, האבן מיר זיך נישט דורכגעשריבן. נישט געפארן איינער צום אנדערן צו גאסט, נישט געטראפן זיך אויף קיין שמחות. אויף איינמאל, מיט צוויי וואכן צוריק, קריג איך פון אים א בריוו. דער בריוו דערציילט וועגן דעם האסטיקן בוי פון תל-אביב, וועגן דעם וווקס פון דעם פליטים-קווארטאל, וואס איך האב געהאלפן גרינדן, וועגן די נעענדערטע צייטן, וועגן זיין פערזענלעכער לאגע. אבער צווישן די שורות בלאנקען ארום שטומע ווערטער וואס מאנען עפעס ביי מיר, וואס פאדערן, זוכן אן אויסוועג פון א קלעם... דאס איז אפשר בלויז מיין השערה, אבער כ'האב א פארדאכט, אז דיין פאטער געפינט זיך אין א צרה... איך האב דאס ארויסגעלייענט פון די פינטעלעך און פאסיקלעך, פון די נישט-דערזאגטע זאצן...

כנעני איז א ווײַלע געבליבן שטיל. צוריקזעצנדיק זיך אויף זיין שטול, האט ער באטראכט אלישבען, ווי וועלנדיק אויסגעפינען, צי זיי־נע רייד, די רייד פון א הייסן פריינט, באאומרואיקן זי, די טאכטער, אדער פארקערט, לאזן זי א גלייכגילטיקע. ער האט אויסגעדרייט זיין קאפ צו אבנרן, ווי ער וואלט אים ערשט איצט דערזען און אין זיינע פארשנדיקע בליקן איז געווען א פראגע וואס האט געהאט איין מיין: אן איינגענער? מען קען רעדן?

ווי א צייכן פון צושטימונג האט אלישבע אנגענומען אבנרן פאר א האנט און א זאג געטון צום גאסט:

— מייז בחור, דוב אבנר.

— זייער גוט. זאלן נאך א פאר אויערן הערן. הלוואי וואלטן דא געווען נאך משפחה-מענטשן. ווו שטעקט איצט בנימין? נאך אין גדוד-העבודה?

אלישבע. אלץ באאומרואיקט, וואס פון דער היים קען מען דערוואר־טן אומהיימלעכע פאסירונגען, האט זיך געזעצט קעגנאיבער כנענין און

נאָכדעם ווי די ערשטע מורא איז פון איר אַוועק, האָט זי אַ פרעג געטון:

— האָט דער טאַטע אויף עפּעס זיך באַקלאָגט?

כנעני האָט אָנגעטון אויפן פּנים אַ שמייכל, וואָס האָט געהאַט זיבן מיינען און זיך צערעדט:

— קינדער. איך קום פון מרחביה. און אַז כ'האָב געמאַכט אַן עקס-טראַ נסיעה פון אזא מרחק אהערצו, איז מסתמא געווען אַן אויסערגעוו-נונג דערביי... צו וואָס זיך נאַרן? דאָס שפּיל איז אים נישט געלונגען. כ'מיין, דאָס דראַפּען זיך אויפן שטאַפּל פון עשירות. תל-אביב וועט אים רואינירן... און נישט בלויז אים. ס'וועט דעם גאַנצן ישוב רואינירן. תל-אביב איז אַ שטאָט, די גרויס פון יעהופּעץ מיט דעם הו־האַ פון אַ לאָנ-דאָן... איך האָב דאָס איינגעזען נאָך מיט זעקס יאָר צוריק. דערפאַר האָב איך מאַקע זיך אָפּגעזאָגט פון די גיטער, וואָס וואַרטן אויף מיר. כ'האָב פאַרפּאַקט די מטלטלין און בין אַוועק ווווינען אין דעם שטילן עמק.

— און וואָס איז אייער עצה? דער טאַטע זאָל אויך אַוועק פון תל-אביב?

— וואָס פלינקער ער וועט דאָס טון, אַלץ געזונטער! מיר ווייסן דאָך יאָ, אַז מען קען האָבן אַן אַנדער ארץ־ישראל און מיר ווילן אַן ערדיש ארץ־ישראל, אַ לאַנד פון זאַמען און וואָרצלען. אָבער נישט קיין שטעט מיט פאָלירטע ווענט און שווינדל־טרעפּ. דיין טאַטע, אלישבע, איז מיי-נער אַ ידיד. איך האָב דאָס גערעדט אין זיינע אויערן טאָג און נאַכט. איך האָב דאָס געפּרעדיקט אויף די אסיפות פון די אַנטלאָפענע יפוער יידן, ווען זיי האָבן געזוכט באָדן פאַר אַ נייעם ישוב. און איך רעד דאָס איצט איבער פאַר אייך.

כנענים רייד האָבן אלישבען געבריט. זיין הייסע שפּראַך, זיין זאַפ-טיקער העברעאיש און זיין מוכר-זאָגן זענען געפאַלן ווי שטראָף־רייד. אַזוי רעדט נישט קיין זייטיקער. אַזוי רעדט אַ ברודער, אַן אייגענער, וואָס איז באַזאָרגט וועגן דעם גורל פון זיינע משפּחה-מענטשן. זי האָט אים נישט איבערגעריסן. זי האָט נערוועליס זיך איינגעהאָרכט, ווען ער האָט אַן אָפּשטעל ווייטער גערעדט:

— איידער כ'האָב זיך נעקליבן אין עמק, האָב איך געזאָגט צום

טאַטן: איר, קאַרפּ, שווימט מיטן שטראָם. די תאווה פון די תל־אביב־ניקעס האָט אייך מיטגעריסן. אויב ס'איז אין אייך אַ יאָגעניש נאָך נחלה, נאָך באַזיץ, אַנטלויפט פון דאַנען! קומט אין דאָרף. ער האָט מיך נישט געהאָרכט. ביים געזעגענען האָב איך ווידער צו אים געזאָגט: ווען ס'וועט קומען דער טאָג פון חרטה, דערמאָנט זיך אָן אַ ידיד און לאָזט וועגן זיך וויסן. באַקלאָגט זיך נישט. וווייזט נישט אַרויס קיין באַדויע־רונג. אַז איר וועט שרייבן אַ בריוו, וועל איך לייענען צווישן די אותיות... נאָך זעקס יאָר האָט ער געשריבן און איך האָב געלייענט. קינדער, פון צווישן די שורות — זאָג איך אייך — רייסט זיך אַ געבעט, אַ מאָנונג, מען זאָל זיך אויף אים אומקוקן...

אבנר, וואָס איז געשטאַנען אָן אַ זייט און שווייגנדיק זיך צוגעהערט צו כנעניין, האָט איצט זיך אַ רוק געטון אַ שריט נענטער צו אים. ער האָט אים באַטראַכט מיט דער נייגעריקייט, ווי מען באַטראַכט אַ מענטש, וואָס פאַלט אַראָפּ פון אַ פרעמדער וועלט. אויף זיין פּנים איז געלעגן אַ מינע פון אומבאַשטימטקייט, ווי ער וואָלט נישט פאַרשטאַנען דעם צוועק פון דעם גאַסטס וויזיט. אַלע זיינע רייד זענען פול מיט אָנדייטונגען און אַנצוהערענישן. קיין איין באַשטימטער פאָרשלאָג, קיין איין אויסגערעכנ־טער פּלאַן קומט נישט פון זיין מויל. אויב ס'איז אמת, אַז אלישבעס פאָטער ווערט אַ יורד, טאָ פאַרוואָס נישט אויסמיידן דאָס אומגליק און אים אַריבערברענגען אין גליל, באַזעצן אים אויף ערד? ער האָט אומגע־דולדיק אַ פרעג געטון:

— און וואָס קען מען טון פאַר קאַרפּן?

— די ערשטע זאַך איז — אים אַרויסצונעמען פון תל־אביב — האָט כנעני געערעדט אַ צופרידענער, וואָס ער האָט אבנרן אַריינגעצויגן אין שמועס — ס'וועט אָנקומען שווער אים איבערצורעדן, ער זאָל פאַר־לאָזן די שטאָט, וווּ מען בויט אַזויפיל הויכע קאַרטן־הייזער... דער איינ־פאַל עוקר צו זיין פון תל־אביב איז צו מיר געקומען, ווען כ'האָב באַ־מערקט דאָס ערשטע הויז, וואָס איז געוועזן העכער פון איין שטאָק... קאַרפּ וואָלט חשק געהאַט צו זען אין תל־אביב וואָלקן־קראַצערס... דאָ זענען מיר זיך טאַקע פונאַנדערגעגאַנגען. איך האָב דערשמעקט, אַז עס

מאכט זיך א קיעוו, א װאַרשע, א װויטשעפּל. קארפּ האָט געחלומט, אַז עס בויט זיך א לאָנדאָן, א ניו־יאָרק... זיינע דורכפאלן איצט װעלן אים מסתמא אויסניכטערן. און אַז ס׳וועט אונדז געלינגען, מיר זאָלן אים זען פון דער אַנדערער זייט שטאָט, ווייל איך אים גלייך האָבן פאר מיין שכן.

— אין עמק? — האָט אבנר געפרעגט.

— הינטער מרחביה שפרייט זיך א גרויס שטיק לאַנד. פּעט ווי די קי פון בשן... דאָס לאַנד האָט נישט קיין באַלעבאָס. ס׳איז אַן אי־בערבלייב פון די טערקן, ווען זיי זענען אַנטלאָפן פון ארץ־ישראל אין דער בהלה. דער ערשטער יידישער נציב האָט, אויסטייַלנדיק די פאר־וואַרלאָזטע ערד צו די פעלאַכן, דעם שטח פּשוט ארויסגעלאָזט פון חש־בון... מיר דאַרפן איצט באַפאלן אָט דעם באָדן ווי היישעריקן. כ׳האָב א פּלאַן, אַז א גרופּע יידן זאָלן ארויפגיין אויף דער ערד. און דאָס שוין! ס׳איז אונדזער היסטאָרישער זכות צוריק צו פאַרנעמען די פארגעסענע שטרעקעס לאַנד. ס׳איז מיין אַלטע מאַנונג, מיין אַלטע טענה. גענוג עוולות פון דער מאַנדאַט־מאַכט האָט מען פאַרשוויגן! און די ענגלישע לאָרדן אין לאָנדאָן וועלן זיך צו דעם צוגעווינען... די וואַנדערנדיקע בע־דואינער־שבטים זענען געוואָרן באַזיצער פון גרויסע פּלאַכן לאַנד, ווייל זיי האָבן עס פאַרכאַפּט אָן ווידערשטאַנד.

— גערעכט! — האָט אבנר אָנגעקוואָלן פון כנענים אויסטערלישן איינפאַל — אָבער פּרנסה? וועט מען קענען פון אַזא באָדן ציִען פּרנסה?

— פּרנסה בכבוד! — האָט כנעני אויפגעהייטערט פון זיין פּלאַן אבנרן פאַרזיכערט — ווען קארפּ וואָלט זיינע אָפּגעשפּאָרטע פּאָר הונ־דערט פונט אריינגעוואָרפן בלויז אין פינף דונאַם לאַנד, ווען ער וואָלט פאַרפלאַנצט א סאַד, פאַרזייט א תבואה־פעלד, ווען ער וואָלט איינגעריכט א ווירטשאַפט מיט קי־שטאַלן, מיט עופות־שטיינגן, טויבן־שלאַקן, ווייסט איר, וואָס פון אים וואָלט געוואָרן? א זאַטער פּויער וואָס טרעט אויף פעטער ערד און האָט א הימל איבערן קאָפּ. און וואָס איז ער איצט? א ווייטשעפּעלער ציונסט מיט א הונגער נאָך ציגל און בעטאָנענע ווענט...

כנעני האָט ארויסגעשלעפּט פון א קעשענע אין זיין לעדערנער קורט־

קע אַ פּאָר בייגעלעך פּאַפּיר, אַ בלייפעדער און אויפשטעלנדיק זיך, מיט אַ מינע פון איינעם וואָס איז שוין צו לאַנג צו גאַסט פּאַרזעסן, האָט ער געזאָגט:

— כ'וויל איצט אַז דו, אלישבע, זאָלסט אָנשרייבן צום טאַטן. רעכן פאַר אים אויס מיין פּלאַן מיט אַלע קליפּערלעך. דיין אונטערשריפט איז וויכטיק. מיר אַליין וועט נישט געלינגען אים אַרויסצורייסן פון תל־אביב. דו וועכט עס ביי אים פּועלן. כ'ווייס עס, אלישבע... זאָל ער אַריבערקומען צו מיר אויף אַ וואָך. שרייב! און דיין בחורס חתימה, ווי אַ גוטע זשי־רע, קען אויך העלפן — האָט ער אַ שמייכל געטון אין דער זייט פון אבנרן — און אַז דאָס וועט זיין אָפּגעטון, מעגט איר ביידע מיך באַ־גלייטן צום אויטאָבוס. איך פאָר!

ווען אלישבע האָט געהאַלטן אין שרייבן דעם בריוו צום פאָטער, האָט אבנר נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פון בנענין. ס'איז פאַר אים נישט קלאָר געווען, צי זיין איינפאַל — צו פאַרכאַפּן לײדיקע ערד — נעמט זיך פון זיין איבערגעגעבנקייט צו לייב קאַרפּן, פון זיין ווילן אים צו העלפן, צי פון זיינע תביעות צו די ענגלישע לאָרדן. דער גאַנצער פּלאַן איז געווען אויסטערליש. און וואָס קערט זיך אָן קאַרפּס פּערזענלעכע לאַ־גע מיט די עולהס, וואָס עס באַגייט די ענגלישע מאַנדאַטן-מאַכט? און כאָטש אבנר האָט געצווייפלט, צי אלישבעס פאָטער, אַ שטאָטישער ייד, וועט פאַרבייטן דאָס באַקוועמע תל-אביב אויף אַ רוי שטיק ערד, האָט ער דאָך אָן קווענקלעניש איינגעוויליקט, אַז אלישבע זאָל אַוועקשיקן דעם בריוו.

זיי זענען אַרויס באַגלייטן בנענין צום לעצטן נאַכט־אויטאָבוס וואָס לויפט אין עמק. בנעני האָט געשפּרייזט צווישן ביידע באַגלייטער אַ מונ־טערער, ווי ער וואָלט אָפּגעטון אַ גרויסע זאַך, ווי ער וואָלט אַרויסגעריסן אַ ייד פון אַ תהום און אים איבערגעפלאַנצט אויף פרישער זריעה־ערד.

די נאַכט איז געווען אַ ליכטיקע, אָן אויסגעשטערנטע. אַ דריטל לבנה איז געשוועמען איבערן גראַנאַטענעם הימל און זיך געפּלאָנטערט צווישן די ביימער־צווייגן. שאַרפע וויין-ריחות האָבן זיך געטראָגן פון די סעדער אַרום. אלישבע האָט, גייענדיק, פון דער זייט געקוקט אויף בנע־

בין מיט שטומער דאנקבארקייט. עס האָט איר איצט צום ערשטן מאָל דורך עטלעכע יאָר נעפרייט דער בלויזער גערדאנק, אַז זי קען האָבן נאָ־ענט לעבן זיך דעם פאָטער. און אין דער זעלבער צייט האָט זי זיך גע־ערגערט, וואָס די משפחה איז נישט געקנופּט, נאָר איז צעוואָרפן איבער אַלע ווינקלען פון לאַנד. וויפיל מענטשן — אַזויפיל ריכטונגען. די קליינע משפחה קארפּ פארטרעט דריי פארשידענע ארץ־ישראלס. דער פאָטער פאַרקערפּערט מיט זיך דעם שטאָטישן שטייגער. זי אלישבע — דאָס נייע דאָרפישע לעבן און אבנר — אַן אַלט פאַרגראָבן ארץ־ישראל, אַן ארץ־ישראל פון חורבות און היילן, וואָס מען דאַרף פאָרזיכטיק ארומ־טעשן מיט דינעם איידעלן שלייף־געצייג...

פאַר דער אויטאָבוס־סטאַנציע איז געווען האַלב־טונקל. אַ פאַרשלאָ־פענער שאָפער האָט געוואַרט אויף דעם לעצטן פּאַסאַזשיר. כנעני, אַ פאַר־שפּעטיקטער, האָט זיך געזעגנט, גיך געוואָלט פאַרכאַפּן אַ פּלאַץ אין אוי־טאָבוס ווי אלישבע, אַן אויפגעשוידערטע, האָט מיטאַמאָל אים אַ צי גע־טון פאַר אַ האַנט, אַנווייזנדיק אויף דעם שמאָלן בארג־אַראָפּ:

— עס ברענט!

פונעם טאָל, וואָס איז געלעגן עטלעכע מייל פון דעם אויסגעהאַקטן טרעפּן־וועג, האָבן זיך געהויבן געדיכטע וואָלקנס רויך. באַלד האָבן הינ־טערן רויך פלאַמען ווי פייערדיקע ראַקעטן אויפגעלויכטן. דאָס פייער האָט געצונדן דעם הימל, העל געמאַכט די אָפענע געגנט אַרום, וואָס איז געווען באַדעקט מיט רייפע פעלדער, מיט יונגע וועלדער און סעדער.

אין אָנבליק פון די אָנגעצונדענע הימלען איז דער שאָפער אַן אי־בערגעשראָקענער אַראָפּ פון זיין געזעס. די פּאַסאַזשירן האָבן זיך אַרויס־געשאָטן פון אויטאָבוס. אַלע האָבן געגאַפט פאַרלוירענע אַראָפּ צום טאָל. כנעני, אַליין צעטומלט, האָט געהויבן אַ האַנט־דלאָניע איבער זיינע אויגן און הויך געזאָגט:

— יידישע פעלדער ברענען!

די קנוילן פייער אין טאָל זענען געוואָרן גרעסער. גיך זיך צע־שפּרייט ווי אַ צרעת, געברענט ערד, געברענט רייפע זאַנגען. ווייטע קו־לות, ווי פאַרשטיקטע הילפס־רופן האָבן זיך געטראָגן איבער דער פלאַך.

האַלב-אָנגעטועגע בחורים, פאַרשלאָפענע, מיט וואַסער־קישקעס זענען אָנגעלאָפן פון אַלע זייטן. זיי האָבן ארומגערינגלט די ברענענדיקע פעלדער און ס'האָט אויסגעזען ווי דער מענטשן-ראָד קלייבט זיך טאַנצן ארום די אויפגעפלאַמטע פייערן.

אבנר, וואָס האָט דער ערשטער זיך באַפרייט פון דער צעטומלעניש, איז אַריינגעשפרונגען אין אויטאָבוס.

— שאָפער, מיר פאָרן!

— וווהין?

— אַראָפּ אין טאָל! העלפן לעשן די שרפה!

די פּאַסאַזשירן האָבן זיך גענומען צוריקציען און נישט געוואָלט איינשטעלן.

— איך ריר זיך נישט! — האָט אַ יידענע גענומען אַראָפּשלעפּן איר געפּעק.

— מען שטעלט איין דאָס לעבן! — האָט אַן עלטערער קאָלאָניסט געוואָרנט.

— די אונטערצינדער לויערן איבערן גאַנצן וועג!

אבנר, אַ בלאַסער, מיט די שוואַרצע געקרייזלטע קניפּלעך האָר אין די אויגן, האָט זיך אַריינגעשטעלט צווישן די פּאַסאַזשירן. אַ ווײַלע האָט ער באַטראַכט דאָס איבערגעשראָקענע הייפל און זיך צעשריגן.

— יידישע פעלדער אין עמק ברענען און איר ווילט שטיין דאָ, אויפן באַרג זיך צוקוקן? איר ווילט זיך וואַרעמען ביים שיין פון פייער? האָזן! ווער גייט אַראָפּ אין טאָל? ווער גייט צופוס?

פון אבנרס געשריי האָט דאָס הייפל פּאַסאַזשירן זיך פאַרשעמט. באַלד האָבן טייל זיך גענומען שטופּן צום טירל פון אויטאָבוס, האָבן פאַרכאַפּט די פלעצער און שטיל אונטערגעיאָגט דעם שאָפער:

— פאָר!

די איבערגעשראָקענע אלישבע איז נאָכגעגאַנגען אבנרן, נישט אָפּ־לאָזנדיק אים אויף אַ שריט:

— איך וועל נישט בלייבן.

אבנר האָט זי שטום אָנגעקוקט.

ביידע האָבן זיך אַריינגעקוועטשט אויפן ענגן זיץ־אָרט לעבן דעם שאָפער. דער שאָפער האָט אַריינגענומען אין זיינע הענט דאָס רעדל. דער מאָטאָר האָט געכראָפּעט און דער אויטאָבוס האָט זיך געקאַטשעט דורך אַ שמאָלן שטייניקן וועג בארג-אראָפּ.

אַ צונויפגעדריקטער איז כנעני געשטאַנען צווישן די אָנגעפּאַקטע פּאַסאַזשירן. די העלע אויגן אָנגעצונדן. די באָרד צעבלאָזן אין ביידע זייטן, ווי ווינט־זעגלען. ער האָט געשליידערט ווערטער פלאַמענדיקע, פּאַרוויייטיקטע, ווי ער וואָלט געזען אָנגעהויכט מיט נבואה:

— און אַז זיי וועלן צינדן אונדזערע פעלדער אין די צענדליקער, אין די הונדערטער, וועט מען אונדז דען פון עמק פאַרטרייבן? ביים שיין פון אָט די פלאַקערנדיקע פעלדער לויכטן אויף דורות, עס לויכטן אויף די שייטערהויפנס, ווו עס זענען געשפּרונגען אונדזערע זיידעס מיט דעם שם-המפורש אויף די ליפּן. דאָרט האָט מען געברענט אונדזער גוף און דאָ ברענט מען אונדזער פּאַרמעגן, אונדזער פּראַצע, וואָס מיר זענען מקדש מיט אונדזער בלוט... איבער אַלע נסיונות טראָגן זיך די יסורים פונעם שם-המפורש. אין שפּאַניע — שייטערהויפנס. אין עמק — ברע־נענדיקע פעלדער. און דער ווילן פון דעם רשע איז איינער, בלויז איינער — אויסצוברענען אין אונדז דעם דראַנג פון קיום.

דער שווערער אויטאָבוס האָט זיך געקייקלט אראָפּ, אראָפּ. דורך די שייבלעך האָבן די פלאַמען זיך געהויבן העכער, העכער, ליכטיק געמאַכט באַרג און טאָל און דערנענטערט די פּאַסאַזשירן צו די ברענענדיקע פעל־דער. די אָנגעהייצטע לופט האָט געשמעקט מיט בראַנד און טשאַד.

כנעני האָט גערעדט אָן אָפּשטעל. זיינע רייד האָבן די אַרומיקע געוועקט. פון זיינע ליפּן האָבן זיך געטראָגן בשורות און צוזאָגן. זיין הת־להבות האָט אָנגעיאָגט טרייסט. ער האָט געלאָזט פאַלן ווערטער:

— דאָ און בלויז דאָ איז אונדזער עיר-המקלט. דאָ שטייען מיר אין דעם פייער-נסיון. מיט דרייסיק יאָר צוריק, ווען כ'האָב יונגערהייט זיך געריסן אַהער, אין לאַנד אַריין, האָב איך געמוזט וואַגלען איבער אַלע אומוועגן... כ'בין דורכגעפאָרן שטעט און לענדער. כ'בין געשווומען

איבער אלע זיבן ימען. פון דעם גרויסן אקעאן האבן שיפן מיך געטראגן צום רויטן ים, צו די אינדישע וואסערן, צום פערסישן גאלף. און נאך אלע וואנדערונגען בין איך געקומען צום אויספיר, אז דא אויף דער ברעגענדיקער ערד איז אונדזער לעצטע סטאנציע, דא טרעטן מיר אויף דעם צוגעזאגטן לאנד...

ענדע פון באנד איינס